STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01826

ZIKHROYNES FUN A YUDISHEN SOTSYALIST

Beinish Mikhalevich

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. מיכאלעוויטש.

זכרונות פון א יודישען סאציאליסט.

ערשטער באנד

1892—1902.

פֿערלאַג
לעבענס-פֿראַגען
ווארשא

№ 20
1921.

B. MICHALEWICZ o o o o
o o o o o WSPOMNIENIA
ŻYDOWSKIEGO SOCIALISTY.
WYDAW. „LEBENSFRAGEN"
o o o WARSZAWA o o o

SKŁADANO W DRUKARNI o
o o „DI WELT" NALEWKI 47
ODBITO W DRUKARNI o o
o o o o o I. HENDLERA,
WARSZAWA, DŁUGA 26. o o

איינהאלט:

דער באָליצייאַנשער ראַציאַליזם	3
אַ מענשליכער דאָקומענט	22
מיין צווייטער אַרעסט	31
די מינסקער תפיסה	39
אונזער קאָנסטיטוציע	49
די פּינסקער	63
אַ פרעהליכער שפּאַציר	69
אין סלוצק	71
בוטירקי	81
אויפ'ן ווייטען צפון	90
צוריק אַהיים	103
בייע צייטען	123
דער זשיטאָמירער פּאָגראָם	133
דער אפּאַראַט	142
די לעצטע [illegible]	149
נאָך אַלעמען	157

אינהאַלט פון I טען באַנד

צער-בעלי-חיים . . . .

פּערזאָנען אין טיפּן . . . .

דער גרויסער אַרעסט . . . .

מיין פאַרבעהעלטעניש . . . .

י. ל. פּרץ . . . .

הינטערן שלאָס . . . .

דער 10-טער פּאַוויליאָן . . . .

דער „פּאַוויאַק" . . . .

ראַדאָם . . . .

אינ'ם אוניווערזיטעט פאַר רעוואָלוציאָנערען . . .

ווידער ביי דער אַרבייט . . . .

די פּאַרטיי-קאָנפערענץ און דער דורכפאַל . . . .

באַרג-אַרויף . . . .

דער דריטער באַנד ווערט פערפערטיגט
און וועט אין קורצען ערשיינען.

די אומגעקומענע —
לזכרון;
די געבליבענע —
אבעשיידענע אתכה.

פון פערלאג.

די יודישע ארבייטער=בעוועגינג האט נאך נישט קיין געשריבענע געשיכטע. זיווארט נאך לעת עתה אויפ'ן היסטאריקער, וועלכער זאל בעארבייטען און סיסטעמאטיזירען איהר רייכען פאקטישען מאטעריאל, פעסטשטעלען דעם אינערליכען צוזאמענהאנג פון די פאסירונגען, ענטפלעקען די טענדענצען פון איהר ענטוויקלונג, צוזאמענבינדען זיי מיט די אלגעמיינע געזעצען, וואס קומען צום אויסדרוק אין דער ענטוויקלונג פון דער ארבייטער=בעוועגונג.

דאס פארליגענדע ביך, דער 1=טער פון די געפלאנטע 4 בענדער איז נישט קיין געשיכטע פון דער יודישער ארבייטער=בעוועגונג, ס'איז אויך נישט קיין פרוב פון א היסטארישען איבערבליק. אבער פאר'ן צוקונפטיגען היסטאריקער און פאר'ן לעזענדען פובליקום, בפרט פאר'ן יונגען דור ארבייטער, וועמען ס'איז כמעט ווי אינגאנצען אונבעקאנט דאס לעבען און קאמף פון זיינע פארגענגער, וועט דאס בוך האבען זעהר א גרויסע בעדייטונג.

ווייל די געשיכטע פון א בעוועגונג, פון א פארטיי, דאס איז נישט נור א סכום געשעהענישען און בעשלוסען פון אלגעמיינער בעדייטונג. דאס איז אויך א גרויסע עשירות פון איבערלעבונגען און עפיזאדען, וואס האבען אפילו א שייכות צו איינצעלנע מענשען, וואס גיבען אבער א בולט'ע פארשטעלונג פון דער עפאכע, א לעבעדיגען בילד פון דער סביבה, אין וועלכער די פארטיי=טעטיגקייט איז פערלאפען, וואס שפיגלען אין זיך אב די שטימונגען און געפיהלען פון די קעמפער, וואס לאזען אונז הערען נישט נור די טריט פון די מאסען נור אויך דאס קלאפען פון די הערצער ביי די מארשירענדע.

א טייל פון אט דער עשירות וועלען די לעזער געפינען אין די „זכרונות" פון ח' ב. מילאלעוויטש. ווייל זייער מחבר געהער צו די געצעהלטע מענשען אין דער יודישער ארבייטער=בעוועגינג, וועלכע זענען איהר לעבעדיגע כראניק, וועמענס גאנצע לעבען און שאפען איז געקניפט און געבונדען מיט דער בעוועגונג, איז מיט איהר צונויפגעשמאלצען, וועלכע זענען אליין א שטיק פון דער יודישער ארבייטער=בעוועגונג. ח' ב. מילאלעוויטש איז געשטאנען ביי דעם וויגעלע פון דער יודישער ארבייטער=בעוועגינג. נישט געווען איין מאמענט, אפילו אין די פינסטערסטע צייטען, ווען ער זאל פון איהר געווען אבגעטראטען. און דעריבער זענען זיינע זכרונות אזוי אינטערעסאנט פאר יעדען, ווער ס'וויל זיך בעקענען מיט דער געשיכטע פון קעמפענדען יודישען פראלעטאריאט.

„צער־בעלי־חיים“.

1.

אין יעדער שטאָדט האָט מען די פּיאָנערען פון דער יודישער סאָציאַליסטישער בעוועגונג געקרוינט מיט אַנ׳אַנדער נאָמען. אין ווילנאַ, דהיינו, האָט מען די מענער גערופען „די פילאָזאָפען“, און די פרויען האָט מען נאָכגעשריען „די צובוי־גענע היט“. אין ביאַליסטאָק האָט מען זיי גערופען „די קאָמונע מיט דער שיסעל“ און ביי אונז, — אין דער איצט חרוב׳ער און דאָך אַזוי בעריהמט־געוואָרענער שטאָדט — בריסק האָט מען אונז אַלע מזכה געווען מיט׳ן נאָמען „צער־בעלי־חיים“.

פון וואַנען ס׳שטאַמט דער דאָזיגער נאָמען, קאָן איך אויף זיכער נישט זאָגען. מעגליך, אַז אַזוי האָבען די אָרטיגע בעלי־בתישע פּאָליטיקער אויפגעפאַסט די פונקציעס פון יענעם קרייזעל, וואָס האָט געלעבט אָבגעזונדערט פון שטאָדטישען לעבען, פערבעהאַלטען, און אַזוי משוגה׳דיג אָריגינעל. ס׳איז פאַרהאַן אויך אַ סברה, דאָס אין דעם נאָמען זאָל זיך אויס־דריקען אַ שטעכעדיגע איראָניע. אַ צער־בעלי־חיים, זאָל דאָס הייסען, נעבאַך אויף זיי, די שנאָרערס, די קבצנים מיט די ברייטע קאַפּעלושען און שוואַרצע פּעלערינעס.

שפּעטער שוין מיט יאָהרען האָט די אָרטיגע זשאַנדאַר־מעריע אויסגעטייטשט דעם דאָזיגען נאָמען אין איהר בעשול־דיגונגס־אַקט גאַנץ אָריגינעל: צער־בעלי־חיים — מענשען וואָס אָנערקענען נישט קיין צאַר און לייקענען אויך אין גאָט. אַזוי האָבען די יודישע בעלי־בתים־מוסרים פּערטייטשט די

זשאַנדאַרמען יעם אמת׳ן פּירוש המלות פון דעם לשון־קודש׳דיגען נאָמען.

ווי ס׳זאָל נישט זיין, דער דאָזיגער צונאָמען האָט זיך צוגעקלעבט צו גאַנצע עטליכע דורות יודישע סאָציאַליסטען פון אונזער שטאָדט. פערגעסען געוואָרען איז ער ערשט מיט יאָהרען שפּעטער, ווען די סאָצ. בעוועגונג האָט אָנגענומען אַ מאַסען־כאַראַקטער, ווען אין איהר זענען אַריינגעצויגען געוואָרען פּשוט׳ע בעלי־מלאכות, שניידער און שוסטער, גאַנצע צעהנדליגער און הונדערטער. דאָס האָט, אַפּנים, שוין אויסגעזעהן צו פיעל פאַר אַ חברה צער־בעלי־חיים און דער נאַרישער נאָמען איז אַראָב פון די בעלי־בתישע צינגער.

מיר אָבער האָבען געהאַט גענוג אויסצושטעהן פון דעם צונאָמעניש. דאָס יונגוואַרג פלעגט אונז תמיד נאָכלויפען אין די גאַסען מיט אַ געשריי און קאָנצערט: „צער־בעלי־חיים!” בעלי־בתישע יונגע־לייט און דערוואַקסענע פריילינס פלעגען ביים בעגעגענען זיך מיט אונז מיט אַ כיון אונז שטעכען מיט די ווערטער „ס׳איז אַ צער”; מעהר אָנשטענדיגע, אינטעליגענטע מענשען פלעגען זיך שושקען און טייטלען מיט די פינגער אויף אונז, און די מוטערס און קרובים פון די, וועלכע זענען פערדעכענט געוואָרען צו די „צער־בעלי־חיים”, פלעגען פערגיסען ביטערע טרעהרען אויפ׳ן אונגליק, וואָס זיי האָט געטראָפען און האָבען ממש בעוויינט זייערע קינדער לעבעדיגערהייט.

גענוג, ווען דער דאָזיגער קרייז איז געבילדעט געוואָרען ביי אונז, קאָן איך נישט זאָגען. אַ סברה, אַז זיין גענעאַלאָגיע ציהט זיך נאָך פון די 80 ־ ער יאָהרען — פון אַ גרופּע יודישע נאַראָדאָוואָלצעס. יעדענפאַלס, געדענק איך איהם שוין פון אָנפאַנג 90־ער יאָהרען, אַלס אַ גרופּע יונגע לייט און פריילינס, מעהרסטענטיילס לעהרער, סטודענטען און גימנאַזיסטקעס. צווישען זיי זענען אויך געוועזען עטליכע בעלי־מלאכות, אָבער נישט ווי די איבעריגע פּשוט׳ע אַרבייטער. אַלע

אַזעלכע אויסטערלישע: אַנדערש געקליידעט, מיט אַנ'אַנדער הילוך און האַלטונג. די „שטאָדט" האָט זיי געהאַלטען פאַר „פערשטעלטע" אַרבייטער.

דאָס לעבען פון דעם דאָזיגען קרייז איז אויך געווען עפּעס אַזוי משונה'דיג, נישט געוועהנליך. אין אַ בעזונדער פערשפּאַרט צימער'ל פלעגען זיי זיך צונויפקומען, די בחורים מיט מיידלעך, און... מען פלעגט נישט טאַנצען, נישט שטיפען, נישט פערברענגען ווי יונגעלייט פערווײַלען געוועהנליך מיט יונגע מיידלעך, נור מען פלעגט זיך רק סוד'ען, אָדער פאָרלעזען שטענדיג ביכער, רעדען רוסיש און געהן אָבגעזונדערט שפּאַצירען אויף פערוואָרפענע, בעזונדערע שטעגלעך. אָט די דאָזיגע געהיימנישען, אָט דאָס פערבעהאַלטען זיך פון „די צער־בעלי־חיים'ניקעס" האָט, אַפנים, געשאַפען דעם גרעסטען אונצוטרוי און פחד צו זיי. אינסטינקטיוו האָט דער יודישער בעלי־בתי'שער עולם געפיהלט, אַז דאָרט ווערט עפּיס גערעדט און בעהאַנדעלט אַזעלכע ענינים, פון וועלכע פּראַקטישע מענשען דאַרפען ענטלויפען, ווי פון אַנ'אונגליק; מען האָט אויך גערעדט, דאָס די חברה לעבען אַלע צווישען זיך „אין קאָמונע", דאָס דאָרט „אין חדר'ל" ווערט אָבגעטון מעשים־תעתועים; דאָס קיין אָנשטענדיג קינד טאָר אין זייער ד' אמות נישט שטעהן און מוז אויסמיידען מיט זיי אפילו זיך צו בעגעגענען.

קיין אַרעסטען און בכלל רעפּרעסיעס מצד דער מאַכט אויף דעם קרייז זענען ביי אונז אין שטאָדט צו יענער צייט נישט פאָרגעקומען. דער גאַנצער געשריי און שטרייט איז נישט אַרויס פון דער יודישער גאַס און איז פּשוט צו דער גויאישער וועלט נישט דערגאַנגען. אייינמאָל נאָר האָט אונזער שטאָדט אויפגעקאָכט ווי אין אַ קעסעל.

ס'איז עפּיס דורכגעפאַלען אַ בריף פון וואַרשאָ, און, צו דער גרויסער איבערראַשונג פון אַלע בריסקער איינוואוינער, האָבען זשאַנדאַרמען אַרעסטירט אַנ'אָנגעזעהענעם שטאָדט־גבאי'ס אַ טאָכטער און זי פערשפּאַרט אין דער שטאָדט'שער געפענג־

ניס. אַ גאַנצען טאָג האָט דאַמאָלסט בײַ אונז אין שטאָדט גע־רוישט ווי אין אַ צושראָקענעם בינשטאָק. דער נאָמען פון דער „חצופה" איז נישט אַראָב פון די מײַלער און טויזענדער מענ־שען, יונג און אַלט, האָבען זיך געלאָזען צו דער גאַס, וואו דאָס „ווייס מויער׳ל" האָט זיך געפונען צו קוקען אויפ׳ן בײַ־זען וואונדער.

דעם דאָזיגען אַרעסט האָט מען, — אויך גיכער דורך אינטואיציע, ווי דורך אַ פאַקטישער בעגרינדונג, — צונויפ־געבונדען מיט די „צער־בעלי־חיים" און זיי האָבען דאַדורך דעם עולם נאָך מעהר געשראָקען און ער האָט זיי צוליב דעם נאָך שטאַרקער גערודפט... „אַזעלכע לייט", פלעגט מען צווישען זיך רעדען שטיל: „קומען שוין קיין לעבעדיגע נישט צוריק. מען לאָזט זיי אַראָב אין וואַרשאָ אין ווייכסעל אויף אַ שטריק. אָדער זיי ווערען פערפאַלען, אַז מען ווייסט נישט, וואו זייער געביין קומט אַהין".

די אַלע אָנגעהערטע מעשות פלעגען רייצען מײַן יונגע פאַנטאַזיע, ס׳פלעגט עפּיס ווי צו להכעיס ציהען צו די מאָדנע מענשען, וואָס אַלע האָבען זיי אַזוי פיינד און וועמען ס׳וואַרט אַזאַ בייזער סוף. וואָס זיי ווילען געווי — האָב איך נישט געוואוסט. איך האָב זיך צו יענער צייט געפונען אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פון דער חבת־ציון־בעוועגונג. איך האָב בײַ זיך פעסט בעשלאָסען איבערצורייסען מײַן שטודירען דאָ אין גלות, און אָבפאָהרען קיין ארץ־ישראל צו אַרבייטען פאַר׳ן ישוב. אין דעם דאָזיגען אידעאַל האָב איך געגלויבט פאַנאַטיש, מיט לייב און זעעל, און די „צער־בעלי־חיים" האָבען מיך דאַרום נישט געקאָנט צוציהען צו זיך מיט זייער „קאָמונע". אגב, האָב איך זיך זעהר פיעל אָנגעלייענט אין דער דאַמאָלס־דיגער העברעאישער פרעסע מיט זלזולים געגען די „תהו ובהו־לייט", געגען די „בעלי־חלומות", „די צושטערער פון דער גע־זעלשאַפט"; איך האָב זיך אויך אָנגעהערט פון די אַלטע אוי־טאָריטעטע משכילים פון אונזער שטאָדט געגוג שאַרפע קריטיק געגען אונזערע „ניהיליסטען", און האָב דאַרום געקוקט פון

אויבען אַראָב אויף די דאָזיגע „פערפיהרטע" יונגעלייט. גע־צויגען צו זיי האָט מיר אָבער, ווי געזאָגט, זייער פערפאָלגט ווערען דורך דעם המון, — די עולות און אונרעכט, וואָס זענען בנוגע זיי בעגאַנגען געוואָרען. מיר האָט זיך דוקא גע־וואָלט אַריינטרעטען מיט די לייט אין אַ וכוח, אויפווייזען זיי, ווי נויטיג ס'איז „אויפצולעבען אונזער לאַנד", צו רעדען אויף אונזער „אַלטער שפּראַך" און צו פערלאָזען אינגאַנצען דעם גלות. ס'האָט אויך צו זיי געשטויסען די נייגיריגקייט, ס'האָט זיך געוואָלט אַריינקוקען אין זייער קדשי־קדשים, מיט די איי־גענע אויגען דערזעהן זייערע געהיימנישען.

דאָס איז געשעהען גיכער, ווי איך האָב ערוואַרט. אונ־געריכט האָט „די קליפּה" פערכאַפּט מיינע אַנ'עלטערע שוועס־טער. זי האָט אָנגעהויבען צו פערשווינדען אין די אָוועגדען און שבתים פון שטוב, די שכנים האָבען זי שוין עטליכע מאָל געכאַפּט געהן מיט דער חברה. די מעשה איז דערגאַנגען צו די עלטערן און די גאַנצע זאַך איז גאָר גיך לעגאַליזירט גע־וואָרען. ביי דעם גאַנצען פערדרוס און האַרץ־קלעמעניש, וואָס מיינע עלטערען האָבען געהאַט, דערוויסענדיג זיך פון דער מעשה, האָבען זיי דאָך אַרויסגעוויזען אַ גרויסע טאָלעראַנץ צו זייער טאָכטער און האָבען ערלויבט צו מאַכען ביי אונז אין שטוב דעם טרעף־פּונקט פונ'ם קרייז. דער שיקזאַל האָט מיך, אַזוי צו זאָגען, צוזאַמענגעשטויסען פנים אל פנים מיט'ן גאַנצען קרייז און איך האָב גלייך אַריינגעטרעטען ביי דער ערשטער בעקאַנטשאַפט אין אַ העפטיגער דיסקוסיע מיט די „פערפיהרטע", מיט די „קאָסמאָפּאָליטען".

דער צד שכנגד האָט פערמאָגט פעהיגערע דיספּוטאַנטען ווי איך בין געווען, און פון די דיסקוסיעס האָב איך זיך דערווייל דערוואוסט פיעל זאַכען, פון וועלכע איך האָב פרי־הער אַפילו קיין אַהנונג נישט געהאַט. אָבער אַ שטאַרקע ווירקונג האָט אויף מיר געהאַט נישט אַזוי די דיסקוסיעס ווי אַ געהיימניספולע קעסטעלע, וואָס האָט זיך אין איין שענעם אָוועגד בעוויזען ביי אונז אין שטוב. איך האָב געוואוסט, אַז דאָרט

געפינען זיך ביכער, אָבער גאָר אַן'אַנדער סאָרט ביכער, וועלכע מען טאָר נישט האַלטען אָפען און מען קאָן זיי אין קיין ביבליאָטעק נישט בעקומען. שוין זייער אויסערליכער אויסזעהן האָט צו זיך געצויגען, עפּעס אַזעלכע דינענקע, אָהן איינבונד, אַלע מיט אַ לעדיגען ווייסען שער=בלאַט פערגעהט. צוקומען צו זיי האָב איך אָבער נישט געקאָנט; דער שליסעל איז שטענדיג געלעגען בעהאַלטען ביי מיין שוועסטער און נישט אַכטענדיג אויף אַלע מיינע בקשות, האָט זי מיר דערווייל נישט געוואָלט אַנטרויען קיין ביכער פון יענעם קעסטעל.

געטון האָט דאָס אָבער פאַר איהר דער צופאַל. איך פלעג שוין תמיד נישט אַראָבנעהמען מיינע אויגען פון יענעם אָרט, וואו די נייע „סתרי=תורה" איז געלעגען פערבעהאַלטען און פלעג שטענדיג השגחה געבען אויף דעם קעסטעל. ס'האָט מיך פשוט געריצט פערפיהעריש, ווי אַ פערבעהאַלטענער מעפיסטאָפעל. איינמאָל, אין אַ שענעם פריהמאָרגען, איך געה צו צו דעם קעסטעל, עס שטעהט אָפען! מיין שוועסטער האָט עס, משמעות, פערגעסען צו פערשליסען. מיט ציטערדיגע הענד האָב איך זיך צוגעכאַפּט צו איהם און גענומען מיט האַרץ=קלאַפּעניש פערנאַנדערוואַרפען די ביכער, וואָס זענען דאָרט געלעגען אַזוי פיעל, גאַנצע צעהנדליגע, רוסישע, יודישע, גראָבע ביכער און קליינע ספרים'לאַך. פאַר מיר האָט זיך ווי אויפגעעפענט אַ נייע פערבאָרגענע וועלט, פונקט ווי איך וואָלט אַריינגעדרינגען אין די סודות פון דער נייער קבלה, ווי איך וואָלט פערשטאַנען דעם בעהאַלטענעם זין פון די גריכיש=רוימישע סיביל=ביכער.

האַלב איינגעבויגען בין איך געלעגען, אויסגעצויגען איבער'ן קעסטעל און נישט געלייענט, נאָר ממש געשלונגען די ווערטער, געבלעטערט די פערשידענע זייטלאַך, אַוועקגעוואָרפען איינס און זיך גענומען פאַר אַ צווייט ביכעל. ביי אַזאַ אַרבייט האָט מיך געכאַפּט מיין שוועסטער, קומענדיג מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער אַהיים, און דער סוד איז שוין געבליבען אונזערער אַ בשותפות'דיגער, איך האָב זיך דאַדורך געקויפט דאָס רעכט

צו ווערען, צו גלייך מיט די איבעריגע קרייז־מיטגלידער, אַ שטענדיגער אַבאָנענט פון דער געהיימניספולער ביבליאָטעק.

איך געדענק נאָך ווי היינט: דעם שטאַרקסטען איינדרוק, וואָס האָט געהאַט כמעט אַ דעצידירענדע ווירקונג אויף מיין גאַנצען וויטערדיגען לעבען, האָט געמאַכט אויף מיר דוקא אַ קליין בראָשור פון עטליכע בלעטלעך—די רעדע פון אַ בעשולדיגטער אין בעריהמטען „פּראָצעס פון 193“ (1877) סאָפיא באַרדינאַ. איהר פערטיידיגונגס־רעדע, וואָס זי האָט געהאַלטען פאַר די רוסישע ביוראָקראַטען — ריכטער האָט אַזוי איבערצייגענד געווירקט מיט איהר אייזערנער לאָגיק, האָט אַזוי צוגעצויגען מיט איהר פלאַמענדען ענטוזיאַזם, האָט אַזוי אויפגערעגט די בעליידיגטע געפיהלען, דאָס איך האָב גלייך נאָכדעם זיך געשפּירט אין גאַנצען „בעזיעגט“ און האָב טיף מיט'ן קאָפּ אַראָבגעטויכט אין די מחנה פון „די געדריקטע און בעליידיגטע“.

אַזוי בין איך אַריינגעטרעטען, צו דעם 18־טען יאָהר פון מיין לעבען, אין די „צער־בעלי־חיים“.

2.

ס'איז שווער איבערצוגעבען די אויפרעגונג און געהויבענע שטימונג, וועלכע האָבען מיך בעהערשט, ווען איך האָב איבערגעטראָטען דאָס ערשטע מאָל די שוועל פון דער וואוינונג, וואו די „צער־בעלי־חיים“ פלעגען זיך צוזאַמענקומען. ביי אַ יונגען בחור'ל, ווען ער געהט צום ערשטען מאָל זיך טרעפען מיט זיין געליבטער, קלאַפּט נישט אַזוי שטאַרק דאָס האַרץ ווי מיר האָט עס געקלאַפּט, בע איך בין צום ערשטען מאָל, לויט דעם אָנגעוויזענעם אַדרעס אַהין אַריין.

אַז קיין מיאוס'ע זאַכען, ווי מען האָט אין שטאָדט געפלאַפּעלט, קומען דאָרט נישט פאָר, בין איך שוין געווען פאָלקאָם זיכער. איך בין צו יענער צייט געווען בעקאַנט מיט אַ סך מיטגלידער פון קרייז, זייערע גרויסע ציעלען און זייער אידעאַליזם זענען מיר שוין געווען צו נאָהענט, אום איך זאָל

קאָנען גלויבען אויף זיי אַזעלכע מעשיות. אָבער טאַקע דערפֿאַר האָב איך געהאַט אַזאַ ראָמאַנטישע פֿאָרשטעלונג וועגען צוזאַמענקומען פֿון די חברים און וועגען דער צערעמאָניע, וואָס דאַרף ווערען געמאַכט ביים אַריינטרעטען אין קרייז.

איך האָב זיך אָנגעלייענט פֿערשידענע זיטען-בעשרייבונגען פֿון געהיימע געזעלשאַפֿטען, מאַסאָנען, פֿון אויפֿגעהמען מיטגלידער דורך דער מיליטער-רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע „דעקאַבריסטען". און מיין פֿאַנטאַזיע האָט מיר געמאָלט עפּיס אַ געהיימען אַריינגאַנג אין אַ פֿערבעהאַלטענעם ווינקעל, אונטער דער ערד, ברענעדיגע ליכט, אַ פֿייערליכע שבועה און עהנליכע „ווידמונגען", אויסגעלייענט פֿון די ביכער און צוגעפּעפּערט מיט מיין יונגער פֿאַנטאַזיע.

אויסגעלאָזט האָט עס זיך אָבער גאַנץ פּראָזאַאיש. דער זאַמעל-פּונקט איז געווען — אַ פּשוט'ע וועשעריי, אַ פּראַלניע. איך האָב געמוזט דורכגעהן אַ גרויסען וואַש-צימער, אין וועלכע איינינגע יונגע קריסטינס האָבען געאַרבייט איבער באַליעט, נאָכדעם בין איך אַריינגעפֿאַלען אין אַ פּרעס-צימער, וואו עטליכע יונגע פֿעררויטליכע און שוואַרץ-חנ'עוודיגע מיידלעך האָבען ענערגיש געאַרבייט מיט די הייסע אייזענס איבער דעם גלאַנציגען וועש און האָבען מיך פֿריינדליך און פֿערטרויליך צוגעווינקט צו געהן ווייטער אין אַ זייטיגען אַלקיר. איך האָב אויך נישט געקאָנט אויסמיידען אַ פּאָר בייזע, שטעכעדיגע אויגען פֿון אַן'עלטערען יוד און בין בעגלייט געוואָרען מיט טיפֿע זיפֿצען פֿון זעהר נישט קיין גאַסטפֿריינדליכער פֿרוי אין מיטעלע יאָהרען. דאָס זענען געווען די בעלי-בתים פֿון דער וועשעריי, אַליין „קאַפּיטאַליסטען", „עקספּלואַטאַטאָרען", גאָט האָט זיי אָבער געבענטשט מיט 4 טעכטער — אַלע שוין פֿערכאַפּט דורך די „צער-בעלי-חיים". דאָס זענען געווען טאַקע די שוואַרץ-חנ'עוודיגע ברונעטקעס, וואָס האָבען געאַרבייט ביים פּרעסען. זיי האָבען דאָס פֿאַר זיך „רעקווירירט" אַ לעצט צימער'ל אויז איהם געמאַכט פֿאַר דער דירה פֿון דעם קרייז.

דאָרט האָב איך שוין געטראָפֿען אַ פּאָר מיטגלידער,

וואָס זענען מיר פון פריִהער געווען בעקאַנט, און מיר זענען באַלד אַריינגעטרעטען אָהן גרויסע מחזקות אין אַ געשפּרעך וועגען אַ בוך, וואָס איך האָב נאָר וואָס געענדיגט לייענען. איינע פון די „עלטערע" און אינטעליגענטערע חבר'טעס האָט אויסגעפרעגט ביי מיר מיין מיינונג וועגען בוך און אגב־אורחא, נישט בעמערקטערהייט, האָט זיך ענטוויקעלט אַ נאַטירליכע, ווי פון זיך אַליין אַרויסגערופענע דיסקוסיע אויף פערשידענע ליטעראַריש־פּאָליטישע טעמעס. דאָס קליין צימער'ל איז געוואָרען געפּאַקט מיט געסט, ווער ס'איז צוגעקומען שפּעטער האָט זיך שטיל אַוועקגעזעצט אין אַ זייט און האָט זיך צוגעהערט, אָדער זיך בעטייליגט אין דער געפיהרטער דיסקוסיע. באַלד זענען אויך אַריינגעקומען די יונגע בעלי־הבית'עס מיט אַ הויכען, פערקלינגענדען געלעכטער, אויפ'ן קליין טישעל האָט זיך בעוויזען טהיי, שבת'דיגע צימעס (דאָס איז געווען פרייטאָג־צונאַכטס) און ווידער פון זיך אַליין, אימפּראָוויזירטערהייט האָט זיך געבילדעט אַ שען איינגעזונגענער כאָר. מען האָט געזונגען נעקראַסאָוו'ס לידער, געוועבט פון צאָרן און פיין, די סענטימענטאַלע, טרויער־קלאַנגען פון נאַדסאָן און אויפמונטערענדע רעוואָלוציאָנערע לידער פון די צייטען פון „נאַראָדנאַיאַ־וואָליאַ".

נאָכדעם איז מען אַרויס צו פּאָרוויז שפּאַצירען אויפ'ן בולוואַר. אויף איין זייט זיינעם פלעגט זיך שטויסען און שפּאַצירען די גאַנצע בעל־בתי'שע יוגענד און בירגערליכע אינטעליגענץ, די צווייטע זייט איז תמיד געווען פּוסט און פון קיינעם נישט בעזוכט. נאַטירליך, דאָס מיר האָבען אויסגעקליבען דעם לעדיגען פּלאַץ, וואו מיר פלעגען אַרומגעהן שעה'ן־ווייז אָדער פלעגען אָבזיצען אויף די בענק ביז העלען טאָג. מיר זענען דאַמאָלסט געווען נאָך יונג און טרוימעריש, שלאָפען האָט זיך נישט געוואָלט, פלעגען מיר אַזוי אַרומשפּאַצירען גרופּען־ווייז און אַרומרעדען אַלערליי וועלט־פּלענער און הייס דיסקוטירען איבער „דער צוקונפטיגער אָרדנונג". קיינער פלעגט אונז אין דער דאָזיגער אַרבייט נישט שטערען. מען פלעגט פּשוט אויסמיידען אונזער ווינקעל. פון צייט צו צייט נור

פֿלעגט זיך הערען אַ שפּאָט־געלעכטער פֿון יענער זייט בולוואַר און אונז פֿלעגט נאָכיאָגען די שטעכעדיגע ווערטער „אַ צער אויף זיי!“

בלויז אין דעם נור האָט זיך צו יענער צייט דערוויל אויסגעדריקט דער גאַנצער קאַמף פֿון דער „בורזשואַזיע“ געגען אונז. און אַז דער געלעכטער פֿלעגט אונז דערעסען און שטערען אונז אין אונזערע געשפּרעכען פֿלעגען מיר זיך אַלע פֿערקלייבען אויפֿ'ן לעצטען בולוואַר, ביי דעם פּאָלישען קאָשציאָל שוין הינטערען שטאָדט, וואו מען פֿלעגט נישט בעגעגנען קיין לעבעדיגען נפש און דאָרט אין דער נאַכטשטילקייט און פֿעלדער־רוה זיך אָבגעבען אונזערע יונגע חלומות וועגען אַ שענער, ליבענדער און גליקליכער וועלט.

אַזוי פֿלעגען מיר פֿערברענגען אונזערע נעכט. אין מיטען וואָך פֿלעגען נישט אַלע קומען. פֿרייטאָג און שבת אָבער פֿלעגט זיך שוין דער גאַנצער קרייז צונויפֿקומען אין פֿראַלניע אין גאַנצען קאָמפּלעט און פֿון דאָרטען זיך אַוועקלאָזען אויף אַ נאַכט־שפּאַציר.

ס'איז איבריג אויסצוטייטשען, אַז ביי אונז איז אַלץ פֿאָרגעקומען אויף רוסיש: די ביכער, געשפּרעכען, דיסקוסיעס זענען אַלץ געווען אין דער רוסישער שפּראַך און בכלל איז די רוסישע שפּראַך געווען די איינציגע פֿערקעהרס־שפּראַך צווישען די „צער־בעלי־חיים“.

די פּראָפּאַגאַנדירטע אַרבייטער און אַרבייטערינס, וואָס פֿלעגען נאָך נישט קאָנען גוט די שפּראַך, פֿלעגט מען גרופּירען אין בילדונגס־קרייזען, וואו די „יונגערע“ פֿלעגען לערנען מיט זיי רוסישע גראַמאַטיק, אַריפֿמעטיק און אַנדערע קענטנישען, און די מעהר אָנגעזעהענע מיטגלידער פֿלעגען זיי געבען „ענטוויקלונג“ און בכלל סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע.

אַנ'אויסנאַהם פֿאַר אונזער „קאָנספּיראַציע“ האָבען מיר בעשלאָסען צו מאַכען פֿאַר דעם פּראָלעטאַרישען יום־טוב, דעם 1־טען מאַי, וועלכען מיר האָבען געדאַרפֿט דאָס ערשטע מאָל פּייערען מיט אַ פּאַראַד. מיר האָבען אָבער דערביי טאַקע גאָר מיאוס אָבגעשניטען.

3.

דער פּראָלעטאַרישער יום־טוב איז פערבליבען צו יענער צייט ביי יודען אין פאָרשטעלונג אַלס אַ שרעק־טאָג, אַ טאָג פון פּאָגראָמען און חורבן. דאָס האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס אין ערשטען מאַי 1892 איז פאָרגעקומען אין לאָדז אַ בלוטיגער פּאָגראָם.

שוין באַלד אויפ׳ן צווייטען יאָהר נאָך דעם בעשלוס פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס צו פייערן דעם 1־טען מאַי האָט די דעמאָלדיגע רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט" אָרגאַניזירט אין איינִיגע פאַבריק־ערטער אין פּוילען ווי זשיראַרדאָוו און עהנליכע אַ מאַי־שטרייק.

אין 1892 איז בעשלאָסען געוואָרען איבערטראָגען דעם יום־טוב אין גאַס און פייערן איהם עפענטליך דורך אַ דעמאָנסטראַציע. אָבגעשטעלט האָט מען זיך אויף לאָדז, אַלס גרויסען פאַבריקס־צענטער, וואו ס׳איז אגב־אורחא פאָרגעקומען אויך אַ וועבער־שטרייק צוליב אַנ׳עקאָנאָמישען סכסוך. די דאָזיגע שטרייקענדע מאַסען זענען אָרגאַניזירט געוואָרען דורך די סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרען פאַר אַ דעמאָנסטראַציע לכבוד דעם 1־טען מאַי.

צוגעטראַכט איז דאָס געווען גאַנץ קלוג און ס׳האָט בעדאַרפט זיין גאַנץ אימפּאָזאַנט. אָבער אַ מענש טראַכט און אַ זשאַנדאַרם לאַכט. די אָרטיגע זשאַנדאַרמעריע האָט געוואוסט פון דעם פּלאַן און האָט דאַרום צוגעגרייט די כוליגאַנישע עלעמענטען פון באַלוט צו פערוואַנדלען דעם פּראָלעטאַרישען יום־טוב אין אַ באַנדיטען־אָנפאַל און עקסצעסען געגען יודען. דאָס האָט זיך איהר זעהר גוט איינגעגעבען. פּאָליציי האָט לכתחילה נישט געשטערט די כוליגאַנעס צעברעכען און צעשטערען אַלץ, וואָס זיי האָבען בעגעגענט אויף זייער וועג נור נאָכדעם, אַז די אונרוהען האָבען אינגאַנצען דעמאָראַליזירט די מאַסען און זיי ענדגילטיג קאָמפּראָמעטירט אין די אויגען פון דער גאַנצער וועלט איז אָנגעקומען דער פּיעטער־קאָווער גובערנאַטאָר אַלס טריאומפאַטאָר און האָט פעראָרדענט אַ שענדליכע עקזעקוציע אין מיטען גאַס. צעהנדליגער אַרביי־

טער זענען געכאַפּט געוואָרען אַלס כּלומר'שטע שולדיגע אין די גאַסען=אונרוהען און געשמיסען געוואָרען עפענטליך אין גאַס.

דאָס איז געווען אַ טייוולאָנישע נקמה. אי דעם אידעאַלען כאַראַקטער פון דער דעמאָנסטראַציע שענדליך בעשמוצט, אי גרויזאַם=האַרט זיך נוקם געווען אָן די דעמאָנסטראַנטען.

דאָס האָט דערגרייכט דעם צוועק. ס'האָט טעראָריזירט אויף עטליכע יאָהר די אַרבייטער=מאַסען און אָבגענומען ביי זיי דעם חשק צו דעמאָנסטרירען. דאָס האָט אויך פער'מיאוסט דעם יום=טוב אין די אויגען פון דער געזעלשאַפט. וועלכע האָט זיך בעצויגען צו איהם מיט גרויס שנאה. בעזונדערס— די יודען. יעדעס יאָהר ערב דעם 1=טען מאַי פלעגט די יודישע בעפעלקערונג לעבען אין גרויס שרעק און פיינליכען פּחד. דער יום=טוב פון סאָלידאַריטעט און פרידען איז ביי זיי אידענטיפיצירט געוואָרען מיט רויב און פּאָגראָמען. די מיטעלאַלטערליכע מורא פון יודען פאַר דער קריסטליכער פּאַסכאַ איז איבערגעטראָגען געוואָרען אויך אויף דעם שענסטען יום=טוב פון דער נייער צייט — אויפ'ן 1=טען מאַי,

וועגען דעם לאָדזער פּאָגראָם האָט דאָס פאָלק אַפּילו אַ ספּעציעל ליעד געשאַפען:

הערט אויס מענשען די גרויסע קלאָג,
וואָס האָט אין לאָדז פּאַסירט.
ראש חודש אייר דעם 1=טען טאָג
האָט מען יודלאַך ראַבירט.
ארבייטער בעזשטשאָט,
האָבען זיך אין די גאַסען צולאָזט.
זיי האָבען גע'הרג'עט ועמען זיי האָבען געטראָפען.
און יודלאַך האָבען זיך צולאָפען.
נאָכדעם געהט אַ סקאַרבאָווער צוזאַנג:
אוי, דו זיסער גאָט, דו קוקסט זיך צו אַלץ צו,
דיינע שעפעלאַך האָבען גאָר קיין רוה,
שטרעק שוין אויס דיין רעכטע האַנד,
און פיהר אונז צוריק אין אונזער לאַנד.

איך געדענק נאָך ווי איצט, ווי ביי אונז אין שטאָדט
האָט מען זיך געשושקעט, גערעדט שטיל, געלעבט אין אימה
פֿאַר דעם 1=טען מאַי, און דערפֿאַר האָט דער דאָזיגער יום=
טוב בעקומען ביי אונז — אַ גרופּע יונגעלייט, וואָס האָ=
בען זיך שוין בעקאָנט מיט'ן דער אמת'ער בעדייטונג פֿון דעם
יום=טוב — נאָך מעהר געהיימניספֿולען אויסזעהן און פֿער=
מאָגט אין זיך עפּיס נאָך מעהר מיסטעריעשעס און הייליגעס.
מיר האָבען זיך מיט איהם געמוזט פֿערבעהאַלטען אי פֿון דער
גוי'עשער זשאַנדאַרמען=וועלט, אי פֿון די אייגענע נאָהנ=
טע קרובים און עלטערן.

ס'איז אָנגעקומען דער 1=טער מאַי 1895=טען יאָהר. ער
איז אויסגעפֿאַלען אין פֿרייטאָג, און אונזער גאַנצע אָרטיגע גרופּע
— אַ מאַן 25–30 — האָט בעשלאָסען איהם צו פֿערברענגען
הינטערן שטאָדט, אויף דער פֿרייער לופֿט. די רויטע בענדלאַך
זענען געווען פֿערשטעקט בעהאַלטענערהייט ביי אונז אין די
לאַצען און פֿאָרענוויז האָבען מיר זיך געלאָזען צום טייך,
איבערשיפֿען זיך אויף יענעם זייט ברעג, ווייט פֿון פֿרעמדע
אויגען, ווייט פֿון אַלע זייטיגע, גלייכגילטיגע און צו אונז
פֿיינדליכע, כדי אַליין, ווי אַ סעקטע גלויביגע פֿערברענגען דעם
טאָג אין אַ יום=טוב'דיגער רעליגיעזער שטימונג.

מיר האָבען היבש פֿערבראַכט אויפ'ן פֿרישען גראָז פֿון
פֿרייען פֿעלד, זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ, וועלכע מיר האָ=
בען געהערט שלאָגען צוזאַמען, מיט אַלע פּראָלעטאַרישע הער=
צער אין פּאַריז און לאָנדאָן; יעדער איינער פֿון אונז דאָט
„אַגיטירט“ דעם צווייטען און צופֿרידענע דורכגעדרי ע צ
מיט ה להבות און ענטוזיאַזם, אין אַ שטאַרק געהויבענער שטי=
מונג האָבען מיר זיך געלאָזען צוריק אויף אונזערע שיפֿלעך
צו דער שטאָדט. אָבער דאָס האָט שוין אַריינגעכאַפּט אין שבת.
דער עולם האָט זיך שוין געאיילט צו קבלת=שבת, און אויף
אונזער אונגליק האָט זיך גראָד געפֿונען ביים ברעג עפּעס אַ
מנין. דאָס יודישע יונגוואַרג פֿון שוהלכעל האָט פּלוצלינג
דערזעהן אַנ'אויסערגעוועהנליכע, פֿאַר אונז פֿרומער שטאָט,

ערשיינונג: אַ צעהנדליִנג יודיִשע בחורים׳לעך צוזאַמען מיִט מייד=
לעך שיִפען זיִך אויף לאָדקעס ערב שבת נאָך ליִכט=ציִנדען: מעהר
האָט מען ניִשט בעדאַרפט. אויף דעם שוואַרצען וואונדער זע=
נען אַרויסגעלאָפען קוקען די שבת׳דיִגע בעלי=בית׳עס, אויסגע=
צוואָגען און פֿערפוצט לכבוד שבת, ס׳האָבען זיִך אויך בעווי=
זען יונגע מיידלעך, טאַטע=מאַמעס קיִנדער, וואָס האָבען גע=
וואָרפען אויף אונז בייזע בליִקען פול צאָרן, ווי אויף די
גרעסטע זיִנדער, און ענדליִך האָט אַ פרומע חברה לאָבוזעס
אָנגעהויבען וואַרפען אויף אונז העלצער און שטיינער. און
אונז מכבד געווען מיִט אַ קליין פּאָגראָמ׳ל. פערנעצטע, צושלאָ=
גענע, מיִט פערדרוס און פערביִטערונג איִן דער נשמה, האָ=
בען מיִר זיִך אַדורכגע׳גנב׳ט די יודיִשע קוואַרטאַלען אַיינציִג=
ווייז און זיִך פערקליִבען צו זיִך אַ היים, וואו ניִשט איינער
פֿון אונז האָט נאָך בעקומען אַ ביִטערען סילוק פֿון די עלטערן.

4.

מעגליִך, אַז איִך האָב אַטעות. נור לויט ווי איִך אָריענ=
טיִר זיִך איִצטער האָט זיִך נאָך אונזער קרייז דאַמאָלסט ניִשט
געהאַלטען ביי קיין איין אויסגעשפּראָכענער שיִטה פון סאָציאַ=
ליִזם. אונזערע טעאָרעטיִשע בליִקען זענען נאָך ניִשט געווען
דיִפערענציִרט און קיין שום קאָנקרעט=פּאָליִטיִשע ליִניעס נאָך
ניִשט אָנגעצייכענט. בכלל האָבען מיִר ניִשט געהאַט פאַר זיִך
קיין פראַקטיִק, אויסער לערנען זיִך און אַנדערע אויפקלערען,
אויפקלערען איִן אַ ריין אוטאָפּיִסטיִשער פאָרם. ס׳האָט ביי אונז
געהערשט אַ צוזאַמענמיִש פֿון נאַראָדאָוואָ לטשעסקער איִדעאָ=
לאָגיע מיִט מאַרקסיִסטיִשע, ריין=פּראָלעטאַריִשע בעגריִפען. מיִר
האָבען שוין אַפיִלו געהאַט איִן אונזער ביִבליאָטעק די אַלע
אויסגאַבען פֿון דער „גרופּע פון דער אַרבייטס = בעפרייאונג״
און אויך ניי=ערשיִנענע ווערק פון אַזוי גערופענעם לעגאַלען
מאַרקסיִזם. טעאָרעטיִש אָבער איִז דער קרייז געווען בולט גע=
פאַרבט מיִט די בליִקען און בעגריִפען פון „נאַראָדניִטשעסטוואָ״ און
זיינע גדולי=הדור—הערצען, לאַוראָוו, באַקוניִן און מיִכאַילאָווסקי—
זענען נאָך געווען ביי אונז די גרעסטע אויטאָריִטעטען.

דאָס האָט זיך ערקלערט מיט אַן'איינפאַכער סיבה. אונזער קרייז איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אין אַן'ענגען קאָנטאַקט מיט וואַרשע. אַ גרויסע טייל פון זיינע מיטגלידער פלעגען דאָרט פערברענגען מאָנאַטען־לאַנג אַלס סטודענטען און קורסיסטקעס, אָדער זענען געווען דאָרט מיט עפּעס אַנדערש בעשעפטיגט. אויף די יום־טובים און קאַניקול־צייט נאָר פלעגען זיי אַראָבקומען אַ היים און אונז פערבינדען מיט דער גרויסער שטאָט. אין וואַרשע האָט דאַמאָלסט געווירקט און געאַרבייט דער „פּראָלעטאַריאַט", אַ פּאַרטיי, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט די רעוואָלוציאָנערע אידעען פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און בכלל מיט איהר נאָהענט פערוואַנדעט. דאָס האָט זיך אָבגערופען אויך אויף אונזער קרייז. ער איז געווען אַפילו, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקען פאַר יענע פערהעלטנישען, אָרגאַניזאַציאָנעל פערבינדען מיט וואַרשע, וואָס פלעגט אונז בעזאָרגען מיט ספּעציעל בעשטימטע „עמיסאַרען".

געענדערט האָט זיך דאָס ביסלעכווייז אָבער נאָכדעם ווי ווילנע האָט אָנגעהויבען צו בעקומען אויף אונז אַלץ אַ גרעסערע השפּעה. פערפיהרט צו אונז ריין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, מאַרקסיסטישע אידעען האָבען די יונגע יודישע לעהרער פון ווילנער לעהרער־אינסטיטוט, זיי האָבען מיט זיך אַראָבגעבראַכט אַ פּראַקטישע שטעלונג צו דער אַרבייט, האָבען אונז אַראָבגעשלעפּט פון אונזערע עולמות־עליונים, אויף וועלכע מיר האָבען געשוועבט אָהן שום בעריהרונג מיט דעם רעאַלען לעבען, אויף דער זינדיגער בריסקער ערד און האָבען אַוועקגעשטעלט פאַר אונז די פראַגע וועגען פערבינדען זיך מיט די היגע אַרבייטער־קרייזען.

צוזאַמען מיט דעם האָבען מיר אויך אָנגעהויבען צו שטודירען דעם מאַרקסיזם, האָבען געבילדעט קרייזען צו לעזען בעלטאָוו'ען. האָבען איבערגעשאַצט אונזערע פריהערדיגע ווערטען. פאַר די גאָר עלטערע איז דאָס געווען אַ שווערע הלכה, זיי האָבען איבערגעלעבט אַ שאַרפען קריזיס. אַ טייל האָט אויסעמיגרירט קיין אַמעריקע אַ צווייטער

טייל איז „קליגער געוואָרען" און איז בײַסלעכווייז פון אונז אַוועק. מען פלעגט ביי אונז דערצעהלען וועגען איינעם אַ ווילנער אַרבייטער אַנ'אַנעקדאָט, אַז נאָכדעם ווי ער האָט איי-בערגעלייענט פלעכאַנאָוו-בעלטאָוו'ס שאַרפע פּאָלעמיק געגען מיכאַילאָווסקי'ן איז ער געזעסען שבעה נאָך זיין גרויסען רבי'ן. מיר, יונגע, אָבער האָבען זיך געוואָרפען מיט היץ אויף דער נייער לעהרע, האָבען הונגעריג געשלינגען די מאָנאַטליכע ביכלעך פון צייטשריפט „נאָוואָיע-סלאָווא" און אַנדערע לעגאַלע מאַרקסיסטישע ווערק און האָבען מיט גרויס ענערגיע און אימ-פעט צוגעטרעטען איבערצושאַפען די ניי-בעגריפענע פּרינציפען אין לעבעדיגע מעשים.

דערמיט איז אונזער קרייז אַריינגעטרעטען אין אַ נייער פאַזע פון זיין עקזיסטענץ.

5.

די פּאָר ווילנער לעהרער האָבען מיט זייער אָנקומען צו אונז אַריינגעטראָגען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין אונזער קרייז. אַ דאַנק זיי האָט ער בעקומען אַנ'איינהייטליכע, טעאָרעטישע פיזיאָנאָמיע, האָט אָנגענומען אַנ'אויסגעשפּראָכענעם סאָציאַל-דעמאָקראַטישען כאַראַקטער און האָט זיך געשטעלט אַ קלאָרע אויפגאַבע צו פּראָפּאַגאַנדירען די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע לעהרע צווישען די אַרבייטער. מען האָט זיך שוין נישט בענוגענט מיט געמיטליכע און אינטימע צוזאַמענקומען צווישען זיך ער-געץ פערבעהאַלטען פון דער וועלט און די איבריגע אַרביי-טער. מען האָט געזוכט זיי אַלע בעקאַנט צו מאַכען מיט אונ-זער לעהרע, מיט די וועגען פון זייער אייגענער בעפרייאונג.

יעדער פון קרייז האָט געדאַרפט אויסנוצען זיין קענט-שאַפט צווישען די אַרבייטער, האָט געדאַרפט ספּעציעל זוכען פערבינדונגען צווישען זיי, בכדי די בעסערע און פעהיגערע פון זיי צוציהען צו דער פּראָפּאַגאַנדע. די פּראָפּאַגאַנדירטע אַרבייטער ווידער האָבען בעדאַרפט ווייטער טראָגען די נייע

אידעען אין דער ברייטער אַרבייטער־מאַסע. אונזער אַרבייט האָט זיך פערשפרייט, האָט אַריינגעצויגען אַלץ מעהר פאַר־שטעהער פון פערשידענע פאַכען אין אונזער ווירקונגס־קרייז. די וועשעריי, אונזער אַלטער טרעף־פונקט, איז געוואָרען צו ענג און צו בעגרענצט פאַר אונזער נייער אַרבייט.

מיר האָבען שוין צו דעם געדאַרפט האָבען עטליכע גרויסע צימערן. אין שטאָט, ביי יודען בכלל, איז דאָס גע־ווען אונמעגליך צו בעקומען. קיינער וואָלט אונז אויף אַזאַ זאַך קיין דירה נישט פערדינגען. האָבען מיר זיך איבערגע־קליבען ערגעץ ווייט, פערוואָרפען פון שטאָט, מעהרסטענטייל ביי קריסטען. דאָרטען פלעגען מיר אונטער אַ פיקטיווען אויס־רעד אָבדינגען פאַר זיך אַ בעזונדער שטיבעל און פיהרען דאָרט אינטענסיוו די פּראָפּאַגאַנדע.

ווי אַזוי די ווירטען פון די הייזער, וואָס האבען אונז פערדינגען דירות, ווי אויך אונזערע שכנים האָבען געקוקט אויף אונז, איז שווער צו זאָגען. יעדענפאַלס קיין גאָר גוטע מיינונג וועגען אונזער צייט־פערוויילונג זענען זיי זיכער נישט געווען. דאָס האָט מען געקאָנט אַרויסנעהמען נישט איינמאָל פון זייער אָנצוהערעניש, וואָס זיי פלעגען מאַכען. די בעלי־בתים האָבען טאַקע דאָס פערגיטיגט דאַדורך, וואָס זיי פלעגען נעהמען ביי אונז אַ גאַנץ שענע מטבע דירה־געלד און די שכנים... זיי האָבען פשוט, דוכט זיך, נישט געוואָלט זיך מי־שען אין פרעמדע געשעפטען.

יעדענפאַלס, זענען מיר געווען פון שטאָט גוט „פער־קאָנספּירירט" און מען האָט לאַנג דאָרט נישט געוואוסט, וואו געפינט זיך ערגעץ „דאָס שטיבעלע" פון די „צער־בעלי־חיים". און וואָס ווייניגער מיר האָבען זיך געוואָרפען אין די אויגען (מיר האָבען שוין איינגעפיהרט אַ שטרענגע קאָנספּיראַציע אין אונזער גאַנצער אויפפיהרונג), וואָס מעהר אונבעקאַנט ס'איז געוואָרען אונזער אַרבייט, אַלץ מעהר האָט מען זיך אין שטאָט געשושקעט איבער אונז, אַלץ מעהר געהיימניספולער האָט זיך אויסגעוויזען אונזער נייער אַרט לעבען.

בפּרט אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן צו פערמעהרען די צאָהל פערכאַפּטע דורך דער צער־בעל־חיים׳שער קליפּה, אַז ס׳האָט זיך געהאַלטען אַלץ אין איין פערגרעסערן די יונגע „קרבנות״, וואָס זענען „פערפיהרט״ געוואָרען דורך דער חברה. יונגע אַרבייטער און בעל־הבתי׳שע מיידלעך, וועלכע פלעגען נאָך גאָרנישט לאַנג אפשר אַליין נאָכוואַרפען אונז, מיט גרויס פעראַכטונג, דאָס וואָרט „צער״ זענען געוואָרען בעזוכער פון אונזער שטיבעל, זענען אַריינגעפאַלען אין דער אויסגעשפּרייטער נעץ. די אונגליקליכע עלטערן פון די „פערפיהרטע קרבנות״ האָבען זיך גאָר נישט אויף קאַטאָוועס דערשראָקען פאַר אונז און די פערביטערטקייט געגען אונז איז געוואַקסען. איך געדענק נאָך ווי היינט זעהר אַ ריהרענד בילד. אַ מוטער, וואָס האָט זעהר געצאַפּעלט איבער איהר ציטעריגער טאָכטער, וואָס איז אַריינגעפאַלען גאָר אונגעריכט צו דער חברה, איז איהר איינמאָל אַ פאַרנאַכט נאָכגעגאַנגען פון ווייטענס, אונבעמערקבאַר, ווען דאָס מיידעל איז אַוועק אויף אונזער וואוינונג. די מוטער האָט זיך נאָך איהר אַריינגעגנב׳ט אין טויער, האָט אויסגעשפּירט דאָס הויז אין וועלכען איהר טאָכטער איז אַריינגעגאַנגען און האָט אויך גלייך נאָכדעם דאָרט גענומען קלאַפּען. אויף דער פראַגע פון איינעם פון אונז, וואָס זי בעדאַרף, האָט זי מיט ביטערע טרעהרען אין די אויגען זיך געבעטען איהר אָבגעבען איהר טאָכטער, „אויסשרייבען זי פון די ביכער״ און האָט דערפאַר פערשפּראָכען בעצאָהלען אַ גרויסע סומע געלד. אַלע רעד און טענות, דאָס קיינער האַלט נישט איהר טאָכטער און דאָס זי איז אין קיין שום ביכער נישט אַריינגעטראָגען האָט גאָרנישט געהאָלפען. די יודענע איז געווען זיכער, אַז מיר האָבען עפּעס אָבגעטון איהר קינד און אָן אונז ווענדט זיך זי פריי צו לאָזען.

גאָר גיך אָבער האָט די גאַנצע געהיימניס אונזערע געפּלאַצט, מיר האָבען אויפגעהערט צו זיין אויסגעטיילט און אָבגעזונדערט פון דער איבעריגער אַרבייטער־בעפעלקערונג און במילא איז דער גאַנצער פּחד פאַר אונז אויך געפאַלען.

געשעהן איז דאָס אַ דאַנק דעם, וואָס אַ גרופּע היגע אַרבייטער איז צוריקגעקומען צו אונז פון ווילנאָ. אויב די פּאָר ווילנער לעהרער האָבען צוגעגעבען אַ נייע טעאָרעטישע פיזיאָנאָמיע אונזער קרייז, האָבען די צוריקגעקומענע אַרבייטער אַראָבגעבראַכט מיט זיך אַ נייע פּראַקטיק. דאָס איז געווען די נייע פּראַקטיק פון אַגיטאַציע און מאַסען-אָרגאַניזאַציע. פאַר יענער צייט איז דאָס ממש געווען אַן'אמת'ע איבערקעהרעניש, אַ גאנצע רעוואָלוציע אין דער טאַקטיק פון די סאָצ.-דעמאָקראַטישע גרופּען אומעטום, אין אַלע שטעדט, וואו זיי האָבען עקזיסטירט. אין ווילנאָ האָט, ווי בעקאַנט, די נייע טאַקטיק אַרויסגערופען אַ שטאַרקע און אָרגאַניזירטע אָפּאָזיציע מצד אַ גרופּע ענטוויקעלטע אַרבייטער, וואָס האָבען בעזוכט די קרייזען, און האָבען געפאָדערט אויך אויף ווייטער „גראַמאָטע", בילדונג, פּראָפּאַגאַנדע.

אויך ביי אונז האָט זיך לכתחילה די נייע טאַקטיק אָנגעשטויסען אויף אַן'אָרגאַניזירטע אָפּאָזיציע פון די יעניגע אַרבייטער, וואָס האָבען פריהער זיך „געלערנט" און האָבען זיך נאָך נישט געפיהלט צוגעגרייט צו זיין „אַגיטאַטאָרען". צו זיי זענען צוגעשטאַנען אויך עטליכע פון די אַלטע קרייז-מיטגלידער, וועלכע האָבען נישט סימפּאַטיזירט מיט'ן גאַנצען „טומעל". די מאַסע, האָבען זיי גע'טענה'ט, איז נאָך אויך אינגאַנצען נישט צוגעגרייט צו אַזאַ אַרבייט און קאָן נאָך נישט בעגרייפען אונזער ציעל. מיר וועלען נור אַרבייטען אין דער ברייט, אָבער נישט אין דער טיף. דאָס וועט אונז גאָרנישט געבען. מיר מוזען בעסער „פּערפּערטיגען" פּאָליטישע טוער, צוגרייטען „גוטע" סאָציאַליסטען, מאַכען וואָס מעהר בעוואוסטזיניג די בעסטע, די אויסדערוועהלטסטע פון דער אַרבייטער-מאַסע.

די מערהייט פון אונזער קרייז אָבער האָט זיך געשטעלט אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון די ניי-געקומענע און ס'איז אַוועק אַ ברייטע, פיבערהאַפטע אַרבייט. דורך די פאַרבינדונגען, וואָס מיר האָבען שוין געהאַט אין די פאַבּען, האָבען מיר צוגערופען אַלע שבת צו עטליכע הונדערט מענשען פון אַ

פֿאַך און פֿון די קלענערע פֿאַכען, כמעט אַלע אַרבייטער; מען פֿלעגט רעדען איבער דער עקאָנאָמישער לאַגע פֿון די אַר־בייטער און איבער די נויטיגקייט צו גרינדען „קאַסעס". יעדער פֿאַך האָט געבילדעט פֿאַר זיך זיין „קאַסע" און דער נאָהנט־סטער ציעל פֿון דער קאַסע איז געווען — דערשלאָגען זיך אַ 12־שעה׳דיגען אַרבייטס־טאָג. דערביי פֿלעגט מען דערלאַנגען אַ בימע צום גובערנאַטאָר, דאָס ער זאָל פֿעראָרדנען ס׳זאָל ווערען אָבגעהיט אין די ווערקשטאַטען די אַרבייטס־צייט, וואָס ס׳איז פֿעסטגעשטעלט נאָך לויט אַ געזעץ פֿון יעקאַטערינאַ׳ס צייטען. אַלע אַרבייטער פֿון פֿאַך פֿלעגען זיך אונטערשרייבען אונטער די „פּראָסבעס".

פֿון פּאָליטיק פֿלעגען מיר דאָרט אויסמיידען צו רעדען. דאָס פֿלעגען מיר טון נור פֿאַר די אויסגעקליבענע, די בע־סערע, וואָס פֿלעגען ווערען אויסגעטיילט אין קרייזען און צו־געגרייט צום „סאָציאַליזם". איין פֿאַך נאָכ׳ן צווייטען איז אַריינ־געצויגען געוואָרען אין דער אַגיטאַציע. מיר זענען פֿלוצלינג אויסגעוואַקסען אין אַ גרויסער קראַפֿט און פֿון זיך אַליין איז שוין דער נאָמען „צער־בעלי־חיים" פֿערשוואונדען געוואָרען. די אָרעמע אַרבייטענדע בעפֿעלקערונג האָט זיך געשטעלט אויף אונזער זייט, איז געווען מיט אונז און מיר זענען געוואָרען פֿערשטענדליך און נאָנט די יעניגע, וועלכע פֿלעגען אונז אַמ־מעהרסטען נאָכשרייען און פֿיינד האָבען.

אמת, דערפֿאַר איז שטאַרקער און ראַפֿינירטער געוואָרען צו אונז די שנאה פֿון די בעלי־בתים, וועלכע האָבען פֿלוצ־לינג דערזעהן ביי זיך אין די ווערקשטאַטען די פּרוכט פֿון אונזער אַרבייט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה שטרייקען. נישט דערוואַרט זיך אויף דעם ענטפֿער פֿון גובערנאַטאָר, האָט מען אָנגעהויבען באַלד דאָ, באַלד דאָרט צו שטרייקען פֿאַר אַ קורצערען אַרבייטס־טאָג (מען פֿלעגט אַרבייטען ביי אונז 16 שעה אַ טאָג, דאָנערשטאָג און פֿאַר יום־טוב גאַנצע נעכט), מען האָט אָנגעהויבען פֿאָדערן בעסערע בעהאַנדלונג (וואָס ס׳האָט שטאַרק בעליידיגט די בעלי־בתים) און ביים אָבזאָגען

דעם „בונטאָווטשיק“, דעם „צער־בעלי־חיים׳ניק“, פלעגט זיך דער גאַנצער וואַרשטאַט איינשטעלען פאַר איהם און פאָדערן, ער זאָל אומגעקעהרט ווערען אויף זיין שטעל.

פאַר די בעלי־בתּים איז דאָס ממש געוועזען ווי אַ דונער־קלאַפּ אין אַ ווינטער־טאָג. זיי האָבען אויף דעם געקוקט ווי אויף אַ קאַטאַסטראָפע, וועלכע איז אַרויפגעפאַלען פּלוצלינג אויף זייערע קעפּ און קעהרט־איבער מיט׳ן וואָרצעל דעם גאַנצען סדר־העולם. בעזונדערס האָבען דאָס נישט געקאָנט פערטראָגען די פאַר תּקיפים־גבירים, וועלכע האָבען בעשלאָסען אַריינצוטרעטען אין אַ קאַמף מיט די געוועזענע „צער־בעלי־חיים“, אַלס די הויפּט־שולדיגע אין די אַלע צרות.

לכתחילה האָבען זיי זיך גאָך זשעניירט איבערצוגעבען יודישע קינדער אין גוי׳עשע הענד. מען האָט פריהער אויסגעפּרובירט היימישע מיטלען. זיי האָבען געדונגען בעקאַנטע שלעגער, די „וואוילע יונגען“ פון שטאָט, זיי זאָלען בעפאַלען די צער־בעלי־חיים, — די „זאַבאַסטאָווטשיקעס“. אָבער מיר זענען דאַמאָלסט שוין נישט געווען יענע קליינע גרופּע, וואָס לאָזט זיך שפּייען אין דער קאַשע. צווישען די „אָרגאַניזירטע“ אַרבייטער האָבען זיך אויך געפונען גאַנץ קרעפטיגע יונגע־לייט, וואָס קאָנען געבען אַ קלאַפּ.

אונזער אָרגאַניזאַציע איז ווירקליך געווען פאַר די שטאָט־לאָבוזעס, וואָס האָבען געהאַט אַ מאָנאָפּאָל איבער דער טויסט־מלאכה, ווי אַ דאָרן אין אויג. זיי האָבען פּשוט געקוקט אויף דעם ווי אויף אַ קאָנקורענץ־זאַך. פריהער, פלעגען זיי קאָנען בעקומען „אויסלייז־געלד“ פון יעדען בחור, וואָס פלעגט שפּאַצירען מיט אַ מיידעל, זיי פלעגען זיין גאַנצע תּקיפים אין שטאָט און קיינער פלעגט זיך נישט וואַגען זיי ענטקעגענצושטעלען. איצט אָבער האָט זיך דאָס אינגאַנצען געענדערט. די בחורים געהערען שוין צו אַנ׳אָרגאַניזאַציע. זיי געהען אַרום שטענדיג צעהנדליגערווייז און האָבען די עזה צו ווידערשפּעניגען געגען די „מעכטיגע“ פון שטאָט, פאַר וועלכע,

פּאָליציי אפילו פלעגט זיך שרעקן און זיך נישט מאַכן זעהענדיג, וואָס זיי טוען אָב.

עס האָט דאַרום סיי־ווי־סיי געמוזט קומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישען די דאָזיגע צוויי קאָנקורירענדע צדדים און ער האָט טאַקע אויף זיך נישט געלאָזט לאַנג וואַרטען.

דאָס איז געווען אַ חול־המועד סוכות פון 1896. די בעלי־בתים, פערביטערט דורך דער מגפה שטרייקען, וואָס האָט זיך צושפּרייט איבער'ן שטאָט, האָבען אונטערגעקויפט און אָנגעטרונקען די גאַנצע באַנדע „וואוילע יונגען", יענע זאָלען מאַכען אַ סוף מיט דער נייער חברה. די פּראָפעסיאָנעלע שלעגער האָבען זיך אַראָבגעלאָזען אין אַ חול־המועד־טאָג אויפ'ן „צער־בעלי־חיים־בולוואַר", בעוואָפענט מיט שטעקענס און מעסערס און האָבען, משמעות אַלס אַ פּראָבע צו מעסטען די כחות, אָנגעהויבען אַראָבוואַרפען די קאַפּעלושען פון די „יאָלדען". די אַרבייטער האָבען אויף דעם גלייך געענטפערט מיט אַ קאָנטר־אָפענסיווע און ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ פּאַרמעלע, בלוטיגע מלחמה.

ס'האָט זיך ממש געגאָסען בלוט, מען האָט געשטאָכען און פערוואונדעט צעהנדליגער מענשען. די פּאָליציי האָט זיך תיכף, פון דער ערשטער מינוט, פערבעהאַלטען אין די ווינקעלעך און האָט מורא געהאַט זיך אַריינמישען אין דעם עסק. אויך דער „פרידליכער" עולם האָט זיך אַבגעטראָגען אין די הייזער און האָט געוואַרט מיט האַרצקלאַפּען אויפ'ן סוף פונ'ם געשלעג. די שאַנסען פון ביידע צדדים זענען כמעט געווען גלייך. אונגעריכט איז אָבער די אַרבייטער צו הילף געקומען אַ שטאַרקער רעזערוו — די שטאָט־קיילער און קצבים. זיי זענען שוין אויך געווען לעצטענס פערכאַפּט פון דער שטרייק־אַגיטאַציע און האָבען דאַרום בעשלאָסען צו שטעלען זיך אויף דער זייט פון די אַרבייטער.

דאָס אָנקומען פון אַזעלכע ספּעציאַליסטען־שלעגער, בעוואָפענט מיט העק און מעסערס, האָט דעצידירט די שלאַכט און די „וואוילע יונגען" האָבען בחרפה געמוזט אַנטלויפען פון

קאַמפּס-פּלאַץ בשן-ועין. דאָס האָט שוין אויף שטענדיג צוגעקלאַפּט דעם פּרעסטיזש פון דער דאָזיגער חברה אין די אויגען פון דער צעשראָקענער בעפעלקערונג און זייער תקיפות איז שוין צוריק ניט דערהויבען געוואָרען. בפרט, ווען פיל פון זיי, אַליין אויך אַרבייטער, זענען ביסלעכווייז אַריינגעצויגען געוואָרען אין די פעראיינען.

ניט געפועלט מיט דעם היימישען אויפטו פון שלאָגען, האָבען די בעלי-בתים גענומען זוכען נייע וועגען. מען איז געלאָפען צו ווינקעל-שרייבער, יענע האָבען זיי מבטיח געווען אונז צו פערשיקען ווי דער פעפער וואַקסט, דאָס איז עפּעס געווען „צו נייע" פאַר די פרומע יודישע בעלי-בתים. מען האָט אָנגעהויבען מאַכען אסיפות ביים רב, זוכען אַ היתר אויף דער מסירה. ווי מען האָט אונז דאַמאָלסט איבערגעגעבען, האָט דער רב גע'פסק'נט, דאָס מען מעג אַזעלכע אפּיקורסים און מורדי-במלכות אַרויסגעבען דער פּאָליציי, שטיצענדיג זיך דערביי אויפ'ן מאמר: „רשעים מורדין ולא מעלין" (רשעים מעג מען טיפער אַראָבוואַרפען און ניט אויפהייבען צו זיך). ווי ס'זאָל ניט זיין, ס'איז גיך אַ וועק אַ פּאַפּירעל צו וועמען מען דאַרף וועגען אונזער אַרבייט און אַ גענויע רשימה פון די פיהרער, די „בונטאָווטשיקעס".

די פּאָליציי האָט אָנגעהויבען אויף אונז שטאַרק השגחה צו געבען. איך און נאָך איינינע חברים זענען אפילו „איינגעלאַדען געוואָרען" צום אָרטיגען פּאָליציימייסטער, וועלכער האָט אונז געזאָגט מוסר פאַר אונזער שלעכטער אויפפיהרונג, האָט אונז דערצעהלט, דאָס ערשט ניט לאַנג איז אין ביאַליסטאָק אַרעסטירט געוואָרען אַ יודישער סאָציאַליסטישער קרייז (דער אַרעסט פון גאָזשאַנסקי, זאַלקינד און אַנדערע אין אָנפאַנג יאָהר 1896) אין האָט אונז מתרה געווען, דאָס מיט אונז קאָן אויך דאָס אייגענע געשעהען, ווען די זשאַנדאַרמען וועלען זיך דערוויסען פון אונז. אגב האָט ער אונז דערוויזען, דאָס בריסק איז ניט קיין פאַבריק-שטאָט און צווישען האַנדווערקער קאָן מען גאָרניט אויפטון. אָבזאָגענדיג אונז אַ גאַנץ פּעקעל

מוסר, האָט ער זיך מיט אונז גוטמוטיג געזעגענט און אונז אָבגעלאָזען בשלום.

דערוייל איז אונזער ווירקונג אין שטאָט געוואַקסען. מיר האָבען שוין געהאַט אין אונזער „פּאָליטישער" אָרגאַניזאַציע (זי פלעגט ווערען צוזאַמענגעשטעלט פון די ענטוויקעלטערע מיטגלידער פון די „קאַסעס") אַ פּאָר הונדערט מאַן. און אויך אויף די אַלגעמיינע פאַך־פערזאַמלונגען פלעגען מיר ווערען אַלץ רעדעוודיגער און אָפענער און פלעגען וואַגען צו פערטיפען דעם אינהאַלט פון אונזער פּאָליטישער אַגיטאַציע. מיר האָבען אָנגעהויבען אָנצוקניפּען אַ קאָנטאַקט מיט אַנדערע שטעט. מיר האָבען זיך געגוויטיגט אין ליטעראַטור. די עקאָנאָמישע בעוועגונג האָט אויך געפאָדערט צו געבען און בעקומען אינפאָרמאציעס אין אַנדערע ערטער. נישט איינמאָל פלעגען מיר טרוימען פון אַ צייט, ווען ס׳וועלען זיך צוזאַמענקומען פאָרשטעהער פון פערשידענע שטעט און אַוועקשטעלען צווישען זיך אַ ענגערע און שטענדיגע פערבינדונג. דאָס איז אָבער מעהר נישט געווען ווי אַ שענער חלום, אַן׳אידעאַל צו וועלכען מיר האָבען נור געשטרעבט. דערוייל איז דער קאָנטאַקט מיט אַנדערע שטעט ביי אונז איינגעשטעלט געוואָרען אויף אַ לויזען און צופעליגען אופן.

גרויס איז דערום געווען אונזער שמחה, ווען איינמאָל אין אַ הערבסט־טאָג (אַרום ראש־השנה 1897) איז צו אונז אַראָבגעקומען „אַלעקסאַנדער" פון ווילנע, האָט צונויפגערופען די אָנפיהרער פון אונזער אָרגאַניזאַציע (קיין פאָרמעלע פּאָליטישע אינסטאַנצען זענען נאָך דאַמאָלסט נישט געווען) און האָט אונז געמאָלדען, דאָס אין ווילנע פּראָיעקטירט זיך אויף סוכות אַ צוזאַמענפאָר פון פערשידענע שטעט, וואו ס׳דאַרף ווערען געבילדעט איין יודישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פאַר גאַנץ רוסלאַנד.

יענע צייט פאַלט אויך צונויף מיט דעם ערשטען גרויסען אַרעסט, וואָס די זשאַנדאַרמען האָבען געמאַכט ביי אונז לויט דער מסירה פון די בעלי־בתים, פיל מענשען זענען

פערשפאַרט געוואָרען אויף יאָהרען אין געפענגנ׳ש, פיעל האָ- בען געמוזט אַנטלויפען און וואוינען אונלעגאַל אין אַנדערע שטעט.

אונזער אָרגאַניזאַציע אָבער איז שוין געווען אָנגעשלאָ- סען אין „בונד“, מיר זענען שוין געווען א טייל פון דער גאַנצער פּאַרטיי, און די אַרבייט ביי אונז האָט זיך שוין ני ט אָבגעשטעלט און איז ווייטער געפירט געוואָרען אונטער דער פאָהן פון „בונד“.

פערזאָנען און טיפּען.

1.

אין אַ גוטער, שטילער שעה, ווען דאָס רוישיגע לעבען לאָזט מיך אַרויס פון זיין שליטה און איך רוה זיך אָב אויף אַ ווײַלע פון זיין טומעלדיגען הו־האַ, שטעהען־אויף פון זייערע קברים מיינע אַלטע פריינד און בעקאַנטע. זיי טויכען אַרויס פון די טיפענישען פון מיין זכרון מאַט און בלאַס פון דער צייט, האַלב אָבגעווישט פון דער אַלמעכטיגער שכחה. ביסלעכווייז צעציהט זיך אַרום זיי דער נעבעל, זייערע שווע־בענדיגע שאָטענס בעקומען פלייש און בלוט, און ווי לעבעדיגע שטעהען זיי שוין פאַר מיר, יעדער מיט זיין אינדיווידועלער געשטאַלט, מיט זיין אייגענאַרטיגען אויסזעהן. די אַלטע, לאַנג פערשוואונדענע צייטען לעבען־ווידער אויף, ס׳פרישען זיך אָב די אַמאָליגע איבערלעבונגען, עס דערמאָנען זיך האַלב פערגעסענע עפּיזאָדען.

דאָס אָבגעשטאָרבענע שטעהט־אויף תּחית המתים, דאָס פערגאַנגענע פערוואַנדעלט זיך פאַר מיר אין אַ צווייטע גע־גענוואַרט.

צום אַלעם ערשטען רוקט זיך אַרויס די פערגעסענע גע־שטאַלט פון ליזע זוסמאַן. אַ שלאַנקע פיגור פון הויך־מיטעלען וואוקס מיט אַ גרויסען שטערן און קלוגע, גראָהע אויגען, האָט זי אונז אַלעמען אימפּאָנירט מיט איהר געבוירע־נעם שטאָלץ. „אונזער פּרינצעסין״—אַזוי פלעגען מיר זי אַלע רופען. און ווירקליך האָט ליזע געהאַט אין זיך עפּעס מאַיעס־טעטישעס,—אַזעלכעס, וואָס פלעגט אַרויסרופען ביי אונז אַלע אַ גרויסען דרך־ארץ, אַן אמת׳ן יראת־הכבוד. איינפאַך אָבער

מיט געשמאַק געקליידט, מיט אַ הויך־אויפגעהויבענעם קאָפּ און דיסטינגגירטער האַלטונג, פלעגט זי שטענדיג זיין דער צענטער פון אונזער קרייז. דערצו נאָך האָט זי פערמאָגט אַ רייכען אינטעלעקט און אַ גרויסע טעאָרעטישע ערודיציע. אַ געבוירענע פיהרערין פון אַ קרייז.

פון וואַנען זי איז צו אונז געקומען, וויס איך עד היום נישט. איך האָב נור אויף אַזוי פיל געוואוסט, אַז זי שטאַמט פון אַ רייך סוחרשער פאַמיליע מיט אַלט יודישע טראַדיציעס; זי האָט געהאַט זעהר פיל דורכצומאַכען, ביז וואַנען זי האָט מיט איהר אייזערנעם ווילען זיך דערשלאָגען דאָס רעכט צו פערלאָזען אַלע אָוועגד די שטוב, אַוועקצוגעהן אין אונזער פראַלגיע און אָפען מיט אונז שפּאַצירען איבערן בולוואַר. וועגען איהרע היימישע אָנגעלעגענהייטען פלעגט זי זיך קיינמאָל נישט אַראָבלאָזען מיט אונז צו רעדען. זי פלעגט זיך בעווייזען טאָג־איין טאָג־אויס 7 אָוועגד, פּינקטליך ווי אַ זייגער, און פלעגט אַוועקגעהן צו עלף. צו איהר אַהיים פלעגט קיינער פון אונז, בעזונדערס פון די מענער, זיך נישט טאָרען בעווייזען.

זי האָט געהערט צו דעם עלטערען דור פון אונזער קרייז. אַלע איהרע פריהערדיגע בעקאַנטע האָבען שוין עמיגרירט קיין אַמעריקע, אָדער אין גאַנצען אָבגעשטאַנען פון דער זאַך. אונזער קרייז פלעגט אין זיך אריינזויגען נייע מענשען, פלעגט זיך קאָמפּלעטירען מיט יונגערע פּראָזעליטען. זוסמאַן פלעגט זיי פערבינדען מיט די טראַדיציעס פון דעם קרייז. און ווי אַ טרייע פּריסטערין פלעגט זי אונטערהאַלטען דעם פייער אינ׳ם טעמפּעל פון די „צער־בעלי־חיים“.

און שווערער ווי אַלעמען האָט טאַקע זי געטראָפען דער איבערברוך אין אונזער קרייז—דער איבערגאַנג פון קרייזעל־פּראָפּאַגאַנדע צו דער מאַסען־אַגיטאַציע. איהרע „אַריסטאָקראַטישע“ בעגריפען האָבען בשום אופן נישט געקאָנט מאַכען שלום מיט דעם נייעם „דעמאָקראַטיזם“ אין אונזער אַרבייט. זי האָט זיך באַין אופן נישט געקאָנט צופּאַסען צו אונזערע

נייע אויפגאַבען. זי האָט זיך טאַקע אַקטיוו אין זייער אויס־פירונג נישט בעטייליגט. זי פלעגט נישט בעזוכען אונזער נייע וואוינונג, וואו ס'פלעגען פאָרקומען די פאַכען־פערזאַמלונגען און פלעגט נישט נעמען קיין אַנטייל אין די דיסקוסיעס ווע־גען דער אַרבייט.

ווי פריהער פלעגט זי קומען אַלע אָוועגד אין דער אַל־טער פראַלניע, פלעגט שפּאַצירען איבערן בולוואַר שוין מעהר נישט אַרומגערינגעלט, ווי אין די פריהערדיגע צייטען, פון אַלע זייטען. דאָס איז געווען די טראַגעדיע פון אַ שטאַרקען מענשען, וועלכער האָט געשפירט, אַז ס'קומען אָן נייע צייטען און ער האָט שוין נישט דערצו די נויטיגע כחות.

אין די ליידיגע אָוועגדען, אָדער אין אַנדערע יומא־דפגרא'ס, פלעגען מיר זיך אַלע אַראָבלאָזען אין פראַלניע צו לי־זע זוסמאַן. איהרע קלוגע אויגען פלעגען דאַמאָלסט אויפלעבען, איהר געוועהנליך קאַלט געזיכט פלעגט זיך אָנצינדען און מיר פלעגען מיט איהר פערברענגען אַ פּאָר שעה ווי אין די אַלטע צייטען געמיטליך, אינטים. ס'פלעגט זיך גלייך איינשטעלען אַ כאָר, אָדער ענטוויקלען אַ הייסע דיסקוסיע אויף אַבסטראַקטע, טעאָרעטישע טעמעס. אַפּנים אין אַזאַ טראַדיציאָנעלער אַטמאָס־פער האָט זיך זוסמאַן געגויטיגט, ווי אַ פיש אין וואַסער.

איינמאָל אין אַ שבת־צונאַכטס אין ווינטער 1895 האָט ליזע אונז אַלע, די אַלטע מיטגלידער פון קרייז, געבעטען אָבפּטר'ן זיך פריהער מיט די פערזאַמלונגען און פערברענגען אַלע צוזאַמען אויפ'ן אַלטען אָרט אַ פּאָר שעה. מיר האָבען דאָס גערן איהר צוליב געטון. אַלע זענען מיר געקומען אין גאַנצען קאָמפּלעט. זוסמאַן האָט דאַמאָלסט געשיינט מיט אַ בעזונדער, גאָר נישט קיין געוועהנליכער שענקייט. איהר שטאָלץ, בלאַס געזיכט—בעלויכטען מיט אַן'איגערליכער גוטסקייט און ליבער וואַרעמקייט, צו אַלעמען אַזוי אויפגעלעגט און אפילו שוין אַ ביסעל „צו סאַנטימענטאַל". וואָס איז דאָס מיט איהר געשעהען? איהר גאַנצע אויפיהרונג גאָר נישט ענליך צו דער שטענדיגער ליזע'ן. דאָס מאָל האָט זי אויך נישט אָבגעהיט די

צייט. ביז אַ זייגער 2 ביינאַכט האָט זי פֿערבראַכט מיט אונז, האָט אַליין געבעטען זינגען און האָט אַליין אויך זעהר לאַנג געזונגען לידישע לידער. כמעט אַלע האָבען מיר זי בעגלייט, ביז צו איהר שטוב.

צום ערשטען מאָל כמעט פֿאַר דער גאַנצער צייט האָט זיך ליזע אויף מאָרגען אין אָוועגד זיך נישט בעוויזען אויפ׳ן בעשטימטען אָרט. וואָס זאָל דאָס זיין? איז זי אפֿשר קראַנק געוואָרען? אונבעשרייבליך שטאַרק איז געווען דער קלאַפּ, וואָס מיר האָבען בעקומען, ווען מיר האָבען זיך מאָנטאָג אין דער פֿריה דערוואוסט, אַז נעכטען אָוועגד האָט זיך זוסמאַן פֿערסמט ביי זיך אין צימער. זי האָט גאַנץ רוהיג אויסגעטרונקען אַ פֿלעשעל שטאַרקען גיפֿט, זיך געלעגט אין בעט און ווען די היימישע האָבען זיך שוין געכאַפּט, וואָס מיט איהר האָט גע־טראָפֿען און האָבען זיך געלאָזען מיט אַ געוויין צו דאָקטוירים, האָט זי מיט אַ שמייכעל אויף די ליפען צו זיי געזאָגט: „ס׳איז שוין צו שפּעט. ס׳וועט שוין גאָר נישט העלפֿען״.

וואָס האָט געקאָנט צעברעכען דעם אייזערנעם כאַראַקטער פֿון דער דאָזיגער אינטעליגענטער און שטאָלצער פֿרוי? זאָל דאָס זיין אַ געקרענקט פֿרויען־געפֿיהל? די עלטערע פֿון אונז האָבען עפּעס געוואוסט פֿון אַ ראָמאַן צווישען זוסמאַן און איי־נעם פֿון קרייז, וואָס איז אָבגעפֿאָהרען קיין אַמעריקע און דאָרטען חתונה געהאַט. אָדער זענען דאָס געווען די בייע אומשטענדען, צו וועלכע ליזע האָט זיך נישט געקאָנט צו־פּאַסען און זי האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבען? דעם דאָזיגען סוד האָט זי אַוועקגעטראָגען מיט זיך אויף איהר ענג פֿערפֿרעסטע ליפען אויפ׳ן בריסקער בית־הקברות.

אויף אונז יונגע האָט איהר טויט געמאַכט אַ שווערען, אונגעהויער שווערען איינדרוק. דער דאָזיגער אַקט האָט אין גאַנצען דיסהאַרמאָנירט מיט אונזער אַקטיוו־אָפּטימיסטישער וועלט־אנשויאונג. אויסער אַלע פֿערזענליכע געפֿיהלען האָבען מיר זיך פּשוט געפֿיהלט געקרענקט פֿאַר דער „פֿערשוועכונג״ פֿון אונזער אידעאַל. דאָס איז געווען דער ערשטער נאָנטער

טויט, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן אונזערע אידעאַ־ליסטישע בליקען און רעאַלען לעבען און דערפאַר האָט ער אונז אַזוי שמערצליך, מיט אַזאַ וועהטאָג געטראָפען. אַ לאַנגע צייט נאָך האָבען מיר ליזע'ן נישט געקאָנט פערגעסען און פלעגען פערברענגען גאַנצע אָוועגדען אין געשפרעכען, געוויד־מעט איהר אָנדענקען. זאָלען איצט די דאָזיגע שורות דינען אַלס אַ קליינע און איינפאַכע מצבה צו דעם פערלאָזענעם און פערגעסענעם קבר פון אַ גרויסער און דאָך שוואַכער פרוי, וועלכע האָט אין לעבען נישט אויסגעהאַלטען.

2

אויסערליך האָט מען דאַמאָלסט שווער געקאָנט אונטער־שיידען צווישען אַ „פּראָפּאַגאַנדירטען“ אַרבייטער און אַנ'אינ־טעליגענט. דער ערשטער פלעגט זיך בעמיהען נאָכצומאַכען, נאָכטון אַלץ דעם צווייטען. ער פלעגט זיך קליידען נישט ווי אַלע אַרבייטער, פלעגט בעקומען „אינטעליגענטישע“ מאַניערען, פלעגט רעדען נור רוסיש, — בכלל האָט זיך דאָס ביסעל אַרבייטער „אַסימילירט“ צווישען דער אינטעליגענץ. און פּאַק־טיש פלעגען טאַקע די מעהר ענטוויקעלטע אַרבייטער אָדער אַרבייטערינס, נאָך אַ פּאָר יאָהרען „שטודירען“ אין קרייזעל, אַוועקוואַרפען זייער מלאכה און פלעגען נעמען זיך לערנען „אַנ'אינטעליגענטע“ פּראָפעסיע: די בחורים פלעגען עקסטערנען מיט'ן אידעאַל אָנצוקומען אין אוניווערזיטעט און די מיידלעך פלעגען ווערען אַקושאָרינס, דאַנטיסטקעס און פעלדשערינס.

דעם דורכשניטליכען „אויפגעקלערטען“ יודישען אַרבייטער פלעגט איהר שטענדיג בעגעגנען אין אַ הויכען הוט מיט ברייטע קאַנטען, אין אַ שוואַרצער פעלירינע, אָדער אין אַ היטעל מיט אַ לעדערנעם, ליאַקירטען דאַשעק אין אַ רוסישער שוואַרצער בלוזע, מיט אַ רוסיש בוך אונטער'ן אָרעם און מיט דער רוסישער שפּראַך אויף די ליפּען.

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזעהן און זיך אויפגעפירט

איינער פון מיינע ערשטע בעקאַנטע אַרבייטער, ש מ ו א ל ד ע ר ג ע ל ע ר.

אין אָנפאַנג פון די 90=יאָהרען זענען צו אונז אַראָבגעקומען פון ווילנע אייניגע בערשטעל=מאַכער. זיי האָבען געדונגען אַ בעזונדער דירה ערגעץ אויף אַ גוי'עשער גאַס און האָבען איינגעאָרדענט פאַר זיך אַ ווערקשטוב אויף קאָאָפעראַטיווע יסודות, —„אַ קאָמונע". זייער אויסערליכער אויסזעהען איז געווען אַנ'עכט „גוי'עשער" און אין שטאָט האָט מען זיי טאַקע געהאַלטען פאַר קריסטען. זייער דירה האָט אונז דאַרום געדינט פאַר אַ קאָנספּיראַטיווען טרעף=פונקט פון אַ העכערער מדרגה. אַהין פלעגען קומען נור יחידי=סגולה און דאָס אויך מיט גרויס פאָרזיכט. איך געדענק מיין איינדרוק נאָכ'ן ערשטען בעזוך פון יענער דירה אין אַ ווינטער פרייטאָג צו=נאַכטס. איך האָב בעדאַרפט דורכגעהן אַ לאַנגען קריסטליכען הויף, ביז איך בין אַריינגעקומען אין אַ בעזונדער נידריג הייזעל. דער ערשטער גרויסער צימער אויסגעשטעלט מיט צוויי לאַנגע וואַרשטאַטען אויף צו קעמען די חזיר=האָר, די פאַדלאָגע אָנגעשאָטען מיט הובלענעס און שטיקער שפענער. דאָס איז געווען אַ אמת'ער בית=המקדש פון אַרבייט. אונז אנטקעגען איז געקומען אַ נידריגער יונגערמאַן מיט אַ קריסטליך אויסזעהען. זיין געזיכט נאָך שוואַרץ פון דער אַרבייט, זיינע אַרבעל נאָך פערקאַמשעט און ער האָט נאָך אין גאַנצען געאָטעמט מיט דער אַרבייט. געדריקט אַלעמען די הענד, האָט ער אונז אַריינגעפירט אין אַ צווייט קליין צימער, וואו מיר האָבען געטראָפען אַ יונגע שוואַרץ=חנ'עוודיגע פרוי, קורץ געשוירען מיט אַ שוואַרצער מענערשער בלוזע. ווען נישט דאָס קליין קינד אויפ'ן האַנד, וואָלט מען זי גאַנץ לייכט געקאָנט אָנעמען פאַר אַ פערשטעלטען בחור. דאָס צימערעל איז געוואָרען בעלויכטען מיט אַ קליין נאַפט=לעמפעל. אַרום אַ גרויסען הייסען אויווען זענען שוין געזעסען אייניגע פון מיינע פריהערדיגע בעקאַנטע. מען האָט דאָרט עפּעס הייס זיך מתוכח געווען וועגען אַ בוך. פלוצלינג דערהער איך אַ קול, וואָס געהט פון דער הויך. איך הויב

אויף דעם קאָפּ; אויפ'ן אויוועז ליגט אַ יונגערמאַן מיט צושויי־בערטע לאָקען און אַ געל בערדעל, העלע קלוגע אויגען פּינקלען פון איהם אַרויס; ליגט האַלב אָנגעלעהנט אָהן אַנ'אויבער־רעקעל, אין אַ גראָבער, פויערשער העמד און מיט אַ שטריקעל אויף די הויזען. ער האָט אָנגעהויבען רעדען אַ פליסיג יודיש און אַלע זענען שטיל געבליבען. גערעדט האָט ער פאַמעליך, אַפּאָריזמען־אַרטיג, איבערגעריסען זיי אָפט מיט אַ קלינגענדען געלעכטער. איך האָב געהערט אויפמערקזאַם. פון איהם און פון זיינע ווערטער האָט געוועהט מיט אַזוי פיל פרישקייט און אָריגינאַליטעט, אַז ס'האָט אַזש דער אָטעם פערכאַפּט. דאָס איז געוועזן—שמואל דער געלער.

ער איז ווירקליך געוועזן אַ גרויסער אָריגינאַל, אין גאַנצען נישט ענליך צו אַלע איבעריגע מיטגלידער פון קרייז. אין שטוב, אויך אין גאַס פלעגט ער אַרומגעהן תמיד באָרוועס, מיט אַנ'אָבגעשפּליטערט גראָבער העמד און אַ געלען רעקעל מיט אויסגעריבענע אַרבעל, מערסטענטייל אַרומגעבינדען מיט אַ שטריק. ער פלעגט זיך אָפט אַוועקלאָזען איבער די שענקען, אין מאַרק און אַנדערע זאַמעלפּלעצער און „אַגיטירען" צווישען בעלי־עגלות, טרעגער און בכלל גאַס־מענשען. שמואל פלעגט אויך אויף וואָכען לאַנג פערפאַלען ווערען פון אונז. דאָס פלעגט ער אַוועקגעהן צופוס, אָהן אַ גראָשען געלד אין טאַש, פון בריסק קיין וואַרשע. אויפ'ן וועג פלעגט איהם פאָליציי נישט זעלטען פערהאַלטען ווי אַ פערדעכטיגע פערזאָן און ברענגען מיט'ן עטאַפּ צוריק. דערווייל פלעגט ער אַגיטירען צווישען די אַרעסטירטע.

בכלל איז ער געוועזן זעהר אַ בעלעזענער בחור מיט אַ זעלבסשטענדיגען און אייגענאַרטיגען שכל, און ער האָט זיך באין אופן נישט געקאָנט איינשפּאַנען אין האָלאָבלעס פון דיסציפּלין אָדער פּאַרטיי־בליקען. וואו איז ער אַהינגעקומען ווייס איך נישט. מיר איז נור אויף אַזוי פיל בעקאַנט, דאָס אַ צאַרטער פרויען־האַנד האָט זיך איינגעגעבען צו פאַקען אויף אַ צייט אפילו די דאָזיגע „ווילדע" נשמה, און איהם

אויך איינשפּאַנען אין אַ געפּרעסטער העמד מיט מאַנזשעטען. ער האָט שפּעטער אין ווילנע חתונה געהאַט מיט אַן אַקושאָרין, — אין גאַנצען דער היפּוך פון איהם. דאָס האָט דאַמאָלסט ביי אַלעמען אַרויסגערופען אַ גרויסע סענסאַציע. אונפערשטענדליך איז אַ מענשענס אַ הארץ! נאָכדעם איז ער פערשיקט געוואָרען אין סיביר און איך האָב איהם פערלוירען פון מיין האָריזאָנט. ביי מיר אין זכרון אָבער איז ער פערבליבען דער אַלטער „שמואל דער געלער" מיט די צעשויבערטע געלע קרייזלען אויפ׳ן קאָפּ, אָבגעשפּליטער העמד און באָרוועסע פיס.

אַ טיפּ פון אַן אַלטען יודישען למדן-וו׳בניק!

3.

נאָך די מסירות פון די בעלי-בתים האָט אונזער שטאָטישע זשאַנדאַרמעריע אָנגעהויבען אַרויסצווייזען אַ גרויס אינטערעס צו אונזער קרייז, צו זיין אַרבייט און בעזונדערס צו די אַדרעסען פון זיינע מיטגלידער. אין לופט האָט געשמעקט מיט אַן אַרעסט. איך האָב געמוזט בעצייטענס פערלאָזען בריסק און זיך איבערפּעקלען קיין וואַרשע.

דאָ האָב איך געטראָפען די בעוועגונג ברייטער ענטוויקעלט און ווייט פערצווייגט. שוין די שטאָט אַליין מיט איהר גרויסער צאָהל יודישע אַרבייטער און פיל פאַבריקען האָט געמאַכט די אַרבייט אינטערעסאַנטער און קאָמפּליצירטער. בכדי צו בעקומען פערבינדונגען אויף די פאַבריקען איז די ערשטע „אַגיטאַטאָרען" אויסגעקומען אַריינצוטרעטען אַהין אַרבייטען, אָדער דערשלאָגען זיך דאָרט שטעלעס. דאָס האָט אָבער לאַנג דויערן נישט געקאָנט. דער פערוואַלטער אָדער מייסטער פלעגט פון די אַרבייטער גופא באַלד געוואָר ווערען, וואָס פאַר „אַ פויגעל" ס׳איז צו איהם אין פאַבריק אָנגעקומען און פלעגט איהם בחרפּתו גלייך משליח זיין.

בעזונדערס שווער איז אָנגעקומען די אַרבייט צווישען די פרויען, — שניידערינס, מאָדיסטקעס, פאַבריק-מיידלעך, זיי האָבען אַלע נאָך געלעבט בלויז אין אַ סביבה פון קאָקעטעריע, טאַנץ

און „ליבעס". קיין שום אַנדערע פראַגען האָבען פאַר זיי ניט עקזיסטירט און נישט געקאָנט וועקען ביי זיי קיין אינטערעס. מען האָט געמוזט שיקען צו זיי אויף שליסען קענטשאַפט, די שוין אַגיטירטע וואַרשעווער בחורים. אָבער אויך דאָס פלעגט נישט אָנקומען אַזוי לייכט. די מיידלעך פלעגען אָנפאַנגס געדולדיג זיך צוהערען צו דער „פילאָזאָפיע" פון זייערע קאַוואַלערען, פלעגען דאָס פערשטעהן אַלס אַ מאַנסביל׳שען מאַנעוור צו פערפיהרען אַ זייטיגען שמועס און נאָכדעם פלעגען זיי שוין פשוט איבערייסען די רעד און פרעגען, ווען וועלען זיי שוין צוטרעטען צום עיקר?.. בּיסלעכווייז אָבער האָט מען אויך דעם פרויען-אינדיפערענטיזם געבראָכען, ס׳האָבען זיך איינגעשטעלט פערבינדונגען כמעט מיט אַלע פאַכען און מען איז צוגעטראָטען צו אַ הייסער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבייט.

אָנפאַנגס 90-טע יאָהרען האָט די אַגיטאַציע צווישען איינצעלנע יודישע אַרבייטער געפיהרט דער „יודישער אַרבייטער-פערבאַנד אין וואַרשע". ער האָט פערמאָגט אייניגע הויך-ענטוויקעלטע יודישע אַרבייטער, אַ טייל פון זיי זענען שפּעטער אַריינגעטרעטען אין פּ. פּ. ס. און האָבען איהרע אידעען ענטוויקעלט אויף דער יודישער גאַס. דעם געדאַנק וועגען אַ ברייטער אַגיטאַציע צווישען די יודישע אַרבייטער אויף יודיש און בכלל וועגען אַ פּאָליטישער יודישער אָרגאַניזאַציע האָט אַראָבגעבראַכט אַהער אַ גרופּע ווילנער פּיאָנערען, זיי האָבען דאָס שפּעטער געשיקט פון זיך אַ דעלעגאַציע אויפ׳ן ערשטען צוזאַמענפאָהר פון „בונד" און גלייך נאָכדעם דאָ אַוועקגעשטעלט זיין אָרטיגע אָרגאַניזאַציע. די אָנגעזעהענסטע פון זיי זענען געווען צביה הורוויטש, מאַריע זשעלודסקאַ, לעאָן גאָלדמאַן און מערי גינזבורג.

געבוירען און ערצויגען געוואָרען ביי יודישע קליינהענדלער אין ווילנע, האָט צביה פערמאָגט אין זיך אַ געבוירענע אינטעליגענץ. זי איז געווען אַ ברונעטין מיט קוילען-שוואַרצע אויגען, אַ הויכען שטערען און ענערגישע געזיכטסצוגען. זי האָט זעהר פיל געלעזען און נאָכמער זעלבסטשטענ-

דיג געװאָרן. אַלס אַ זעמשערין (הענדשקע־מאַכערין), איז זי געקומען אין 1894 קיין װאַרשא און האָט גלייך צוגעטרעטען צו דער סאָציאַליסטישער אַרבייט. בעזונדערס אויסגעצייכענט האָט זי זיך מיט איהר שטאַרקער ענערגיע און אָרגאַניזאַציע פעהיגקייטען. זי איז געװען זעהר שטרענג צו די אַרומיגע, האָט פון איהרע מיטאַרבייטער זעהר פיל געפאָדערט און האָט נישט דערלאזען קיין שום „סענטימענטען”. אויפ׳ן צװייטען צוזאַמענפאָהר פון „בונד” איז זי אויסגעקליבען געװאָרען אין צענטראַלען קאָמיטעט, זי האָט זיך אָבער גיך פון דעם אַמט אָבגעזאָגט, האָט זיך צוריק אומגעקערט צו איהר אייגענער בעשעפטיגונג און האָט װייטער פערנומען איהר פּאָסטען אַלס אָרגאַניזאַטאָרין אין װאַרשע.

יאָהרען־לאַנג האָט זי געאַרבייט אין „בונד”, און פלעגט זיך בעטייליגען אין אַלע זיינע קאָנפערענצען און צוזאַמענפאָרען. אין 1907־טען איז זי ארעסטירט געװאָרען אין װאַרשע, אַלס דעלעגאַטין צום לאַנדאָנער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער פּאַרטיי, און איז פערשיקט געװאָרען אויף איינ׳גע יאָהר קיין װיאַטקע. שפּעטער האָט זי זיך בעזעצט אין פּעטערבורג, האָט דאָרט געאַרבייט אַ צייט אין דער רוסישער סאָצ. דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, װערט װידער אַרעסטירט און פערשיקט קיין אַרכאַנגעלסק. אין די מלחמה־יאָהרען האָט זי זיך פון דאָרט אומגעקערט פערנעמט דעם פּאָסטען פון סעקרעטאַרין פון דער סאָצ. דעמאָקראַטישער דומע־פראַקציע און איז עד היום טעטיג אין פּעטערבורג ביי די „מענשעװיקעס אינטערנאַציאָנאַליסטען”.

צוזאַמען מיט צביה׳ן האָט אַ לאַנגע צייט געאַרבייט אין װאַרשע און שפּעטער—אין אַנדערע שטעט—מאַריע זשעלודסקאַ. אַ טאָכטער פון אַ הויז־בעזיצערין אין װילנע, האָט מאַריע געענדיגט די װילנער גימנאַזיום. צוליב אַגיטאַציע־צװעקען האָט זי זיך אויסגעלערנט שניידעריי און איז געקומען קיין װאַרשע העלפען גרינדען אַ יודישע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע. זי פלעגט רעדען מיט פייער און האָט געהאַט אַ גרויסע װירקונג

אויף די אַרבייטער. שפּעטער־צו האָט זי חתונה געהאַט מיט דוד קאַץ (טאַראַס, איין צייט אַ מיטגליד פון צ. ק.); זיי זע־נען אין 1908 אָבגעפאָהרען קיין באַקו און אין גאַנצען אָבגעשטאַ־נען פון דער פּאַרטיי־אַרבייט.

אַ רייכען אַגיטאַטאָרען־מאַטעריאַל האָט צוגעשטעלט אין דער ערשטער צייט פון דער בעוועגונג די ווילנער יודישער האַנדווערקער־שול. פון דאָרטען זענען אַרויס פּאַרטיגע טוער מיט אַנ׳עלעמענטאַרער בילדונג און קוואַליפיצירטען פאַך. זיי האָבען זיך צופאָהרען אין די אַרומיגע שטעט און זענען דאָרטען געוואָרען די פּיאָנערען פון דער בעוועגונג. איינער פון זיי איז געוועזען לעאָן גאָלדמאַן. געענדיגט די האַנדווערקער־שול אַלס שלאָסער, איז ער אין ווילנע געוואָרען פון די טעטיגסטע אַגיטאַטאָרען און איז אָבגעפאָהרען אין 1896־טען יאָהר קיין וואַרשע. פון דאַנען איז ער געשיקט געוואָרען אַלס אַ דעלעגאַט אויפ׳ן ערשטען בונדישען־צוזאַמענפאָר. גאָלד־מאַן האָט אָבער נישט לאַנג געאַרבייט אין „בונד". אין 1902־טען יאָהר פאָהרט ער איבער אין דרום־רוסלאַנד, שטעלט אַוועק די דרוקעריי פון „איסקראַ" און צייכענט זיך אויס אַלס אַנגע־זעהענער טוער אין דער רוסלענדער פּאַרטיי. אַרעסטירט אין קישעניעוו, ווערט ער פעראורטיילט פערשיקט צו ווערען קיין סיביר (אויף אייביג). ער אַנטלויפט פון דאָרטען און ווערט אויס־געקליבען אין צענטראַלען קאָמיטעט פון דער רוסלענדער פּאַר־טיי; אויפ׳ן 7־טען צוזאַמענפאָר פון „בונד" אין לעמבערג, (וואו ס׳איז געשטאַנען די פראַגע וועגען פעראייניגען זיך צו־ריק מיט דער פּאַרטיי — 1906) איז ער געשיקט געוואָרען אַלס דעלעגאַט פון צענטראַלען קאָמיטעט פון דער רוסלענדער פּאַרטיי. אין 1907 איז ער ווידער אַרעסטירט געוואָרען, איז געוואָרען פעראורטיילט אויף 4 יאָהר קאַטאָרגע און אייביג פערשיקט צו זיין. עד היום איז ער פערבליבען אַנ׳אָנגעזעהע־נער טוער ביי די „מענשעוויקעס".

צו דער דאָזיגער גרופּע פּיאָנערען האָט אויך געהערט זיין פרוי מערע, געוועזענע גינזבורג. מערע, אָדער „מערע־

לע״, ווי מיר אַלע פלעגען זי רופֿען, איז געווען אַ טאָכטער
פֿון רייכע סוחרים. זי האָט זיך אויסגעלערנט שניידעריי און
איז צוזאַמען מיט די אויפֿגעקלערטע ערמאַנטע פֿערזאָנען געקומען קיין
וואַרשע. זי איז געווען זייער אַ לעבענסלוסטיקע און פֿרעהלי=
כע. אַלע צימערן פֿלעגט זי פֿערקלינגען מיט איהר געלעכ=
טער, פֿון איהרע אויגען פֿלעגט ער ממש אַרויסשפּראָצען.
פֿלעגט זי זיך הילכיק צולאַכען, פֿלעגט איהר קליינע פֿיגור
זיך איינגאַנצען בעת=מעשה צאַפּלען און טרייסלען; זי פֿלעגט
אונז אַלעמען אָנשטעקען מיט איהר פֿרעהליכקייט און לוסטיג=
קייט. צו מאַסען=אַרבייט איז זי נישט געווען פֿעהיג און האָט
דערצו נישט אַרויסגעוויזען קיין גרויס חשק. איהר האָט געצוי=
גען צו מעהר ריזיקאַלע אונטערנעמונגען, איהר איז געפֿעלען
„קאָנספּיראַטיווע" אַרבייטען. און ווירקליך פֿון יאָהר 1898
הויבט זי אָן צו אַרבייטען אין די געהיימע דרוקערייען, וואָס
האָבען זיך דאַמאָלט אין וואַרשע איינגעשטעלט.

אין 1902 פֿאָהרט זי איבער מיט איהר מאַן, לעאָן גאָלד=
מאַן, קיין קישענעוו, וואו זי ווערט די בעל=הבית'טע פֿון דער
געהיימער דרוקעריי פֿון „איסקראַ". זי פֿאַלט גיך דורך און
ווערט אַרעסטירט. איהר טורמע איז געווען זייער אַ שווערע.
צוזאַמען מיט איהר אין איין חדר האָט זיך אויך געפֿינען
איהרס אַ קינד פֿון צוויי יאָהר. דער „נאַטשאַלניק" פֿון קישי=
נעווער טורמע איז געווען אַ גרויסער אויסוואורף און פֿלעגט
בעסטיאַליש זיך בעגעהן מיט די פּאָליטישע אַרעסטירטע. בעת
אַ קאָנפֿליקט מיט די פּאָליטישע האָט ער בעפֿוילען צו נעמען
מיט געוואַלט מערע'ן, אין אָנוועזענהייט פֿון קינד, וואָס האָט
שוין פֿערשטאַנען, וואָס אַרום איהם קומט פֿאָר, אין קאַרצער.
מען האָט זי געבונדען און געשלעפּט איבער די טרעפּ, בע=
גלייט פֿון די קולות פֿון קינד. דאָס האָט געמאַכט אויף דער
מוטער אַן אומפֿערגעסליכען איינדרוק. מערע איז פֿעראורטיילט
געוואָרען צו ווערען פֿערשיקט. דאָס קינד האָבען איהרע
קרובים ביי איהר אָבגענומען און אַליין ערצויגען. אין די
יאָהרען פֿון רעאַקציע (1908—1909) האָט מערע, לעבענדיג אונ=

לעגאַל, ניִשט געקאָנט געפּוּנען פאַר זיִך קיין פּאַסענדע אַר־בייט איִן דער פּאַרטיי; זיִ פאַלט אַריין איִן אַ שרעקליִכער מרה שחורה און נעמט זיִך אַליין דאָס לעבען. מען האָט זיִ אויף איִהר פאַלשען פּאַספּאָרט צו קבורה געבראַכט. „אַ פרוי אָהן אַ מאַן, אַ מוטער אָהן אַ קינד, אַ רעוואָלוציאָנעריִן אָהן אַ רעוואָלוציע“, אַזוי האָט איינער פון איִהרע נאָהנטע איִן קורצען כאַראַקטעריִזיִרט איִהר שטיִמונג, וואָס האָט זיִ דער־פיִהרט צו זעלבסטמאָרד. איִן אמת'ן, ווי האַרט און גרויזאַם האָבען געמוזט זיין דיִ לעבענס־אומשטענדען, וואָס מערע האָט דורכגעלעבט, אַז זיי האָבען בעוויִזען אויסצושעפּען דיִ טיִפע קוואַלען לעבענס־לוסט און הייטערקייט, וואָס זענען געלעגען פערבעהאַלטען איִן דער אייביִג לאַכענדער און פרעהליִכער פרוי און זיִ דערפיִרען צו אַזאַ סוף.

דער פאָרשטעהער פון קאָמיִטעט, — דער „איִנטעליִ־גענט“ פון דער וואַרשעווער אָרגאַניִזאַציע, — איִז דאַמאָלסט געוועזען יוזעף מיִל (דזשאָן). ווייל ער האָט גוט געקאָנט דיִ פּויליִשע שפּראַך און געהאַט פערביִנדונגען איִן דער פּוי־ליִשער געזעלשאַפט, איִז ער אַראָבגעשיִקט געוואָרען פון וויל־נע אָהער צו העלפען איינפלאַנצען דעם „בונד“ אויפ'ן פּויליִ־שען באָדען. ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ „דיִפּלאָמאַט“ און איִז געווען געקליידעט מעשה־פריץ. ער האָט דאַרום ניִשט געקאָנט בעגעגנען זיִך דיִרעקט מיִט דיִ אַרבייטער. ער וואָלט אַליין דורכגעפאַלען און וואָלט דיִ לעצטע אויך „פערשאָטען“. ער פלעגט זיִך נור טרעפען מיִט דיִ מיִטגליִדער פון קאָמיִטעט און דאָס אויך זעהר פאָרזיִכטיִג. געוואוינט האָט ער אַליין אויף מאַרשאַלקאָווסקאַ איִן אַריִסטאָקראַטיִש־פּויליִשער פאַמיִליע. זיין וואוינונג פלעגען מיִר בעזוכען נור איינציִגע מענשען און דאָס אויך איִן אויסנאַמס־פאַלען. דאָס האָט אָבער אַלץ ניִשט גע־האָלפען. בעת'ן גרויסען דורכפאַל איִן יאָהר 1898, (וועגען דעם — ווייטער) האָט דיִ זשאַנדאַרמעריע אויך צו איִהם אויף דער וואוינונג געקומען, האָט איִהם אָבער איִן שטוב ניִשט גע־טראָפען. איִהם איִז געלונגען צו אנטלויפען קיין אויסלאַנד.

דאָרט איז ער אַריינגעטרעטען אין אויסלענדישען קאָמיטעט פון „בונד“, וואָס האָט זיך דאַמאָלסט געבילדעט, ווערט אויף יאָהר־לאַנג זיין „פינאַנץ־מיניסטער“ און איבערגעבענסטער מיטגליד. איצט געפינט ער זיך אין אַמעריקע און איז טעטיג אין דער יודישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך אויך דערמאָנען אַ קאָנספּיראַטיווע וואוינונג, מיט וועלכער מיר האָבען זיך צו יענער צייט בענוצט אין וואַרשע. דאָס איז געווען אין אויאַזדאָווער מיליטער־שפּיטאָל אין וואוינונג פונ'ם דאָרטיגען אָרדינאַטאָר, אַ בעקאַנטער רוסישער פּסיכיאַטאָר. ער האָט געהאַט אַ יודישע פרוי, אַ סאָצ.־דעמאָקראַטין, וועלכע האָט אונטערגעהאַלטען מיט אונז בעציהונגען. שפּעטער איז זי געווען איינע פון די אָרגאַניזאַטאָרען, לויט וועמענס איניציאַטיוו איז פאָרגעקומען אין מינסק (אין יאָהר 1898) דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָצ.־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. דאָרטען אין וואוינונג, אונטער די פליגעל פון מיליטער־דאָקטאָר, פלעגען מיר אָבהאַלטען אונזערע קאָמיטעט־זיצונגען. מען האָט דערצעהלט אַלס קוריאָז, דאָס בעת ניקאָלאַי דער צווייטער האָט בעזוכט אין יאָהר 1893 וואַרשע און איז געקומען אויך אין אויאַזדאָווער שפּיטאָל, האָבען דאָרט זיך בעת־מעשה געפונען אין אַ זייטיגען צימער פון דעם אָרדינאַטאָרס פרוי איהרע בעקאַנטע רעוואָלוציאָנערען. נישט אמת, אַ פּאַסענדע קאָמפּאַניע פאַר דעם רוסישען צאַר?!...

.4

אין וואַרשע האָב איך דאַמאָלסט (אין 1897) פערבראַכט אַ קורצע צייט. מען האָט פון בריסק פונאַנדערגעשיקט אַ צירקולאַר מיט אייניגע נעמען פון פערזאָנען, וואָס ווערען דורך דער זשאַנדאַרמעריע געזוכט. צווישען זיי בין איך אויך געווען. עטליכע מיינע שטאָט־לייט זענען טאַקע אין מיטען טאָג דאָ אַרעסטירט געוואָרען. איך האָב דאַרום בעשלאָסען אָבצופאָהרען פון דאַנען קיין ביאַליסטאָק, וואו מען האָט געקאָנט, ביי

דיִ דאַמאָלסדיִגע אומשטענדען, וואוינען נישט פערמאָלדען איִן דער פּאָליִציי.

דאָרטען האָב איִך זיִך בעקאנט גאָר מיִט נייע מענשען און נייע פאָרמען פון דער אַרבייט.

ביאַליִסטאָק האָט צו יענער פערמאגט איינִיגע טויזענט יודיִשע וועבער, וועלכע האָבען געאַרבייט איִן האַנד־פאַבריִקען און ביי פערמיִטלער (לוינקעטניִקעס). צוויִשען דיִ וועבער איִז שוין מיִט יאָהרען צוריִק פאָרגעקומען אַן׳עקאָנאָמיִשע בעוועגונג, וואָס האָט אַריינגעצויגען דיִ ברייטע אַרבייטער־מאַסע. מיִט 2 יאָהר נאָך פאַר מיין קומען אַהער (1895) איִז דאָרט פאָרגעקומען אַן׳אַלגעמיינער שטרייק פון 26 טויזענט וועבער (יודען און קריִסטען) געגען איינפיִהרען אַרבייטער־ביִכלעך. דער דאָזיִגער שטרייק איִז אויסגענוצט געוואָרען דורך דער אָרטיִגער סאָציאַל־דעמאָקראַטיִשער גרופּע (דער ביאַליִסטאָקער אַרבייטער קאָמיִטעט). שפּעטער איִז דיִ דאָזיִגע גרופּע (אויסער איינִיִגע פּערזאָנען) איִנגאַנצען אַריינגעטרעטען איִן „בונד”. דיִ אָרטיִגע אַרבייטער האָבען בענוצט כאַראַקטעריִסטיִשע טערמיִנען, וועלכע האָבען בעצייכענט דיִ שייכות צו דער בעוועגונג. אַזוי, למשל, פלעגען זיי רופען יענע, וועלכע זענען געווען איִבערגעגעבען דער אַרבייטער־זאַך „פּאַטריאָטען”, דיִ געגנער זענען געקרוינט געוואָרען מיִט׳ן נאָמען „אַנטיִסעמיִטען”.

בעזונדערס האָט זיִך מיִר געוואָרפען איִן דיִ אויגען דער נייער טיִפּ אַרבייטער, מיִט וועלכען ס׳איִז מיִר אויסגעקומען זיִך צו טרעפען. איִך דערמאָן זיִך דעם ערשטען קרייז, וואוהיִן מען האָט מיִך געשיִקט באַלד נאָך מיין אָנקומען קיין ביאַליִסטאָק. דאָס איִז געווען א פּרייטאָגס־צו־נאַכטס אויף אַן׳אויבערשטיִבעל, (אַ סאַלקע) וואו ס׳האָט געוואוינט אַ וועבערשע עלטערע פאַמיִליע, האָב איִך געטראָפען אַ פולען ציִמער, ענג בעזעצט מיִט עלטערע יודען מיִט בערד, לאַנג געקליידעט, אַלע אַזוי ניִשט עהנליִך אויף געוועהנליִכע אַרבייטער.

זיי זענען געזעסען ווער אָהן אַ היִטעל, ווער ס׳האָט געראויכערט אַ פּאַפּיִראָס, ווער ס׳האָט געלייענט אַ רוסיִשע צייִ־

טונג, אָדער אַ רוסיש בוך. לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט און איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ פרעמד אָרט; אָבער מיין בעגלייטער האָט מיך באַלד בעקאַנט געמאַכט מיט אַלע אַנוועזענדע און ס׳איז אַוועק אַ לעבהאַפטער שמועס: וועגן אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, וועגן די צילן פון „בונד“, וועגן אַלגעמיינע טעאָרעטישע פּראַגן. אייניגע האָבן אין געשפּרעך אַרויסגעוויזן אַ היבשע יודישע און אַלגעמיינע ערודיציע. איך האָב ממש מיינע אייגענע אויערן נישט געגלויבט.

ווי איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרען, איז וועבעריי דאַמאָלסט ביי יודען נישט געווען פערעכענט צו די נידריגע מלאכות, ווי אַ שטייגער, שוסטעריי און שניידעריי. מען האָט עס געהאַלטען פאַר אַ בכבוד׳יגע בעשעפטיגונג. אַ בעל־הבית׳שער איידעם, וואָס האָט געענדיגט עסען קעסט ביי שווער און שוויגער, אַ בית־המדרש לערנער, וואָס האָט געזוכט עפּיס אַ שענע מלאכה, בכלל בעלי־בת׳ישע קינדער פלעגען זיך אויסלערנען וועבעריי. צווישען מיינע צוהערער האָבען זיך טאַקע געפינען אַ געוועזענער מלמד, אַ שוחט, אַ פּאָר חסידים, וואָס פלעגען נאָך מוזען היטען „שטאַט“ און לפנים־וועגען געהן דאַווענען אין שטיבעל, סתם יידענע יונגע־לייט, וואָס האָבען זייערע יאָהרען פערבראַכט ביי דער גמרא. אָט די אַלע מענשען האָבען מיטגעבראַכט דעם פּראָלעטאַריאַט זייער אינטעליגענץ, זייער שאַרפע חקירה און התלהבות׳דיגע געפיהלען און האָבען זיך מיט׳ן גאַנצען קאָפּ און האַרץ איבערגעגעבען דער נייער סאָציאַליסטישער תורה, וועלכע זיי האָבען איצט מקבל געווען ביי זייערע וועב־שטולען.

צו דער דאָזיגער קאַטעגאָריע „בונדיסטען“ האָט געהערט מטות דער וועבער. אַ יוד פון אַ יאהר 50, מיט אַ שוואַרץ־גראָהער באָרד אין לאַנגע יודישע מלבושים, האָט ער אויסגעזעהן אַזוי משונה׳דיג צווישען אונז יונגע, „הייגטוועלטיגע“. פריהער איז ער געווען אַ שוחט אין אַ קליין שטעטעל, ער האָט אָבער זיין פּאָסטען פערלאָזען, איז געקומען קיין ביאַליסטאָק און

האָט זיך אויסגעלערנט וועבעריי. ער האָט גע׳שמ׳ט אַלס גרוי־סער למדן און פרומער יוד. די בעוועגונג האָט אויך איהם אַריינגעצויגען מיט׳ן שטראָם און דאַמאָלסט האָט ער זיך בע־קאָנט מיט די סאָציאַליסטישע אידעען. מטות איז געוואָרען אַ הייסער „בונדיסט“ מיט לייב און זעעל און האָט זיך אַקטיוו בעטייליגט אין אַלע דיסקוסיעס וועגען דער נייער טאַקטיק. זיין ווירקונג אויף דער וועבער־מאַסע איז געווען זעהר גרויס און ער האָט מיט זיך צו אונז מיטגעצויגען נאָך אַ גאַנץ גרוי־סע גרופּע עלטערע אויטאָריטעטע וועבער.

מטות האָט שוין געהאַט דערוואַקסענע קינדער. זיין זוהן, אויך אַ וועבער, האָט דוקא געהערט צו דער קליינער אָפּאָזיציע וואָס איז אין „בונד“ נישט אַריינגעטרעטען, זיין טאָכטער, אַ שניידערין איז געווען אַ מיטגלידערין פון „בונד“. אין שטוב, ביים טיש, פלעגט אָפט פאָרקומען הייסע וכוחים און רייסעניש צווישען פאָטער און זוהן אויפ׳ן פּאַרטיי־באָדען, אין וועלכע עס פלעגט זיך אויך אַריינמישען די טאָכטער. אַ בעזונדער שטעלונג צו דעם אַלעם פלעגט פערנעמען די בעל־הבית׳טע,—מטות׳עס פרוי. זי האָט אויף זיי אַלע געקוקט ווי אויף משוגעים, אין וועמען אַ קליפּה האָט זיך אַריינגעכאַפּט און פלעגט פערגיסען ביטערע טרערען אויפ ן אומגליק, וואָס איהר האָט געטראָפען.

נאָכ׳ן ערשטען אַרעסט צווישען די יודישע וועבער (צו־ליב דעם דערמאָנטען שטרייק) איז געפאַלען אַ פּחד אויף אַלע וויַבער, וועמענס מענער האָבען געהאַט אַ שייכות צו דער בע־וועגונג. בעזונדערס דערשלאָגען איז געווען מטות׳ס ווייב. זי פלעגט איהם שטענדיג מוסר׳ן פאַר זיין אויפיהרונג, וואָס וועט איהם נאָך אין טורמע אַריינברענגען. אין דעם פּרט פלעגט זי תמיד ווע־רען אונטערגעהאַלטען פון זוהן, וועלכער האָט אויך נישט שטאַרק געהאַלטען פון „מאַסען־אַרבייט“ און פלעגט האָבען טענות צום פאָטער, „אַז ער פיהרט זיך אויף ווי אַ קליין קינד“. סוף כּל סוף האָט מטות געמוזט גיך פערלאָזען ביאַליסטאָק און עמיג־רירען קיין אַמעריקא.

דאָרט האָב איך זיך אויך בעקאָנט מיט דער דאַמאָלסט אַזוי

בערימט-געוואָרענע ווילנער אַגיטאַטאָרין שיינע רייזעל סעגאַל. זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַ נ׳אונטער-שמש ערגעץ אין אַ ווילנער קלויזעל. אַ קליינע, אַ דיקע, מיט רויטע פרישע באַקען און העל-גראָהע אויגען, פלעגט פון איהר שפריצען מיט ענערגיע, פלעגט זי שיטען מיט פייער און פערקלינגען מיט איהר געזונטער, כמעט מאַנסבילשער שטים. אין פריוואַט-לעבען איז זי געווען אַ גוטמוטיגע, אַ פרעהליכע און אַ ביסעל סענטימענטאַל. פלעגט זי אָבער אַרויסטרעטען אויף אַ פערזאַמלונג, פלעגט מען זי ממש נישט דערקענען. מיט איהר נישט געבויגענער פעסטקייט פלעגט זי נאָך זיך קאָנען פיהרען די מאַסען, וואוהין נור זי פלעגט זיי רופען.

זי איז דאָס געווען די הויפטרעדנערין, בעת דעם גרויסען וועבער-שטרייק. די גאַנצע וועבער-מאַסע, יודען און קריסטען, פלעגט זיך פערקלויבען אין שטאָטישען וואַלד, יענע פלעגען שיינע רייזלען אַרויפשטעלען אויף אַ הויכען בוים און זי פלעגט האַלטען אין יודיש און רוסיש פייערדיגע רעדעס, וואָס פלעגט דעם עולם אויפלאַקערן. אַז מען פלעגט דאַרפען צוקומען צו אַ געשלאָסענער פאַבריק, וואו די אַרבייטער פלעגען קיינעם צו זיך נישט צולאָזען, פלעגט שיינע רייזעל צוגעהן צום טיער, אָנקלינגען, אַרויסרופען צו זיך וועמען דאָס איז פון די אַרבייטער און זי פלעגט שוין די פאַבריק געווינען אויף איהר זייט.

שיינע רייזעל האָט פערמאָגט אַ נשמה, געוועבט פון קאָנטראַסטען. איהר האָט שטאַרק געצויגען צו דער אינטעליגענץ, צו לערנען און שטודירען. איין צייט האָט זי נאָך געאַרבייט אין לאָדן; זי פיהלט זיך שוין אָבער נישט צופרידען פון דער אַרבייט. זי פאָהרט אָב אין אויסלאַנד, וואו זי אַרבייט שניידעריי און חלומט וועגען שטודירען. די אונצופרידענהייט מיט׳ן לעבען שטייגערט ביי איהר מיט יעדען יאָהר; זי ווערט געפלאָגט פון אַ שטאַרקער מעלאַנכאָליע אין פאַריז נעמט זיך סוף כל סוף דאָס לעבען, אַרויסוואַרפענדיג זיך פון אַ הויכען פענסטער.

אַ גרויסען איינפלוס אויף שיינע רייזלען בכלל און אויף

איִהר ווייטערדיִגער מיִסטיִש־מעלאַנכאָליִשער שטיִמונג בעזונדערס־
האָט געהאַט ראָזע ג. פון וויִטעבסק. דאָס איִז געווען אַנ'עק־
זאַלטיִרט מיידעל מיִט אַ שטאַרקער נטיה צו מיִסטיִציִזם. שוין
איִן איִהרע יונגע יאָהרען האָט זיִ איִבערגעשראָקען איִהרע
עלטערען מיִט איִהר משונה'דיִגער אויפיִהרונג. אַליין אַ טאָכ־
טער פון רייכע עלטערען, האָט זיִ בעשלאָסען איִן אָנפאַנג
90־סטע יאָהרען צוזאַמען מיִט אַ קרייז „צו פערשפרייטען ביִל־
דונג" צוויִשען פאָלק. זיִ פלעגט זיִך איִבערטון אַלס אַ פער־
קויפעריִן פון ביִכער איִן אַ גרויסער פאַטשיילע, אָריִם גע־
קליידעט, פלעגט אַרומגעהן איִן יודיִשען קוואַרטאַל איִבער דיִ
הייזער און פאָרלעגען ביִכער צו לעזען. איינמאָל האָט איִהר
דערקאָנט אַ העגדלערקע, וואָס פלעגט אַריינגעהן צו זיי איִן
שטוב, האָט וועגען דעם גלייך צו וויִסען געטון דיִ עלטערען.
יענע זענען געווען זיִכער, דאָס זייער טאָכטער איִז ניִשט ביים
קלאָרען זיִן און האָבען זיִ גענומען אונטער אַ שטרענגער
השגחה.

דיִ נייע יודיִש־סאָציאַליִסטיִשע איִדעען האָבען זיִך פער־
קליִבען אויך קיין וויִטעבסק און דער גאַנצער קרייז, איִן וועל־
כען ס'האָט זיִך געפונען ראָזע און איִהר שוועסטער ליִזע האָט
זיִך ערקלערט פאַר אַ סאָציאַליִסטישען. איִהר שוועסטער ליִזע
האָט יאָהרען לאַנג געאַרבייט איִן דער געהיימער דרוקעריי,
פון דער „אַרבייִטער־שטיִמע" און איִן דער איִבעריִגער „טעכניִק".

ראָזע איִז געקומען קיין ביאַליִסטאָק, האָט זיִך אויסגע־
לערנט איִן אַ וועבער־פאַבריִק נופען און האָט אָנגעהויבען לע־
בען ווי אַ פשוטע אַרבייטעריִן. מיִט איִהר איִדעאַליִזם און
התלהבות האָט זיִ געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דיִ אַרביי־
טער, בעזונדערס אויף דיִ יונגע מיידלעך איִן דער בעוועגונג. זיִ
האָט אויך פערמאָגט אַ שענע פעדער, וועלכע פלעגט איִן איִ־
דעאַליִסטיִש־ראָמאַנטיִשע פאַרבען מאָלען דיִ שענע זייטען פון
דער בעוועגונג. זיִ האָט מעהר געהאַלטען פון לאַסאַל'ס איִדע־
אַליִזם, איידער פון מאַרקס טרוקענער וויִסענשאַפט. איִן איִהר אַגיִ־
טאַציע פלעגט זיִ טאַקע שטענדיִג רופען צו ווערען „מענשען־מלאכים".

אויפ'ן ערשטען צוזאַמענפאָר פון „בונד", איז זי פון ביאַליסטאָק געשיקט געוואָרען אַלס דעלעגאַטין. כאַראַקטעריסטיש פאַר איהר איז געווען דער פאָרשלאַג, וואָס זי האָט דאָרט געמאַכט (בעת ס'איז נאָך כמעט נישט געווען קיין שום פּאָפּולערע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף יודיש) מען זאָל באַלד אַרויסגעבען פאַר די יודישע אַרבייטער ענגעלס בוך וועגען פייערבאַך'ס פילאָזאָפיע. זי האָט אויך אָנגעשריבען פאַר ביאַליסטאָק און נאָך דעם אין לאָדז איינינגע בלעטלאַך-פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע געפינען זיך נאָך אין זשענעווער אַרכיוו פון „בונד".

מיט איינינגע יאָהר שפּעטער איז זי אָבגעפאָהרען קיין אויסלאַנד, דאָרט איז זי געוואָרען אַ הייסע ציוניסטקע און חלומט שוין די גאַנצע צייט וועגען בעזעצען זיך אין ארץ-ישראל. אין ציוניזם האָט איהר מעטאפיזישע נאַטור געפונען אַ גרעסערע ברייטקייט ווי אין סאָציאַליזם און זי איז געוואָרען אַ פערביסענע געגנערין פון „בונד".

קורץ פאַר דער מלחמה איז מיר אויסגעקומען צו טרעפען זיך מיט איהר אין דער שווייץ. איהר מיסטיציזם האָט פאַר דער צייט הויך געשטייגערט. זי בענשט אַלע פרייטאָגס-צונאַכטס ליכט, פאַסט יום-כפור און פיהרט-אויס אַ סך ריטועלע דינים,—נישט צוליב פרומקייט, ווי זי האָט מיר ערקלערט, נור ווייל זי וויל זיין ענג צונויפגעבונדען מיט'ן יודישען פאָלק. וועגען איהר טעטיגקייט אין „בונד" זענען ביי איהר פערבליבען די שענסטע ערינערונגען. זי האָט זעהר שטאַרק געבעטען איהר ווייזען די אָריגינאַלען פון איהרע פראָקלאַמאַציעס, וואָס זי האָט אַ מאָל געשריבען. זי האָט זיך מיר אויך מודה געווען, אַז דאָס בעת זי האָט געזעהן אַנ'אַפּיש וועגען אַ 15-יאָהריגען יובילעום פון „בונד", וואָס ווערט געפייערט אין איהר „קאָלאָניע", האָט איהר אַ שטאַרקען ציה-געטון אַהין, זי האָט זיך געוואָלט פערדעקען מיט אַ טוך (ווייל מען האָט זי גוט געקאָנט) און בייוואוינען דעם יום טוב פון דער פאַרטיי, וואו זי האָט דורכגעלעבט די בעסטע מאָמענטען פון

איהר לעבען, וואו זי האָט געוועבט איהרע שענסטע חלומות...

איך קאָן נישט פערענדיגען דעם דאָזיגען קאַפּיטעל און נישט דערמאָנען איינע פון די צאַרטסטע און איבערגעגעבענסטע אַרבייטערינס, — גיסע אַפּנער.

איהר פאָטער איז געווען אַנ'אָרימער מלמד און ער מיט זיין פרוי האָבען שטאַרק ליב געהאַט זייער בת־יחידה. אַ ציטעריג, איידעל מיידעל מיט פער'חלומ'טע הימעל־בלאָהע אויגען, האָט גיסע אַרויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען. די עלטערען פלעגען זי נישט אָבלאָזען פון זיך אין אַ ליידיגער צייט און דער פאָטער פלעגט מיט איהר, ווי מיט אַ יונגעל, לערנען חומש און אַנדערע ספרים. גיסע אָבער, (זי איז געווען אַ שניידערקע) האָט זיך בעקאָנט גאָר מיט נייע ספרים, וועלכע האָבען פערצויבערט איהר יונג און טרוימעריש וועזען. זי האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין דער בעוועגונג צו 18—17 יאָהר. צייכענט זיך אויס אויף פערזאַמלונגען מיט איהר שען רעדען און ערנסטע בעציהונג, זי ווערט קאָאָפּטירט אין „קאָמיטעט“ און אַרבייט זעהר ענערגיש.

שפּעטער פאָרט, זי איבער קיין וואַרשע, וואו זי פערנעמט אַנ'אָנגעזעהענעם אָרט אין דער אָרגאַניזאַציע. גיסע'ן אָבער ציהט צו עפּעס אַנדערש; איהר מסירת־נפש'דיגע נאַטור זוכט מעהר ריזיקאַלע אַרבייט. זי ברענגט אַ קרבן איהרע פריינד און נאָנטע, צו וועלכע זי איז געווען אַזוי צוגעבונדען מיט איהר צערטליכער נשמה, בעגראָבט זיך פרייוויליג אונטער ערד און אַרבייט שוין די גאַנצע צייט ביז נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 אין די געהיימע דרוקערייען פון „בונד“, פריהער אין ווילנע, דווינסק, נאָכדעם אין וואַרשע און דרום־רוסלאַנד. אונזער „העסע העלפמאַן“, אַזוי פלעגט מען זי רופען אין די נאָנטע פאַרטיי־קרייזען.

אין די יאָהרען 1908—1902 קומט זי מיט איהר מאַן (מיט וועלכען זי האָט חתונה געהאַט, אַרבייטענדיג צוזאַמען אין דרוקעריי) און אַ קינד קיין ווילנע; זי קאָן זיך שוין נישט צופּאַסען צו די נייע בעדינגונגען און פאָרט איבער קיין

אַמעריקע, דאָרט אַרבייט זי אַ לענגערע צייט אין דער יודישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. זי ווערט אָבער קראַנק אויף אַנ׳אונאויסהיילבאַרער קרענק, ליגט אַ לענגערע צייט אין שפּיטאָל און פיהלענדיג, אַז זי וועט שוין נישט געזונט ווערען און וועט נור פאַלען צו לאַסט דער געזעלשאַפט, בעשליסט זי זיך, אַ מוטער פון 3 קינדער צו נעמען דאָס לעבען און פערסמ׳ט זיך, דעם 23. אַפּריל פון יאָהר 1920 מיט גאַז. אַזוי האָט זי אויסגעהויכט שטיל איהר נשמה, ווי העלדיש שטיל זי האָט אָבגעלעבט איהר קורץ, שען לעבען.

דער גרויסער ארעסט.

אין אָקטאָבער מאָנאַט 1897 זענען זיך צונויפגעפאָרען קיין ווילנע אַ צעהנדלינג יונגע יודישע אַרבייטער און אינטעליגענטען פון אייניגע שטעט אין ליטע און פוילען און האָבען דאָרט געהיים, ערגעץ אויף אַן׳אויבערשטיבעל אין עק שטאָט, בעשלאָסען צו גרינדען דעם אַלגעמיינעם יודישען אַרבייטער־בונד אין ליטע און פוילען.

דוכט זיך, אַ קלייניגקייט. וואָס פאַר אַ ממשות קאָן האָבען דער דאָזיגער בעשלוס פון אַזאַ קליינער, אונבעדייטענדער גרופּע? מיט וואָס קאָן דאָס די נייע געגרינדעטע „זשידאָווסקע" חברה זיין געפערליך פאַר דעם מעכטיגען, אייזערנעם צאַרישען רעזשים? צי קאָן מען זי גאָר ערנסט נעמען אין בעטראַכט און זיך מיט איהר אָבגעגעבען?

דער אַלמעכטיגער פּאָליטישער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט פון יענער צייט איז אָבער געווען אַן׳אַנדער מיינונג וועגען דער נייער אָרגאַניזאַציע. זי האָט ביי איהם גלייך אַרויסגערופען גרויס אונרו, מען האָט זיך מיט׳ן „בונד" דאָרטען ספּעציעל אָנגעהויבען צו אינטערעסירען און מען האָט אָנגעהויבען זוכען מיטלען, ווי פון איהם פּטור ווערען. שפּעטער צו, ווי די דרוקעריי פון „בונד" האָט אָנגעהויבען פּעריאָדיש צו דרוקען דעם אָרגאַן פון „בונד" — „די אַרבייטער שטימע" און זי רעגעלמעסיג פאַנאַנדערשיקען אין אַלע גרויסע יודישע שטעט און שטעטלאַך. ווען די אָרגאַניזאַציעס האָבען זיך פאַרנאַנדערגעצווייגט און די נייע בעוועגונג האָט זיך געלאָזט שטאַרק פיהלען אומעטום, האָט מען אין פּעטערבורג זיך גענומען צו דער זאַך גאַנץ ערנסט.

דעם בעגאַבטען יונגען זשאַנדאַרם־פּראָוואָקאַטאָר זובאַ־טאָוו פון מאָסקווע האָט מען בעאויפטראַגט אויסצושפּירען דעם „בונד" אין גאַנצען תחום, אויסגעפינען אַלע זיינע אינסטיטו־ציעס, און איהם אינגאַנצען ליקווידירען.

ווי גרויס ס'איז געווען דער אינטערעס אין די הויכע ספערען צו דער טעטיגקייט פון „בונד", קאָן מען זעהן פון די געהיימע ראַפּאָרטען, וואָס בורצעוו האָט שפּעטער פער־עפענטליכט. דער דירעקטאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט געהאַלטען פאַר זיין חוב דעם צאַר און זעלבסטהערשער פון רוסלאַנד צו אינפאָרמירען, ווי ס'האַלט מיט דער אויס־שפּירונג פון דער בונדישער דרוקעריי.

אויף איינעם פון די ראַפּאָרטען, וואו ס'האָט זיך דער צעהלט, דאָס מען איז שוין געפאַלען אויפ'ן שפּור פון דער אַזוי לאַנג געזוכטער דרוקעריי, האָט דער אַלרוסישער חכם ני־קאָליי דער צווייטער בעוויליגט מיט זיין אייגענער האַנד צו צושרייבען: „זעהר וואויל".

זובאַטאָוו האָט זיך טאַקע גענומען פאַר זיין אַרבייט מיט גרויס פלייס. ער האָט בעקומען אין זיין רשות אַ גאַנצע חברה „פליהענדע" מיטאַרבייטער, אויסגעדרעסירטע, איינגעאיבטע און „אינטעליגענטע" יונגען, וועלכע האָבען דורכגעמאַכט ביי דעם בעגאַבטען שפּיאָן־מייסטער די לעהרע פון שפּיאָנאַזש. זייער סיסטעם איז געווען אַזאַ: קומענדיג אויף אַ שפּור פון אַ פער־דעכטיגען „בונדיסט", שוין פון איהם נישט אָבטרעטען, איהם נאָכקוקען, נאָכפאָרשען זיינע בעקאַנטע און איהם נאָכפאָרען. אויף אַזאַ אופן, האָט זובאַטאָוו געגלויבט, וועט זיך איהם איינ־געבען בעקומען די פערבינדונג מיט די פערשידענע שטעט, אויפדעקען די אַרומפאָרענדע פערזאָנען, פעסטשטעלען די פערזענליכקייט פון די אָרטיגע טוער און... מיט איין קלאַפּ מאַכען אַ סוף מיט'ן „בונד". דער אָרטיגער זשאַנדאַרמען־פער־וואַלטונג האָט זובאַטאָוו בכלל נישט געטרויט, ער און זיינע יונגען האָבען פון זיי די גאַנצע מעשה בסוד געהאַלטען, און

דעם גאַנצען כבוד און פערדינסט פאַר אַזאַ אויפטו האָט ער געלאָזען אויסשליסליך פאַר זיך.

פערמאָסטען איז דאָס געווען גאַנץ ברייט, בעטראַכט זעהר קלוג און דער פלאַן האָט זיך איהם טאַקע טיילוויז איינגעגעבען.

דער פערמיטלער צווישען צענטראַלען קאָמיטעט, וואָס האָט דאַמאָלסט געהאַט זיין זיץ־אָרט אין מינסק, און די גרויסע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך דער טראַנספּאָרט־פירער פון דער „שטימע" און איבריגע אויסגאַבען איז געווען ב. באַרניעוואור, —„דער סוחר", אָדער „דער גרויטער", ווי מען האָט איהם דאַמאָלסט גערופען, ער איז טאַקע געווען ווירקליך אַ סוחר, וואָס פלעגט אָרומפאָרען אין די אָנגעלעגענהייטען פון דער האַנדעלס־פירמע אויף דער שטרעקע ווילנע—לאָדז און פלעגט שוין אין דערזעלבער צייט בעזאָרגען אַלע פאַרטיי־פערמיטלונגס־ענינים.

איבערשרייבען זיך מיט'ן צ. ק. פלעגט מען נור אין אויסנאַמס־פאַלען, דורך אַ צייטונג, וואו ס'פלעגט אָנגעצייכענט ווערען מיט קליינע, פאַר אַ פרעמדען אונבעמערקבאַרע פינטעלעך די אותיות, וועלכע פלעגען איצט דאַרפען ווערען פאַרנאַנדערשיפּרירט דורך אַ בעזונדער אָבגערעדטען שליסעל, פערשטעהט זיך, אַז פיל איבערשרייבען זיך אויף אזא אופן האָט מען נישט געקאָנט, און אומעטום פלעגט „דער גרויסער" ערוואַרט ווערען מיט גרויס אונגעדולד. ער פלעגט פאַקטיש פערבונדען אין זיין פערזאָן די פאַרטיי, פלעגט בעקאַנען מיט אַלע פאַרטיי־נייעסען און פלעגט אויך מיט זיך ברענגען די נייע „ליטעראַטור".

איהם אויסצושפירען איז פאַר זובאַטאָוו'ס יונגען נישט געווען קיין לייכטע זאַך. זיין גאַנצער אויסזעהן און הילוך איז געווען זעהר ווייט פון פערדעכטיג זיין. הויך, דיק און סוחר'ישרייך געקליידעט, תמיד געפאָרען אין ערשטען אָדער צווייטען קלאַס, פּאָרזיכטיג און קאָנספּיראַטיוו, האָט ער נישט געצויגען אויפ'ן וועג קיין שום חשד אויף זיך. דערצו איז ער געווען געגוג פלינק און רירעוודיג זיך אויסצודרעהען פון אנ־

„עין־הרע“, אויב ער פֿלעגט דאָס אַמאָל כאַפּען אויפ׳ן וועג.

בעת מען האָט איהם אַרעסטירט און געבראַכט קיין מאָסקווע, האָט זובאַטאָוו געאײלט באַלד מיט איהם זיך צו בעקענען און האָט איהם מודה געווען, דאָס די חברה שפּיאָנען האָט געהאַט פֿון איהם צו זינגען און צו זאָגען, האָט איהם נישט איינמאָל פֿערלאָרען. פֿלעגט קומען אויף זיין שפּור און ער פֿלעגט דאָס ווייטער פֿערטרייבען.

„פֿערקיהלט“, ווי מען האָט דאָס אויפ׳ן קאָנספּיראַטיווען לשון גערופֿען, האָט ער זיך איינמאָל ערגעץ אין מינסק, וואו געניטע שפּיאָנען האָבען שוין אַ געדיכטע נעץ אויסגעוועבט אַרום די דאָרטיגע צענטראַלע טוער. דאָס מאָל האָט איהם שוין קיין זאַך נישט געהאָלפֿען. ער האָט זיך שוין פֿון זייגע קוקער אויסדרעהען נישט געקאָנט. זיי זענען איהם נאָכגעפֿאָרען, נאָכגעגאַנגען אויף יעדען טריט און שריט, ווי עכטע שפּיר־הינד און האָבען דורך איהם זיך אויך בעקאָנט מיט די פּערזאָנען, מיט וועלכע ער פֿלעגט קומען אין פֿערבינדונג אין פֿערשידענע שטעט.

אַזוי זענען זיי אויך פֿערבלאָנדזשעט קיין באָברויסק, וואו ס׳האָט זיך געפֿונען די צענטראַלע דרוקעריי. זובאַטאָוו איז געווען אויפ׳ן זיבענטען הימעל פֿון שמחה. ער האָט שוין בײַ זיך אין האַנד אַלע „בונדישע“ קאָמיטעטען, דעם צענטער און די דרוקעריי. און אין אַ הייסע זומערנאַכט — פֿון 25 אויפ׳ן 26־טען יולי 1898 — זענען לויט זובאַטאָוו׳ס בעפֿעהל פֿאָרגעקומען מאַסען־אַרעסטען אין מינסק, ווילנע, ביאַליסטאָק, וואַרשע און לאָדז. דערבײַ איז אויך אין באָברויסק פֿערכאַפּט געוואָרען די דרוקעריי מיט׳ן גאַנצען פּערסאָנאַל און ס׳איז פֿערנומען געוואָרען דער נומער 9–10 „אַרבייטער שטימע“, וואָס איז נור וואָס אָבגעדרוקט געוואָרען*).

*) דער גאַנצער קאָמפּלעט עקזעמפּלאַרען פֿון דעם דאָזיגען נומער איז אַרעסטירט געוואָרען, נור מיט פֿיל יאָהרען שפּעטער האָט זיך אײַנגעגעבען צו בעקומען פֿאַר דעם זשענעווער אַרכיוו פֿון „בונד“ איין עקזעמפּלאַר דורך דעם אַנטלאָפֿענעם בעאַמטען פֿון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט לעאָניד מענשטשיקאָוו.

עס זענען אויך ארעסטירט געוואָרען אַלע מיטגלידער פון צ. ק., וואָס האָבען זיך געפונען אין מינסק. „אלעקסאנדר" (אַרקאַדי קרעמער), איז אַרעסטירט געוואָרען אין בריאַנסק, די ח'טע „שפרה" פון דער דרוקעריי איז אַרעסטירט געוואָרען אין וועג—אין גראָדנע, דערביי זענען פאָרגעקומען געגוג קוריאָזען. די שפּיאָנען, נאָכפאָרענדיג נאָך באַנעוואורען האָבען פערצייכענט אַלע פּערזאָנען, מיט וועמען ער פּלעגט זיך טרעפען אין פערשידענע שטעט הויפּטזעכליך פון דער אינטעליגענץ און אַזוי ווי ער פלעגט זיך בעגעגנען נישט נור מיט „בונדיסטען", האָט מען אין מאָסקווע אָנגעשלעפּט אַלס געפערליכע „בונדיסטען" און „בונדיסטקעס" אויך זעהר פיל פערזאָנען, וואָס האָבען צום „בונד" קיין שום שייכות נישט געהאַט און זענען געווען בכלל ווייט פון יעדער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט.

דער קלאַפּ, וואָס דער „בונד" האָט בעקומען דורך דעם דאָזיגען אָנפאַל, איז טאַקע געווען זעהר אַ שטאַרקער. אָנפאַנגס זענען מיר אַלע פון איהם ווי פערפלעפט געוואָרען און נישט געוואוסט, וואָס מען הויבט ערשט אָן צו טון. די צענטראַלע פיהרער זענען נישטאָ, קיין דרוקעריי האָבען מיר נישט און מען מוז ענטשוויגען ווערען. דער עיקר איז געגאַנגען אין דער דרוקעריי. דאָס איז געווען פאַר אונז ווי אַ פאָהן פאַר אַ מחנה אין שלאַכט. אָהן אַ דרוקעריי וועלען מיר אויפהערען צו זיין אַ פאַרטיי, וועלען מיר ווערען שטום, וועט נישט זיין קיין „בונד".

צום גליק, האָט זובאַטאָוו'ס חברה אָבגעהאַקט ביי אונז נור די שפּיצען, צוגענומען אין די שטעט די איינציגע פיהרער, מעהרסטענטיילס די יעניגע, וועלכע פלעגען שטעהן אין שטענדיגער פערבינדונג מיט'ן „גרויסען". די אָרגאַניזאַציעס גופא, די קאָמיטעטס-מיטגלידער אפילו זענען נישט גערירט געוואָרען.

אין אַנדערע שטעט, ווי ביאַליסטאָק צב"ש האָבען מיר, די בונדישע אָרגאַניזאַציע, גאָר נישט געליטען פון אַרעסט

און דורכגעפֿאַלן איז גאָר דורך אַ צופֿאַל אַן׳אַנדער אָרגאַניזאַציע.

באַלד נאָכ׳ן ערשטען צוזאַמענפֿאָר, ווען דער ביאַליסטאָקער „אַרבייטער־קאָמיטעט" (אַזאַ נאָמען האָט דאָרט דער קאָמיטעט געטראָגען) האָט זיך אָנגעשלאָסען אין „בונד". האָבען דאָרט אייניגע מיטגלידער זיינע, וועלכע האָבען נישט אָנערקענט די נויטיגקייט פֿון אַ בעזונדער יודישער סאָצ. דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, זיך אָבגעטיילט און געבילדעט אַ בעזונדער גרופּע „אַרבייטער־פֿאָהן". די דאָזיגע גרופּע האָט נישט געהאַט קיין קלאָרען אויסגעשפּראָכענעם פּראָגראַם און טאַקטיק, זי האָט זיך סעפּאַרירט פֿון די איבריגע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און האָט געטראָגען אויף זיך נאָך די סמנים פֿון דעם פֿערגאַנגענעם פּראָפּאַגאַנדע־קרייזעל־פּעריאָד. אין ביאַליסטאָק און גראָדנע איז זי געשטאַנען אין ענגען קאָנטאַקט מיט די פּ. פּ. ס. אָבער אָנגעשלאָסען אָן דער פּאַרטיי האָט זי זיך נישט. אייניגע פֿון זיי (מ. לוריע, פרידמאַן און אַנד.) האָבען דאַמאָלס געוואוינט אין ביאַליסטאָק און האָבען דאָרט געהאַט אַ אייגען קליין דרוקעל. דער „גרויסער" האָט זיך מיט זיי געקאָנט פֿון ווילנע און ביי זיין קומען קיין ביאַליסטאָק פֿלעגט ער זיך מיט זיי בעגעגענען. אַזוי האָבען די שפּיאָנען זייער גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט געלעגט אויף יענער גרופּע, און האָבען אין גאַנצען אַרויסגעלאָזען פֿון אויג די טוער פֿון „בונד". בעת דעם גרויסען בונדישען אַרעסט זענען טאַקע אַרעסטירט געוואָרען אַלע מיטגלידער פֿון דער דערמאָנטער גרופּע צוזאַמען מיט זייער דרוקעריי, אָבער ס׳האָט נישט בערירט קיינעם פֿון „בונד".

אין ביאַליסטאָק האָט זיך דאַמאָלסט נאָר וואָס פֿערענדיגט דער גרויסער שטרייק פֿון 10 טויזענד וועבער, אין וועלכען אונזער אָרגאַניזאַציע האָט גענומען אַ טיכטיגען און ענערגישען אָנטייל.

ס׳איז נויטיג געווען צו בעלויכטען דעם אָבגעהאַלטענעם זיג, פֿערפֿעסטיגען אונזער ווירקונג אויף די וועבער, וואָס

מיר האָבען דורכ׳ן שטרייק געוואונען און פּאָליטיש אויפגעקלע=רען די שטרייקענדע מאַסען. מיר האָבען געמוזט האָבען אַ בלעטעל. איך בין אַוועקגעפאָרען קיין ווילנע זיך זעהען מיט „טאַראַסען״. ער איז פריהער נאָך פאַר׳ן אַרעסט געווען דער „אַגענט״ פון צ. ק. פאַר ווילנע און האָט זיך אויך בעשעפ=טיגט מיט דער „טעכניק״. אין איילעניש האָט מען צונויפגע=געשלעפּט אַ ביסעל שריפט קיין שניפּעשאָק ערגעץ אין אַ סאָל=קע, אַוועקגעשטעלט אַ פּראָוויזאָריש דרוקעל און אָבגעדרוקט דעם אויפרוף צו די ביאַליסטאָקער וועבער, מיט דעם אונטער=שריפט געדרוקט: „אין דער דרוקעריי פון „בונד״.

דאָס איז געווען איינגאַנצען אַ 2—3 וואָכען נאָכ׳ן גרוי=סען אַרעסט. דאָס ערשיינען פון בלעטעל האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופען אַ גרויסע איבעראַשונג, „שוין אַ נייע דרוקעריי״ האָבען ביי די אַרבייטער די אויגען געשטראַלט פון שמחה. אויך די זשאַנדאַרמען ווי די אָרטיגע, אַזוי אין מאָסקווע זע=נען געקומען פון דעם אין שרעקליכער פערלעגענהייט. הייסט דאָס — נישט איינגאַנצען אויסגערייניגט דעם „בונד״, נישט ליקווידירט און די מעשה וועט זיך אָנהויבען ווידער פון דאָס ניי.

חברים, וועלכע זענען דעמאָלסט אַרעסטירט געווען האָ=בען מיר דערצעהלט, דאָס זובאַטאָוו איז געווען זעהר איבע=ראַ ט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון דעם בלעטעל, און האָט זיי געזאָגט, דאָס איצט פערשטעהט ער, אַז דער „בונד״ לאָזט זיך שוין נישט אַזוי לייכט אָב׳פּטר׳ען, ווי אַנדערע רע=וואָלוציאָנערע גרופּעס און איהם מוז מען בעקעמפּפען מיט גאָר אַנדערע מיטלען. וואָס פאַר אַ מיטלען דאָס זענען געווען האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען אין דער טעטיגקייט פון דער אַזוי=גערופענער „אונאַבהענגיגער פּאַרטיי״, וואָס איז בעשטאַנען פון אַרבייטער און אינטעליגענטען, וואָס האָבען זיך געלאָזט פער=פיהרען פון זובאַטאָוו׳ן און האָבען געבילדעט מיט זיין הילף און שטיצע אַ פּאַרטיי אויף צו פיהרען דעם עקאָנאָמישען קאַמף מיט די בעלי=בתים און פּאָליטישען—מיט׳ן „בונד״.

מיר, פערבליבענע, אָבער האָבען זיך גענומען ענערגיש

צוריק צונויפשטעלן די צופאַלענע פערבינדונגען צווישן די שטעט. האָבן בעשלאָסן צונויפרופן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי און צוריק איינשטעלן די צענטראַלע אַרבייט. דער צוזאַמענפאָר איז ווירקליך פאָרגעקומען אויף דער בעשטימטער צייט, חוה"מ סוכות פון 1898 אין קאָוונע. זי איז געווען אַ שטילע, „רוהיגע" שטאָט פון קיין שפּיאָנאַזש האָט זי נאָך נישט געוואוסט און מיר האָבן רוהיג און גאַנץ פרייליך פערבראַכט גאַנצע דריי טעג. פאָרגעשטעלט זענען געווען אַלע גרויסע „בונדישע" שטעט צו צוויי דעלעגאַטען געשיקט פון די קאָמיטעטען, אויך איינציגע איינגעלאַדענע פערזאָנען, וועלכע האָבן געדאַרפט בייהילפיג זיין מיט ליטעראַרישער אַרבייט און אין דער טעכניק. דאָרט איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס האָט בעדאַרפט ווייטער אַרויסגעבן „די שטימע" און שטעלן זיך אין פערבינדונג מיט די ערטער. נאָך איינציגע שוועריגקייטען און אומערוואַרטעטע מניעות, האָט זיך דער נייער צ. ק. אין גיכען בעזעצט אין וואַרשע. האָט דאָ איינגעאָרדענט גרינדליך די צענטראַל־דרוקעריי און ס'איז ווידער אַוועק אַ לעבעדיגע, שטורמישע אַרבייט.

מײן פערבעהעלטעניש.

דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט בעשלאָסען צו ערקלערען די „אַרבייטער-שטימע" פאַר דעם צענטראַלען אָרגאַן פון דער פאַרטיי. דער דאָזיגער אָרגאַן אָבער פלעגט ערשיינען אונפּעריאָדיש און איז געווען אויסגערעכענט אַם מעהרסטען פאַר דעם בעוואוסטזיניגערען טייל פון די אַרביי-טער, אויף די אָרגאַניזירטע מאַסען. ער האָט דאַרום ניט געקאָנט בעפרידיגען די בעדערפעניש אין אַ פּאָפּולערען אָר-גאַן, וועלכער זאָל זיין פערשטענדליך אויך פאַר די ברייטע מאַסען, וואָס מען האָט נאָך געוואָלט איצט אַריינציהען אין שטראָם פון דער בעוועגונג.

אגב האָבען די אָרטיגע קאָמיטעטען געוואָלט האָבען זיי-ער אייגען בלאַט, וואו ס'זאָל זיך קלאָר, אין אַלע פּרטים אָבשפּיגלען די אָרטיגע בעוועגונג, וואו ס'זאָל בעלויכטען ווע-רען די אָרטיגע, אַלעמען אין שטאָט גוט בעקאַנטע ערשיי-נונגען און וואו ס'זאָל פערנאָטירט ווערען די גאַנצע אָרטיגע כראָניק, ווילנע, מינסק, וואַרשע און לאָדז האָבען איינע נאָך די אַנדערע אָנגעהויבען אַרויסגעבען אונפּעריאָדישע אָרטיגע אָרגאַנען און פריהער ווי אַלע האָט דאָס געטון ביאַליסטאָק.

דאָס איז געווען אין ווינטער 1898 גלייך נאָך דעם צווייטען צוזאַמענפאָר פון „בונד". ביאַליסטאָק איז דאַמאָלט געווען דער צענטר פון דער יודישער אַרבייטער-פאַבריק-בע-וועגונג. דער „ביאַליסטאָקער אַרבייטער-קאָמיטעט", וואָס האָט נאָך עקזיסטירט איידער דער „בונד" האָט זיך געבילדעט, איז אין זיין מערהייט צוגעשטאַנען צו דער ניי געבילדעטער-פּאַרטיי. ער האָט זיך שוין דאַמאָלסט צוגעגעבען צו זיין נאָ-

מען אויך די װערטער „סאָציאַל־דעמאָקראַטישער“, די פערהעלטניסמעסיג גרויסע יודישע װעבער־מאַסען האָבען זיך שוין בעקאָנט מיט סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע, די עלטערע, אינטעליגענטערע װעבער זענען אַריינגעטרעטען אין „בונד“ און אונזער אָרגאַניזאַציע האָט זיך שטאַרק פערגאַנדערגעװאַקסען.

מען האָט שוין נישט געקאָנט אָנפיהרען און קומען מיט דער גאַנצער בעװעגונג אין בעריהרונג פערזענליך, מינדליך — דורך אונלעגאַלע פערזאַמלונגען אין שטאָט־װאַלד. דער קאָמיטעט האָט דאַרום בעשלאָסען אַרויסצולאָזען אונפעריאָדיש אַנ׳אייגענע צייטונג — דעם „ביאַליסטאָקער־אַרבייטער“.

קיין גרויסע שװעריגקייטען ביים אויספיהרען דעם בעשלוס האָבען מיר זיך נישט פאָרגעשטעלט. שטאָף פאַר דעם נומער האָבען מיר געהאַט איבערגענוג. ס׳איז געװען אַ קאָכיגע צייט פון שטרייקען, מאַסען־בעװעגונג, געזעלשאַפטליכע קאָנפליקטען און אַרעסטען, דאָס אַלץ איז געװען נאָך ניי, פריש איבערגעלעבט און אינטערעסאַנט. ס׳האָט זיך געװאָלט אַלץ פיקסירען אויפ׳ן פאַפיר, אויסצודריקען די איבערלעבונגען קאַמפס־געפיהלען און נצחונות פאַר דער װעלט. מיט דרוק־מאַטעריאַל זענען מיר געװען בעזאָרגט.

אויך מיט׳ן דרוקען האָבען מיר זיך נישט פאָרגעשטעלט קיין גרויסע מניעות. צו יענער צייט האָבען מיר זיך שוין ערהאַלט פון דעם קלאַפּ, װאָס מיר האָבען בעקומען מיט׳ן אַרעסט פון אונזער צענטראַלער דרוקעריי אין באָברויסק. דער ניי אויסגעװעהלטער צ. ק. האָט אַװעקגעשטעלט אַ גוטע דרוקעריי אין װאַרשע, װאו ס׳האָט זיך געדרוקט די „אַרבייטער שטימע“, פערשידענע אויפרופען און דאָרטען האָבען מיר געהאַט בדעה אויך צו דרוקען דעם ערשטען נומער „ביאַליסטאָקער אַרבייטער“.

אָבער אַ מענש טראַכט און די פּאָליציי לאַכט.

אין בין שוין דאַמאָלסט געװען אונלעגאַל. אין ביאַליסטאָק האָב איך דאַרום געמוזט װאוינען נישט איינגעמאָלדען און קאָנספּיראַטיװ, מיין דירה איז טאַקע געװען לויט דאַמאָלס־

דיגע פאַרשטעלונגען אַ העכסט „קאָנספּיראַטיווע". אין אַ פאַר־וואָרפען קריסטליך געסעל, ווייט פון יודישען אַרבייטער־צענטר אין אַ בעזונדער סאַלקע אויפ'ן צווייטען שטאָק, מיט אַ בעזונ־דער אַריינגאַנג. געדונגען די וואוינונג האָבען צוויי שניידער־קעס, וואו זיי האָבען פערלעגט אַנ'עבטען שניידער־וואַרשטאַט מיט נעה־מאַשינען, פלעגען אָנעמען בעשטעלונגען, פערפערטיגען אַרבייט און די גאַנצע זאַך האָט געהאַט אַ כשר'ען אויסזעהען.

אויף יעדען פאַל, טאָמער וועלען מיר נישט קאָנען דרוי־קען אונזער צייטונג אין וואַרשע, האָבען מיר געקליבען, טאָ־קע ביי מיר אין וואוינונג, יודישע שריפט און האָבען בעשלאָ־סען אַוועקשטעלען אַנ'אייגענע זעצעריי. יעדער „נאָנטער" זעצער פלעגט דאַרפען אַלע אָווענד ברענגען מיט זיך אין די קעשענע אַ ביסעל שריפט, ביז וואַנען ס'האָט זיך אָנגעקליבען אויף אַ גאַנצען עמוד.

דער 1־טער נומער איז שוין געווען אין גאַנצען פאַר־טיג. דער לייט־אַרטיקעל, נאָטיצען, כראָניק, אַפילו די בעלע־טריסטיק זענען אַלע געשריבען אויף אָרטיגע טעמעס, אויף זיי אַלע איז געלעגען דער פרישער קאָליר פון פּראָווינציעלען לעבען. אַ גאַנץ פעקעל בויגעלאַך פּאָסט־פּאַפּיר פערשריבען מיט מיין האַנדשריפט (איך בין דאָס געווען דער מחבר פון גאַנ־צען נומער) איז שוין געלעגען פאַרטיג צום דרוק אין מיין טיש־קעסטעל. און דער נומער וואָלט טאַקע אויך גיך ערשינען, ווען נישט... אַ מיאוסער דורכפאַל.

צו יענער צייט, איז אַ מענשען אין דער אַרבייט אויס־געקומען צו טון ממש אַלץ. וועגען אַ דיפערענציאַציע, ווע־גען אויסטיילען מענשען פאַר בעזונדערע פונקציעס האָט מען נאָך אפילו חלומ'ען נישט געקאָנט. אויך איך האָב געמוזט אויספיהלען אַלע „קאָנספּיראַטיווע" מלאכות און דערצו נאָך בעטייליגען זיך אין דער גאַנצער מאַסען־און אָרגאַניזאַציע־אַר־בייט. אין אָוועגד פלעג איך פון מיין „קאָנספּיראַטיווער" וואוינונג זיך אַוועקלאָזען אין די אַרבייט־געסלאַך אויף אַ וועבער־פערזאַמלונג, איך פלעג בעזוכען די „אוטשרעזשדעני'ע"

(אַזוי האָט מען דאַמאָלסט אין ביאַליסטאָק גערופּען דעם ברייטערען פּאָליטישען קאָלעקטיוו) און פלעג נישט פערבײלאָזען אויך די „צענטראַל־סקאָדקע" (דאָס, וואָס מען רופט איצט צענטראַל־ביוראָ פון פּראָפעסיאָנעלע פעראײנען). ביי אַזאַ ברייטער אַרבייט איז געווען לייכט דורכצופאַלען און איך האָב זיך טאַקע אויף אַ שלעכטען אופן „פערשאַטען".

אין ביאַליסטאָק איז דאַמאָלסט געווען בעקאַנט אַ געוויסער פּאָליצײ־בעאַמטער, וואָס האָט זיך בעזונדערס אויסגעטײלט מיט זיין אויסשפּירען „פּאָליטישע פערברעכער". דאָס איז געווען אַ פלינקער שפּיאָן מיט אַ גוטען אויג און גרויסער געניטשאַפט אין דער דאָזיגער מלאכה. ער האָט געקאָנט אַלע „פערדעכטיגע" אַרבייטער אין געזיכט, פלעגט זיך דרעהען אין די אַרבייטער־גאַסען און אַלע פלעגען פאַר איהם ציטערען, ווי פאַר אַ געניטען שפּיר־הונד. דער דאָזיגער מאַרטינטשיק (דוכט זיך, אַזוי האָט ער געהייסען) האָט מיר, צו מיין אומגליק, מיט אַ פּאָר וואָכען פריהער נאָך בעגעגענט אַרויסגעהן צוזאַמען מיט אַ וועבער פון אַן׳אַרבייטער־שטוב און האָט מיר בעת מעשה אָבגעמאָסטען פון קאָפּ ביז די פיס. מיין בעגלייטער האָט מיר גלייך אויפמערקזאַם געמאַכט, „דאָס איך בין דורכגעפאַלען"—ער האָט דאָס דערקאָנט און מאַרטינטשיקס אויגען. מיר איז דאַמאָלס אויסגעקומען לאַנג צו שפּאַצירען איבער די צודרעהטע ביאַליסטאָקער געסלעך און האָב אַלץ געפיהלט נאָך זיך די שווערע טריט פון פּאָליציסט.

אַ צווייט מאָל (אין אַ פּאָר טעג אַרום) האָב איך איהם בעגעגענט כמעט ביי מיין טויער. אַ בייזער פייער האָט אויפגעגלאַנצט אין זיינע אויגעלאַך ווי ביי אַ יעגער, ווען ער דערזעהט פאַר זיך די געיאָגטע חיה. דאַמאָלסט האָב איך געטוישט מיין וואוינונג אין אַ קריסטליך געסעל מיט׳ן שניידער־וואַרשטאַט, און איך פלעג אויסמיידען בעווייזען זיך אין מיטען טאָג אין גאַס.

נאָכדעם האָבען מיר אַלע זיך פּאָלקאָם בערוהיגט. קיין שפּור פון נאָכקוקען, פון וועלכען דאָס איז חשד. דאָס געסעל

איז שמאָל, קליין. ווען אימיצער זאָל דאָ וועלן שפּאַנירען, וואָלט מען באַלד בעמערקט, ס'וואָלט זיך ממש געוואָרפען אין די אויגען. אין די אָווענדען, ווען איך פלעג אַהיימקומען, פלעג איך אין גאַס קיין לעבעדיגען נפש נישט בעמערקען, אויסער עפּיס אַ פרוי, וואָס פלעגט זיך אַרומדרעהען שעה'ן־ווייז אין געסעל, און וועלכע מיר אַלע האָבען אָנגענומען פאַר אַ געוועהנליכע גאַסען־פרוי. שפּעטער אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז איהר מלאכה איז געווען פיל נידעריגער, ווי מיר האָבען זי חושד געווען. זי: זשאַנדאַרמען האָבען די ערשטע ביי זיך איינגעפּירט „פרויען־עמאַנסיפּאַציע״ און די דאָזיגע נאַכט־דאַמע האָט דאָס בעדאַרפט אויסשפּירען וואו איך וואוין, און דאָס האָט איהר טאַקע סוף כל סוף געלונגען.

איינמאָל אין אַ שבת־פאַרנאַכט, ווען אין שטוב איז געווען בלויז איינע פון די ווירטינס, האָט מען שטיל אָנגעקלאַפּט אין טיר. געוועהנליך איז געשטאַנען ביי אונז גרייט אַ פלע־שעל בענזין און שוועבעלעך צו פערברענען אַלע פּאַפּירען אין פאַל פון אַ דורכפאַל. דאָס מאָל אָבער איז מען געקומען נישט אין דער איינגעשטעלטער שעה פאַר אַזעלכע וויזיטען. אגב אויף דער פראַגע, ווער ס'קלאַפּט האָט מען געענטפערט גאַנץ בעזאַכט אויף יודיש „עפּענט אויף!״ דער ווירטין האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס איז מיין שטים, האָט זי אָהן שהיות געעפענט. דער בעקאַנטער מאַרטינטשיק, די שפּאַצירענדע דאַמע אין בעגלייטונג פון אַ גאַנצע חברה זשאַנדאַרמען און פּאָ־ליציי־לייט האָבען זיך גלייך אַריינגעריסען אין וואוינונג.

לכתחילה זענען זיי געבליבען ענטוישט. דער גאַנצער אויסזעהן פון דער דירה, די מאַשינען, די פערפּוצטע בעלי־בתישקייט האָבען ביי זיי אָבגענומען דעם חשד פון טריפקייט. בפרט נאָך, אַז אויסער דער ווירטין האָבען זיי קיינעם נישט געטראָפען און יענע האָט זיי פערזיכערט, אַז זי פערנעמט די גאַנצע וואוינונג. מען האָט אָנגעהויבען בודק חמץ זיין. קיין שום פערדעכטיגעס, אויסער אַ געקעל פערשריבענע פּאָסט־פּאַ־פּיר, וועלכע די געסט האָבען אָנגענומען פאַר געשריבענע

בריף, האָט מען נישט געפֿונען. (דער שריפֿט איז געווען ביי אונז פֿערשטעקט הינטער דער פּאָדלאָגע). ביכער אַלע כּשר׳ע, אָנשטענדיגע. די חברה איז אַראָב אויף די טרעפּ צו בעראַטען זיך, וואָס זיי האָבען איצט צו טון.

די דירה האָט געהאַט צוויי גענג,—אַ צווייטע טיר האָט געפֿירט אין אַ בעזונדער אַרויסגאַנג. שטיל האָט די ווירטין די טיר פֿון אינווענייג פֿערשלאָסען, זי איז אַראָב פֿון די צווייטע טרעפּ, נאָך זיך אויף די צווייטע טיר פֿערשלאָסען און זי האָט זיך האַסטיג געלאָזען אין גאַס אונז אויפֿזוכען און מתרה זיין ווענען דעם דורכפֿאַל.

דערווייל האָבען די געסט אויף די טרעפּ בעשלאָסען צו בלייבען וואַרטען אין דירה אויף שפּעטער, אָדער מיט זיך מיטנעמען די ווירטין. זיי קעהרען זיך אום און טרעפֿען פֿאַר זיך גאָר נישט העפֿליך אַ פֿערשלאָסענע טיר. לאַנג האָבען די אַרומיגע שכנים געהערט קלאַפּען זעהר העפֿטיג אין טיר, ביז זיי האָבען זי איינגאַנצען אויפֿגעבראָכען שפּעטער האָט מען געשיקט נאָך אַ יודישען איבערזעצער, וועלכער האָט זיי בעקאַנט מיט דעם אינהאַלט פֿון פֿערשריבענעם פּאַפּיר. זיי האָבען שוין נאָכדעם נאָר אַנדערש געזוכט, זיי האָבען נישט אויסגעמידען אַלע שכנים יודען און קריסטען, זיי האָבען אויפֿגעריסען די פּאָדלאָגע, וואו מען האָט אויך געפֿונען די שריפֿט

לויט ווי דער בעלי־הבית פֿון הויז האָט נאָכדעם דערצעהלט בעקאַנטע, האָט דער אָנקומענדער זשאַנדאַרמען־פּאָלקאָווניק זעהר געשטורעמט און געדונערט אויף זיינע שלים־מזלדיגע משרתים. יענע אפּנים האָבען מורא געהאַט צו דערצעהלען, אַז זיי האָבען נישט בעוואָרענט דעם צווייטען אַרויסגאַנג און אויפ׳ן אָרט אויסגעטראַכט אַ תירוץ, אַז: „דאָס פֿריילײן האָט זיך מן הסתם אַראָבגעלאָזען פֿון באַלקאָן אויף אַ שטריק״. אַזוי איז אין שטאָט טאָג שפּעטער אַוועק אַזאַ לעגענדע, צוגעפֿערט נאָך און פֿערפּוצט מיט פֿערשידענע פּרטים, פּיקאַנטע שטעלען און פֿאַנטאַסטיש־סענסאַציאָנעלע איינ־

פאַלען, דערוויי́ל האָט מען דאָס געסעל און אַרומיגע גאַסען אויסגעשטעלט מיט איבערגעקליידעטע זשאַנדאַרמען, אין דירה גופא האָט געבּרענט דער לאָמפּ אַזוי ווי אַלע אָוועגד און מען האָט אונגעדולדיג געוואַרט אויף אונזער קומען.

די ווירטין אָבער האָט שוין געוויזען צו מעלדען וועגען דער מעשה איינ̇יגע חברים. יענע האָבען אויך גלייך אָרגאַניזירט אין די ווייטערדיגע אַרומיגע גאַסען שטאַרקע פּאַטרולען, וועלכע האָבען אונז געדאַרפט אָבהאַלטען אויפ'ן וועג און פערהיטען פון דורכפאַל. אַזוי איז טאַקע געשעהן. אַ זייגער 11 ביינאַכט, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון אַ זיצונג רוהיג און אָהן שום זאָרג צו זיך אַהיים, זענען מיר צוויי חברים געלאָפען אנטקעגען נאָך מיט אַ דריי גאַסען פאַר מיין דירה און מיר די בשורה אָנגעזאָגט. ס'איז שוין אויך צוגעגרייט געווען פאַר מיר אַ וואוינונג, וואו דערוויי́ל איבערצוּוואַרטען די אונרוהיגע צייט.

אָבער פערבּלייבען דאָרט לאַנג איז אומעגליך געווען. מען האָט געשטעלט די גאַנצע פאָליציי אויף די פיס. מען האָט געמאַכט אונטערזוכונגען ביי אַלע פערדעכטיגע אין שטאָט. דער וואָקזאַל איז געווען בעלאַגערט מיט שפּיאָנען, וועלכע האָבען נאָכגעקוקט יעדען דורכגעהער. מען האָט אפילו פון פוהרלעך אַראָבגענומען איינ̇יגע דורכפאָרענדע, וועלכע זענען געווען ענליך אויף מיר (מיין פאָטאָגראַפיע האָט שוין די פאָליציי געהאַט) און אָבגעפיהרט אין זשאַרדאַרמען־פערוואַלטונג. אין וואוינונג האָבען נאָך איינ̇יגע טעג פּאַטרולירט זשאַנדאַרמען און פלעגען פערהאַלטען די אונשולדיגע דאַמען, וואָס זענען געקומען צו דער ווירטין פון דער דירה. נאָך אַ גרונדליכער לעגיטימירונג פלעגען זיי בעפרייט ווערען. איינער אַ הייסער חבר, וועלכער האָט געהאַנדעלט אויף זיין אייגענער ריזיקא און איז אין 4 טעג אַרום געקומען אויף דער דירה געוואָר ווערען, וואָס דאָרט טוט זיך, האָט בעצאָהלט פאַר זיין נייגיר מיט אנדערהאַלבען יאָהר געפענגעניש און עטליכע יאָהר פאָליציי־אויפזיכט.

די לאַגע איז אַלץ געוואָרען ערנסטער. די פּאָליציי האָט בעשלאָסען צו געהן אין די יודישע קוואַרטאַלען פון הויז צו הויז און נאָכקוקען אַלע דירות. פערבלייבען לענגער אין מיין פער־בעהעלטעניש האָב איך שוין נישט געקאָנט. אַוועקפאָרען איז אויך אומעגליך געווען. מען האָט געמוזט אויפזוכען עפּעס אַ רייכע, אָנ־שטענדיגע דירה, וואָס ס'זאָל שטעהן אויסער יעדען חשד. און נאָך לאַנג זוכען זענען מיר געפאַלען אויף אַזאַ פּלאַן.

אונזערע אַ מיטגלידערין, אַ לעהרערין, האָט געהאַט אין ביאַליסטאָק רייכע קרובים, אייגענטימער פון אַ ביר־ברויערײ. זיי זאָלען מיר אַריינלאָזען צו זיך אויף צו פערבעהאַלטען זיך, איז געווען אויסגעשלאָסען; איז דאַרום געבליבען איין אויסוועג: אונזער חבר'טע דאַרף מעלדען איהר פערוואַנדטע, אַז צו איהר קומט צופאָרען אַ חתן, וועלכער וועט פער־ווײלען דאָ אַ קורצע צייט. אַזוי ווי זי האָט נישט קיין אָנשטענדיגע וואוינונג, וויל זי איהרע קרובים זאָלען אָבטרע־טען פאַר איהם אַ צימער. יענע האָבען זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער זאַך מיט גרויס שמחה.

אָבער שפּילען די ראָלע פון אַ געזונטען חתן איז פאַר מיר אין גאַנצען געווען אונמעגליך. איך האָב דאָך נישט גע־קאָנט אָבשטאַטען „וויזיטען" און פערוויילען ווי עס פּאַסט פאַר אַ חתן, וועלכער איז געקומען צו גאַסט, דאַרום האָב איך שוין גלייך אַהין אָנגעקומען אַ חולה־מסוכן. איך האָב געהוסט, געקרעכצט, האָב סימולירט אַ שטאַרק פערקיהלטען מענשען און זיך באַלד אין בעט אַריינגעלעגט. ס'איז אָנגעקומען זעהר שווער מיינע געמיינטע צוקונפטיגע קרובים—אָבצוהאַלטען פון איינלאַדען אַ דאָקטאָר, איך האָב זיי פערזיכערט, אַז איך ווייס אַליין, ווי אַזוי זיך קורירען. אַזוי בין איך אָבגעלעגען אַ וואָך־צייט, שפּאַצירענדיג אויך אַביסעל איבער'ן צימער. אין אָוועגד פלעגען קומען צו מיר מיין „כלה'ס" בעקאַנטע און מיר פלעגען אַזוי געמיטליך פערברענגען ביז שפּעט ביינאַכט.

אין דער געצוואונגענער קראַנקייט האָב איך דערוויי־ל צוריקגעשטעלט צוריק, לויט דעם זכרון, דעם גאַנצען אינהאַלט

פון אַרעסטירטען נומער, אונזער אַמביציע האָט געפאָדערט, דאָס ס׳זאָל ווערען אָבגעדרוקט דוקא דער מאַטעריאַל, וועלכער איז געלעגען ביי די זשאַנדאַרמען. דער ערשטער נומער איז פאַרטיג געוואָרען צום דרוק, און צוליב פערשידענע טעכנישע שוועריגקייטען, האָט ער זיך אָבגעדרוקט צוזאַמען מיט׳ן 13־טען נומער „אַרבייטער־שטימע“ אין אויסלאַנד. וואָס פאַר אַ רושם דאָס האָט געמאַכט אין שטאָט, אויף די אַרבייטער און אויף די זשאַנדאַרמען איז לייכט זיך משער צו זיין.

ביי מיין „כלה׳ס“ קרובים האָב איך זיך פערזעסען אַ ביסעל צו לאַנג, און גאַס בין איך נאָך אַלץ נישט געוועזן בכח ארויסצוגעהן. ביז אויפ׳ן וואָקזאַל איז געוואָרען אַ ביסעל גרינגער, דער „שפּיאָנאַזש“ איז געוואָרען שוואַכער און מען האָט בעשלאָסען מיר איבערטראַנספּאָרטירען צו אַ יודישען גוטס־בעזיצער אין ביעלאָוויעזשער וואַלד.

2.

די מעשה מיט׳ן וואַלד איז פאַר אונז געקומען גאָר אונגעריכט. פונקט צו יענער צייט האָט זיך אַ יודישער סטודענט געווענדעט צו מיינער אַ בעקאַנטער, זי זאָל איהם רעקאָמענדירען אַ לערער, וועלכער זאָל מסכים זיין אָבצופאָרען אויפ׳ן ווינטער אין אַ מאַיאָנטעק, וואָס איז געלעגען אין ביעלאָוויעזשער וואַלד נאָנט צו פּרוזשאַנע. זי האָט׳ס אונז דערצעהלט און ביי אונז איז פערבליבען, איך זאָל דערווייל אָבפאָרען אַהין אויף אַ צייט, ביז מען וועט זיך אַרומקוקען און בעשליסען וואָס ווייטער צו טון.

די פאַמיליע ס. ביי וועלכער איך האָב זיך בעזעצט אַלס לערער, איז געוועזן די איינציגע יודישע פּריצישע פאַמיליע אין גאַנץ גראָדנער גובערניע. פון ניקאָלאַי דעם ערשטענס צייטען איז די ס. פערבליבען אַ בעזונדער פּריווילעגיע צו פערמאָגען ערד אויפ׳ן אייגענעם נאָמען. זיי האָבען טאַקע געלעבט ווי עכטע פּריצים;ברייט, רייך און געפירט אַ גרויסע

ווירטשאַפט. אין שכנות מיט דעם דאָזיגען יודישען גוטסבעזיץ האָט זיך געפונען דער קייזערליכער ביעלאָוועזשער פּאַלאַץ, וואָהין ניקאָלאַי דער צווייטער פלעגט אַראָבקומען פון צייט צו צייט אויף פּאָלאָוואַניע.

מיט די פויערים פון אַרומיגער געגענד האָבען די דאָזיגע יודישע גוטסבעזיצער נישט געלעבט אין פריינדליכער שכנות. זיי פלעגען זיך שטענדיג מיטאייבאַנדער לאָדען און פּראָצעסירען צוליב אַ שטיקעל ערד, צוליב וואַלד און סערוויטוטען. די בעציהונגען זענען תמיד צווישען די ביידע צדדים געוועזען זעהר אָנגעצויגענע. אגב זענען די צוויי יונגע ברידער ס. געוועזען דורכגעדרונגען מיט אַ בלינדער פויערן-פיינדשאַפט און האָבען פערמאָגט אַ היבש ביסעל פריצישע אַמביציע (איינער פון זיי איז טאַקע שפּעטער ערמאָרדעט געוואָרען דורך די פויערים אין וואַלד).

דערפאַר אָבער האָט מען דאָרט געלעבט אויסגעצייכענט מיט דער הויף-פּאָליציי און דער דאָרטיגער פּריסטאַוו איז געווען אַן׳אייגענער מענש ביי די ס. אין הויז. ביי אַזאַ גוטברידערשאַפט האָט זיך נישט געפאָדערט קיינע פאָרמאַליטעטען און איך האָב דאָרט געוואוינט אין גאַנצען נישט פערמאָלדען. די שטוב פון אַזאַ כשר׳ער פאַמיליע האָט שוין אויך מיך געכשר׳ט אין די אויגען פון די אָרדנונגס-היטער; איך האָב שוין דערצו נישט בעדאַרפט האָבען קיין שום פאַפּירען. פאַר אונז פלעגט אויך זיין פריי דער אַריינטריט אין קייזערליכען פּאַלאַץ; פערשטעהט זיך, בלויז נור בעת דער קייזער האָט דאָרט געשיינט מיט זיין אָבוועזענהייט. בכלל האָב איך זיך דאָרט געפיהלט זעהר זיכער, און האָב שיער-נישט פערגעסען אָן אַלע זשאַנדאַרמען און שפּיאָנען אין דער וועלט.

בכדי נישט צו שטערען די קינדער אין די למודים, האָט מען אונז איזאָלירט פון די איבעריגע הויפּס-לייט. מען האָט אונז בעזעצט אין אַ בעזונדער פּאָלוואַרק עטליכע ווערסט ווייט פון דעם הויפּט-מאַיאָנטעק. דעם „טייפעלס-אינזעל“, אַזוי האָבען מיר אַ נאָמען געגעבען אונזער נייער מקום-מנוחה. און

ווירקלאַך האָבען מיר זיך דאָרט געפיהלט, ווי אויף אַ פּערוואָר־פּענעם אינזעל, אַבגעריסען פון דער לעבעדיגער וועלט. עטליכע מאָל אַ וואָך נור פלעגט מען אונז צושטעלען פּראָוויזיע פון הויף.

אויסער מיר און מיינע שילער האָט זיך דאָרט אויפ׳ן אָרט געפונען נאָך אַ יונגע פריילין, זייערע אַ שוועסטער, וועלכע האָט פערוואַלטעט מיט׳ן פּראָוויאַנט און בכלל מיט׳ן רעזשים, אַ העברעאישער לערער און אַ קעכין. דאָס איז געווען די גאַנצע איינוואוינערשאַפט פון אונזער „אינזעל״. פון צייט צו צייט נור פלעגען אונז בעזוכען די צוויי עלטערע ברידער און שבת־צו־נאַכטס, אָדער בכלל אין אַ יומא דפגרא, די גאַנצע פאַמיליע מיט די פערוואַלטער און איבעריגע אָנגעשטעלטע „אויף אַ קערטעל״.

וועגען דעם, וואָס מיט מיר איז לעצטענס געשעהן אין ביאַליסטאָק האָט מען דאָרט אין הויף לחלוטין קיין אַהנונג נישט געהאַט. נור אַז איך בין געכאַפּט אין דער מעשה און האַלט זיך ביי נישט קיין כשר׳ער געזינונג האָבען זיך די יונגע ס. גאַנץ אָפען אָנגעשטויסען. נישט זעלטען פלעגט ביים טיש פאָרקומען געשפרעכען אויף געזעלשאַפטליך־פּאָליטישע טעמעס און מיר פלעגט זיין שווער אָבצוהאַלטען זיך פון אַרויסזאָגען מיינע בליקען. גאַנץ אָפט פלעגט אויסברעכען צווישען מיר און דעם איבעריגען יונגוואַרג העפטיגע דיסקוסיעס. פערשטעהט זיך, אַז יעדער פון אונז פלעגט פערבלייבען ביים זייניגען.

איין נפש האָב איך יאָ געוואונען אויף מיין זייט. דאָס איז געווען די יונגע ווירטין, אונזער שפייזערין. זי איז ערצויגען געוואָרען אין אַ קעניגסבערגער „מעדכען־שול״ אויפ׳ן יודיש־דייטשען שטייגער, צירליך־מאַנירליך און איז געווען זעהר ווייט פון אמת׳ן לעבען. זי פלעגט מיט די קינדער און יונגוואַרג רעדען נור העברעאיש און מיט די עלטערען — דייטש. קיין יודיש וואָרט פלעגט זי פון מויל נישט וועלען אַרויסברענגען. זי האָט אָבער פערמאָגט אַ פיהלעדיג האַרץ און ווייך

כע נשמה. אין איהרע אויערען פלעגט געפונען אַנ׳אָבקלאַנג אַלץ וואָס ס׳איז ריין, און ערליך און במילא איז זי געוואָרען עמפּינדליך אויך פאַר אונזער זאַך. שעה׳ן לאַנג פלעגען מיר אָבזיצען אין די לאַנגע ווינטער-נעכט און שמועסען וועגען סאָציאַליזם און לעבען פון די סאָציאַליסטען. דאָס איז דורך זייטיגע מענשען דערגאַנגען צו די עלטערען און שוין צוליב דעם אַליין האָבען זיי אָנגעהויבען קוקען קרום אויף מיר. זיי האָבען זיך געשראָקען פאַר מיין „שעדליכע ווירקונג" אויף זייער טאָכטער, וואָס איז שוין געשטאַנען אין שדוכים.

אָבער אין גאַנצען אַרויסגעגעבען מיט׳ן קאָפּ האָט מיר איינער פון די וואַלד-אָנגעשטעלטע. ער איז געקומען צופאָרען ניט לאַנג פון קאַמעניעץ, וואו דאָרט האָט זיך צייטוויייליג אויפגעהאַלטען איינע פון די ווירטינס, וועמענס דירה ס׳איז דורכגעפאַלען אין ביאַליסטאָק. זי איז געוועזען זיינע אַ קוזינע און האָט דורך איהם מיר צוגעשיקט אַ בריף. ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און ער האָט בשתיקה די גאַנצע מעשה פערטרויט זיינעם אַ בעקאַנטען. יענער האָט דעם סוד דערצעהלט אַ צווייטען, ביז ס׳איז דערגאַנגען צו די בעלי-בתים גופא און דאָס האָט אויף זיי אָנגעוואָרפען אַ גרויסע אימה.

פון מיין נייער „שילערין" האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די עלטערען שרעקען זיך זעהר צו האַלטען אַזאַ „געפערליכען מענשען" ביי זיך אין הויף. בפרט, אַז ער געפינט זיך אין אַזאַ נאָענטער שכנות מיט׳ן קייזערס פּאַלאַץ. דערצו זענען נאָך די ווירטס-לייט — יודען און יעדער קאָמפּראָמיטאַציע קאָן זיין פאַר זיי פאַטאַל. איך האָב שוין אַליין זיך אַרומגעזעהן, אַז דאָ איז פאַר מיר קיין אָרט ניט און האָב ביי זיך בעשלאָסען ביי דער ערשטער מעגליכקייט פון דאַנען אָבפאָרען.

די שטימונג אויף אונזער „אינזעל" איז געוואָרען אַ געררייצטע, אַ דענערווירטע. ס׳פלעגט שוין דאָרט בלייבען אַלע נאַכט נעכטיגען אימיצער פון די עלטערע, אין גרעסטען פאַל די אַלטע מוטער אַליין. יעדעס מאָל, ווען אין דער שטילער,

פינסטערער נאַכט פלעגען זיך די הינד שטאַרק, צוליב וועלכער דאָס איז סבה, צובילען, פלעגט אין שטוב ווערען אַ מהומה. די דערוואַקסענע פלעגען אויפציטערן, כלעגען אַרויסלויפען קו־קען אויפ'ן וועג, פלעגען זיין אין שטענדיגען פחד. דער שלום־בית צווישען דער טאָכטער און דער פאַמיליע איז צוליב דעם אויך שטאַרק צושטערט געוואָרען. מיר איז דאָס אַלץ געווען זעהר נישט צום האַרצען און איך האָב בלויז געוואַרט אויף ידיעות פון ביאַליסטאָק, וואָהין אָבצופאָרען.

איינמאָל שפעט ביינאַכט, ווען אין דרויסען האָט גע־וועהט אַ שטאַרקע שניי־זאַוויערוכע און אַלע אַרום האָבען שוין לאַנג געשלאָפען, איז צו אונזער הויז האַסטיג צוגעפאָרען אַ שליטען מיט'ן סטודענט ס. ער האָט זיך גלייך פערשלאָסען מיט דער שוועסטער אין צימער און ער האָט דאָרט געהאַט מיט איהר אַ קורצען געשפרעך. אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען געשיקט מיך רופען. איך אַליין האָב זיך שטאַרק דערשראָקען, ווען איך האָב איהם דערזעהן. ער איז געווען בלייך ווי לייַ־וואַנד, די הענד האָבען ביי איהם געציטערט און ער האָט קוים בעוויזען מיר אויפצוקלערען אין וואָס ס'געהט. פון זייַ־נע אָבגעריסענע ווערטער בין איך דערגאַנגען, אַז פאָליציי זוכט מיך דאָ אַרום, און אַ ליאַדע מאָמענט קאָן זי אַהער אָנקומען.

אַז ער האָט זיך שוין אָביסעל בערוהיגט, בין איך פון איהם געוואָר־געוואָרען, דאָס דער פריסטאַוו האָט זיי מתרה געווען, אַז מען זוכט אַזאַ און אַזאַ מענשען. איך בין אויך פון איהם דערגאַנגען די סבה פון מיין דורכפאַל.

איינע פון די ביאַליסטאָקער ווירטינס, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָט זיך צייטווייליג אויפגעהאַלטען אין קאַ־מעניעץ, אין איהר געבורטס־שטאָט. בינו לבינו איז אַהין אָנ־געקומען אַ בעפעהל, נישט אַרויסצוגעבען דער געזוכטער פער־זאָן קיין פאַספאָרט און זי פערהאַלטען אין פאַל, ווען מען וועט זי דאָרט טרעפען. פון דעם האָבען זיך דערוואוסט איה־רע קרובים און איהר האָט זיך איינגעגעבען אנטלויפען ממש

פון די זשאַנדאַרמעריעס הענד. דערפאַר אָבער איז דאָרט דורכגעפאַלען אַ בריף, פון וועלכען די זשאַנדאַרמעריע האָט זיך דערוואוסט, אַז איך געפין זיך ערגעץ אין ביעלאָוויעזש. מען קאָן זיך פאָרשטעלען, ווי אויפגערודערט ס׳איז געוואָרען די פאַלאַץ־פּאָליציי, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, דאָס אין שכנות מיט ניקאָלאַי׳ס פאַלאַץ ליגט ערגעץ פערבעהאַלטען אַ „געפערליכער סאָציאַליסט“. מען האָט אָנגעהויבען פערנאַנדערשיקען געהיימע צירקולאַרען, ס׳איז פערפירט געוואָרען וועגען דעם ענין אַ לעבהאַפטע קאָרעספּאָנדענץ און דער געטרייער פריסטאַוו האָט גלייך מודיע געווען מיינע ווירטסלייט.

ס׳איז אונז נישט געבליבען קיין צייט צו קלערען. מען מוז באַלד אָבפאָרען. בכדי פערווישען יעדען שפור, האָט דער יונגער ס. שוין פאָראויסגעדונגען אַ פאָר פערד אין אַ זייטיגען דאָרף, האָט מיר פאָרגעשטעלט פאַר׳ן פורמאַן אַלס וואַלד־סוחר, וואָס מוז זיך איילען צום באַהן און אַזוי, איינגעוויקעלט און איינגעהילט אין אַ לאַנגען פעלץ, בין איך געקומען בשלום אויף דער באַהן־סטאַציע ביעלסק.

אַריינפאָרען גלייך קיין ביאַליסטאָק האָב איך נאָך מורא געהאַט. איך האָב דערום אין ביעלסק פערפאָרען אין אַ יודישער אכסניה, וואו מען פלעגט געוועהנליך נישט איינמעלדען די געקומענע געסט. איך האָב צו זיך אַהין אַרויסגערופען אימעצען פון ביאַליסטאָק און ביי אונז איז פערבליבען, איך זאָל אָבפאָרען קיין וואַרשע, וואו די שטאָט איז גרויס און מען קאָן זיך, ווי דאָס איז, איינאָרדנען אָהן אַ פאַספּאָרט אויך.

דאָס מאָל בין איך שוין אין וואַרשע פערבליבען אַ לענגערע צייט.

י. ל. פרץ.

דאָס איז געווען אין יאָר 1899. מיר אַלע אין דער פּאַרטיי זענען געווען העכסט פּערקאָנספּירירט און פלעגען זיך נישט בעוויייזען פאַר דער עפענטליכקייט. די ברייטע וועלט, חוץ די פּאַרטיי־קרייזען, האָט נישט געטאָרט וויסען, ווער זע־נען די בונדיסטישע טוער און ווי אַזוי זיי הייסען. אויסער די אונלעגאַלע פערזאַמלונגען, וועלכע פלעגען ווערען בעזוכט פון אַ דינעם שיכט פון די אַרבייטער־מאַסען, פלעגען מיר מיט „אַלע אַרבייטער" און אויך צו „דער געזעלשאַפט" רעדען נור דורך בלעטלעך, וואָס פלעגען ערשיינען פון צייט צו צייט.

דאָך פלעגט מען זיך נישט קאָנען איינהאַלטען און גע־גען פּאַרטיי־קאָנספּיראַציע זיך אַריינכאַפּען „אויף אַגיטאַציע" אין די צוקערניעס און קאַוויאַרניעס אויף די דזיקע און נאָ־וואָליפּקי. צו יענער צייט זענען די קאַוויאַרניעס געווען אַ מין פּאָליטישע קלובען: דאָרטען פלעגען זיך צונויפטרעפען מענשען פון אַלערליי בליקען און אָנשויאונגען, וועלכע פלעגען פיה־רען צווישען זיך הייסע דיספּוטען, און אויסען איז מען דער־ביי געווען דעם זייטיגען עולם, וואָס פלעגט זיך אַרומשטעלען אַרום די דיספּוטאַנטען און אויסהערען ביידע צדדים.

און צדדים זענען דעמאָלסט געווען נור צוויי: ציוניסטען און אַנטי־ציוניסטען. אַרום דער דאָזיגער פראַגע האָבען זיך געדרעהט אַלע וכוחים, וועגען דעם האָט מען זיך געהיצט און העפטיג דיסקוטירט. מיר האָבען אַרויסגעטרעטען אונטער דעם דאָזיגען אונשולדיגען נאָמען גאָר פשוט דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען אַמווענינגסטען געפערליך פון שטאַנדפּונקט פון פּאָ־ליטישער כשר׳קייט. הגם גאַנץ זיכער איז דאָס אויך נישט גע־

וועט, די דעמאלסדיגע „קאנצעלאריע פאר פאליטישע ענינים ביים גענעראל-גובערנאטאר" (קיין ספעציעלע „אכראנעס" האבען נאך צו יענער צייט אין ווארשע נישט פונקציאנירט) האט שוין געהאט „פערבינדונגען" מיט דער יודישער גאס, און עטליכע אונזערע צו-היציגע חברים זענען אפילו ארעסטירט געווארען צוליב זייערע נישט פארזיכטיגע ארויסטרעטונגען אויף די דערמאנטע דיסקוסיעס.

ס'איז קלאר געווארען, אז די זשאנדארמעריע ווייסט פון די ערטער און זי וויל זיי נור אויסנוצען, אלס פולאפקע פאר די „סאציאליסטען". מיר האבען דערום בעשלאסען, די דאזיגע דיסקוסיעס אויך א ביסעל מעהר צו פערקאנספירירען. צו דער דאזיגער גרופע „אנטי-ציוניסטען" האבען אויך געהערט פיל פון דער ראדיקאלער אינטעליגענץ, וועלכע זענען נישט געווען קיין אקטיווע מיטגלידער פון „בונד", נור זיי האבען זיך גערעכענט פאר „מיטפילענדע", פאר „סימפאטיקער". צו זיי האט אויך געהערט י. ל. פרץ. ס'איז בעשלאסען געווארען ווייטער פיהרען די דיסקוסיעס אין א געשלאסענער פערזאמלונג, וועלכער קאן ווערען בעזוכט נור לויט פערזענליכער רעקאמענדאציע. אויף איינעם פון אזעלכע דיסקוסיאנס-אווענדען האב איך זיך בעקאנט צום ערשטען מאל מיט אונזער גרויסען, אונפערגעסליכען פרץ'ן.

דאס איז טאקע געווען אויף דזיקע גאס אין א רעסטאראן ביי די עלטערען פון אונזערען א חבר מאטאלסקי. אפיציעל, האט דאס געהייסען, אז ס'קומט פאר א תנאים, און דער אריינגאנג איז געווען נור געגען איינטריטס-קארטען. פרץ האט רעפערירט זיין שטעלונג געגען ציוניזם. אויב איך האב קיין טעות נישט, איז דאס געווען זיי ערשטע עפענטליכע רעדע אויף יודיש. אבער וואס פאר א רעדע! ס'איז געווען א שענע און דערצו היציגע אימפראוויזאציע פון געפיילטע אפאריזמען און טיפע געדאנקען. גיפטיג און סארקאסטיש-בייסיג האט ער אויסגעלאכט זיינע געגנער און האט דערביי ארויסגעזאגט צו יענער צייט נאך גאר נייע געדאנקען, וועגען דעם

קולטורעלען רענעסאַנס, וואָס בליִהט אויף ביי אונז צוליב די יודישע אַרבייטער־מאַסען.

פון די ציוניסטען האָבען זיך אין דער דיסקוסיע בעטייליגט ד״ר הינדעס און נאָך איינִיגע, דעמאָלסט אָנגעזעהענע ציוניסטען, וואָס זענען איצט שוין אינגאַנצען פערשוואונדען פון דער געזעלשאַפטליכער אַרענע. די דאָזיגע אָפּאָנענטען האָבען פשוט ניִשט געקאָנט משיג זיין די גרויסע איבערקערעניש, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען מיט אונזער שוין דעמאָלט בערימטען דיכטער. זיי זענען ממש, ווי אַלטע ווייבער מבולבל געוואָרען פון דער בייזער קליפּה, פון „תהו ובהו״ (אַזוי האָט דאָס דעמאָלסט אויפ׳ן משכיליִשען לשון געהייסען דער סאָציאַליזם), וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין פרצ׳ן און האָבען אפילו פרוביִרט פערטרייבען פון איהם דעם דבוק מיט א פּסוק: „מה פרצת עליך פרץ״. בעזונדערס האָבען זיי פרצ׳ן ניִשט געקאָנט מוחל־זיין זיינע יום־טוב־בלעטלעך, וואָס ער האָט ניִשטלאַנג אַרויסגעגעבען, בלעטלעך, אין וועלכע זיי האָבען איינגעזעהען ניהיליזם און צושטערעניש־פּראָפּאַגאַנדע. פּרץ האָט וויִרקליך צו יענער צייט איבערגעלעבט (אפשר אַ ביסעל צו שפּעט לויט די יאָרען נאָך) זיין שטורם־ און דראַנג־פּעריאָד. ער איז געווען געשטימט זעהר קריגעריש און האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט אַ סך, זעהר אַ סך פּלענער.

„איך קאָן ניִשט בלייבען פּאַסיוו״, האָט ער מיר דעמאָלסט אין אַ געשפּרעך געזאָגט: „מען מוז אויך ביי אונז עפענען אַ פענסטער אין אייראָפּאַ״ און אונטער „אייראָפּאַ״ האָט ער מיט זיין גרויסען גייסט תּופס־געווען נור די אַרבייטערשע, סאָציאַליסטישע אידעאַלען פון אונזער צייט.

ס׳איז ביי אונז פערבליבען צו בעגייען ווייטער די אָבגעשטעלטע „יום־טוב־בלעטלעך״, מאַכען פון זיי אַ פּעריאָדישען זשורנאַל, וואו ס׳זאָלען, אויף וויפיל ס׳וועט מעגליך זיין ביי יעניגע צענזור־בעדינגונגען, דורכגעפיִרט ווערען די געדאַנקען פון סאָציאַליזם און נייער קולטור. אַ טייל געלד האָט בעדאַרפט אויף דעם געבען אַ ווילנער פערלאַג, וועלכער איז גע־

שטאַנען באַהענט צו אונזער פּאַרטיי, אַ טייל געלד האָט מען בעדאַרפט צונויפקלויבען אין וואַרשע. די אויסגאַבען האָבען בעדאַרפט פערשפּרייט ווערען דורך אונזערע אָרגאַניזאַציעס. אין דער רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע זענען אַריינגעטרעטען אויסער פּרץ'ן צוויי פּאָרשטעהער פון ווילנער פערלאַג (ח' א. ווײנשטיין און איך), איין מיטגליד פון אונזער וואַרש. אָרגאַניזאַציע (רובינשטיין־מיכעלסאָן, שפּעטער געוואָרען אַ פּ. פּ. ס.'אָוויעץ), דער פערשטאָרבענער ד"ר משורר, ד"ר ב. און איין צייט אויך ד"ר גרשון לעווין, יעקב דינעזאָן איז געוואָרען אויסגעקליבען אַלס קאַסיר, הגם ער האָט זיך אין אונזערע זיצונגען נישט בעטייליגט.

אָבער נישט אַזוי לייכט טוט זיך, ווי עס רעדט זיך, באַלד פון די ערשטע וואָכען האָבען מיר בעגעגענט שוועריגקייטען מצד דער צענזור, וועלכע האָט גלייך דערשמעקט מיט איהר גוטען חוש, אַז זי האָט דאָ צוטון מיט עפּעס אַ „געפערליכער" אונטערנעמונג. בכלל האָט מען שוין אין צענזור אויף פּרצ'ן צו יענער צייט געקוקט מיט אַ קרום אויג. זיינע „יום־טוב־בלעטלעך" זענען „דורכגעפאַלען" ביי פיל אַרעסטירטע אַרבייטער און דוקא אין אַ גרויסע צאָהל עקזעמפּלאַרען. און די זשאַנדאַרמעריע האָט געמאַכט וועגען איהם ביים יודישען צענזאָר איינינע מאָל אָנפראַגען. יענער איז טאַקע דערום געווען אָנגעשראָקען און איז געווען צו פּרצ'ן צו שטרענג. דער דיכטער האָט פון דעם זעהר געליטען.

איהם האָט זיך דעמאָלסט געוואָלט שרייבען דוקא פּאָפּולער, צוגענגליך פאַר'ן ברייטען קרייז לעזער. מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען און מיט אַ טיפען צער אין זיינע גרויסע אויגען האָט ער אונז איינמאָל אַ פרייטאָג־צו־נאַכט דערצעהלט, ווי איהם איז אויסגעקומען היינט אויסצוהערען אַ קלאָרע קריטיק וועגען זיינע ווערק פון אַ פּשוט'ען לעזער אָהן קונצען. פּרץ איז געווען ביי זיינעם אַ בעקאַנטען אין אַ בוכהאַנדלונג, דערווייל איז אַריינגעקומען אַנ'אַבאָנענט פון דער ליי־ביבליאָטעק, וועלכער פלעגט נעמען דאָרט יודישע ביכ־

לעך צום לעזען. נאָכ׳ן אויסזעהן האָט ער בעדאַרפט זיין אַני־אַרבייטער, אָדער אַ גאַס־מענש. דער ביבליאָטעקאַר פרעגט איהם, אפשר וויל ער עפּעס פּרצ׳ס צום לעזען. דער קונד האָט דעם פאָרשלאַג קאַטעגאָריש פערוואָרפען און האָט דער־ביי בענוצט זעהר נישט קיין דעליקאַטע כאַראַקטעריסטיק פאַר פרץ׳ס ווערק. דאָס האָט אויף פרץ׳ן שטאַרט געווירקט. „פאַר וועמען דען שרייב איך״ — האָט ער זיך געקלאָגט: — „אויב נישט פאַר אַזעלכע לעזער״? שרייבען אָבער פערשטענדליכער, האָט דאָס בעדייט — וועלען געשטריכען דורך דעם רויטען בליישטיפט פון דעם צענזאָר.

איך דערמאָן זיך: אויף איינער אַ זיצונג איז פרץ גע־קומען פון צענזור נידערגעשלאָגען, זעהר פעסימיסטיש. אונ־זערע „פּאָליטישע״ אַרטיקלען זענען אַלע געוועזען געשטריכען. אויף דעם האָבען מיר זיך געריכט און ס׳איז נישט געוועזען פאַר אונז אונערוואַרטעט.

דערפאַר אָבער האָט ער דורכגעלאָזען פרץ׳ס אַ שעהנע זאַך, דוכט זיך — „די פרומע קאַץ״, וואָס איז שפּעטער אַריין אין זיינע ווערק. (בכלל זענען כמעט אַלע פון די דאַמאָלסטי־גע צוגעגרייטע דורך אונז זאַכען פון פרץ׳ן נאָכדעם געוואָרען אָבגעדרוקט אָרער אין אַמעריקאַ, אָדער אין זאַמלונג פון זיי־נע ווערק, וואָס איז ערשינען אין רוסלאַנד). מיר האָבען זיך דערפרעהט פון דעם, וואָס די זאַך איז לכל־הפחות געראַטע־וועט געוואָרען פון „באַרבאַר״. פרץ אָבער האָט פערשטערט אונזער שמחה מיט זיין טענה: „אויב אַזאַ אינטעליגענטער מענש, ווי דער צענזאָר איז, האָט מיין זאַך נישט פערשטאַ־נען, ווי אזוי וועט זי פערשטעהן אַ פשוט׳ער לעזער?״

איבערגעריסען אונזער אונטערנעמונג האָט נישט די צענזור (צו איהר וואָלטען מיר זיך שוין ווי דאָס איז צוגע־פּאַסט), נור גאָר אַנ׳אַנדער „אמת״.

פרץ האָט זיך נישט בענוגענט מיט׳ן שרייבען. ער האָט געוואָלט קומען אין אַ לעבעדיגער מגע ומשא מיט די אַרביי־טער, צו וועלכע איהם האָט אַזוי געצויגען. און ער האָט

דערום פֿאָרגעשלאָגען אַרויסצוטרעטען אויף געהיימע פּאָרטראַגען. איך מוז זיך מודה זיין, מיר האָבען זיך בעצויגען מיט גרויס פּיעטעט צו אונזער איין און איינציגען דיכטער פֿון גאָטס גנאָד און האָבען מורא געהאַט איהם צופֿיל אויסצונוצען, מיר האָבען געציטערט פֿאַר איהם, ער זאָל ניט „דורכפֿאַלען". אגב האָבען מיר געהאַלטען, אַז מיט׳ן שרייבען קאָן ער ברענגען מעהר נוצען, ווי מיט זיינע אַרויסטרעטונגען פֿאַר עטליכע צעהנדליג מענשען געהיים אין אַ קרייזעל. פּרץ אָבער האָט עקשנות׳דיג דאָס פֿערלאַנגט, און ס׳איז איינגעאָרדענט געוואָרען עטליכע שבתים אויף קופּיעצקאַ-גאַס (אין אַ שול פֿון דער דעמאָלסט בעקאַנטער משפּחה בּרודזעל) אונלעגאַלע פֿאָרלעזונגען. פּרץ פֿלעגט דאָרט זאָגען פֿאַר אַ קליינעם, דורכגעזיפּטען און דורכגעקליבענעם עולם „אַ פּרשה חומש". דאָס איז געווען לעקציעס איבער אוראַלטער קולטור. אָבער מען האָט געדאַרפֿט הערען ווי מייסטעריש-לעבעדיג איז די דאָזיגע טעמע בעאַרבייט געוואָרען דורך דעם גרויסען מייסטער פֿון יודישען וואָרט, ווי קינסטלעריש-צוציהענד ער האָט אילוסטרירט דעם אוראַלטען לעבען פֿון „אונזערע אָבות" מיט׳ן חומש. דערביי האָט ער אַרויסגעוויזען אַ טיפֿע פּאָעטישע אינטואיציע בנוגע די פֿאָרמען פֿון אַמאָליגען לעבען, איצט שוין וויסענשאַפֿטליך פֿעסטגעשטעלט.

אָבער ווען מען וואָלט זיך בעגנוגענט נור מיט אַזעלכע געשלאָסענע פֿאָרלעזונגען וואָלט די זאַך אפֿשר דורך גלאַט. ס׳איז דעמאָלסט אָבער פֿאָרגעקומען אַ שטרייק ביי די קאַמאַשענמאַכער אין וואַרשע און דער שטרייק-קאָמיטעט האָט בעשלאָסען צו ווענדען זיך צו פּרץ׳ן און ספּעקטאָר׳ן, זיי זאָלען אַרויסטרעטען ביי זיי אויף אַן׳אונלעגאַלען אָוועגד לטובת די שטרייקענדע. זיי האָבען אויף דערויף מסכים געווען. די מעשה איז שפּעטער דערגאַנגען צו די זשאַנדאַרמען און צוזאַמען מיט אַ גרויסע צאָהל אַרעסטירטע אַרבייטער זענען אויך אַריינגעזעצט געוואָרען אין „צעהנטען פּאַוויליאָן" פּרץ און ספּעקטאָר.

דאָס האָט אונזער אונטערנעמונג אינגאַנצען צושטערט.

דער װאַרשאָװער קאָמיטעט פֿון „בונד" איז צוגעטרעטען אַרויסצוגעבען זיין אָרגאַן „דער װאַרשאָװער אַרבייטער" אונלעגאַל. פּרץ איז נאָך 8—9 חדשים זיצען אַרויס פֿון ציטאַדעל אַ קראַנקער, ער האָט זיך געפינען אונטער אַ שטרענגען פּאָליציי־אויפזיכט, און אויך אונז האָט דער הארטער רוסישער גורל אַריינגעבראַכט הינטער די אייזערנע קראַטעס פֿון פּאַוויאַק, וועלכען פּרץ האָט בעזינגען אין איינע פֿון זיינע לידער.

ביי אַ צווייטער בעגעגניש מיט פּרץ'ן (מיט יאָרען שפּעטער) האָט ער ערלויבט איבערצודרוקען זיינע זאַכען, וואָס זענען געדרוקט אין אַמעריקע אין אונזערע אונלעגאַלע אויסגאַבען. שרייבען דירעקט פֿאַר אונז איז געוועזען געפֿערליך, ווייל זיין סטיל איז געוועזען צו־בעקאַנט די יודישע צענזאָרען. בכלל האָט ער זיך געקלאָגט אויף דעם, וואָס ער איז אַזוי אָבגעריסען פֿון דער יודישער אַרבייטער־בעוועגונג. „סוף כל סוף, ביי מיין גאַנצער אונפּאַרטייאישקייט"—האָט ער מיר אויסדריקליך געזאָגט:—„איז מיר דער „בונד" אַמנאָנסטען און ליבסטען".

עס איז מיר אויך בעקאַנט, דאָס מיט אַ יאָר צוויי פֿאַר זיין טויט, האָט דער פֿערשטאָרבענער דיכטער פֿערבעטען צו זיך צוויי פֿאָרשטעהער פֿון צ. ק. פֿון „בונד"; ער האָט זיך פֿאַר זיי געקלאָגט, וואָס צווישען איהם און דעם „בונד" האָט זיך אָװעקגעשטעלט אַ קאַלטע בעציהונג. ער האָט ערקלערט, אַז די גאַנצע לעצטע 18 יאָהר איז ער מיט זיין גאַנצען האַרצען געוועזען מיט דער יודישער אַרבייטער־בעוועגונג, און אויך איצט איז ער בערייט אונז צו העלפֿען מיט אַלץ נור וואָס ער קאָן.

איך אָבער פּערזענליך בין פֿערטריבען געוואָרען אויף יאָרען־לאַנג פֿון וואַרשע, האָב שוין מער נישט געהאַט דעם נחת־רוח און גליק מער צו טרעפֿען זיך מיט דעם „גרויסען אייראָפּעער" אין אונזער ליטעראַטור.

הינטער׳ן שלאס.

שוין עטליכע וואָכען, אַז איך בין „פערקאָנספּירירט“. איך האָב זיך געמוזט איבערטראָגען פון יודישען קוואַרטאַל אין צענטער, און זיצען פערשפּאַרט גאַנצע טעג אין אַ לעצט ציממער ביי אונזערע אַ „סימפּאַטיקערין“. זשאַנדאַרמען זענען געווען אין מיין וואוינונג, האָבען מיך געזוכט אין אַלע הייזער, וואו איך פלעג זיין אַנ׳אָפטער אַריינגעהער, און דער „קאָמיטעט“ האָט דערום בעשלאָסען, מיך איזאָלירען אויף אַ צייט, ביז־וואַנען איך וועל אויסגעהיילט ווערען פון דער „פערקילונג“.

געקומען איז עס מיר פון אַ „תנאים“.

ס׳איז דעמאָלט ביי אונז געווען אַ הייסע צייט. פאַר דעם לעצטען זומער האָבען מיר אַ ביסעל אַ שטיק־געטון. די מאַסען־שטרייקען, וועלכע האָבען זיך דעמאָלט סטיכיש צעגאָסען איבער׳ן שטאָט, זענען דורך אונז גלענצענד אויסגענוצט געוואָרען. אַלע שבת פלעגען זיך לאָזען פון שטאָט אויף דער „סאַסקאַ־קעמפּאַ“ אין אַרומיגע וועלדער צעהנדליגער, הונדערטער פּאָרלעך אַרבייטער, מען פלעגט דאָרט אַריינכאַפּען אויך אַ שטיק „פּאָליטיק“. די געגענד פלעגט הילכען פון יודישע אַרבייטער־לידער, מיר האָבען זיך איינגעזאַפּט אין דער מאַסע, און איהרע בעסערע און יונגערע האָבען זיך געריסען אין אונזער אָרגאַניזאַציע. זי האָט זיך אַלץ פערגרעסערט, יעדע וואָך פלעגען צו אונז קומען גאַנצע גרופּעס. מיר האָבען דערום בעשלאָסען צונויפצורופען אויף שבת־חנוכה די ערשטע צוזאַמענקונפט פון אַלע

חברים, דערבײַ דאָס מאַכן יום־טוב׳דיג: מיט רעדעס, געזאַנג און טענץ.

אײַנגעאָרדענט האָבן מיר דאָס גאָר אויף אַ פּשוט׳ן אופן. מיר האָבן געדונגען אַ לעדיגע דירה אויף נאָוואָליפּקי, דעם ווירט האָבן מיר געמאָלדען, אַז דאָרט וועט זײַן תּנאים, חתן־כּלה זענען שוין געווען בעשטימט, אַ כּתובה–פּאַרטיג. מיר האָבן אויך צוגעגרייט אַ סעודה כּיד־המלך: ברויט, וואורשט און ביר. מ׳האָט זיך פאַרזאַמעלט אַ היבשער עולם: אַ דרײַ־פיר הונדערט מאַן, און ס׳איז געווען „ליהודים".

אָנגע אין רעכטען ברען האָט זיך דערהערט אַ פעסטע רוסישע שטימע; טיר און טויער זענען גלײַך געשלאָסען גע־וואָרען, אונז איז בעפאַלען אַ גאַנצע מחנה פּאָליציאַנטען און זשאַנדאַרמען און אונז אַלעמען איבערגעפירט, גרופּענווייז, אין נאָהענסטען צירקעל. פערשטעהט זיך, אַז אַלע האָבן גע־טענה׳ט אין איין קול, אַז זיי זענען געקומען אויף אַ תּנאים, ווער פון חתנ׳ס צד, ווער פון דער כּלה׳ס זייט. מען האָט אַלעמען אָבגעהאַלטען אַ טאָג־צייט, אָבגעפירט אויף די דירות, דאָרטען גוט בודק־געווען און בעפרייט. מיך איינעם האָט מען פערהאַלטען.

איך בין שוין דעמאָלט געווען „אונלעגאַל". איך האָב געוואוינט אויף אַ פאַלשע „כּתיבה", און מײַנע חברים האָבן זיך געשראָקען, אַז אויב די זאַך וועט אַוועק צו די זשאַנדאַר־מען און זיי וועלען אָנהויבען צו מאַכען אַ גרויסע חקירה־ודרישה, וועל איך נאָך דורכפאַלען מיט די אַלטע מעשיות. זיי האָבן דערום געפּאַקט ערגעץ אַ יוד אַ „מאַכער", וועלכער האָט זיך אונטערגענומען דורכצופירען דעם געשעפט מיט זיי־נעם אַ בעקאַנטען קאָמיסאַר.

נאָך צוויי מעת־לעת זיצען אין צירקעל אין אַ קעלער, רופט מען מיך גאָר אונגעריכט, שפּעט בײַנאַכט, אין קאַנצע־לאַריע אויף אַ „ווידזעניע". דאָרטען האָב איך געטראָפען זיצען אַ שענעם אונבעקאַנטען יודען, מיט אַ לאַנגער באָרד, וועלכער האָט זיך צו מיר אַ לאָז־געטון, ווי אַן׳אַלטער בעקאַנטער,

און מיך הערצליך בעגריסט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַנ׳אָבגערעדטע מעשה, איך האָב זיך דערום אויך שטאַרק דערפרעהט מיט׳ן „פעטער“, וועלכער האָט מיך גאַנץ היימיש־לעך אויסגעשייגעצט (אויף רוסיש, פערשטעהט זיך) דערפאַר, וואָס איך חבר־זיך נישט מיט מיין שטייגער, האָט מיר גע־הייסען דאַנקען דעם ה׳ פריכטאַוו פאַר זיין גוט האַרץ, און האָט מיך מיטגענומען מיט זיך.

אויפ׳ן גאַס האָבען מיך שוין אָבגעוואַרט נאָנטע און גוטע פריינד, מען האָט מיך באַלד אַוועקגעזעצט אויף אַ דראָשקע און אַוועקגעפירט אויף אַ נייע דירה. מיר האָבען זיך אָנגעשטויסען, אַז דאָס וועט נאָך אַזוי גלאַט נישט אָבגעהן, אַז מען וועט זיך נאָך כאַפּען און קומען צו מיר אַ צווייט מאָל. כך־הוה, אַזוי איז עס טאַקע געשעהן: אויף צו־מאָרגענס ביינאַכט איז מען געוועזן אויף מיין אַלטער דירה, מען האָט איבערגעאַקערט ביי אַלע מיינע בעקאַנטע, מען האָט אַרעס־טירט די פיקטיווע חתן־כלה, און ביי אַלעמען שטאַרק זיך אויף מיר נאָכגעפרעגט. פון „פאַוויאַק“ האָט מען אַרויסגעשיקט „צעטלעך“, דאָס איך זאָל זיין פאָרזיכטיג, אַז עמיצער „גיט־אַרויס“. און ס׳איז דערום בעשלאָסען געוואָרען האַלטען מיך אין קאַראַנטין אַ פּאָר וואָכען, און נאָכדעם איבערטראַנספּאָר־טירען ערגעץ אַנדערש.

מיין קאַראַנטין האָט שוין געהאַלטען ביים אויסגעהן. די שפּור־אָבטיילונגען, וועלכע פלעגען מיר טעגליך ראַפּאָרטירען וועגען „דער לאַגע“, האָבען פערזיכערט, אַז אַלע „פּאָסטענס“ זענען שוין פריי פון די שפּיגעס, אַז מען קוקט שוין מעהר „אונזערע“ נישט נאָך, און אַז איך קאָן זיך שוין בעווייזען אין גאַס. ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז אויפ׳ן צווייטען טאָג פּאַר איך אָב. נאָר היינט איז ערב ניי־יאָר, חברה וויל זיך געזעגענען, און אין איין־וועגס צוזאַמען בעגעגענען ניי־יאָר. אפילו די שטרענגסטע „קאָנספּיראַטאָרען“ האָבען גאָר נישט געהאַט געגען אַזאַ פּלאַן. אַלע זענען געוועזן זיכער. אַז איך בין שוין פולקאָם „ריין“. אַ וואוינונג האָט מען אויך אויס־

געקליבען אַ כשר׳ע. אָהן שום חשד, און ס׳איז אָבגערעדט גע־וואָרען, דאָס איך זאָל צופאָרען פון מיין דירה גלייך אַהין.

אָבער איך האָב נישט געקאָנט פועל׳ן ביי זיך, אַוועק־צופאָרען און נישט געזעגענען זיך מיט די חברים פון אונ־זער „טעכניק“. די גרויסע און פערצווייגטע אַרבייט פון יענעם יאָר האָט געצוואונגען דעם וואַרשאָווער קאָמיטעט אַרויסצו־געבען אַן׳אייגענעם אָרגאַן—דעם „וואַרשאָווער אַרבייטער“. דערצו איז נויטיג געווען אַן׳אייגען „דרוקעל“, אָדער, ווי מיר פלעגען דאָס רופען „טעכניק“. געמאַכט האָבען מיר עס גאַנץ פרימיטיוו: אונזערע אַ חברט׳ע האָט אַריינגענומען צו זיך אין אַ צימער, וועלכען זי האָט פערנומען אַלץ סובלאָקאטאָרין ביי יודישע קרעמער אויף קאַרמעליצקאַ גאַס, „אַ רעמעל מיט אַ וואַליק“. מען האָט געקריגען אַ ביסעל שריפט; אין די אָווענדען פלעגט מען פערפערטיגען דעם זאַץ, און ביי טאָג, ווען די בעלי־בתים פלעגען זיין אין קראָם, פלעגט מען דאָס אָבציהען מיט׳ן וואַליק. כדי ס׳זאָל זיך נישט הערען דאָס קלאַפען, פלעגען מיר טומלען און זינגען, און איינע פון אונז, די פערשטאָר־בענע מערע גאָלדמאַן, פלעגט דעם צימער פערהילכען מיט איהר געלעכטער. אַרויסטראָגען דאָס געדרוקטע פלעגען מיר אויף זיך פעקלעכווייז, אָדער אונזערע דאַמען פלעגען דאָס אַריינלעגען אין אַ קוישעל און צושטעלען צום בעשטימטען אָרט. איך פלעג זיין פערבונדען מיט דער דאָזיגער „טעכניק“ און דאָרטען פערברענגען גאַנצע טעג. מיט די איבריגע טו־ער פון שטאָט האָבען זיך די טעכניק־אַרבייטער נישט גע־טאָרט טרעפען; דאָס איז געווען געגען די כללים פון קאָנ־ספיראַציע.

איצט, פאַר מיין אָבפאָרען, האָט מיך מיין האַרץ אַהין געצויגען. מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט מיט זיי זיך זעגנען, אָבער קומען גלייך אַהין האָב איך נישט געוואַגט, און מיר האָבען אָבגערעדט אַ טרעף־פונקט — ביי אונזערע אַ געמיינ־זאַמע בעקאַנטע, אין יענעם געגענד. פאָרויס איז געגאַנגען מיינער אַ פריינד, האָט זיך אַרומגעקוקט, און האָט מיר געגע־

בען סימנים, צי דער וועג איז „ריין". קומענדיג אויף ראָג נאָוואָליפּקי און קאַרמעליצקאַ, האָב איך מיט־אַמאָל דערהערט שנעלע טריט הינטער זיך. איך האָב נאָך נישט בעוויזען זיך אומקוקען, ווי אַ שווערע האַנד האָט מיך שטייף געפּאַקט ביים קאָלנער און גלייך אָבגעשטעלט. איך קער זיך אום. איך האָב באַלד דערקענט דעם חפץ. דאָס איז דערזעלבער, וועלכען איך פלעג פריהער, מיט אַ פּאָר וואָכען כאַר יענעם אָווענד, בעגעג־נען אויף מיין גאַס. „קאַפּוט!" — איז מיר ווי אַ בליץ, דורכ־געלאָפען שנעל אַ געדאַנק. דאָס איז אַ „שפּיצעל", וועלכער האָט ספּעציעל מיך געטשאַטעוועט, אָדער האָט מיך דערקענט. ער, אַ רויטער און געזונטער בעל־גוף, האַלט מיך פעסט, און איז אַליין אויך בלאַס און צעשראָקען. אַרום אונז קלייבט זיך צונויף אַן׳עולם.

— „וואָס פערלאַנגט איהר?"—פרעג איך פון כלומר׳שט־וועגען.

— „ער האָט נעכטען מיט מיר גע׳שכור׳ט און האָט אַ מענשען דערשטאָכען"—אַפּעלירט ער צום עולם, וועלכער האָט אָנגעהויבען איבערצוגעהן אויף מיין זייט.

— „דער קערל איז שכור"—שריי איך: „ער פלוידערט. איך קען איהם נישט!".

איך קוק זיך אַרום, מיין פריינד איז פערשוואונדען, אַפּנים ער איז געלאָפען נאָך הילף, מיך אָבצושלאָגען. איך בעמיה זיך צו פערציהען די זאַך. דער עולם ווערט אַלץ גרע־סער. ס׳קומט־צו אַ פּאָליציאַנט. איך בייזער זיך שטאַרק אויף איהם, וואָס ער דערלאָזט אַזעלכע סקאַנדאַלען, און פאָדער ער זאָל מיך בעפרייען פונ׳ם אָנפאַלער. דער אָרדנונגס־היטער קווינקעלט זיך און פּסק׳נט: מיר זאָלעןביידע געהן אין ציר־קעל. איך בין אויף דעם נישט מסכים. דער טומעל ווערט גרעסער. דאַן כאַפּט מיין בעל־גוף אַרויס אַ ווייס קאַרטעל, ווייזט דעם פּאָליציאַנט, יענער ווערט זעהר נאָכגיביג און האַלט מיך שוין ביים אַרבעל. ער פייפט. ס׳קומען־צולויפען סטרוזשעס, און איך זיץ שוין אויף אַ דראָשקע, אַרומגערינגעלט פון אַ גאַנצער חברה היטער.

אויף דער דראָשקע ווערט מיין שפּיצעל ווייך ווי פּו־

טער, בעט ביי מיר ענטשולדיגונג, וואָס ער האָט אויף מיר אויסגעטראַכט אַזאַ מעשה: „מען טאָר דעם פּובליקום נישט שטעכען אין די אויגען". דאָס איז אַפּנים אויסגע׳חזר׳ט פון דער שפּיאָנען־אינסטרוקציע. ער פּערענטפּערט זיך, אַז אייגענטליך וואָלט ער מיך היינט אויך נישט אַרעסטירט: אַ סימן, ער קען מיך שוין זעהר לאַנג און האָט מיך צו־רוה געלאָזען, נאָר די העכערע „נאַטשאַלסטוואָ" האָט בעפוילען, מוז ער פאָלגען.

„אָכראַנקעס" האָבען נאָך דעמאָלט אין פּוילען נישט עקזיסטירט. ס׳האָט געהאַט אַנ׳אַנדער נאָמען: די בעזונדערע קאַנצעלאַריע פאַר פּאָליטישע ענינים ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר, און אַהין טאַקע האָט ער מיך פּערפירט.

דער נאַטשאַלניק פון דער קאַנצעלאַריע, אַ גרייז־גרויער פּאָלקאָווניק מיט קעצישע אויגען און ליים־שאַרער געזיכט, האָט מיך אַזוי אויפגענומען, גלייך ווי ער וואָלט שוין לאַנג געבענקט נאָך מיר, און האָט זיך דערום שטאַרק דערפרעהט מיט מיין קומען. ער האָט מיט מיר פּערפירט אַ געשפּרעך פון פייער און פון וואַסער, האָט געגעבען אָנצוהערעניש, אַז ער ווייס פון אַלץ (צום בעדויערן, איז דאָס געוועזן טיילווייז אמת, ווייל דעמאָלט שוין, ווי ס׳האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזען, האָט אין אונזערע רייהען אַריינגעריסען זיך די שרעקליכע פּלאָג—די פּראָוואָקאַציע).

אָבהאַלטענדיג מיך אַ פּאָר שעה ביי זיך אין קאַבינעט, האָט ער ענדליך פּעראָרדענט מיך אָבצופירען אין 10־טען פּאַווילאָן. „דאָרטען", האָט ער מיר צוגעוואָרפען ביים געזעגענען זיך, „וועט איהר האָבען גענוג צייט זיך צו בעטראַכטען און זיך בעזינען". דעם אמת מוז מען זאָגען: ער האָט געהאַלטען וואָרט.

אין דעם דאָזיגען מתים־שטיבעל האָב איך גענוג צייט פּערבראַכט.

צו וואָס אַ מענש ווערט נישט צוגעוועהנט. שפּעטער־צו נאָך לאַנגע וואָכען און חדשים, האָב איך זיך אויך צו מיין איינזאַמקייט צוגעוועהנט. איך האָב זיך אין מיין קליין קעמערל

איינגעאָרדענט גאַנץ בעקוועם און געפֿילט זיך זעהר געמיטליך. דעם ערשטען אָווענד אָבער, ערב ניי־יאָר, האָט מיך פיינליך געצויגען אַהין, צו מיינע פריינד און חברים, וועלכע וואַרטען אַודאי אויף מיר. וואָס טוען זיי איצט? צי ווייסען זיי שוין פון מיין אַרעסט?

פערטיפט אין אַזעלכע רעיונות, בין איך אַרומגעלאָפען איבער מיין שטייגעל און גע׳חלומ׳ט אויף דער וואָר. פלוצלינג דערהער איך אַ שאָרך ביי דער וואַנד, אַ קראַץ, און אַ שטילען, קום־קום בעגרייפליכען קלאַפ. איך שטויס זיך גלייך אָן, וואָס דאָס איז. דאָס וויל זיך מיט מיר מיין שכן דורכקלאַפען. דעם אַלף־בית האָב איך נאָך געקענט פון פריהער. אָבער אין פויליש בין איך נישט געאיבט. ער קלאַפט צו מיר זעהר שנעל. איך פערשטעה נישט און קלאַפ אונגעדולדיג אין וואַנד. יענער אַפנים, כאַפט זיך, אַז ער האָט דאָ צו טון מיט אַ פריץ, און קלאַפט לאַנגזאַם אויס: 3–5, 5–3, 3–3 און אַזוי ווייטער. איך שטרענג־אָן מיין אויער, איך צעהל, און מערקאָן, און אַלץ ווערט מיר פערשטענדליך:

— „אַ ניי יאָהר! אַ ניי גליק!”

איצט הער איך שוין, ממש פיזיש הער איך די ווערטער. דורך די גראָבע ווענד, דורך שטיינער און ציגעל רייסען זיי זיך דורך די געפיהלען פון געפאַנגענעם מענשען אין שטייג. זיי דערגרייכען מיין אויער, און מיין איינזאַמקייט פערשווינדט ווי אַ חלום.

ליכטיג ווערט מיר אויפ׳ן האַרצען, פרעהליך אין אַלע ווינקעלעך פון מיין נשמה; אויך דאָ קאָנען מיר אונבעקאַנטע און דאָך נאָהנטע, צוזאַמען בעגעגענען דאָס נייע יאָהר.

האַסטיג וואַרף איך זיך שוין דער ערשטער צו דער צווייטער וואַנד, און קלאַפ צו מיין צווייטען שכן:

— „פראָזיט! צום ניי־יאָהר”!

און ס׳איז ביי אונז אַוועק אַ האַרציג־שטומער געשפרעך ביז שפעט אין דער נאַכט.

דער 10-טער פּאַוויליאָן.

איך האָב זיך גאַנץ בעקוועם איינגעאָרדענט אין מיין נייער דירה. די איינזאַמקייט און שטילקייט אַרום ווירקט אויף מיר גאַנץ בערוהיגליך, משמעות, איך בין פאַר'ן אַרעסט געווען זעהר איבערגעמאַטערט, מיינע נערוועז זענען שוין געווען צופיל אָנגעצויגען פון גרויס אָנגעשטרענגטקייט. איצט רוהען זיי זיך אויס פאַר דער גאַנצער צייט און איך וועל דאָ אַ ביסעל קומען צו זיך. איך האָב פעסט ביי זיך בעשלאָסען זיך נישט אָבלאָזען, נישט אַוועקלעגען זיך אין בעט אָדער שפּיטאָל, נור האַלטען זיך אויף די פיס און אַליין איינשטעלען פאַר זיך אַ שטרענגען „רעזשים".

די דאָרטיגע אויפזעהער האָבען בכלל פון קיין רעזשים נישט געהאַלטען. איהר האָט געקאָנט שלאָפען ביז וואַנען איהר האָט געוואָלט, לעגען זיך ווען אייך איז געפעלען און אַפילו אַ גאַנצע צייט וואַלגערן זיך אויפ'ן בעטעל. איינמאָל אין טאָג פלעגט אייך אַ זשאַנדאַרם איינלאַדען אויף 10 מינוט אויף אַ שפּאַציר, דאָס פלעגט פּאַרקומען אויף אַ קליין הויפעל, איבער אַן'אויסגעטרעטענער סטעזשקע צווישען צוויי זעלנער אַלס בּאַריערע בעגלייט פון זשאַנדאַרם ביי דער זייט. דערביי איז אויך געווען פערווערט אויפצוהויבען דעם קאָפּ אין דער הויך, אָדער זיך אומקוקען אין די זייטען. פונ'ם שפּאַציר האָט מען זיך געקאָנט אָבזאָגען.

אין אָוועגד פלעגט אַ זשאַנדאַרם ווידער קומען מיט אַ פּאַפּירעל און פערשרייבען, וואָס יעדער וואונשט און וואָס ער וויל איינקויפען. דערביי פלעגט כמעט נישט זיין קיין שום

בעגרענצונג אין אויסשרייבען. מען האָט געקאָנט, אויב מען האָט נור געהאַט אין קאַנצעלאַריע געלד, אַלץ איינקויפען זיך טעגליך, וואָס מען האָט נור פערלאַנגט, אויטער ספירט.

דאָס עסען בכלל איז דאָרט געווען אויסגעצייכענט. דריי זעמלען מיט טיי און צוקער אין דערפריה, ווייס ברויט און אַ געשמאַקער נאַרהאַפטער מיטאָג פון צוויי שפייזען (תאַר איינ־טעליגענטען צוויי פליישען און פאַר אַרבייטער — איין פלייש) בייטאָג; אָווענד־ברויט—אַ פיינקוכען, אָדער קאָטלעט און מילך; אויסער דעם האָט מען אויפ׳ן אייגענעם חשבון געקאָנט בע־שטעלען אין דער קיך אַנדערע פּאָטראַוועס.

אַ ביבליאָטעק איז דאָרט אויך געווען זעהר אַ רייכע אויף עטליכע שפראַכען און צוויי מאָל אַ וואָך פלעגט קומען צו אונז דער ביבליאָטעקער (אַ זשאַנדאַרם) מיט אַ קאַטאַלאָג און מען פלעגט קאָנען אויסקלייבען ביכער צום לעזען. דער אויסוואַהל איז געווען זעהר אַ ברייטער און אין דער דאָרטיגער ביבליאָ־טעק פלעגט מען גאַנץ אָפט בעקומען ביכער, וואָס אויף דער פריי האָבען זיי זיך גערעכענט פאַר קאָנפיסקירטע, אָדער זע־נען גלאַט געווען אַ יקר־המציאות. דאָס ערקלערט זיך מיט דעם, וואָס די ביבליאָטעק האָט זיך אויסגעבויט און בעזונדערס בערייכט געוואָרען דורך די ביכער פון די אַרעסטירטע גופא, וואָס פלעגען זיי שוין דאָרט איבערלאָזען, נאָכדעם ווי זיי פלעגען פערלאָזען זייער האָטעל, וואו זיי האָבען פערבראַכט לאַנגע חדשים אָדער יאָרען.

שווערליך איז נור געווען דאָס אייביגע שוויגען, דאָס אויספעהלען פון אַ מענשען, מיט וועמען מען זאָל קאָנען אַמאָל אַרויסרעדען אַ לעבעדיג וואָרט. די גאַנצע צייט וואַרפען זיך אין די אויגען נור די שאַרע מלבושים פון די מיליטער־לייט. די גראָהע פאַרב פינטעלט אין די אויגען. זי איז מיר שטאַרק איבערדריסיג געוואָרען, עס ווילט זיך אַזוי זעהען אַ מענשען געקליידעט ציוויל, זאָל זיין אַ ווילד־פרעמדען אַפילו. איך האָב בעשלאָסען איינצולאַדען צו זיך אַ דאָקטאָר—פאָרט אַ ציווילע פערזאָן. אָבער ווי גרויס איז געווען מיין ענטוישונג, ווען

אויף מאָרגען האָט זיך ווידער צו מיר אין צימער אַריינגעלאָזען איינער געקליידעט אין גראָהע מיליטער-בגדים און האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס היגער דאָקטאָר. צוליב זיין זשאַנדאַרם-אוניפאָרם אַליין האָב איך פערלאָרען צו איהם מיין צוטרוי און איך האָב ווייניג וואָס מיט איהם גערעדט. ער האָט מיר, ווי דער שטייגער איז פון אַזעלכע דאָקטוירים, גלייך פערשריבען בראָם, אויף צו בערוהיגען מיינע נערוועז און האָט זיך גיך אָבגעטראָגען, בעקומענדיג צו פערשטעהן, אַז ער איז דאָ נישט קיין אָנגעלעגטער גאַסט.

אַריינטרעטען אין אַ געשפרעך מיט די זשאַנדאַרמען-וועכטער איז פשוט געווען אַן אונמעגליכע זאַך. זיי איז געווען שטרענג פערבאָטען צו רעדען מיט די אַרעסטירטע. פון צייט צו צייט, מעטאָדיש, פלעגען זיי צו געהן צום טיר-שייבעל, וואָס איז פון דער צווייטער זייט אין קאָרידאָר געווען שטענדיג פערדעקט, פלעגען אויפהויבען דעם אַראָבגעלאָזטען לאָדען און אַריינקוקען, וואָס טוט זיך אין צימער. דאָס פלעגט זעהר דענערווירען. איהר זיצט אַזוי פערטיפט אין אַ בוך אַליין אין צימער, איהר פערגעסט בעת-מעשה אויף וועלכע וועלט איהר געפינט זיך, אַרום אייך איז נישטאָ קיין לעבעדיגער נפש, קיינער שטערט אייך נישט אין אייער אַרבייט, ס'איז אַזוי גוט, אַזוי רוהיג; מיט אַ מאָל איהר הויבט אויף דעם קאָפּ און דערזעהט, ווי אויף אייך זענען אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגען, און איהר פאַלט שוין אַראָב פון אייערע הימלען, וואָס איהר האָט פאַר זיך געשאַפען, אויף דער אומעטיגער תפיסה-ווירקליכקייט; בעזונדערס פלעגט רייצען דאָס שטילע צוגנב'ענען זיך אויף די שפּיץ-פינגער צו אייער טיר, פּונקט ווי מען פלעגט אייך וועלען כאַפּען ביי אַ געהיימען פערברעכען.

גאַנץ אָפט פלעגט אויף דעם דאָזיגען באָדען אויסברעכען שאַרפע סכסוכים צווישען די אַרעסטירטע און די וועכטער. נישט ווייט פון מיין צימער איז געזעסען אַ פרוי, אַלע נאַכט ביי איהר שלאָפען-געהן פלעגט זיך אויפהויבען שטאַרקע קולות. זי פלעגט פערהיינגען דאָס פענסטערל פון אינעווייניג ביים

אויסטון זיך. דער זשאַנדאַרם פֿלעגט דאָס פֿערבאָטען, פֿלעגט זי איהם ניט פֿאָלגען. פֿלעגט ער קלינגען און אַראָבברענגען די עלטסטע פֿון קאַנצעלאַריע, יענע פֿלעגען דער פֿרוי דראָהען מיט קאַרצער, אויב זי וועט זיך אַזוי אויפֿפֿיהרען. און דאָס פֿלעגט זיך איבערחזר'ן אַלע נאַכט, ביז מען האָט זי איבער־געפֿירט אין אַנ'אַנדער קאָרידאָר.

די זשאַנדאַרמען פֿלעגען זיך בייטען אַלע צוויי שעה און פֿון דעם פֿלעג איך וויסען די צייט, ווי אויפֿ'ן זייגער. איך פֿלעג ניט איינמאָל פֿרובירען אַריינגעהן אין אַ געשפּרעך מיט די וועכטער, אָבער מיר פֿלעגט זיך דאָס קיינמאָל ניט איינ־געבען. איך געדענק איינמאָל איז געשטאַנען ביי מיין טיר אַ יונגער זעלנער מיט אַ סימפּאַטיש געזיכט. געוועהנליך, פֿלעג איך מיך נוהג זיין, אָנצוואַרמען דאָס געקאָכטע וואַסער, וואָס מיר פֿלעגט פֿערבלייבען פֿון אָוועַנד־טיי אויפֿ'ן נאַפֿט־לעמפּעל אַ זייגער 12—1 ביי נאַכט. דער יונגער זשאַנדאַרם האָט ניט פֿערשטאַנען, וואָס איך טו און האָט אָנגעהויבען שרייען. איך בין צוגעגאַנגען צו דער טיר, ערקלערט איהם, אין וואָס עס געהט. ביסלעכווייז האָב איך אַזוי פֿערפֿירט מיט איהם אַ גע־שפּרעך. ס'איז געווען אַ קאַלטע, פֿראָסטיגע נאַכט, דער זעל־נער האָט געקלאַפּט אַ פֿוס אין אַ פֿוס און איז איינגאַנצען גע־ווען פֿערגליווערט פֿון קעלט. איך האָב איהם דאַרום פֿאָרגעלעגט צו נעמען ביי מיר אַ ביסעל הייסע טיי פֿון מיין קאַן. אין דער ערשטער סעקונדע האָט ער אויף דעם מסכים געווען (דער נסיון איז געווען צו גרויס), ער האָט שוין אפילו גע־עפֿענט דאָס פֿענסטערל און אויסגעשטרעקט די האַנד. פּלוצ־לינג אָבער האָט ער זיך אַ כאַפּ־געטון, וואָס פֿאַר אַ פֿער־ברעכען ער בעגעהט דאָ, האָט האַסטיג אַראָפּגעלאָזט דאָס שייבעל, האָט'ס צוגעקלאַפּט מיט'ן ברייסעל און אָנגעהויבען צו מאַרשירען מיט ברייטע טריט איבער דעם קאַלטען אַספֿאַלט פֿון קאָרידאָר. אַזוי שטאַרק איז געווען אין דעם זשאַנדאַרם־באַטאַליאָן די דיסציפּלין!

אויסער די זשאַנדאַרמען פֿלעגען ביים איינגאַנג אין די

קאָרידאָרען און אין הויף שטעהן אויף דער וואך איינפאַכע זעלנער. זיי פלעגען זיך גאָר שרעקען פאַר די זשאַנדאַרמען אימת-מות און פלעגען מורא האָבען אפילו צו קוקען אין אונ- זער זייט. איינמאָל האָט דער זשאַנדאַרם געעפענט די טיר פון מיין חדר און מיר גערופען אויפ'ן שפּאַציר. איך געה דורך דעם ערשטען קאָרידאָר, מיין בעגלייטער עפענט פאַר מיר די צווייטע טיר, אַ שטיק ליכט רייסט זיך אַריין פון דרויסען אין האַלב פינסטערן בנין, פאַר מיר שטעהט אַ סאָל- דאַט מיט אַ ביקס; איך קוק זיך צו: ס'איז מיינער אַ בעקאַנ- טער פון בריסק, אַנ'ארבייטער פון פעראיין. ער האָט מיר אויך דערקענט, איז געוואָרען דערפון אַזוי איבעראַשט, אַז ער האָט זיך אַ וואָרפגעטון צו דער וואַנד און די ביקס איז שיער נישט אַרויסגעפאַלען פון זיינע הענד. איך האָב צו איהם געשמייכעלט, ער אָבער האָט מורא געהאַט צו קוקען אין מיין שטח און האָט שטאַרק געציטערט.

ביי דער גאַנצער איזאָלאַציע און שטרענגער דיסציפלין פלעגען מיר דאָך געפינען מיטלען, ווי אַזוי צו קאָמוניקירען צווישען זיך. פון איבערקלאַפּען אין וואַנד האָב איך שוין דערצעהלט. נישט אַלע אָבער האָבען זיך געקאָנט אויסלערנען קלאַפּען און נישט אַלץ האָט מען געטרויט דער וואַנד. ביי אונז פלעגט די וואַנד ווירקליך האָבען אויערן און אָפט פלעגט מען אויף אַנ'אויספאָרשונג אויספרעגען וועגען זאַכען, וואָס די זשאַנדאַרמען פלעגען איבערגעבען פון קלאַפּען. אַגב פלע- גען די זשאַנדאַרמען אונז שטערען אין דער אַרבייט דערמיט, וואָס זיי פלעגען אָנהויבען קלאַפּען מיט אייזענס אין קאָרידאָר און צומישען דעם קלאַפּען, האָבען מיר געהאַט נאָך אַ מיטעל. אין דערפריה פלעגט מען אונז אַרויסלאָזען איינ- ציגווייז אין וואַש-צימער און איינציגע מאָל אַ טאָג אויף בעדערפענישען. נאָך יעדען בעזוך פלעגט אפילו אַ זשאַנ- דאַרם דאָרט שטרענג איבערטאַפּען און אַלץ איבערקוקען. דאָך האָט זיך אונז איינגעגעבען איינצושטעלען זיכערע בעהעלטני- שען, וואו דעם זשאַנדאַרם פלעגט נישט איינפאַלען גאָר צו קו-

קען און דאָרטען איבערלאָזען צעטלעך איינע פאַר די צווייטע, געשריבען מיט אַ שוועבעלע אָדער מיט אַ ציטרין, נאָכדעם אנגעוואָרעמט אויף אַ לאָמפּ.

וועגען אַן אַלגעמיינעם ענין, וואָס פלעגט האָבען אַן אינ־טערעס פאַר דער גאַנצער פערשפּאַרטער בעפעלקערונג פון פּאַ־וויליאָן, פלעגט מען אינפאָרמירען דורך די ביכער. ניט שריי־בען, פערשטעהט זיך, ווייל דאָס וואָלטען דאָך די אויפזעהער גלייך בעמערקט און די ביכער פערהאַלטען. צוליב דער זעל־בער סיבה, משמעות, פלעגט מען אונז אָפט געבען ביכער, וואו ס'פלעגט פעהלען פיל בלעטער. אין קאַנצעלאַריע פלעגט מען דערמיט ניט מאַכען קיין גרויסע מחזקות און די פער־שריבענע בלעטער פשוט אויסרייסען. האָט מען דאַרום צוגע־קלערט אַן אַנדער מיטעל. מען פלעגט מיט אַ שפּילקעלע אָנ־צייכנען זעהר פאָרזיכטיג און דין אַ רייהע בוכשטאַבען, צע־וואָרפען אויף פערשידענע זייטלעך. דאָס פלעגט מען קאָנען בעמערקען נור ביי אַן אויפמערקזאַם לייענען. פון די אָנגעציי־כענטע בוכשטאַבען לויט דעם סדר פלעגט מען צונויפשטעלען ווערטער, פון זיי בילדען גאַנצע זאַצען. אויף אַזאַ אופן פלעגט מען פובליקירען פאַר אַלע ביבליאָטעק־אַבאָנענטען וועגען עמי־צען, וואָס גיט אַרויס זיינע חברים, וועגען נייע אַרעסטען, אָדער גלאַט אַלגעמיינע נייעס.

אַזוי האָב איך איינמאָל אין אַ בוך פערנאַנדערגעשיפ־רירט, אַז מען זאָל זיין פאָרזיכטיג מיט'ן געהילף־פערוואַלטער פון ציטאַדעל, ווייל ער איז אַ שפּיאָן. איך האָב נאָך דערוויל ניט געהאַט די זכיה איהם צו קענען. אין אַ קורצע צייט אַרום, מען ריגעלט אָב די טיר, מען שליסט זי אויף, די זשאַנדאַרמען בלייבען שטעהן אויפ'ן קאָרידאָר, (געוועהנליך פלעגט דער וועכטער אַלעמען מוזען בעגלייטען), און מיט מיר אין צימער איז פערבליבען אַ נידריג פאַרשוינדעל מיט פלינ־קע אויגעלאַך און לאַנג־פּויליש גראָהע וואָנצעס, געקליידט אין אָפּיצירען־אוניפאָרם, בעהאַנגען מיט אָרדענס. ער האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַלס געהילף־פערוואַלטער און האָט אָנגעהויבען

לאַקריִך=זיִס מיִט מיִר צו פערפיִרען אַ שמועס: פאַר וואָס איִך זיִך, איִן וואָס מען בעשולדיִגט מיִך, פאַר וואָס זיי (די זאַנ=דרמען, הייסט דאָס) מאטערן אומזיסט גוטע מענשען און נאָך אַזעלכע מעשות. איִך אָבער האָב די גאַנצע צייט פון זיין עשפּרעך צוגעשמייכעלט און געטריִבען שפּאַס. מיִר האָט זיִך ממש געריִסען פון צינג: וואָס מאַכסטו זיִך, אַלטער, פאַר אַ נאַר? דיין אַרבייט איִז אַרויסגעוואָרפען. ביי מיִר אויפ'ן טיִש איִז נאָך געלעגען דאָס בוך, איִן וועלכען דער דאָזיִגער נפש איִז דעמאַסקיִרט געוואָרען.

דער „פּאַוזאַ".

אומבעמערקטערהייט זענען אַריבערגעלאָפען וואָכען, עס זענען פערשוואונדען חדשים. איך האָב זיך שוין צוגעוואוינט גאַנץ פעסט צו מיין צימער, איך האָב זיך גאַנץ גוט צוגע־פּאַסט צום נייעם אַרט לעבען. אַלץ אַזוי איינגעשטעלט, אַזוי רוהיג און אונגעענדערט. די צייט פלעגט אַריבערלויפען מיט אַזאַ געשווינדער שנעלקייט, אַז איך פלעג גאָרנישט בעמער־קען, ווי דער טאָג פלעגט אַהינקומען. אויף מיין וואַנד האָב איך אַליין אָנגעשריבען אַ לוח און פלעג זיך ממש וואונדערן, ווי שנעל די צייט שפּרינגט. שוין אַדורך יאַנואַר, שוין אויך אויסגעשטראָכען פעברואַר און ס'האַלט שוין ביים סוף מערץ.

וויפיל וועט נאָך דאָ אויסקומען צו זיצען? מיט וואָס וועט זיך די זאַך ענדיגען? אַזעלכע מחשבות פלעגען מיר אָפּט קומען אויפ'ן זינען; זיי פלעגען אָבער וועניג וואָס שטערען מיין רוהיג־אָפּטימיסטישע געזינונג. דאָ צו זיצען אַ שטיקעל צייט, האָב איך זיך אַליין געטרייסט, איז בפועל ממש נויטיג פאַר יעדען טוער: אַ גוטער אָפּרוה, אַ גינציגע מעג־ליכקייט זיך צו דערלערנען, צו ממלא זיין די קענטנישען. ווען וואָלט זיך דאָס אונזער איינער געקאָנט פערגינען אויף אַזאַ וואַקאַציע און בפרט נאָך אָבשפּאָרען אַזוי פיל צייט אויף צו לעזען און גרינדליך צו שטודירען? עסען איז דאָ לרוב, ביכער אויך נישט ווענינ. דאַרף מען עסען און לעזען, נישט אַראָבפּאַלען ביי זיך און ווידער אַרויס פון דאַנען געזונד און מונטער פאַר נייער אַרבייט.

אָבער גאָר אונערוואַרט פאַר מיר איז אין מיין נייעם לעבען פאָרגעקומען אַ שאַרפער שינוי. אין אַ שענעם פרילינג־

פֿרימאָרגען איז אַריין צו מיר אַ וואַכמייסטער, האָט מיר געהייסען מיטנעמען מיינע זאַכען, אין קאַנצעלאַריע האָט מען מיר פֿון די ביכער אויסגעשריבען, מען האָט מיר אַוועקגעזעצט אויף אַ דראָזשקע מיט צוויי זשאַנדאַרמען ביי דער זייט און איין זעלנער מיט אַ ביקס פֿון פֿאָרענט און מיר געהייסען פֿאָרען. וואָהין? דאָס האָט מען מיר נישט געזאָגט, דאָס דאַרף בלייבען פֿאַר מיר אַ סוד. מיר ענטקעגען אָבער האָט געשמייכעלט גאָטס=וועלטעל אום פֿרילינג און מיר איז געוואָרען גוט און מחיה'דיג אויף דער נשמה. דער הימעל אַזאַ גרויסער, בלאָהער, בעגאָסען מיט אַ העלען זונען=שיין. די ערד אונטען שוין בעדעקט מיט שפּראָצענדיגען גראָז, וואָס גרינט אַרויס פֿון צוגאַנגענעם שנעע. די בוימער שוין אויך נישט אַזעלכע נאַקעטע, ווי בעת מען האָט מיר אַהינגעפֿיהרט, קליינע בלעטלעך פֿעררייסען אויף זיי די קעפּעלאַך און קוקען=אַרויס האָפֿערדיג פֿון די דאַרע גרויסע צווייגען.

און די שטאָט? ווי אַנדערש זי זעהט איצט אויס! ס'אַרא לעבען, ס'אַרא בעוועגונג! מענשען לויפֿען אַזוי האַסטיג, אין אַזאַ איילעניש, איינער שטויסט דעם צווייטען, איינער יאָגט זיך נאָך דעם אַנדערן. וואָס איז געשעהן? וואָס איז דאָס אַזאַ געלויף אין די גאַסען? און ווי שעהן, ווי שטאָלץ זיי זענען אַלע, קיינער בעגלייט זיי נישט, זיי געהן אַלע אַזוי פֿריי, אַזוי זעלבסטשטענדיג, אָהן סאָלדאַטען, אָהן זשאַנדאַרמען. אַך, ווי גוט זיי איז! ווי מקנא איך בין זיי! איך קוק זיך איין גיריג מיט די אויגען: איך שלינג הונגעריג די פֿרישע לופֿט, איך וויל צוציהען די שעה אונטער'ן פֿרייען הימעל אויף אַן'אונענדליכקייט,— פֿאָרען, פֿאָרען אָהן אַ סוף!

ענדליך זענען מיר שטעהן געבליבען ביי אַ שוואַרצען פֿערשלאָסענעם טויער פֿון אַ גרויסען ווייסען פּאַרקאַן, אַרומגערינגעלט פֿון אַלע פֿיר זייטען. אַ, דאָס איז דער „פּאַוויאַק"! אַ נייע דירה הייסט דאָס! טשיקאַווע, ווי אַזוי דאָ וועט זיין, ווי אַזוי דאָ וועט זיך לעבען!

אויפ'ן קלינג פֿון מיינע בעגלייטער האָט זיך דער טויער

בּרייט פֿאַר אונז געעפֿענט און מיך גאַסטפֿריינדליך אויפֿגענומען מיט אַ ברייטען „ברוך־הבא". מיר זענען דורכגעגאַנגען אַ לאַנגען הויף ביז מיר זענען אַרויף אויף טרעפּלעך פֿון אַ הויכען בנין, געפֿאַרבט אין שוואַרצער סמאָלע. אין לאַנגען האַלב־פֿינסטערען פּאָליש האָט אונז פֿערהאַלטען אַ וועכטער און אונז געהייסען דאָ צוואַרטען. שוין דער קאָרידאָר אַליין האָט אויף מיר געמאַכט אַן אײַנדרוק, ווי איך וואָלט אַריינגעפֿאַלען אין אַ קעסעל־גרוב וואו עס קאָכט אָהן אַן אויפֿהער. אָט לויפֿען פֿאַרביי מיר אַזעלכע עלענדע געשטאַלטען אין שאַרע, קורצע קורטקעס געטריבען מיט געפּילדער און געשריי פֿון אַ גרופּע שומרים. יעדער פֿון די אַרעסטאַנטען איז בעלאָדען, ווער מיט אַ ריגעל, ווער מיט אַ בעזעם, ווער מיט אַנדערע ריין־מכשירים. מען שטעלט זיי אין דער רייהע, מען צעהלט זיי איבער און זיי לאָזען זיך מיט אַ געלויף אַריין עפּיס אין אַ פֿינסטערען מדור, אָט הערט זיך אַזאַ משונה'דיג־ריזצענדיגער קלאַנג פֿון אייזענס, וואָס רייסען אַזוי די אויערען. מען פֿירט אַריין אַ גרופּע געשמיד די פֿיס אין קייטען און זיי קלינגען דאָס אַזוי דיסהאַרמאָניש, שרעקענדיג. פֿון אָפֿענעם קאָרידאָר הערען זיך קולות, נישט פֿערשטענדליכע געשרייען, מען לויפֿט, מען טרייבט, מען שליסט טירען, מען רופֿט אימיצען און מען רוקט מיט אייזענס. צי קומט דאָס אַלץ ווירקליך פֿאָר אויף דער וואָר? אָדער אפשר חלומ'ט זיך מיר דאַנטעס גיהנום, וועגען וועלכען איך האָב דאָ נישט־לאַנג נאָכאַמאָל דורכגעלעזען אין 10־טען פּאַוויליאָן, און איך זעה איצט, ווי עס ווערען דאָ געפּייניגט פֿערשידענע זינדיגע נפֿשות?

איך קוק זיך ארום. נעבען מיר איז נישטאָ קיין ווירגיליע (דאַנטעס בעגלייטער), וועלכער זאָל מיר געבען ערקלערונגען. נור עס זיצען ביי מיין זייט די זעלבע צוויי גרויסע, הויכע זשאַנדאַרמען און דרעמלען צו.

— וואָס וועט זיין דער סוף? וואָס וועלען מיר אויסזיצען? פֿרעג איך שוין אַ ביסעל אונגעדולדיג.

— איהר וועט נאָך בעוויזען אין אייער נייעם פּאַלאַץ. ענטפּערט מיר איינער פון זיי סאַרקאַסטיש.

סוף־כל־סוף האָט מען אונז אַריינגערופען אין קאַנצע־לאַריע. מען האָט מיר דאָרט ווידער געמאָסטען, בעשריבען אַלע סימנים און שטרענג בעזוכט, גלייך ווי איך וואָלט איצט פון דער פריי געקומען. נאָכדעם האָט מען מיר איבערגעגעבען אין רשות פון אַנ'אויפזעהער, וועלכער האָט מיר זעהר העפליך פערבעטען צו זיך אין זיין אָבטיילונג.

* *
*

עס עפענט זיך פאַר מיר די טיר פון אַ שמאָל צימער'ל מיט אַ קליינעם פענסטערל אין דער הויך ביים סאַמען סופית. אַנ'אייזערנע לעגעמאַטע—(אַנ'אנגעצויגענער זאק) צוגעשלאָסען צו דער וואַנד, אַ טישעל צוגעשמיד צום אָרט און אַ טאַבאַ־רעטקע. דאָס איז די גאַנצע מעבלירונג; די ווענד—די אוי־בערשטע העלפט—בלאָ געפאַרבט, די צווייטע געשוואַרצט אין סמאָלע. דער איצטיגער צימער קאָן זיך אין מיין פריהער־דיגען פערבעהאַלטען אין איין ווינקעלע.

מילא, טראַכט איך זיך, דאס וועט אויך פאַר מיר קלע־קען. קיין גרויס אָרט פערנעם איך נישט. אבער וואָס וועט ווייטער זיין? איך בין שוין שטארק הונגעריג. איך קלאפּ אָן אין טיר. עס בעווייזען זיך אַ פּאָר אויגען און אַ נאָז אין פענסטערל.

— „וואָס פערלאַנגט איהר"?

— „ווען וועט זיין קאָלאַציע"?

בעזאַכט ווערט דער רוקער אַראָבגעלאָזען איבער'ן שייבעל. דער ריגעל ווערט אויפגערוקט מיט גרויס גרילצען און אין מיין צימער געהט אַריין דער וועכטער מיט אַ בינטעל שליסלען אויף דער זייט. ער האָט אַ מאַט, געל געזיכט, קליינע, שפּראָציגע וואָנסעלאַך און ליטרע, לויפעדיג און שטעכעדיגע אויגלעך.

— פון וואַנען קומט איצט דער פּאַן?

— פון ציטאַדעל?

— ווי אַזוי לעבט זיך דאָרט?

איך דערצעהל איהם באַריכות פון דעם דאָרטיגען רעזשים און דערמאָן נאָך אַמאָל אין מיין הונגער.

— דאָ וועט זיך אייך אַזוי נישט לעבען. ענטפערט ער מיר גאַנץ לאַקאָניש: דאָ איז נישט קיין האָטעל.

— אָבער וואָס הערט זיך מכח אָבענד-ברויט?

— איהר זענט שוין היינט געקומען צו שפּעט, עסען וועט איהר איצט בעקומען מאָרגען פרי.

גאָר נישט צו מאַכען, מען וועט זיך מוזען לעגען אַ הונגעריגער. דוכט זיך נישט קיין גוטען בייט געמאַכט, טראַכט איך ביי זיך. מיט אַמאָל אַ הויכער געשריי איבער דער גאַנ-צער אָבטיילונג: „שטעלען זיך אויף פּאָווערקע!" וואָס איז דאָס אַזוינס? וואָס זאָל דאָס בעדייטען? באַלד עפענט זיך איין טיר נאָך אַ צווייטער. פון די העכערע גאָרענס, דאָרטען, וואו עס זיצען גאַנצע גרופּען הערט זיך אַ שטאַרקער ווילדער גע-רויש, צוזאַמענגעמישט מיט אייזען-געקלאַפּער, גלייך ווי אַ טשאַ-טע הינד אויף קייטען וואָלטען זיך בייז צובילט: „זדראַוויע גשעלאַיעם וואַשע בלאַהאַראָדיע!!" איך פערשטעה שוין: דאָס זעהט דער „נאַטשאַלניק" איבער די קאַמערן צו צעהלען די אַרעסטירטע און אויפּפּאַסען צי אַלץ איז אין אָרדנונג. ענדליך איז ער אַריין צו מיר. צי האָב איך פּרעטענציעס? אַ פראַגע צי איך האָב? די בעט איז האַרט אָהן אַ מאַטראַץ, אין צימער איז נאָך קיין פייער נישטאָ. מען האָט מיר נישט אָבגעגע-בען אַלע זאַכען, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט מיט זיך פון ציטאַדעל, איך בין הונגעריג און... דער „נאַטשאַלניק" אָבער מיט שאַרע קעצישע אויגען, אַ לאַנגער שוואַרץ-גרויליכע באָרד האָט מיר דאָ איבערגעריסען און האָט מיר מיט אַ שלעכט-רו-סישען אַקצענט (דוכט זיך, ער איז אַ טאַטער!) אָוועקגעלעגט אַ שטיק מוסר: דאָ איז נישט קיין האָטעל נור אַנ'הויז אויף אָבצוקומען. דאָ איז זיך נישטאָ פאַר וועמען צו פוצען און מען מוז זיך האַלטען שטרענג ביי די אינסטרוקציעס, וואָס זענען אויף דער וואַנד. ביי נאַכט דאַרף מען שלאָפען און

מען גיט נישט קיין פייער. אויסנאַמסווייזע קאָן ער מיר ער־לויבען צו קויפען אויף מיין חשבון ליכט, וועלכע מעגען ברע־נען נור ביז 9 אַ זייגער. אָבגעזאָגט דעם פסוק, האָט ער זיך מאַיעסטעטיש אַרויסגערוקט פון צימער.

באין ברירה האָב איך זיך געלעגט אויפ׳ן האַרטען זאַק. פון נישט געוויינטשאַפט איז מיר געווען שווער איינצושלאָ־פען. איך בין אַזוי לאַנג געלעגען מיט אָפענע אויגען אין פינסטערען צימער און געטראַכט, וואָס וועט ווייטער זיין. עפּעס אַ קאַלטעס צאַפּלדיגעס האָט בעריהרט מיין געזיכט און איז האַסטיג מיט אַ קוויטש אָבגעשפרונגען. אַה! דאָ זענען דאָ מייז אויך? אַנ׳אמת׳ע תפיסה מיט אַלע פרטים.

איך האָב נאָך רעכט נישט איינגעשלאָפען, מען עפענט מיין טיר: אויפשטעהן! און מען שטעלט מיר אַריין אַ קליין נאַפט־לעמפעל. וואָס איז? דער שליסער איז שוין פערשוואונ־דען. עמיצער ריגעלט ווייטער אָב די טיר און שטעלט אַוועק האַסטיג אַ הייסע בלעכערנע שיסעל מיט אַ הילצערנעם לע־פעל. איך הויב איהר אויף, פערזוך: עפּעס אַ זויער וואַסער, געבראָקט מיט קרויט און דורכגעוואָרפען מיט אַרבעס. דאָס איז דער פאַרטאָגיגער מאכל. איך רוק דאָס אָב מיט עקעל. אַ ביסעל שפּעטער, מען וואו פ ט מיר אריין אַ שטיק שוואַרצע לחמא, שטיקלעכווייז צונויפגעשטיקעוועט מיט שטעקעלאך. נאָכדעם האָבען צוויי אַרעסטאַנטען צוגעטראָגען אַ שוואַרצען הילצערנעם צעבער מיט הייסע וואַסער און הייסען מיך שעפּען מיט׳ן קענדעל. דאָס אַלץ צוזאַמען איז מיר פאָרגעקומען אַזוי משונה־ניי, דאָס מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ערשט נעכטען בין איך אַרעסטירט געוואָרען און בין געקומען אַהער פון אַנ׳עכ־טען פרייען האָטעל. איך האָב זיך די ערשט פּאָר שעה גע־פיהלט ווי אדם הראשון, נאָכדעם, ווי מען האָט איהם פון גן־עדן אַרויסגעטריבען. שלעכט ברודער, האָב איך צו זיך געזאָגט, מען דאַרף זיך איצט נעמען אויפ׳ן אמת, גרייטען צום זיצען.

אַרומגעלאָפען אַ הונגעריגער איבער׳ן קליין צימער׳ל,

האָב איך נישט בעמערקט, ווי ס'האָט זיך אַ רוק געטון דער ריגעל און מען האָט מיר אין טיר אַריינגעוואָרפען אַ צעטעל. איך הויב איהם אויף, דאָס איז אַ געגנוי בריוועל פון מיינעם אַ בעקאַנטען, וועלכען איך האָב נאָך אויף דער פריי געלאָזען. ער שרייבט מיר אַ גאַנצע פּאַק נייעס: ווער ס'איז אַרעסטירט און זיצט דאָ אין „פּאַוויאַק", ווער ס'זיצט פון אונזערע פרויען און בכלל, וואָס ס'הערט זיך אין שטאָט. פאַר מיר איז דאָס געווען ממש, ווי פון הימעל אַראָבגעפאַלען. גוטע ידיעות, שלעכטע בשורות—אַלץ איינס, אבי ס'איז דאָ אַ פערבינדונג מיט דער שטאָט, ס'האָט זיך ווידער איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט'ן לעבען, אויסגעצייכענט! איך בין שוין קאַפּאַבעל איבערצוטראָגען אַ שווערערען רעזשים, אַבי נישט זיין לעבעדיגערהייט בעגראָבען, אַבי זיך קאָנען צונויפבונדען מיט די פריינד, שטעהן אין קאָנטאַקט מיט דער בעוועגונג.

איין זאַך האָט מיר אָבער געמאַטערט, אין בריוועל שרייבט זיך, אַז איך זאָל צוגרייטען אַן'ענטפער מיט דעם זעלבען שליח. ווער איז ער? ווי אַזוי דערגעהט מען, ווער ס'האָט מיר דאָס איבערגעגעבען?

אַ תשובה אויף דער דאָזיגער פראַגע האָב איך גאַנץ גיך בעקומען: אַ זייגער 10–9, (מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ס'איז שוין זעהר שפּעט), איז אַריינגעקומען צו מיר אַ קרימינעלער אַרעסטאַנט צו ריינינגען דעם צימער. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס בעדינער פון אונזער קאָרידאָר און מיך געפרעגט, צי איך האָב צוגעגרייט אַן'ענטפער. ער האָט מיך אויך בעזאָרגט מיט אַ שטיקעל בליישטיפט און פּאַפּיר און ס'איז אַוועק דורך איהם אַ לעבהאַפטע קאָרעספּאָדענץ.

אָבער דאָס טויטע פּאַפּיר האָט אונז שוין מעהר נישט בעפרידיגט. מיר האָבען בעקומען אַ מיטעל צו טרעפען זיך פנים אל פנים. אין דער פריי פלעגט מען אונז אַרויסלאָזען וואַשען זיך ווי אין 10-טען פּאַווילְיאָן איינציגווייז, אָבער אונזער וועכטער איז נישט געווען אַזאַ מקפיד ווי די דאָרטיגע זשאַנדאַרמען. אגב איז ער געווען פערוואָרפען מיט אַרבייט

און האָט ניִשט געקאָנט אַזוי אָבהיִטען פּיִנקטליִך די איִנסטרוקציע. פלעגט ער עפנען עטליִכע טיִרען מיִט אַמאָל, אָפט אומיִשנע, אַמאָל זיִך פערגעסענדיִג און ביי אונז איִז יענער חדר פערוואַנדעלט געוואָרען איִן אַ טרעף־פּונקט. די פרייד פון בעגעגניִש דאָרט פון בעקאַנטע און אפילו אונבעקאַנטע „פּאָליִטיִשע" פלעגט זיין זעהר גרויס. אַזוי, אַז אונזער שומר פלעגט קומען דערפאַר בעצאָהלט מיִט אַ געוויִסער מתנה (איִן נאַטור: צוקער, טיי און אַנדערע חפציִם. קיין געלד האָבען מיִר ניִשט געהאַט ביי זיִך), אַבי ער זאָל אונז אויף אַ פּאָר מיִנוט צונויפפיִהרען צוזאַמען.

גיִך האָבען מיִר אויך אָנגעהויבען צו בעקומען בריִף אויף אַנ'אונלעגאַלען אופן (און במילא אויך געלד) פון שטאָט. איין וועכטער, וואָס פלעגט שטעהן ביי נאַכט אויפ'ן פּאָסטען איִן הויף האָט אָבגעמאַכט מיִט איינעם פון אונז, אַז ער וועט געבען נאָך 12 ביי נאַכט אַ סימן, ווען יענער זאָל אַראָבוואַרפען אַ שטריִקעל און דאָרט אַראָבלאָזען אַ פּעקעל בריִף פון אונז איִן שטאָט און דאָס אייגענע פערקערט. בעצאָהלט פלעגט ער בעקומען איִן שטאָט פון יעדען בריִף בעזונדער. די פּאָסט איִז געגאַנגען גאַנץ רעגולער און איִן טורמע האָט זיִך אָנגעהויבען בעקומען אויך אונלעגאַלע ליִטעראַטור, מיִר האָבען זיִך גאַנץ ענג פערקניִפּט מיִט דער שטאָט און אַלע איִהרע עניִנים.

צו דערזעלבער צייט האָב איִך אָנגעהויבען בעקומען פון מיין וועכטער אַלע טאָג צייטונגען צום לעזען (פערשטעהט זיִך, פאַר אַ שענע מטבע). איִן טורמע איִז געווען פערווערט צו רויכערען, האָט זיִך אָנגעהויבען אַ ברייטער האַנדעל מיִט טאַבאַק. דער גאַנצער אייזערנער „רעזשיִם" איִז צוקלאַפּט געוואָרען פון די פּאַפּיִרענע מטבעות, וואָס מיִר האָבען ביי זיִך פערמאגט. די מעשה איִז ווי דאס איִז דערגאַנגען צו דער זשאַנדאַרמעריע. מען האט בעשלאָסען צו די וועכטער נאך צושטעלען אויך זשאַנדאַרמען, וועלכע זאלען יענע היִטען. אבער די שליִסער און זייערע געהיִלפען—די קאריִדאר־בעדיִנער—פלעגען זיין אַזוי ספּריִטנע, דאס זיי פלעגען בעשוויִנדלען יעדען

שמרענגסטען זשאַנדאַרם און אונז צושטעלען אַלץ, פאַר וואָס מיר פלעגען בעצאָהלען ברחבת יד.

אויסער די בעצאָהלטע דינער האָט זיך צווישען די וועכטער געפינען אויך איינער, וואָס האָט געאַרבייט פאַר אונז לשם אידעאַל. ער איז געווען אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט און איך פלעג זיך נאָך טרעפען מיט איהם פריהער אויף דער פריי.

אין יענעם זומער פאַר מיין אַרעסט, בעת דער שטריי־קען־עפּידעמיע, האָבען מיר אָנגעהויבען איינצואָרדנען אין וואַלד געמישטע פערזאַמלונגען פון יודען און קריסטען צוזאַמען. דאָס האָט זיך איינגעשטעלט אָהן אַ שום פריהערדיגען אָבמאַך צווי־שען די פיהרער. „גאַנץ וואַרשע״ האָט געשטרייקט, יודען און קריסטען צוזאַמען, פלעגט מען זיך צוזאַמענטרעפען אין וואַלד, און שוין צוזאַמען אַרויסטרעטען מיט רעדעס: אַ בונדיסט, אַ פּ. פּ. ס׳ניק, פערבליבענע פון „פּראָלעטאַריאַט״, יחידי־סגולה פון פּוילישע ס.ד. דעמאָקראַטען (די פּ. ס. ד. האָט נאָך אָפּי־ציעל נישט עקזיסטירט). מען פלעגט רעדען פּויליש, יודיש און אפילו רוסיש און קיינער פלעגט נישט שטערען! נאָך די פערזאַמלונגען פלעגען ווערען איינגעאָרדענט אין וואַלד טענץ. און ווידער זענען זיי געווען „אינטערנאַציאָנאַלע״. עס פלעגט טאַנצען אַ יוד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע צוזאַמען מיט אַ פּוילישע מיידעל, אַ פּשוט׳ער יודישער אַרבייטער מיט אַ פּערפּוצטער דאַמע „אינטעליגענטקע״. די מאַכען־אַרבייט האָט אונז אַלע צווישען זיך דערנענטערט און מיר, מיטגלידער פון פערשידע־נע פּאַרטייען, פלעגען זיך שוין אַזוי־אַרום נאָכדעם טרעפען צוזאַמען.

דער דערמאָנטער וועכטער פלעגט אויך קומען אויף די פערזאַמלונגען און מיר האָבען זיך דאָרט בעקענט. די גאַנצע פאַמיליע, אַ פרוי און דערוואַקסענע קינדער, האָבען זיך געהאַל־טען ביי סאָציאַליסטישע אידעען און זייער הויז איז דערום געווען אַ טרעף־פּונקט פאַר סאָציאַליסטען פון פערשידענע פּאַר־טייען. איך בין דאָרט אויך געווען אַנ׳איינגעהער. א וועכטער

איז ער געווען אין דער פּרויען-אָבטיילונג. אין דער נאַכט ווען ער איז געווען דאָרט אַליין אויפ'ן פאַכטען, פלעגט זיין פאַר אונזערע דאַמען אַנ'אמת'ער יום-טוב. פריי פלעגען זיך עפענען אַלע טירען, ער פלעגט די שטרענגסטע „סעקרעטנע" אַריינלאָזען צו אַנדערע אין די חדרים און אָנשטאָט איינזאַמע נעכט, פלעגען זיי דאָרט פראַווען אמת'ע פאַליטישע „באַנקעטען".

זיין ברודער האָט געדינט אויף אונזער הויף און דורך איהם פלעגט מען אונז איבערשיקען פון דער פרויען-אָבטיילונג אַלץ, וואָס זיי פלעגען פון שטאָט בעקומען. דרך-אגב וויל איך דערצעהלען, אַז דער דאָזיגער אידעאַליסטישער וועכטער האָט זיך נישט לאַנג געהאַלטען: ער האָט געדינט דאָרט נאָך צוויי יאָר, איז נאָכדעם פעסט דורכגעפאַלען און איז, דוכט זיך, פעראורטיילט געוואָרען אויף 4 יאָר קאַטאָרגע.

* *
*

6 חדשים זענען שוין אַוועק זינט איך בין אַרעסטירט געוואָרען. אַ סך זענען שוין פאַר דער צייט בעפרייט געוואָרען, פיל נייע זענען אָנגעקומען. און איך זיץ די גאַנצע צייט אָהן אַנ'ענדערונג, אָהן אַ וועלכער דאָס איז ידיעה וועגען מיין „ספראַווע". נאָך אין ציטאַדעל האָט מען מיך גערופען אויף אַ חקירה ודרישה. פון איהר האָב איך מיך איבערצייגט, דאָס די ביאַליסטאָקער מעשה איז די וואַרשאָווער זשאַנדאַרמען אין גאַנצען אונבעקאַנט. זיי ווייסען נור וועגען מיינע בריסקער חטאים און זעהר מטושטש פון וואַרשעווער אַרבייט. אָבער צי האָבען זיי אין מיר פערגעסען? ווי לאַנג נאָך וועלען ביי זיי די פאַפירען ליגען?

פון דער געהיימער קאָרעספּאָנדענץ האָב איך זיך דער-וואוסט, דאָס מיין מוטער איז אַהער געקומען איינינע מאָל בעטען אַנ'ערלויבנ׳ש זיך זעהען מיט מיר און מען האָט איהר קאַטעגאָריש אָבגעזאָגט. „איהר האָט שלעכט אייער זוהן ער-צויגען", האָט איהר דער פּולקאָווניק געמוסרט. מען האָט אָנ-גענומען אַנדערע מיטלען צוטרייבען די זאַך, אָבער זי האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. איך האָב זיך דערום זעהר גע-

שראָקען, דאָס ס'זאָל זיך אַזוי צופעליג נישט אויפדעקן די מעשה־ביאַליסטאָק. כל־זמן די אויספאָרשונג איז נאָך נישט פערענדיגט, קאָן נאָך אַלץ געשעהן.

ענדליך האָב איך זיך דערוואַרט. מען האָט מיר גערופען אין קאַנצעלאַריע צום ראָטמײַסטער, בעת מען האָט מיר אַרעס־טירט האָב איך געהאַט ביי זיך דעם טאָג־אָרדנונג פון 3־טען צו־זאַמענפאָר. וואָס האָט געדאַרפט גיך פאָרקומען (און איז ווירקליך פאָרגעקומען דעם 23־טען דעצעמבער אַלטען סטיל אין קאָוונע). בעת־מעשה האָב איך דאָס צוריסען אויף קליינע שטיקלעך פאַפיר און איך האָב די גאַנצע צייט זיך געשראָקען, טאָמער וועלען די זשאַנדאַמען זיי צונויפקלעפען און פעסט־שטעלען, וואָס דאָס איז.

דער ראָטמײַסטער האָט טאַקע צום אַלעם ערשטען אַרויסגע־שלעפט אַ צונויפגעקלעפט פאַפיר'ל און האָט מיר געוויזען מיט גדלות אויף איהם. „פון זשאַנדאַרמען קאָן מען גאָר נישט פערבעהאַלטען", האָט ער זיך געווענדעט צו מיר מיט גאוה: „מיר האבען צוריק אויפגעשטעלט דעם פריהערדיגען טעקסט פון אייער פאַפיר'ל. דאס איז אַ קאנספעקט פון אַנ'אונלעגאַלען רעפעראַט, וואָס איהר האט געלייענט פאַר אַרבייטער". איך קוק זיך צו צום פאַפיר'ל: ווי איבערגעדרעהט די ווערטער זענען! איין ווארט פון איין זאַץ און צווייטער פון אַנ'אנדערען. מיט זייער צו גרויסער קונסט האבען די זשאַנדאַרמען מיר דאס פאַפירעל כמעט גע'כשר'ט. אַ קאנספעקט — דאס איז אַ ביסעל גרינגער ווי אַ טאג־ארדנונג פון אַ צוזאַמענפאר. איך האב שוין מיט מיין אויספארשער וועגען דעם קיין סך זיך נישט געאַמפערט.

נאך אַ קורצען געשפרעך גלאַט אין דער וועלט־אַריין, ערקלערט ער מיר, דאס זיי האבען בעשלאסען מיך בעפרייען ביז'ן אורטייל אונטער פאליצײ־אויפזיכט, און אַז איך קאן שוין אויב איך האב געלד, היינט נאך אבפארען אין מיין גע־בורטס־שטאט. דאס איז אַפילו געקומען פאַר מיר אומגעריכט.

נור ער האט דאס מיר געמעלדעט אַזוי קאַטעגאָריש און האט מיר געהייסען שוין אַפילו פּאַקען מיינע זאַכען.

איך קער זיך אום אין מיין צימער, דערצעהל וועגען דעם מיינע חברים פון דער אבטיילונג; אַ שמחה, גראַטולאַציעס, גרוסען און שליחות פאַר נאָנטע און בעקאַנטע. דער וועכטער איילט מיר צו פּאַקען גיכער די זאַכען. מיט אַ מאָל—מען רופט מיר ווייטער אין קאַנצעלאַריע, צום זעלבען ראטמייסטער. מיט אַ קאַלטער מינע און אַראָבגעלאָזטע אויגען ווענדעט ער זיך צו מיר: „איך האב פערגעסען נאך איין קליינע פאָרמאַליטעט. ביי אייך אין טאַש האט מען געפינען אַ פּאסט־קאַרטעל מיט אַן אונשולדיגען אינהאַלט, אונטערגעשריבען „גרוניע". צי קאָנט איהר מיר נישט ערקלערען, ווער דאס איז?" מיין גאַנץ בלוט קומט מיר אין פּנים אַריין, איך ענטפער איהם מיט כעס, אַז איך האב שוין עטליכע מאָל געמאלדען, דאס וועגען דעם וועל איך נישט געבען קיין שום ערקלערונגען.

— „עס טוט מיר לייד", האָט ער געמאַכט אַ רחמנות־פּנים: „אויב אַזוי—וועט אייך נאך אויסקומען צו זיצען לאַנג, זעהר לאַנג".

מיט וואס פאַר אַ געפיהלען איך האב זיך צוריקגעקערט אין מיין צימער, איז איבריג צו דערצעהלען.

ראדאם.

די טורמע איז געוואָרען „צולאָזט“. דער „רעזשים“ האָט געפּלאַצט, דאס האָט די זשאַנדאַמעריע געזעהן בעשיינפערליך. וועגען דעם האט זי צוויסען געגעבען, וואו מען בעדאַרף און די העכערע טורמע־אַדמיניסטראַציע איז אַראָבגעפלויגען פון די בענקלאַך. צו אונז איז אָנגעקומען אַ נייער „נאַטשאַלניק“, אַ דייטש מיט אַ געל־רויטען געזיכט און בייזע אויגען. צום אַלעם ערשטען האט ער אבגעשאַפט די דינערשאַפט ביי אונז אין די צימערן. ער האט אונז געוויזען אַן’אינסטרוקציע פון אינערן־מיניסטער נאך פון 1882־טען יאָר, דאָס די פּאָליטישע אַרעס־טאַנטען מוזען אַליין רוימען און וואַשען זייערע חדרים. מיר האבען געמאַכט פון דעם ענין אַ קאנפליקט.

ס’זענען באַלד אָנגעשריבען געוואָרען הייסע פּראָקלאַ־מאַציעס „צו אַלע חברים פון פּאַוויאַק“ (אויף יודיש און פּויליש) נישט דערלאָזען דורכצופיהרען די ניי גזרה און קיינער זאל אַליין נישט ראָמען. אויף דעם האָט דער „נאַטשאַלניק“ געענט־פערט מיט רעפּרעסיעס. פערווערט אויסשרייבען פון שטאָט, האָט נישט צוגעלאָזט קיין „וואַלובקעס“ און אַנדערע בעגרענ־צונגען. מיר האָבען ערקלערט אַ הונגער־שטרייק. מיר האָבען זיך אָבגעזאָגט צו נעמען אויף אַ פּאָר טעג דעם עסען. ער אָבער איז פון דעם נישט נתפּעל געוואָרען און האָט די „אויפהעצער“ בעשטראָפט מיט 8 טעג קאָרצער. צווישען די לעצטע בין איך אויך געווען. אַזוי ווי אונטען,—אַ פינסטערער קעלער, אין וועלכען מען פלעגט פערשפּאַרען,—איז שוין גע־ווען איבערפולט האָט מען מיר בעשטראָפט מיט אַ כמו־קאָרצער. איך בין פערבליבען אין זעלבען צימער, אָבער אָהן אַ בעטעל,

אָהין אַ קישען-קאָלדרע און נור אויף ברויט מיט וואַסער. אַזוי האָט געדויערט אַ וואָך צייט.

סוף וואָך, איך בין אַזוי געזעסען אָנגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּ אויפ'ן טישעל און געדרעמעלט, (ביינאַכט אויף דער האַרטער און קאַלטער פּאָדלאָגע האָט זיך נישט איבעריגענס גוט געשלאָפען), עפענט זיך מיין טיר און ס'לאָזט זיך אַריין צו מיר אַ גאַנצע כנופיא אָפיצירען,—פון זשאַנדאַרמסקער פערוואַלטונג, פון טורמע-אינספּעקציע, און פון אַנדערע אַדמיניסטראַטיווע-אַמטען. מיין בעקאַנטער זשאַנדאַרם הויבט מיר אָן צו זאָגען מוסר: „מען קאָן דאָך נישט צוברעכען מיט'ן קאָפּ די וואַנד", „איך מוז זיך אונטערוואַרפען די העכערע פעראָרדנונגען" און אַזוי ווייטער. דערוואוסט זיך אָבער, דאָס די אַלע רעד זענען אומזיסט און איך בלייב ביי מיין עקשנות, האָבען זיי בעפוילען מיר אָבפיהרען אין קאַנצעלאַריע. אַהין האָט מען אויך געבראַכט מיינע זאַכען. מען האָט מיר ווייטער געמאָסטען, בעשריבען און איבערגעגעבען דעם סאָלדאַטען-קאָנוואָי, וועלכער האָט געפירט אַנ'עטאַפּ קיין ראדאם. „דאָרטען וועט מען אייך שוין אויסלערנען דרך-ארץ", האָט מיר ביים געזעגנען צוגעוואָרפען דער בייזער „נאַטשאַלניק".

צום ערשטען מאָל בין איך אַריינגעפאַלען אין אַזאַ געמישטער קאָמפּאַניע. עס געהען מיט מיר צוזאַמען קיין ראדאם עטליכע קרימינעלע אַרעסטאַנטען, געשמיד הענד און פיס, וועלכע זענען פעראורטיילט אויף יאָרען לאַנג שווערער אַרבייט; עס געהען אויך אַ צעהנדליג מענשען, יודען און קריסטען, וואָס מען האָט אָהין אַ פּאַספּאָרט פערהאַלטען; מען פירט אויך אַנ'אַלטע, דורכגעמאַכטע אַרעסטאַנטקע, וועלכע האָט יאָרען-לאַנג אין די טורמעס פערבראַכט און מיט איהר צוזאַמען אַ יונג מיידעל, כמעט נאָך אַ קינד מיט צושראָקענע אויגען און האַלב-אָפענע ליפּען, וועלכע ווייסט נישט פאַר וואָס און וואוהין מען פירט זי. עס געהט אויך אַ יודישע גרופּע עמיגראַנטען, וואָס מען האָט ביי דער גרענעץ געכאַפּט מיט ווייבער און קינדער, וועלכע פילדערען און שרייען אונבעהאָלפען, צושראָ=

קען ווי אַ סטאַדע שעפסען; ס׳בּעגעגנען זיך דאָ מענשען פון פערשידענע שטאַנדען, אַלערליי פּראָפעסיעס, גאַנצע אַריסטאָקראַטען, געפאַלענע פרויען, קראַנקע לייט און אַפילו משוגעים אויך. דאָס אַלץ ווערט געטריבּען ווי איין מחנה: הענד צוגעשמיד איינע צו די צווייטע, אַלע מיט גלייכע טריט און איינער ערוב אַלע—פאַר יעדע אָבּוואַכונג פון בּעפעהל, פאַר יעדען איבּעריגען קעהר—אַ בּייזער, ציניִשער געשריי, בּעגלייט אָפט מיט׳ן בּאַגנעט.

הגם דער עטאַפּ איז געווען זעהר בּעליידיגענד און פּיינליך, דאָך האָבּ איך זיך דערפרעהט מיט דער פרישער לופט, מיט דער פרייער נאַטור, מיט דעם וואָס איך האָבּ זיך אַרויסגעריסען פון דער האַלבּ-פוילער גרוב. ס׳איז שוין געווען סוף זומער, אָבּער ס׳זענען נאָך געשטאַנען, שענע זוניגע טעג. מען האָט אונז געפירט דורך דער אָטוואָצקער ליניע. אויף יעדער סטאַציע—אַ געפּאַקטער נייגיריגער עולם. אַלע אַזעלכע לייכטע, אַזעלכע פלאַטערדיגע. די פרויען אין ווייסען געקליידעט, די מענער אין זומער-אַנצוגען. מען לאַכט, מען איז צופרידען, מען בּעגעגענט געקומענע געסט. אונבּעמערקט געהען זיי דורך אונזער וואַגאָן, קוקען זיך איין אין די קליינע פענסטערלעך מיט קראַטעס געשמיד און שפּרינגען צושראָקען אָבּ.

איך טאַפּ מיין ווינטערדיגען היטעל, מיין פערוואַקסענע בּאָרד, וואָס איך האָבּ אַזוי לאַנג ניִשט ראַזירט און קלער, אַז דאָס מוז זיי מיין אויסזעהען אַזוי שרעקען.

פון וואַרשע קיין ראַדאָם איז אין גאַנצען אַ שטרעקע פון 6–8 שעה רייזע. מיר זענען אָבּער אַהין געגאַנגען גאַנצע 5 טעג. די מענער צופּיס אונטער קלאַנג פון די האַנד-בּראַנסלעטען און קייטען, די פרויען און קינדער אויף פורען. אין איוואַנגראָדער פעסטונג (דעמבּלין) האָבּען מיר גערוהט צוויי מעת-לעת. מען האָט אונז אַזוי אַריינגעוואָרפען צענדליגער מענשען אין איין קליינעם, ענגען פּאָרט, ווי הערינג אין פעסער און פערקלאַפּט די טירען. וועגען לעגען זיך שלאָפען האָט קיין רייד ניִשט געקאָנט זיין. איך זעץ מיך אויף דער

ערד, אַרום מיר אַ געמישטע גרופּע: די פּעראורטיילטע ראַדאָמער אַרעסטאַנטען, עטליכע קאַטאַרזשאַנעס, אַ פּאָר פּראָפעסיאָנעלע גנבים, אַ צוויי דריי נייגעריגע יודישע עמיגראַנטען. איך דערצעהל זיי, וואָס ווילען „די פּאָליטישע" ווי אַזוי די וועלט דאַרף אויסזעהן, ווי אַזוי זי איז אין אמת'ן. זיי אַלע זיצען מיט אָפענע מיילער, הערען זיך גיריג צו צו יעדען וואָרט, די אויגען בליצען ביי זיי פון דעם נייעם אמת, וואָס זיי דערזעהען פאַר זיך און יעדער פון זיי, פערטראַכט זיך וועגען זיין אייגען לעבען, זיין ביטערען מזל. אַזוי זענען מיר אָבגעזעסען ביז'ן גראָען טאָג אַריין.

*

*

אַ מידער, אַ פערמאַטערטער, אַ צובראָכענער בין איך אָנגעקומען אין מיין נייער מקום-מנוחה. מיט בייזען נייגיר האָט מען מיך דאָרט בעגעגענט. מיינע פּאַפּירען, וועלכע דער „קאָנוואָי" האָט איבערגעגעבען אין קאַנצעלאַריע, האָבען שוין פאָראויס מיר געשאַפען אַ רעפּוטאַציע פון אַ „אויפהעצער" און מיינע נייע בעלי-בתים האָבען שוין פון דער ערשטער מינוט אָן זיך בעצויגען צו מיר ווי שטרענגע פּעדאַגאָגען צו אַ געפערליך-צולאָזענעם תלמיד. מיר איז דאַמאָלסט אַלץ געווען גאַנץ-עגאַל: אַבי זיך שוין אָוועקלעגען, אויסציהען די ביינער, אָברוהען זיך פון אַזאַ שווערער נסיעה.

מען פירט מיך אַריין אין אַ גרויסען, ליכטיגען בנין, געשלענגעלט און געדרעהט מיט אַ סך טרעפּ. אויף איינעם פון די אויבערשטע עטאַזשען זענען מיר שטעהן געבליבען. מען עפענט פאַר מיר אַ שווערע, מאַסיווע טיר. אַ גרויסער, ברייטער צימער מיט הויכע פענסטער, דורכגעפלאָכטען מיט אייזערנע קראַטעס און לאַנגע, גרויסע ברעטער-נאַרעס ביי דער וואַנד. אין אַזאַ צימער וואָלטען זיך געקאָנט אויפהאַלטען אַ פּאָר צענדליג פּערזאָן. קאַלט און אונבעקוועם. קיין שום מעבלירונג. די נאַרעס האָבען געדינט אי פאַר אַ טיש צום עסען, אי פאַר אַ באַנק צום זיצען, אי פאַר אַ געלעגער.

ס'איז שוין געווען טונקעל. דער וועכטער האָט מיר אַריינגעגעבען אַ שטרוי-זאַק און רעדט מיט מיר קיין וואָרט נישט.

מען קוקט זיך נאָך דערווײַל צו מיר צו. מען ווייסט נאָך, אפּנים, גישט, פון וועלכער זײַט מיך צוגעמען. איך פרעג אויך קיין שאלות נישט. איך האָב זיך גלייך א וואָרף-געטון שלאָפן. די פיר שלאָפּ-לאָזע נעכט האָבען זייערס געגומען און איך בין שטאַרק איינגע-שלאָפען. אויף מאָרגען פרי האָבען זיך פון אַלע שטאָק און קאָ-רידאָרען אַ לאָז-געטון וועכטער צו מיין צימער, אַזוי ווי חסידים צו אַ געקומענעם גוטען יודען. עפּעס קוקען זיי אַלע אויף מיר אַזוי נייגעריג-בייז, אַזוי משונה׳דיג-טשעקאווע, שעפּטשען צווישען זיך און שאָקלען מיט די קעפּ. איינער, דער עלטסטער, מיט אַ הייזעריג-שטעכעדיגער שטים געהט אַריין און פרעגט מיר מיט אַ ירגזון: וואָס פאַר אַ סקאַנדאַלען איך האָב דאָס געמאַכט שוין די ערשטע נאַכט? איך קוק איהם אויף אָן נשתּומם פון זיין פראַגע און הויב מיט די פּלייצעס, אַז איך ווייס נישט פון וואָס צו זאָגען.
— „דאָ איז אייך נישט וואַרשע", צובייזערט זיך שוין דער עלטסטער: „אונזער נאַטשאַלניק האָט פיינד אַזעלכע מעשיות. ער וועט אייך גיך איינעמען".

וואָס איז דאָ? צי איך בין פון זינען אַראָב, אָדער איך בין אַריינגעפאַלען צווישען משוגעים? קוים מיט צרות האָב איך זיך דערשלאָגען ביי מיין שליסער, ער זאָל מיר דערצעהלען, וואָס איז דאָ די פאָריגע נאַכט פּערלאָפען. ווייזט זיך אַרויס, אַז ווען מען איז געקומען נעכטען 12 ביינאַכט אויף „פּאָוויערקע", (דאָ מאַכט מען „פּאָוויערקע" אויך אין מיטען נאַכט, ווייל, ערקלערט ער מיר: נישט לאַנג האָט מען דאָ אויפגעדעקט שוין אַ צוגעגרייטע מעשה צו אַנטלויפען, די קראַטעס זענען געווען אונטערגעזעגט, מען האָט געפונען אַ סך ברעך-געצייג. געהט דער „נאַטשאַלניק" אַליין אַלע נאַכט איבער אַלע חדרים. אַלע מוזען זיך אַוועקזעצען אויף די נארעס און מען מאַכט אַ שטרענגע רעוויזיע אין צימער) איז דער נאַכט-שליסער אַריין אויך צו מיר אין צימער און מיך געוו-מען וועקען אויפשטעהן צו פּאָוויערקע, האָב איך געקאָפּעט מיט די פּיס, אַזוי אַז דער „נאַטשאַלניק" מיט׳ן איבריגען עולם האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען. מען וועט מיך, באַלד, האָט ער צוגעגע-בען, אַרויסרופען אויף אַנ׳אויספאָרשונג וועגען דעם ענין.

די דאָזיגע מעשה האָט פאַר מיר, אַליין אויסגעזעהן זעהר משונה׳דיג. איך פלעג שטענדיג שלאָפען אַזוי רוהיג, בעזאַכט. אַזעלכעס געשעהט מיט מיר דאָס ערשטע מאָל. משמעות, דער וועג האָט מיך אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז איך האָב פון שלאָף געשריען און די דאָזיגע אידיאָטען נעמען דאָס אָן פאַר אַ „בונט״ פון מײַן זײַט. די זאַך וועט זיך, מן הסתם, באַלד אויפקלערען און פ׳וועט נישט האָבען קיין ערנסטע פאָלגען.

שפּעטער-צו, ס׳קומט אַרײַן „דער עלטסטער״ און זײַט דורך פײַערליך דורך די צײן: „זײַט אַזוי גוט, — אין קאַנטאָר!״ דאָרט איז שוין געזעסען דער גאַנצער סנדרהין: דער נאַטשאַלניק, — נאָך גאָר אַ יונגער מענש אין גאַנצען געגאָלט, מיט אַ געזיכט פון אַ רויב-פויגעל, אַ לאַנגען, פערקרומטען שנאָבעל און מיט רויטע, אָנגעלאָדענע אויגען; אַ געהילפס-פראָקוראָר, — אַ יונג בחור׳ל מיט רויטע, פולע בעקלעך, קליינע גוטמוטיגע אויגלעך שוואַרץ-געדרעהטע וואָנטעלעך און פראַנטאָוואַטע געקליידעט; אַן׳ עלטערער מענש מיט גראָע, לאַנג-פערשפּיצטע וואָנצעס, נישט געגאָלט געזיכט, אַ רויטע נאָז און אין גאַנצען אָבגעלאָזען — דאָס איז געווען דער אָרטיגער דאָקטאָר; אַ חוץ דעם—אַ בעאַמטער פון גובערנאַטאָרס-קאַנצעלאַריע, אַ געהילף-נאַטשאַלניק און אַ צווייַ שרײַבער.

ס׳הויבט זיך אָן אַ חקירה ודרישה. געעפענט האָט דער יונגער פראָקוראָר׳ל, אַלס דער עלטסטער לויט׳ן ראַנג. ער האָט זיך אָבער גלייך אָבגעהאַקט און האָט איבערגעגעבען דאָס וואָרט דעם „נאַטשאַלניק״.

— פאַר וואָס האָט איהר געשטערט די שטילקייט און רוה?

— ווען?

— נעכטען ביי נאַכט!

— איך ווייס פון גאָר נישט!

— ס׳טײַטש, איך האָב דאָך אַליין געהערט אײַך שרײַען און דער שליסער האָט געזאָגט, אַז איהר זאָט איהם מיט די פיס געשלאָגען.

— דאָס איז געווען פון שלאָף!

— וואָס?

— מײַן ערקלערונג רופט אַרויס אַן׳איבעראַשונג בײַם עולם. דער פראַנטאָוואַטער פּראָקוראָר׳ל שמײכעלט פערלעגען; דער אַלטעוי דאָקטאָר לאָזט אַראָב דעם קאָפּ. דער „נאַטשאַלניק״ אָבער פאַלט פון דעם נישט אַראָב. אדרבא, ער הויבט נאָך העכער זײַן שטים.

— אויב איהר זײַט משוגע, וועלען מיר אײַך בינדען. אַנ־טון אַ משוגעים־העמדו!

— איהר האָט די מאַכט. איהר קאָנט אַלץ טון.

דער גוטמוטיגער שומר פון געזעץ, דער געהילפס־פּראָקוראָר ווערט אונרוהיג. ער האָט מורא, איך זאָל זיך נישט פערגעסען און זאָגען עפּעס אַן׳אונגעזעצליך וואָרט. ער רײַסט מיר איבער.

— יעדענפאַלס, דאַרפט איהר געדענקען, אַז איהר זײַט אַן׳אַרעסטאַנט און אונטערוואָרפען זיך דער אינסטרוקציע.

— אַפילו אין שלאָף?

דער יונגער פראַנטעל ווערט אין פערלעגענהײַט רויט.

— יאָ, ער איז אַ צורעדעוודיגער, ווענדעט ער זיך צו די איבריגע, אַוועקקערענדיג זיך צו מיר מיט׳ן רוקען. דער נאַ־טשאַלניק בעפעהלט,—מיך אַרײַנפירען אין אַ פּאָדערצימער.

וואָס זיי האָבען זיך דאָרט בעראַטען, ווייס איך נישט. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום קומט ווידער צו מיר דער עלטסטער מיט דער הײזעריג־גראָבער שטים און רופט מיך:

— זײַט אַזוי גוט.

מען פירט מיך שוין נישט מיט׳ן זעלבען וועג, מיט וועל־כען איך בין פריהער אין קאַנטאָר געגאַנגען. אַ נײַ אָרט, הייסט דאָס. איך לאָז זיך אַראָב אין אַ סקלעפּ, וואו ס׳געפינט זיך אַ סך אײַזערנע טירען, פערהאַקט און פערשלאָסען. נו־מער 3. זאָגט קורץ דער עלטסטער צום שליסער. מען עפענט אויף פאַר מיר די טיר. אַ קלײנע געמויערטע לאָך מיט נאַסע, פײַכטע ווענד, מיט אַ קלײן פענסטערל פון אויבען. פּאָרט אַ פּרי־ווילעגירטער! נעם איך זיך איבער. זיי האָבען מיר געגעבען אַ ליכטיגען קאַרצער, נישט ווי פּשוטע בשר ודם׳ס. אָבער איך האָב זיך גיך איבערצײַגט, אַז מײַן דאָזיגע פּריווילעגיע איז זעהר אַ צווייפעלהאַפטע. מײַן חדר איז, משמעות, ספּעציעל געשאַפען גע־

וואָרען אויף אויסצוהאָדעווען שווינדזוכט-באַצילען און בײַ אַ געזונטען מענשען מאַכען פוילען די לונגען. אַ געדעמפּטער, פוילער אויר איז דאָרט געשטאַנען די גאַנצע צײַט. ס'איז געווען שווער צו אָטעמען. פון די ווענד, פון דער פּאָדלאָגע, פון סופיט האָט געצויגען אַ נאַסע קעלט. די אויגען האָבען געפינטעלט פון דעם משונה'דיגען שײַן, וואָס איז געפאַלען פון דער לאָך אין דער הויך.

איך קלאַפּ אין טיר און פאָדער מײַנע זאַכען.

— דאָ איז אַ קאַרצער. קיין שום זאַכען איז נישט ערלויבט צו האָבען.

— אויף ווי לאַנג דאַרף איך דאָ זיצען?

— דאָס ווענדט זיך אָן „באַטשאַלניק“, ווײַל בײַ אונז איז דאָס פערעכענט פאַר אַ געוועהנליכען צימער.

אָט דאָס הייסט יוצא זײַן לכל הדעות! טראַכט איך: קיין קאַרצער האָט מען מיר נישט געקאָנט געבען, ווײַל איך האָב געשריען פון שלאָף, פערבײַלאָזען דאָס אונבעשטראָפט, וואָלט דאָס געשאַד דעם „פרעסטיזש“, האָט מען מיר געגעבען אַ „געוועהנליכען צימער“, וואָס שטײַגט איבער אַ פינסטערן קאַרצער. איין מעלה איז דאָ געווען: מען האָט מיר געלאָזען לגמרי צו רוה. קיין „פּאָווערקע“, קיינע שום וויזיטען. אָבגעגעבען מיר מײַן חלק עסען, (וואָס איז, אַגב-אורחה, נישט געווען בעסער ווי אין פּאַוויאַק) האָט שוין קיינער צו מיר נישט ארײַנגעקוקט די גאַנצע צײַט. אַזוי איז אַריבער אַ וואָך, 10 טעג. די שרעקליכע לופט און האַלבפינסטערניש האָבען זייערס געטון און איך האָב זיך אָוועקגעלעגט, האָב שוין נישט געקענט שטעהן אויף די פיס. דער שליסער האָט דאָס בעמערקט און וועגען דעם, מן הסתם, געמאָלדען אין קאַנצעלאַריע.

אויף מאָרגען פרי ס'קומט אַרײַן צו מיר דער דאָקטאָר.

ער פערפירט מיט מיר אַ לאַנגען געשפּרעך. ער אַליין איז אַ פּאָליאַק און אַ ראַדיקאַל דערצו. אַמאָל אויך געמישט זיך אין פּאָליטיק. איצט מוז ער צוקוקען, ווי די „מאָסקאַלעס“ מאַטערען אונשולדיגע מענשען. וואָס זאָל ער טון—פּרנסה. איך בין נאָך אַ יונגער-מאַן, איך דאַרף שאַנעווען מײַן געזונד. ער ראַט מיר מאַכען שלום מיט'ן „נאַטשאַלניק“ און זיך אונטערגעבען.

— אָבער איך האָב זיך דאָך מיט איהם נישט געקריגט? טרייב איך שפּאַס. יא, ער ווייסט. אַ מענש פון וועג, פערמאַטערט, שרייט ער פון שלאָף. זיי האָבען אָבער איבערגעשראָקען שוין לכתחילה מיינע פּאַפּירען, אין וועלכע ס'שטעהט, אַז איך האָב „געבונטעוועט" אין פּאַוויאַק. אַגב האָט זיי מיין טאָן נישט געפעלען. אָבער מען קאָן גאָר נישט מאַכען. ער וואָלט מיר גענומען צו זיך אין שפּיטאָל איז דאָרט געפּאַקט מיט קרימינעלע און איך מוז זיין איזאָלירט. אָבגעזיפצט, אויסגערעדט זיך דאָס האַרץ איז ער אַוועק פון מיר. אין אַ שעה אַרום האָט מען מיר אָבגעפירט צוריק אין מיין ערשטען חדר.

איצט האָט ער מיר אויסגעזעהען ווי אַן'אמת'ער פּאַלאַץ. אַזוי לופטיג, אַזוי פריש און אַזוי פיל ליכט. איך עפען ברייט דעם פענסטער און איך טרעט שוין כמעט פון איהם נישט אָב. מיט'ן „נאַטשאַלניק" האָט זיך ביי אונז איינגעשטעלט „אַ בעוואָפּענטע נייטראַליטעט". מיר האָבען געלעבט בשלום, אָבער שטענדיג גרייט צו מלחמה. מען האָט געמוזט אויפשטעהן ביי נאַכט צו פּאָווערקע, פלעג איך זיך ביז יענער צייט נישט לעגען און אַרומשפּאַצירען איבערן צימער אין דער פינסטער. (קיין ליכט האָט מען דאָרט נישט ערלויבט). די ערשטע נעכט פלעג איך גאַנץ אָפט זיך צוקלאַפּען אין דער פינסטער דעם קאָפּ אָן אויווען, אָנשטויסען זיך אויף אַ וואַנד, אַרויפגעהן אויף דער טיר. שפּעטער־צו אָבער האָט זיך שוין מיין ריאה אַזוי פערשאַרפט, אַז איך פלעג אַלץ זעהן אין פינסטערן צימער און איך פלעג איבער איהם דרייסט שפּאַצירען.

„פאַר וואָס שלאָפט איהר נישט אַזוי שפּעט?" האָט מיר איינמאָל געפרעגט מיט אַ פערדרוס דער „נאַטשאַלניק".

— עס ווילט זיך נישט שלאָפען. ער האָט דאָס אַראָבגעשלונגען און גאָר נישט געזאָגט.

בכלל, דוכט זיך, האָט ער אויף מיר אַ מאַך־געטון מיט דער האַנד און האָט זיין גאַנצע אויפזעהער־קונץ אָנגעווענדט אויף די קרימינעלע. אין זיי פלעגט ער זיך נוקם ונוטר זיין. ער פלעגט נישט וויסען קיין רחמנות, ער פלעגט נישט קאָנען רוהען, ביז ער פלעגט נישט איבערברעכען דעם שטאַרקסטען כאַראַקטער. צו

איהם, אין ראַדאָם, פלעגט מען טאַקע איבערשיקען אַלע די, וועל־כע מען פלעגט נישט קאָנען איינבייסען אין אַנדערע טורמעס. ער פלעגט זיך שוין מיט די שטאַרקסטע כאַראַקטערס אַנ׳עצה געבען. די דיסציפלין איז געווען ביי איהם אַנ׳איינזערנע, אַנ׳אונגעבראָכע־נע. פאַר יעדע אָבנייגונג, פאַר יעדע קליינינקייט — שטרענגען קאַרצער. די מעהר - „געפערליכע״ אַרעסטאַנ־טען פלעגט ער גלייך איזאָלירען און אַזוי אָבנעמען ביי זיי די מעגליכקייט צו ווירקען אויף אַנדערע, זיי צו דעמאָראַליזירען. אַלע נאַכט, אָהן אויסנאַם, פלעגט ער זיך אַליין צו׳גנב׳ענען אויף די שפיץ-פינגער צו די טירען, פלעגט זיך איינהערען צי מען שלאָפט דאָרט רוהיג. ווער איז געווען דער קאַמער, וועלכע ער פלעגט כאַפּען רעדען, אָדער רויכערן (דאָס איז געווען שטרענג פערבאָטען), ער פלעגט אַזוי לאַנג אָנווענדען צו אַלע רעפּרעסיעס, ביז מען האָט געמוזט אַרויסגעבען דעם שולדיגען, וועלכער האָט איצט בעקומען זיין פּסק-דין. נישט מילדער איז ער געווען צו די וועכטער. זיי פלעגען ציטערן פאַר זיין פּאַרע, וואָס ער פלעגט אַרויסלאָזען פון מויל.

אין זכרון ביי מיר איז פערבליבען אַזאַ סצענע. מען האָט געבראַכט פון וואַרשע אַ „קאַטאָרזשניק״, אַ געזונטען, פעסטען יו־דעל מיט אַ גרויסער געלער באָרד און ענערגישען פנים. איך האָב איהם בעגעגענט אין קאָרידאָר, — ער האָט ממש געאָטעמט מיט ענערגיע. מען האָט גלייך געזעהען, אַז מען האָט צוטון מיט אַ מענ־שען פון פעסטען ווילען און שטאַרקען מוט. „איך וועל זיך איהם נישט אונטערגעבען״, האָט ער מיר צוגעוואָרפען ביי דער בעגעג־ניש: „ער וועט פון מיר קראַפּירען, די מיתה משונה איינעמען״. פערשטעהט זיך, אַז דער דאָזיגער יודעל פלעגט נישט אַרויס פון קאַרצער. דאָרטען פלעגט ער זיך בענוצען מיט פולער רעדע־פרייהייט, פלעגט שרייען, זידלען, בעפאַלען דעם „נאַטשאַלניק״ מיט די גראָבסטע זלזולים, אָבער דער „נאַטשאַלניק״ איז געבליבען פון דרויסען און ער אין אַ פינסטערן קעלער.

צו יענער צייט האָט מען ביי אונז ערוואַרט אַ גרויסען רע־וויזאָר פון וואַרשע — דעם עלטסטען פּראָקוראָר פון „סודעבנער

פֿאַלאַטע". די אַרעסטאַנטען האָבען זיך שטיל צונויפֿגערעדט, דאָס זיי זאָלען זיך פֿאַר איהם בעקלאָגען, אַז מען שלאָגט זיי דאָ, מען גיט זיי ניט עסען און אַנדערע חטאים. דער ראש-המדברים האָט געדאַרפֿט זיין דער געלער קאַטאָרזשניק מיט נאָך איינציגע דרייסטערע אַרעסטאַנטען. דער „נאַטשאַלניק" איז פֿון דעם געוואָר געוואָרען. (אין יעדען קאַמער האָט ער געהאַט זיינע מענשען, וואָס פֿלעגען איבערגעבען אין קאַנטאָר וועגען אַלץ, וואָס מען רעדט דאָרט). צום טאָג, וואָס מען האָט געוואַרט אויפֿ'ן רעוויזאָר האָט דער „נאַטשאַלניק" בעפֿוילען צונעמען איינציגווייז די גאַנצע גרופּע אָנקלאָגער אין קאַרצער. שרעקליכע קולות זענען דעם טאָג געשטאַנען איבער די קאָרידאָרען. די אונשולדיגע אַרעסטאַנטען האָבען זיך געגענגעשטעלט, מען האָט זיי אכזריות'דיג געשלאָגען און אַריינגעוואָרפֿען אין די קעלערס. ס'איז געקומען דער לאַנג-ערוואַרטעטער רעוויזאָר. ער געהט-דורך אַלע קאַמערן, ער קומט צו די קאַרצערס. „ווער זיצט דאָ"? פֿרעגט ער ביים „נאַטשאַלניק". „געפֿערליכע בויאַנעס-רוצחים", איז געוועזן דער ענטפֿער. יענע האָבען דערהערט טריט האָבען זיי אָנגעהויבען מורא'דיג צוקלאַפּען אין די טירען. דאָס האָט נאָך מעהר איבערגעשראָקען דעם אַלטען פּראָקוראָר און ער האָט זיך געאיילט וואָס גיכער דורכלויפֿען דעם געפֿערליכען קאָרידאָר און די פֿערשפּאַרטע זענען געבליבען ביים קלאַפּען.

אין אָוועט — מען געהט צו „פּאָווערקע". מיט אַמאָל הער איך: איבער'ן גאַנצען בנין קייקעלט זיך אַ שטאַרקער מעפּיסטאָפעלשער געלעכטער ניט ווייט פֿון די קאַרצערס. איך דערקען דעם נאַטשאַלניק'ס שטים. כאַ, כאַ, כאַ, שלאָגט זיך אַ הויכער בת-קול איבער די אייזערנע שטיגען און פּוסטע קאָרידאָרען: „אָנקלאָגען וועט איהר זיך אויף מיר? וואָס, אויסגעפּירט? איצט וועל איך אייך אין קאַשע צורייבען!" לאַנג נאָך האָט געדונערט די מעטאַל-שטים פֿון דעם הערשער אין דעם דאָזיגען טויטען-הויז, לאַנג נאָך האָט ער זיך היסטעריש פֿערגאַנגען אין אַ טייפֿלאָנישען געלעכטער פֿון נקמה און נצחון איבער געבינדענע, אין אייזען-געשמידטע מענשען, וועלכע האָבען איהם אָהנמעכטיג

אָבגעענטפערט מיט אַ ציניִשען רוסישען זידעל־וואָרט... אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך דעם געלען יודען בעגעגענט פירען אין שפּי־טאָל אַ צושלאָגענעם און קראַנקען...

* * *

שוין העכער אַ יאָר, אַז איך געפין זיך הינטער׳ן שלאָס. איך האָב זיך שוין צוגעוואוינט צו מיינע נאַרעס, צו דער גרויסער פינסטערער קאַמער אין די לאַנגע ווינטער־נעכט און צו דעם גאַנצען דאָרטיגען גהינום. איך טראַכט שוין גאָר נישט וועגען אַ סוף, וועגען אַן ענדערונג אין מיין שיקזאַל. מען האָט מיר נאָך מיט אַ פּאָר חדשים צוריק געמאָלדען פון וואַרשאָ, דאָס מיינע פּאַפּירען זענען אַוועק אין פּעטערבורג צום יוסטיץ־מיניִסטער, ער האָט זיי אין אַ חודש אַרום איבערגעשיקט צום אינערן־מיניִסטער (אַזאַ גלגול האָבען דאַמאָלסט דורכגעמאַכט אַלע פּאָליטישע משפּטים ביז זיי פלעגען זיך נישט פערענדיגען מיט אַן אורטייל לויט דעם „אַלערהעכסטען בעפעהל״, פּשוט גערעדט—אַן אַדמיניסטראַטיווער קאָמיסיע ביים פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, וועלכער האָט זיך בענוצט מיט׳ן קייזערס נאָמען), און נאָכדעם איז שטיל געבליבען. איך האָב אויך נישט צוגעציילט די זאַך און ס׳האָט זיך אַזוי געשלעפּט איין טאָג, ענליך אויפן צווייטען, איין חודש איבערגעיאָגט דעם אנדע־רען. צי זיי האָבען אָן מיר דאָרט פערגעסען? דער גוטער יאָר ווייסט זיי דאָרט.

פון צייט צו צייט פלעגען אַריינקומען אין מיין קאַמער פערשידענע רעוויזאָרען פון וואַרשע אָדער פון ראַדאָם גופא, פלעגען אויספרעגען פאַר וואָס און ווי לאַנג איך זיץ, פלעגען שאָקלען מיט׳ן קאָפּ און אַוועקגעהן: יאָ. אין רוסלאַנד, האָט מיר איינער פון די רעוויזאָרען אויפגעדעקט אַ נייעס: „איז פּאָליטיק נישט קיין גוט געשעפט״.

בעזונדערס האָבען דאָס שטאַרק דערשפּירט מיינע לונגען. זיי האָבען אָפט אָנגעהויבען צו רייסען, גלייך ווי קליינע שדים׳לאַך וואָלטען דאָרטען ווי מיט שפּילקעס געשטאָכען; איך פלעג זיך שטאַרק פערגאַנדערהוסטען און אַרומגעהן מיט אַ העכערער טעמפּעראַטור. דער אַלטער דאָקטאָר, וואָס פלעגט מיר אָפט בעזוכען אויס לאַנגווייליגקייט פלעגט לאַנג שאָקלען

מיט'ן קאָפּ, נאָכדעם ווי ער פּלעגט מיר אויסהערען און פּלעגט
זיך דערשלאָגען פאַר מיר ביים „נאַטשאַלניק" איין פּריווילע=
גיע נאָך דער צווייטער. מען האָט מיר ערלויבט, אָנשטאָט 10
מינוט שפּאַצירען אַרומצוגעהן 2—3 שעה איבערן הויף; מען
פלעגט אויסשרייבען פון שטאָט פאַר מיר, אויף מיין רעכנונג,
פערשידענע עסענוואַרג, (געוועהנליך האָט מען דאָס נישט גע=
טאָרט), מען פלעגט גוט הייצען און לופטערן מיין צימער. דאָס
אַלץ האָט פערלייכטערט, פערשטעהט זיך, מיין קרענק, האָט
שוין אָבער נישט געקאָנט אָבשטעלען דעם פּראָצעס.

בעת איינעם פון זיינע בעזוכען האָט מיר דער דאָק=
טאָר פאָרגעלעגט אָנצושרייבען אין פּאָליציי=דעפּאַרטאַמענט אַ
ביטע אַרויסצולאָזען מיך צוליב מיין קראַנקייט אונטער פּאָלי=
ציי=אויפזיכט. איך האָב נישט געגלויבט אין ערפאָלג און האָב
זיך געקווענקעלט. דער דאָקטאָר אָבער איז צו מיר צוגעשטאַ=
נען, ער האָט מיר פערזיכערט, אַז זיין צייגניש וועט האָבען
אַ פּעולה און איך האָב איהם געפאָלגט.

אין אַ שענעם אַפּריל=טאָג, ווען איך האָב אַזוי שפּאַצירט
איבערן הויף, איינגעטונקען אין בלאָען הימעל און געשלונגען
אין זיך די פרישע אַפּריל=לופט, האָט מען מיר גערופען אין
קאַנצעלאַריע. דאָרטען האָט מען מיר אָנגעזאָגט אַ בשורה, אַז
ס'איז דאָ פאַר מיר אַנ'ערלויבניש פון פּעטערבורג צו בעפרייט
ווערען אונטער פּאָליציי=אויפזיכט. דערביי איז דאָרט אויסגע=
רעדט, אַז איך טאָר נישט וואוינען אין גאַנצען צפון=מערב'די=
גען געגענד, אין גאַנץ פּוילען, אין אַלע אוניווערזיטעט=שטעט,
אין דרום=רוסלאַנד און אין אַנדערע מקומות. איך בין געבלי=
בען אין גרויס פערלעגענהייט. איך קאָן פאָרען אויף דער
פריי, אָבער איך האָב כאַר זיך נישט קיין אָרט, וואו איך
מעג זיך בעזעצען, איך האָב דאַרום געבעטען אַ לאַנד=מאַפּע.
און דאָרטען אויסזוכען פאַר מיר עפּעס אַ פּאַסענדע שטאָט.

דערביי איז געווען דער „נאַטשאַלניק". געוועהנליך, האָבען
מיר צווישען זיך אויסער איינציגע אָפיציעלע ווערטער, די
גאַנצע צייט נישט גערעדט. פּלוצלינג, ער עפענט דאָס מויל

און וועגדעט זיך צו מיר מיט עצות אַזוי ווייך, מיט אַזאַ איינטייל. ווען אַ חיה, וואָלט מיט אַ מאָל רעדען געגומען, וואָלט דאָס מיר אַזוי נישט פערוואונדערט, ווי בעת איך האָב דערהערט פון איהם מענשליכע ווערטער. ער האָט פערשטאַנען מיין פערוואונדערונג און ער האָט זיך נאָך מעהר צורעדט: „איהר האַלט מיר אודאי פאַר אַ חיה, פאַר אַ פערשטיינערטען גזלן. אָבער איך בין דאָך אויך אַ מענש, מיט אַ מענשיש האַרץ, מעהר נישט דאָ ווערט מען אַזוי פערשטיינערט".

איך האָב זיך מיט איהם אין קיין טיפערן שמועס נישט אַריינגעלאָזען. זיינע איצטיגע ווערטער האָבען מיר אויסגעזעהען אַזוי נישט נאַטירליך פאַר דעם בילד פון דעם מענשען־רויב־חיה, פאַר וועלכען איך האָב איהם די גאַנצע צייט געקאָנט, דאָס זיי האָבען, אייגענטליך, מיר מעהר גערייצט, ווי זיינע קולות און זידלערייען אין דער תפיסה איגעוועניג. צי דאָס איז געוועזן מעהר נישט ווי אַ געמאַכטער אָנשטעל פון אַ פערדאָרבענעם, וואָס וויל נישט האָבען קיין איבריגע שונאים אויף דער פריי, אָדער דאָס פינטעלע מענש האָט טאַקע אין אמת'ן געטליעט אפילו אין דעם דאָזיגען וואָלף בירת מענש? איך ווייס נישט. מיר איז נור בעקאַנט, אַז שפּעטער איז ער איבערגעפירט געוואָרען אַלס פערוואַלטער אין לובלינער געפענגניש, האָט זיך דאָרט שטאַרק בוקם געווען אין די „פּאָליטישע" און איז אין גיכען געפאַלען פון אַ קויל, דערשאָסען דורך דער פּ. פּ.־סיסער „באָיוווקע".

אָבגעשטעלט זיך אויף טשערניגאָוו, אַלס אַ פּאַסענדע שטאָט פאַר מיר, האָב איך בעקומען אַ רייזע־שיין פון ראַדאָמער גובערנאַטאָר און די שוואַרצע טויערן פון טויטען־הויז האָבען זיך שוין פערשלאָסען פון יענער זייט, הינטער מיר. נאָך 16 חדשים זיצען בין איך אַרויס אויף דער פריי.

אינ׳ם אוניווערזיטעט פאַר רעוואָלוציאָנערען.

לויט מיינע פּאַפּירען האָב אִיך געדאַרפט פאָרען דִי־רעקט קיין טשערני׳גאָוו, נִישט אָבשטעלען זִיך אויפ׳ן וועג אִין קיין שום שטאָט. מִיר אִיז אָבער שווער געווען דורכצופאָרען וואַרשע און נִישט אַראָבגעהן אַהִין געוואָר צו ווערען, וואָס דאָרט הערט זִיך, ווִי אַזוֹי זעהט דאָרט אויס „דִי אַרבייט”.

מיין ערשטער ווִיזִיט פון קאָוולער וואָקזאַל אִיז געווען אויף דער דזִיקע גאַס. דאָרטען פלעגט אַלע אָוועגד פאָרקומען אונזער „בערזע”, אויף יענער גאַס פלעגען זִיך בעגעגנען דִי פאָרשטעהער פון דִי פאַכען און אַנדערע טוער. אויף דזִיקע פלעגט מען שטענדִיג קאָנען טרעפען אִימִיצען פון דִי בעקאַנטע, פאַר דִי 16 חדשים אָבער האָט זִיך שוין שטאַרק געענדערט דער מענשען־מאַטעריאַל פון דער אָרגאַנִיזאַציע, אַ סך אַלטע זענען אַרעסטִירט געוואָרען, אָבגעפאָרען אָדער סתם אָבגעשטאַנען פון דער אַרבייט. עס האָבען אַרומגעשפאַצִירט נייע מענשען, יונגע, פרעמדע געזִיכטער. אִיך לויף אִיבער דער „בערזע”, שלִינג מִיט דִי אויגען יעדען דורכגעהער, געה הִין און צורִיק און בעגעגען רק אונבעקאַנטע, קאַלטע מענשען. אִיך האָב שוין אפילו ביי אייגִיגע שפּאַצִירענדע אַרויסגערופען אַ חשד, צִי אִיך שפּיר דאָ נִישט אַמאָל אִימִיצען אויס. לענגער אַזוֹי אַרומדרעהען זִיך אִיז נִישט געווען גאָר בעקוועם. פער־דעכטִיגע פלעגט מען דאָרט אָפט מכבד זיין מִיט אַ „מתנת־יד” אויך.

אִיצט בִין אִיך שוין גענומען געוואָרען אונטער׳ן אויס־שפּירונגס־פייער. עטלִיכע יונגע בחורים׳לעך האָבען שוין פון

מיר זייערע אויגען נישט אַראָבגעלאָזען און האָבען מיך גאַנץ
בעמערקבאַר אַרומגערינגעלט ווי מיט אַ רינג פון אַלע זייטען.
זיי וואַרטען נור אויף אימיצען. דאָס האָבען זיי געשיקט נאָכ׳ן
„פאָרשטעהער“, בכדי ביי איהם בעקומען דירעקטיווען, וואָס
זיי האָבען מיט מיר צו טון. יענער איז גיך געקומען.
לכתחילה איז ער אַזוי, כלאחר יד, דורכגעלאָפען פערביי מיר,
האָט זיך גוט אין מיר איינגעקוקט און האָט זיך פלוצלינג אַ
וואָרף=געטון אויף מיין האַלז. דאָס איז געווען פייוועל קאַמאַ=
שענמאַכער, אַנ׳ענטוויקעלטער, איבערגעגעבענער אַרבייטער=
טוער נאָך פון דער ערשטער פאָרמאַציע. חברה האָט זיך
גלייך אָבגערוקט אָן אַ זייט, האָט נישט געפרעגט קיין קשיות,
(קאָנספיראַציע!) האָט מיר בלויז גוטמוטיג צוגעשמייכעלט. איך
בין מיט מיין אַלטען בעקאַנטען אַוועק אויף אַ דירה, וועלכע
האָט זיך גיך אָנגעפילט מיט אַלטע גוטע פריינד און ניי=צו=
געקומענע טוער. ס׳האָט זיך גלייך געשאַפען אַנ׳אימפּראָוויזיר=
טע, לוסטיגע „ליאַמע“ (אַ פערוויילונגס=אָווענד), אויף וועלכער
מיר האָבען פערבראַכט געמיטליך און אינטים אַ גאַנצע נאַכט.

איך האָב זיך דאַמאָלסט דערוואוסט, אַז נאָך מיין אַרעסט
האָט די היגע אָרגאַניזאַציע געהאַט פיל אויסצושטעהן פון אַנ׳=
אָפּאָזיציע, וואָס האָט זיך אין איהר געבילדעט אויפ׳ן באָדען
פון „דעמאָקראַטיזם“. דער „קאָמיטעט“ פלעגט אין יענע צײ=
טען אויפגעשטעלט ווערען דורך דעם פאָרשטעהער פון צ. ק.
און קאָאָפּטירטע פערזאָנען. ער וידער פלעגט צו זיך צונויפ=
רופען אַ מין בייראַט פון די ענטוויקעלטע אַרבייטער פאַר אַל=
געמיינע פראַגען. (די דיפערענצירונג פון עקאָנאָמישער און
פּאָליטישער אַרבייט איז נאָך דאַמאָלסט נישט געווען). נישט
אַלע אָבער האָבען געוואָלט מסכים זיין צו פערבלייבען מעהר
נישט ווי „עצה=געבער“ ביים קאָמיטעט און האָבען געפאָדערט
פאַר זיך בעשטימונגס=רעכט. די אָנפירער פון דער דאָזיגער
אָפּאָזיציע זענען געווען זלמן דער געלער, אָדער א. זאַקס,
(איצט אַנ׳אָנגעזעהענער יודישער פובליציסט אין אַמעריקע און
געוועזענער רעדאַקטאָר פון „צוקונפט“) און קלמן קראַפּיווני=

קאָוו, (אַנ׳אָנגעשטעלטער אין אַ בוכהאַנדלונג, שפּעטער פערשיקט אין אַרכאַנגעלסקער גוב. וואו ער האָט אין יאָהר 1904 זיך אַליין דאָס לעבען גענומען). די דאָזיגע אָפּאָזיציע האָט פערשאַפט בייזע בלוט ביי ביידע צדדים, האָט פיל געשטערט דער אַרבייט און איז ליקווידירט געוואָרען ערשט נאָכ׳ן אָבפאָרען פון די איניציאַטאָרען.

אין שפּיץ פון קאָמיטעט איז דאַמאָלסט געשטאַנען סיני יאַקאָבי. אַ בעלעזענער און זעהר אינטעליגענטער אַרבייטער זעצער, איז ער צוגעשטאַנען צו אונז, זייענדיג אַ שטענדיגער בעזוכער פון די דיסקוסיעס מיט די ציוניסטען, (זעה י. ל. פּרץ) ער האָט זיך גלייך אָבגעגעבען דער אַרבייט מיט לייב און זעל. ער האָט דאָס געהאָלפען זעצען דעם „וואַרשאָווער אַרבייטער“, ער האָט גענומען אויף זיך אַלע אַנדערע שווערע אַרבייטען און איז גיך (נישט לויט׳ן סטאַזש) קאָאָפּטירט געוואָרען אין „קאָמיטעט“.

צו יענער צייט איז דורך דער פּאָליציי ענדעקט געוואָרען עפּיס אַ פּאַך=פערזאַמלונג, אויף וועלכער סיני האָט זיך אויך געפינען. בעת מעשה האָט מען אַלעמען בעפרייט. נאָכדעם שוין האָט זיך פּאָליציי געכאַפּט, אַז דאָרט איז געווען עפּעס אַ פּאָר אונלעגאַלע בראָשורען דאָס האָט זיי סיני אַרויסגעוואָרפען פון קעשענע. שפּעטער איז מען געקומען צום בעל־הבית פון דירה, מען האָט איהם געדראָט צו אַרעסטירען, אויב ער וועט נישט אָנווייזען. ווע׳מענס ביכלעך דאָס זענען.

סיני האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט קיינעם גאָר נישט דערצעהלט, איז אַוועק אין זשאַנדאַרמעריע און האָט געמאָלדען, אַז די ביכלעך געהערען איהם. מען האָט איהם פערשפּאַרט אין פּאַוויאַק. קראַנקע לונגען האָט ער געהאַט שוין פון פריהער דאָרטען האָבען זיי די שטיינערנע ווענד אין גאַנצען אויפגעפרעסען. צוליב זיין קרענק האָט מען איהם בעפרייט אויף געלד=ערבות. דאָס איז כמעט צונויפגעפאַלען אין איין צייט מיט מיין דורכפאָרען דורך וואַרשע.

איך האָב אַ קוק געטון אויף איהם און האָב דערזעהען

פאַר זיך שוין אַ פאַרמשפּט'ן מענשען. די באַקען אייגעפאַלען, שוואַרץ, די ברוסט הויבט זיך מיט אַ הייזערדיגען כאָרכלען און נור די טיפע אויגען פינקלען מיט אַ צאַפּעלדיג פייערל. ער איז גיך אָבגעפאָרען אין דער שווייץ, האָט זיך דאָרט אָבגעמאַטערט אַ פאָר יאָר, האָט מיטגעהאָלפען די אויסלענדי־שע חברים אין זייער אַרבייט און איז שטיל אויסגעגאַנגען אויף אַנ'איינזאַם בעטעל אין אַ פרעמדער, ווייטער שטאָט.

אַ האַרציגער מענש און טרייער חבר!

אין וואַרשע האָב איך פערבראַכט אַ קורצע צייט. און איינע פון די יענע נעכט האָבען זובאַטאָוו'ס יונגען דאָס צוויי־טע מאָל איבערגעפאַלען די בונדישע שטעט, האָבען אויך אין וואַרשע אָנגעמאַכט אַ חורבן און אַ שפאָר ביסעל מענשען מיט זיך אין מאָסקווע פערשלעפט. מען איז אויך געקומען צו דעם ווירט, וואו איך האָב גענעכטיגט, נור דורך אַ צופאַל בין איך דאַמאָלסט דאָרט נישט געווען. איך האָב זיך פערזעסען ביי אַנדערע בעקאַנטע, וועלכע האָבען מיר שוין פערהאַלטען ביי זיך נעכטיגען. אַזוי בין איך ניצול געוואָרען פון זובאַטאָוו'ס אפּוטרופסות. פערבלייבען מעהר אין וואַרשע איז געווען ריזי־קאַל און איך בין אָבגעפאָרען זיך טרעפען מיט'ן צ. ק.

ער האָט זיך שוין דאַמאָלסט איבערגעטראָגען קיין ביאַ־ליסטאָק. אין 1900־טען יאָר האָט דער ח'נח (אַ פסעוודאָנים פון אַ טוער, וואָס איז טעטיג אין דער בעוועגונג עד היום) אַנטלאָ־פען געלונגען פון סיביר, האָט זיך געשטעלט צו דער דיספּאָ־זיציע פון דער פאַרטיי און איז געוואָרען דער פאָרשטעהער פון צ. ק. פאַר די אָרגאַניזאַציעס. ער האָט זיך בעזעצט אין ביאַליסטאָק. דאָרט האָט אויך געוואוינט ד"ר פ. ראָזענטאַל, (אַנמאַן, פ. ראָל), וועלכער האָט פיל געשריבען פאַר דער „אַר־בייטער שטימע". נאָך אַ קורצער בעראַטונג, איז ביי אונז פער־בליבען, דאָס איך זאָל, צוליב פערשידענע טעמים, דערווייל אָבפאָרען קיין טשערניגאָוו און דאָרט זיך אַרומקוקען, וואָס ווייטער צו טון.

אויף מיר האָט אָבער דאָרט געוואַרט אַ סיורפריז. אָבגע־

געבען מיינע פּאַפּירען אין גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז פאַר דער קורצער צייט פון עטליכע וואָכען איז שוין טשערניגאָוו געוואָרען טריף פאַר מיר. אין משך פון יענער צייט האָט מען דאָרט איינגעפירט אַ פאַר־שטאַרקטע שמירה—„אָכראַנע״ (צוליב די פויערען־אונרוהען אין יענעם געגענד) און דער דאָרטיגער גובערנאַטאָר וויל מיר נישט אויפנעמען, אַלס אַ פּאָליטיש נישט כשר׳ן. ס׳האָבען נישט געהאָלפען קיין שום טענות, איך האָב גלייך אויף דער שטעל אויסגעקליבען אַלס וואוין־אָרט פּאָלטאַווע, מען האָט מיר אויס־געשטעלט אַהין מיינע פּאַפּירען און גלייך אין זעלבען טאָג האָב איך זיך געלאָזען ווייטער אין וועג. פּאָלטאַווע איז דאַ־מאָלסט געווען דער זאַמלונגס־פּונקט פון אַלע אַרויסגעשיקטע אונטער׳ן פּאָליציי־אויפזיכט און איך האָב שוין מיט זיכערקייט אבגע־געבען מיינע פּאַפּירען אין דער אָרטיגער פּאָליציי־פערוואַלטונג.

אָבער גלייך שוין אין ערשטען אָוועגד, איך האָב נאָך נישט בעוויזען אַריבערצופאָרען פון האָטעל אין אַ פּריוואַטער דירה, מען קלאַפּט צו מיר אין טיר. איך עפען אויף: געסט, גוט בעקאַנטע געסט. די פנימער זענען נייע, די מענשען פרעמדע, אָבער זייערע מלבושים און אוניפאָרם זענען מיר גע־ווען שוין צו בעקאַנט. אויף אַ נאָווינע—אַ רעוויזיע! שוין באַלד, די ערשטע נאַכט, ווי איך האָב זיך איינגעמאָלדען. אָבגעזוכט, בודק־חמץ געווען כדבעי פערבעט מיך דער פּריסטאַוו מיט זיך מיטגעהן. וואוהין? איך בין אַרעסטירט. פאַר וואָס? ער ווייסט אַליין נישט. אַ בעפעל פון אָרטיגען זשאַנדאַרמסקען גענעראַל. צי זיי טרייבען אַ שפּאַס, צי דאָ איז עפּעס אַ טעות? געפילען פון פערדרוסען און נייגיר האָבען מיך בעהערשט, ווען מען האָט מיך געפירט אין פּאָליציי. אָבער אויך דאָרטען האָט מען גאָר נישט געוואוסט, מען האָט געהייסען מיך אַראָפּפירען אונטען אין פּאָליציי־אַרעסט און פאַר מיר האָט זיך ווידער די טיר פערשלאָסען. ווידער פערשפאַרט, ווייטער אין אַ שטייג! אויף ווי לאַנג? פאַר וואָסערער חטאים? נישטאָ ביי וועמען צו פרע־גען, קיינער ווייסט נישט.

אין עטליכע טעג אַרום, מען רופט מיך אויף אַן׳אויספֿאָרשונג צום זשאַנדאַרמסקען גענעראַל. אַן׳אַלטער מאַן מיט אַ פּאַטריאַכאַלער גרויסער באָרד. געוועזענער קאָמענדאַנט פֿון שליסעלבורגער פֿעסטונג. די דאָרטיגע געפֿאַנגענע האָבען אין זייערע זכרונות וועגען איהם זיך זעהר גוט אָבגערופֿען. מיט אונגעדולד וואַרט איך, וואָס ער וועט מיר זאָגען. ער אָבער פֿרעגט מיך אַלץ וועגען נאַרישקייטען, פֿאַר וואָס איך האָב געהאַט ביי זיך אַ בוך וועגען דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע? צי וויל איך, אַז אין רוסלאַנד זאָל אויך זיין אַ רעוואָלוציע? און ענדליך מעלדעט ער מיר, אַז איך בין אַרעסטירט לויט אַ צירקוליאַר פֿון בריסקער זשאַנדאַמעריע.—אָבער איך בין דאָך דערפֿאַר שוין מיינס אָבגעקומען און טאַקע צוליב דעם אַהער אַרויסגעשיקט? ער קאָן דאָ גאָר נישט מאַכען. דער צירקוליאַר איז נישט אָבגעשאַפֿט. אייגענטליך, האָט ער מיך געדאַרפֿט אָבשיקען מיט׳ן עטאַפּ, נור ער קאָן מיר טון די געפֿעליגקייט און זיך דורכשרייבען וועגען דעם מיט׳ן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. אין פּאָלטאַווע אָבער וועט ער מיך סיי ווי סיי נישט לאָזען פֿערבלייבען. דאָ, זאָגט ער, איז אַן׳אוניווערזיטעט פֿאַר רעוואָלוציאָנערען; ס׳קומען אַהער יונגע, נאָך נישט קיין פֿעסטע רעוואָלוציאָנערען און דאָ ווערען זיי אין גאַנצען איבערגעפֿירט, געהען אַרויס פֿון דאַנען שוין פֿערענדיגטע, פֿאַרטיגע טוער.

ווייַט פֿון אמת איז ער טאַקע נישט געווען. אין פּאָלטאַווע האָט מען געהאַט פֿאַר זיך די גאַנצע געשיכטע פֿון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין לעבעדיגע פּערזאָנען. פֿון די פּעטראַשעווצעס פֿון 1848 (אַן׳אַלטיטשקע פּאָר, מאַן און ווייב, וואָס זענען אָבגעווען אַ יאָר 40 אין קאַטאָרגע), די זעמלעוואָלצעס, נאַראָדנעוואָלצעס, וואָס האָבען צענדליגער יאָרען זיך אָבגעוואַלגערט אין סיביר, ביז דער לעצטער פֿאָרמאַציע פֿון די סאָצ. דעמאָקראַטען. יעדע ריכטונג האָט געהאַט דאָ איהר פֿאַרשטעהער, יעדע פּאַרטיי איהרע אָנגעזעהענסטע מיטגלידער. קאָנצענטרירט האָבען זיך אַלע דאָ אַלס אַ „כשר׳ע״ גובערניע נאָענט פֿון די צענטרען און פֿערזעהן מיט אַ ליבע=

ראַלער „זעמסטוואָ“. דער דאָרטיִגער גובערנאַטאָר איִז אויך געווען אַ ליִבעראַלער מענש, האָט אונטערגעהאַלטען קענטשאַפט מיִט פיִל געוועזענע פערשיִקטע און אַלע זעמסקע שטעלעס זענען געווען דורך זיי פערנומען. איִן יאָר 1902 ווען איִן פאָלטאַווער און כאַרקאָווער גובערניע האָבען אויסגעבראָכען פויערן-אונרוהען האָט דאָס טאַקע דאָס אונערן-מיִניִסטעריום אָפיִציעל ערקלערט מיִט דער שולד פון דיִ פערשיִקטע סטאַטיִסטיִקער, וועלכע האָבען רעוואָלוציאָניִזיִרט דיִ גובערניע. דער דאַמאָלסדיִגער רוסיִשער דיִקטאַטאָר פאָן-פלעווע האָט ניִשט געוואָלט פון גרויס צאָרן אַריינפאָרען איִן פאָלטאַווע און איִז פערבליִבען וואַרטען אויפ׳ן וואָקזאַל. דער גובערנאַטאָר האָט געמוזט פערלאָזען זיין שטעל.

איִך ביִן אַזוי געזעסען היִנטער׳ן שלאָס איִן פאָליִציי-אַרעסט און געוואַרט אויף אַ תשובה פון פעטערבורג. דערווייל האָט מען זיִך וועגען דעם דערוואוסט איִן שטאָט. דאָרט האָבען זיִך שוין געפונען מיינע בעקאַנטע פון פריִהער. מען איִז אַוועק צום גובערנאַטאָר, מען האָט אויפגעהויבען אַ ויצעקו און איִך ביִן, נאָך אַפאָר וואָכען זיִצען, דערווייל בעפרייט געוואָרען אויף פערזענליִכע ערבות.

דאָ האָט זיִך ערשט אָנגעהויבען פאַר מיִר אַנ׳איִנטערעסאַנט, אָנציִהענד לעבען. נייע מענשען, שפאַנענדע פראָבלעמען, לעבהאַפטע דיִסקוסיעס. דאָ האָט זיִך צו יענער צייט געפונען איינער פון דיִ אָנגעזעהענסטע סאָצ. דעמאָקראַטען יוליִ צעדערבוים (מאַרטאָוו), דיִ גריִנדער פון דער נייער ס. ר. דיִ פאַמיִליע טשערנאָוו׳ס, פאָרשטעהער פון אַנדערע שטרעמונגען איִן דער רעוואָלוציע. דער צענטער פון אַלע איִז אָבער געווען דער גרויסער רוסיִשער שרייבער-הומאַניִסט וולאַדיִמיִר קאָראָלענקאָ. ער האָט געהאַט אַ אייגענע גרויסע הויז איִן פאָלטאַווע, זעהר אַ רייכע און שענע ביִבליאָטעק און איִז געווען זעהר גאַסטפריינדליִך און אויפמערקזאַם צו אַלע פערשיִקטע.

כמעט אָפען פאַר דער פאָליִציי פלעגען מיִר, פערשיִקטע

און מלוכה=בעאמטע אין איין און דערזעלבער צייט, (מיר האָ= בען אַלע געאַרבייט אין גובערניאַלען כטאַטיסטישען ביוראָ) זיך צוזאַמענקלייבען איינציגע הונדערט מאַן אויף אונלעגאַלע רע= פעראַטען, דיסקוסיעס און פערזאַמלונגען. מענשען פון פערשי= דענע וועלט=אנשויאונגען, בליקען און שטרעמונגען פלעגען מיר שטענדיג וועגען יעדער פראַגע הייס און ליידענשאַפטליך פיהרען וכוחים, אונענדליך דיסקוטירען און בעמיהען זיך איבער= צייגען איינער דעם צווייטען.

איך דערמאָן זיך איינע אַזאַ דיסקוסיע, אויף וועלכער מען האָט זיך געריסען עפּעס וועגען אַ פילאָזאָפישער פראַגע: די מאַרקסיסטען פון זייער שטאַנדפונקט, די נאַראָדניקעס פון זייער. מען האָט געשריען, מען האָט גערעדט מיט האַרץ, מיט פייער; יעדער האָט געפינען פאַר זיין חוב נעמען אַ וואָרט, אַרויסזאָגען וואס ער טראַכט וועגען דעם. אין אַ זייט איז געשטאַנען וול. קאראלענקא האט זיך אויפמערקזאַם איינגע= הערט צו די אַלע וכוחים און האט די גאַנצע צייט געשוויגען.

— וואס טראַכט איהר עפּעס וועגען דעם וולאַדימיר גאַ= לאַקטיאנאוויטש? האט איינער פון אונז זיך געווענדעט צום שטיל=שוויגענדיגען שרייבער.—איך קאן גאר נישט זאגען, איז געווען דער קורצער ענטפער: „איך בין אַפּראָפּאָן (אב׳ עם= הארץ) אין אַזעלכע פראַגען". מיט קאַלטע וואַסער האָט ער דערמיט בעזונדערס אונז יונגוואַרג אבגעגאסען און מיר זענען פערשעמט שטיל אַנטשוויגען געוואָרען.

די נאַציאנאַלע פראַגע האט נאך דאַמאלס יענע קרייזען ווענייג אינטערעסירט. ס'איז געווען באַלד נאך דעם 4=טען צו= זאַמענפאָר פון „בונד" (דעם 24=טען מאַי 1901 אין ביאַליסטאָק), אויף וועלכען ס'איז אנגענומען געוואָרען אַ רעזאלוציע, וואס האט אויסגעזעהען ווי אַנ'אמת'ע אפּיקורסות ביי אַלע סאציאַליס= טען. אין יענער רעזאלוציע איז געווען אַרויסגעזאגט דער גע= דאַנק, אַז די רוסישע מלוכה וועט זיך אין דער צוקונפט אומ= בילדען אין אַ פעדעראַציע פון נאַציאנאַליטעטען, אַז יעדע נאַ= ציע דאַרף אויטאנאם פערוואַלטען מיט איהר קולטור און אַז

יודען זעען אויף אַ נאַציע. אַזעלכע זאַכען האבען אויסגעזעהן אַזוי פרעמד ווי דעם ארטאדאקסאַלען מאַרקסיסט ווי אויף דעם „גאַראדניק". אין דעם האבען זיי געזעהן כמעט אַנ׳אבזאג פון טראַדיציאנעלען סאציאַליזם.

איך בין דאָרט געווען דער איינציגער „בונדיסט" און אויף מיר זענען דאָס געמאַכט געוואָרען אַלע אַטאַקעס, בעזונדערס מצד די יודישע „איסקראָווצעס". דאָרט האָט דאַמאַלסט געוואוינט ברוך סטאָלפּנער, (אַרויסגעשיקט פון האָמעל צוליב זיין קענטשאַפט מיט קאַרפּאָוויטשען, וועלכער האָט דערשאָסען דעם בילדונגס-מיניסטער באָגאָליעפּאָוו), שפּעטער בעקאַנט אונטערן נאָמען „דער בונדיסטען-פרעסער". ער האָט דאָס אויף אונזערע דיסקוסיעס דערוועקט אויף די יודישע נאַציאָנאַלע פראַגע. אַ מענש מיט אַ גרויסער ערודיציע און שאַרפער חריפות פון אַ ישיבה בחור, פלעגט ער זיך פילפלען וועגען אַלע פראַגען אין דער וועלט און קיינמאָל נישט האָבען קיין בעשטימטע מיינונג. אַזוי האָט ער אויך אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע געשפּרינגען פון עכט נאַציאָנאַליסטישע פּאָזיציעס צום בונדיסטישען שטאַנדפּונקט, פון איהם צו ריינער אַסימילאַציע און האָט ענדליך אין די יאָרען 1910—1912 פערנומען אַ מעטאַפיזיש-מיסטישער פּאָזיציע פון אַ בעזונדער יודישער שליחות, און פלעגט פערענדיגען זיינע דרשות מיט „אַ שמע ישראל".

מיר איז אויך פון יענער צייט פערבליבען איינגעקריצט טיף אין זכרון די יונג-פערשטאָרבענע פּאָעטעסע יעוואָקעיאַ סעמיאָנאָווא לעווין. איהר מאַן ד"ר לעווין פון ווילנע איז געווען אַ געשמד׳טער יוד און אַנ׳איבערצייגטער אַסימיליאַטאָר. זיי האָבען ביידע „געאַרבייט" אין כאַרקאָוו אַלס מיטגלידער פון דאָרטיגען סאָציאַל-דעמאָקראַטישען קאָמיטעט. זי האָט שטאַרק געצויגען צו יודען און האָט זיך זעהר פעראינטערעסירט מיט׳ן „בונד". זי האָט מיר אויך ספּעציעל אָנגעשריבען פאַר דער „אַרבייטער-שטימע" די ערצעהלונג „אין אַ פינסטערע נאַכט" און האָט מיר פערשפּראָכען ווייטערע מיטאַרבייט. בכלל איז איהר די יודישע אַרבייטער-בעוועגונג געווען זעהר נאָענט

צום האַרצען. איהר פּערזענליך לעבען האָט זיך אָבער זעהר שווער צונויפגעלייגט, זי האָט זעהר שטאַרק געליטען און האָט זיך אין יאָר 1904 אַליין דאָס לעבען גענומען. שפּעטער־צו האָט איהר מאַן אַרויסגעלאָזען אַ באַנד איהרע לידער און איינציגע ערצעהלונגען פון דעם לעבען פון די רעוואָלוציאָנערען.

* * *

מחמת דעם, וואָס אין פּאָלטאַווע האָבען זיך קאָנצענטרירט אַ סך טוער און אפילו פיהרער פון פערשידענע רעוואָלוציאָנערע גרופּען און צוליב די לייכטע פּאָליצייאישע בעדינגונגען, האָט זיך אַהין איבערגעטראָגען פיל פון דער פּראַקטישער אַרבייט. פון דאָרטען, די זשאַנדאַרמען אונטער׳ן נאָז, פלעגען פערנאַנדערגעשיקט ווערען פערשידענע אונלעגאַלע אויסגאַבען: „איסקראַ״, ס. ר.־ישע ליטעראַטור, „יוזשני ראַבאָטשי״, און אַנדערע.

קיין „בונדישע״ אַרבייט האָט זיך נאָך דאַמאָלסט אין יענע געגענדען נישט געפירט. דער 4־טער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען אַ בעשלוס, אַז אויף דרום־רוסלאַנד דאַרפען די בונדיסטען אַרבייטען אין די אַלגעמיינע פּאַרטיי־קאָמיטעטען און קיין בעזונדערע אָרגאַניזאַציעס נישט בילדען. דאָס האָט גורם געווען דערצו, דאָס אויף דרום־רוסלאַנד האָבען זיך געפּרוכפּערט און פערפעסטיגט אַלערליי ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע שאַטירונגען. שפּעטער, ווען דער „בונד״ איז שוין אַרויסגעטרעטען פון דער פּאַרטיי און האָט צוגעטרעטען בילדען אייגענע ארגאַניזאַציעס, האט ער שוין אומעטום געטראָפען עלטערע ציוניסטישע אדער סיימיסטישע גרופּען. די בונדיסטען האבען הויפּטזעכליך זיך גרופירט אַרום דעם „יוזשני ראַבאטשי״. דארט האט געאַרבייט אין אַן אונלעגאַלער דרוקעריי אין קרעמעטשוג דער נישט לאַנג פערשטארבענער צייטלין־באַטורסקי (בעטייליגט זיך אין דריטען צוזאַמענפאַר פון „בונד״). אַן אַנגעזעהענעם ארט האט דארט אויך פערנומען אַבראַם גינזבורג פון וויטעבסק, אַ געהילף־מיניסטער פאַר אַרבייט אין קערענסקי׳ס רעגירונג און שפּעטער דער קיעווער שטאָט־פּרעזידענט.

קיין פּאַלטאַווע פלעגען אויך קומען צופאַרען מיט אַלגעמיינער פּאַרטיי=שליחות חברים פון יודישען תחום, דורך זיי פלעג איך זיך קאמוניקירען מיט אונזער אַרבייט און פלעג שטעהען מיט איהר אין שטענדיגען קאנטאקט.

איך האב אויך בעקומען אַן'איינלאַדונג אַריינצוטרעטען אין „יודישע ראַבאַטשי" און האב אפילו שוין אנגעהויבען מיטצואַרבייטען אין דעם אָרגאַן מיט'ן זעלבען נאמען. מיך אבער האט שטאַרק געצויגען צו דער יודישער גאַס, איך האָב זיך געפיהלט מיט אונזיכטבאַרע פעדים פערבונדען מיט'ן דאָר=טיגע ליידען און פריידען. אין איין שענעם אויגוסט=פרימאָר=גען האב איך, נאך איינינע פּאָרזיכטס=מיטלען, זיך געזעצט אויפ'ן באַהן און בשלום געקומען צוריק אויפ'ן בעפעהל פון צענטראַלען קאמיטעט אין ביאַליסטאָק.

ווידער ביי דער ארבייט.

אין ביאַליסטאָק איז אַוועק אַ לעבעדיגע אַרבייט. צו דער צייט פון מיין קומען אַהין האָט זיך דאָרט פערזאַמעלט דער גאַרבער-צוזאַמענפאָר, אויף וועלכען עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו בילדען אַ פעדעראַטיווען גאַרבער-פערבאַנד פון יודען, פאָליאַקען און ליטווינער.

מיר האָבען פערקניפּט פערבינדונגען מיט די פאָרשטעהער פון די פוילישע סאָציאַל-דעמאָקראַטען (פון זיי איז אין הויפּט-קאָמיטעט אריינגעטרעטען דער אַדוואָקאַט קאָזלאָווסקי, וואָס האָט שפּעטער פערנומען אַזאַ אָנגעזעהענעם אָרט אין דער ראַטען-מאַכט) און מיט די ליטווישע סאָציאַל-דעמאָקראַטען. דעם „מאַניפעסט" וועגען פערבאַנד האָבען מיר אַרויסגעלאָזען אין יודיש, פויליש און רוסיש. דער הויפּט-קאָמיטעט האָט געהאַט זיין זיץ-אָרט אין ביאַליסטאָק. פון צייט צו צייט פלעגט מיר נור אויסקומען זיך אַראָבלאָזען מיט אַגיטאַציע-צוועקען אויף דער גאַרבער-פּראָווינץ: סמאַרגאָן, קרינקי, סקידעל און איבעריגע.

דערביי איז מיר פערבליבען אין זכרון אַנ'ע ט קאָמישער אינצידענט: איך בין געקומען קיין קרינקי, פערן אָרען בין איך צו אַנ'אָרטיגען גאַרבער, אַ נאָנטען חבר. ער האָט געהאַט אַנ'אַלטע מוטער, וועלכער ער האָט מיך פאָרגעשטעלט, צוליב קאָנספּיראַציע-טעמים, אַלס קאָמיסיאָנער.

אין שטעטעל האָב איך זיך ווייניג געדרעהט, ווייל איך האָב נישט געוואָלט ציהען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. שבת-צו נאַכטס האָב איך געדאַרפט צבהאַלטען אַ גרויסע פערזאַמלונג אין וואַלד הינטערן שטאָט. אָבער פון שבת אין דער פרי אָן,

האָבען זיך אָנגעהויבען אריינצולאָזען אין מיין וואוינונג פער־שידענע ליבנות׳טעס, פריער יונגערע מיידלעך, נאָכדעם עלטע־רע ווייבער; זיי סוד׳ן זיך און קוקען אויף מיר מיט אזא נישט פריינדליכען נייגיר. די אַלטעטשקע געהט אויך אַרום איבערן שטוב און קרעכצט. וואָס איז׳ס פאַר אַ מעשה? דער בעל־הבית איז נישטאָ אין שטוב און איך האָב נישט ביי וועמען געוואויר צו ווערען די סיבה.

נאָכדעם ערשט, אַז ער איז אַהיים געקומען, האָב איך זיך דערוואוסט אין וואָס ס׳געהט. די מוטער איז געווען אַ בי־סעל טויבלעך, האָט זי בעת מעשה נישט דערהערט דעם וואָרט קאָמיסיאָנער און האָט געמיינט, אַז איך בין אַ מיסיאָנער. גע־גען זוהן האָט זי גאָרנישט געקאָנט מאַכען און האָט דאָס גע־מוזט פערטראָגען. זי האָט דאָס אָבער גלייך אָנפערטרויט איי־רער אַ שכנ׳טע, פון יענער איז דאָס אַריבער צו אַ צווייטער און אין שטעטעל איז אַוועק אַ קלאַנג, אַז אַ מיסיאָנער איז געקומען, אָבשמד׳ען יודישע קינדער, דערפאַר האָט מען זיך דאָס צונויפגעלאָפען אויפ׳ן בייז־וואונדער. מיין גליק נאָך וואָס איך בין נישט אַרויס ביי טאָג אין שטעטעל, אַז נישט וואָלט איך געוויס פערוואָרפען געוואָרען מיט שטיינער. ענליכע קאָ־מישע עפּיזאָדען זענען בעת מיינע נסיעות איבער די שטעט־לאַך פאָרגעקומען עד לרוב.

אין שטאָט גופא איז אויך געווען געגוג אַרבייט. ווי ס׳איז שוין איבענדערמאָנט געוואָרען, פלעגט דאַמאָלסט אין ביאַליסטאָק צונויפגעשטעלט ווערען די „אַרבייטער שטימע", אויך מיך האָט מען אין דער דאָזיגער. אַרבייט אַריינגעצויגען. ווייט פון יודישען קוואַרטאַל, שוין אַראָב אַלעקסאַנדער־גאַס, אין אַ גרויסען קריסטליכען הויף האָט דער ח׳ נח גע־האַט זיין דירה. דאָס איז געווען אַן׳איבערשטיבעל ערגעץ אויף אַ בוידעם פון איין צימער, מעבלירט מיט אַ טישעל, איין שטול און אייזען־בעטעל. דאָרט איז דאָס געווען די רעדאַק־ציע פון יענעם אָרגאַן, אויף וועמען טויזענדער אַרבייטער האָ־בען שוין אין פערשידענע שטעט געוואַרט מיט האַרצקלאַפּען

און וואו יעדעס וואָרט איז געווען טייער און הייליג פאַר הונדערטער מענשען.

אָבער אָבגעבען זיך בלויז מיט ליטעראַטור-אַרבייט אַליין האָבען מיר זיך נישט געקאָנט פערגינען. אין שטאָט גופא איז געווען איינגעשטעלט אַ ברייטע, פערצווייגטע מאַסען-אַרבייט, וואָס האָט ממש איינגעשלונגען אַלע כחות. ס׳האָט פשוט אויס-געפּעהלט מענשען. אויסער דעם ח׳ נח, וואָס איז געווען פער-בונדען מיט דער „טעכניק" אין וואַרשע און האָט שוין בלויז צוליב דעם געמוזט זיין איזאָלירט פון דער איבעריגער אַר-בייט, האָבען אַלע: דאָקטאָר ראָזענטאַל, זיין פרוי און איך גע-מוזט אנטיילנעמען אין דער אָרטיגער אַרבייט, יעדער לויט זיינע כחות און פעהיגקייטען.

בעזונדערס שווער איז דאָס אָנגעקומען ראָזענטאַל׳ן. ער איז געווען זעהר אַ פּאָפּולערער אָקוליסט אין שטאָט, איהם האָבען געקענט זעהר פיל מענשען און ס׳וואָלט זעהר לייכט געקאָנט קומען צו אַ דורכפאַל. ער פלעגט טאַקע מיט מאַסען-אַרבייט זיך נישט בעשעפטיגען. אָבער אויך מיט קלענערע קרייזען פלעגט דאָס נישט אַזוי גלאַט אָבגעהן. ס׳פלעגט טרע-פען, אַז די אָדער יענע ווירטין פון דער דירה, וואו דער קרייז פלעגט פאָרקומען פלעגט דעם פרעלעגענט דערקענען און נאָכדעם דערצעהלען — אַז דאָ איז געווען דער „אוי-גען-דאָקטאָר". ביסלעכווייז איז טאַקע זיין אנטייל אין דער בעוועגונג געוואָרען פאַר דער יודישער ביאַליסטאָק אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד.

יענעם ווינטער האָבען מיר דורכגעפירט צום ערשטען מאָל אַ באָיקאָט אויף די פּאַפּיראָסען פון פאַבריקאַנט יאַנאָוו-סקי, ס׳האָט זיך געצויגען אַ פערביטערטער שטרייק, דער פאַבריקאַנט האָט באין אופן נישט געוואָלט נאָכגעבען; ער האָט געדונגען קריסטליכע אַרבייטערינס און דער שטרייק האָט גע-האַלטען ביים פערשפּילט ווערען. דער ביאַליסטאָקער קאָמיטעט האָט אַרויסגעלאָזען אַן אויפרוף צו באָיקאָטירען יאַנאָווסקי׳ס סחורה. דאָס האָט געהאַט אַן אונערוואַרטעטען ערפאָלג. אַלע

אַרבייטער אין ביאַליסטאָק און אומגעגענד האָבן אויפגעהערט צו קויפן זײַנע פּאַפּיראָסן. דאָס איז אַריבער אויך צו דער איבריקער נישט פֿערמעגליכער בעפֿעלקערונג; אין די קלײנע אַרבייטער־שטעטלעך האָט מען אפילו אין די בתּי־מדרשים אויסגערופֿן, אַז קיינער טאָר יאַנאָווסקי׳ס פּאַפּיראָסן נישט רויכערן.

דאָס האָט זיך שטאַרק געלאָזט פֿילן אויפ׳ן סקלאַד און דער פֿאַבריקאַנט איז מרוצה געוואָרן אײַנצוגעהן אויף אונטערהאַנדלונגען, נאָר בתּנאַי, אַז דאָקטאָר ראָזענטאַל אַליין זאָל מיט איהם פֿערהאַנדלען. שפּעטער, ווען דער סכסוך איז ערלעדיגט געוואָרן דורך די דעלעגאַטקעס פֿון די אַרבייטער גופֿא, איז אין שטאָט פֿערשפּרייט געוואָרן אַ לעגענדע, אַז מען האָט יאַנאָווסקי אַרויסגענומען פֿון שטוב אין מיטן נאַכט, איהם פֿערבונדן די אויגן און איהם ערגעץ אָבגעפֿירט אויף כאַנייקעס (אַרבייטער־גאַס) אין „קאָמיטעטס־שטיבעל“. דאָרטן האָט מען אַראָבגענומען די טוך פֿון זײַנע אויגן און ער האָט פֿאַר זיך דערזעהן ד״ר ראָזענטאַל און נאָך בעקאַנטע אינטעליגענטן פֿון שטאָט, וועלכע האָבן איהם דעם פּסק־דין אַרויסגעטראָגן.

דער געלונגענער באָיקאָט האָט שטאַרק געהויבן דעם פּרעסטיזש פֿון אונזער אָרגאַניזאַציע, זי האָט שוין דאַמאָלסט געצעהלט העכער 600 מיטגלידער. ס׳איז אָנגעקומען דער יובילעאום לכּבוד דעם 25־טען נומער „אַרבייטער־שטימע“. אין איהם זענען געווען געדרוקט בעגריסונגען צום „בונד“ פֿון אַלע גרויסע פֿיהרער פֿון „אינטערנאַציאָנאַל“ און פֿון די רוסישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. מיר האָבן בעשלאָסן פֿייערן איהם אין שטאָט מיט גרויס פּאַראַד אויף מאַסען־פֿערזאַמלונגען. ס׳איז געווען ווינטער, אין וואַלד האָט מען זיך נישט געקאָנט פֿערזאַמלען, האָבן מיר בעקומען צוויי גרויסע הייזער, צוטיילט די אָרגאַניזאַציע אויף צוויי טיילן און דאָרטן פֿערבראַכט אין אַ געהויבענער שטימונג אַ גאַנצע נאַכט.

איך געדענק צו יענער צייט איז גראָד געקומען קיין

ביאַלי:סטאָק דער בערי:מטער פי:הרער פון די: כאָציאַלי:סטען־רעוואָלוציאָנערי:ן גרי:גאָרי גערשוני:. ער האָט גאָר ני:שט געוואָלט גלויבען, אַז ס'אי:ז מעגליך אַזעלכע גרויסע אונלעגאַלע פערזאַמלונגען אי:ן מי:טען שטאָט און האָט זי:ך שטאַרק ביי אונז געבעטען, מי:ר זאָלען אי:הם מי:ט זי:ך מי:טנעמען אויף אַזאַ יום־טוב, ער זאָל מי:ט די: אייגענע אויגען קאָנען צוקוקען די: ייִדישע רעוואָלוציאָנערע מאַסע. מי:ר האָבען אָבער מורא געהאַט צו רי:זי:קי:רען מי:ט זיין פרייקייט און האָבען אי:הם געמוזט אי:ן דעם אָבזאָגען.

דורכגעפאַלען זענען מי:ר אָבער ני:שט צולי:ב דער אָרטי:גער אַרבייט, נור צולי:ב גאָר אַ זייטי:גער סבה.

די פּאַרטיי־קאָנפערענץ און דער דורכפאַל.

די רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, אין וועלכע דער „בונד" האָט אין יאָהר 1898 אַריינגעטרעטען אַלס אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, איז שוין צו יענער צייט צעפאַלען אויף בעזונדערע, לויזע און צווישען-אַנאַנדער שטענדיג זיך רייסענדע גרופּען און אָרגאַניזאַציעס. „דער פערבאַנד פון די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטען", „איסקראַ", „יוזשני ראַבאָטשי" און נאָך קלענערע גרופּעס—זיי אַלע האָבען געפירט אַנ'אָבגעריסענע זעלבסטשטענדיגע אַרבייט אָהן שום צענטראַלער לייטונג און איינהייטליכער אָנפיהרונג. ס'איז נויטיג געווען צו מאַכען הכנות אויף צונויפרעדען זיך, צוזאַמענקומען און צוריק אויפשטעלען די צופאַלענע פּאַרטיי. מען האָט צווישען זיך אָבגערעדט צונויפרופען אַ קאָנפערענץ אין מערץ פון יאָר 1902.

דאָס צו אָרגאַניזירען האָט מען איבערגעגעבען דעם צ. ק. פון „בונד". ער האָט בעשלאָסען זי איינאָרדנען אין ביאַליסטאָק. די גאַנצע זאַך פון זיין זייט איז טאַקע דורכגעפירט געוואָרען שטרענג קאָנספּיראַטיוו און האָט נישט אַרויסגערופען דעם מינדסטען חשד ביי דער פּאָליציי. מען האָט מיט דעם צוועק געדונגען אַ בעזונדער שטיבעל אין אַ בעלעבט דורכגאַנג-געסעל. דאָרט האָט זיך בעזעצט אַ רוהיג פּאָר-פאָלק, וועלכע האָבען אויפגענומען ביי זיך די געסט.

די זאַך וואָלט איינגאַנצען דורך בשלום און קיין פויגעל וואָלט אפילו וועגען דעם קיין פּיפּס נישט געטון. איז זי אָבער אויפגעדעקט געוואָרען דורכ'ן פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט

אַ דאַנק די נישט פֿאַרזיכטיגקייט פֿון איינציגע חברים פֿון דער ר. ס. ד. פּ. זיי האָבען מיט זיך קיין ביאַליסטאָק מיטגעשלעפּט נישט קיין געוואונשענע בעגלייטער*).

די קאָנפֿערענץ איז אָבער געווען אַזוי סאָליד אָרגאַניזירט, דאָס זי גופֿא איז אַריבער בשלום. די שפּיאָנען האָבען בשום אופֿן נישט געקאָנט אויפֿדעקען וואו זי געפֿינט זיך, דערפֿאַר אָבער זענען דורכגעפֿאַלען איינציגע „יאַוועקעס" (דירות וואוהין די געקומענע פֿלעגען זיך מעלדען) און שפּעטער, שוין אויפֿ'ן וואָקזאַל, אויך איינציגע אנטיילנעמער.

מעלדונגס=פּונקטען האָבען מיר פֿערנאַנדערגעטיילט פֿערשידענע. פֿון דאָרטען פֿלעגט מען דעם דעלעגאַט אָבפֿירען גאַנץ פֿאָרזיכטיג אויף אַ נייטראַלען פּונקט און ערשט דאַמאָלסט, ווען מען פֿלעגט זיין פֿאָלקאָם זיכער אין דער „ריינקייט" איהם אָבשיקען אויף דער וואוינונג. און פֿון דאָרטען איהם שוין נישט אַרויסלאָזען. צום ערשטען איז דורכגעפֿאַלען אַ מעלדע=פּונקט פֿון אַ גאַרבער. דער „שפּיק" האָט אַהין בעגלייט דעם דעלעגאַט (פּ. דאַן). ער האָט איהם דאָרטען שוין פֿערלאָרען. דער גאַרבער מיט זיין געניט אויג האָט גלייך דערקענט „דעם חפץ" און האָט דעם געקומענעם אַרויסגעפֿירט דורך אַנ'אַנדער דורכגאַנג און ואיננו. דער שלים=מזל'דיגער „משגיח" האָט גאָרנישט געקאָנט טון, ער האָט זיך געמוזט ווענדען צו די אָרטיגע זשאַנדאַרמען נאָך הילף. יענע האָבען דעם גאַרבער מיט זיין פֿאָטער אַ מלמד אַרעסטירט, האָבען זיי חוקר ודורש געווען, ווער ס'איז צו זיי געקומען און וואו איז ער, אָבער ס'האָט זיי ווייניג וואָס געהאָלפֿען. די אַרעסטירטע האָבען געטענה'ט, אַז זיי ווייסען פֿון גאָרנישט צו זאָגען.

וועגען דעם דאָזיגען אַרעסט האָבען מיר זיך דערוואוסט שפּעט און האָבען איהם בכלל נישט פֿערבונדען מיט דער קאָנ=

*) ווי לעאָניד מענטשיקאָוו האָט נאָכדעם דערצעהלט, איז ער צו יענע צייט געווען מיטגליד פֿון „צפֿון=פֿערבאַנד" און אַ מאַכער אין דעפּאַרטאַמענט. ער איז פֿון פּ. דאַנ'ען געוואָר געוואָרען, דאָס יענער פֿאָרט קיין ביאַליסטאָק און מען איז איהם אהין נאָכגעפֿאָרען.

פערענץ, מיר האָבען גערעכענט, אַז דאָס איז אַ צופעליגע מעשה. שפּעטער־צו איז מען געקומען אויך אויף מיין וואוינונג. געשעהען איז דאָס אויף אַזאַ אופן.

איך האָב דאַמאָלסט פערנומען אַ לעצט צימער ביי אַ אַרבייטער־פאַמיליע אין אַ יודיש געסעל. איך האָב דאָרט געוואוינט נישט פערמאָלדען. די קינדער זענען געווען „אונזערע" און די עלטערען, אַ שטומער בעקער מיט זיין פרוי, האָבען אויך געוואוסט ווער איך בין און ווער עס קומט צו מיר.

איינער פון די דעלעגאַטען האָט משמע׳ת, פערשלעפּט צו מיר אין געסעל אַ „שפּיק". בכדי אין גאַנצען זיין זיכער, ווער עס וואוינט דאָרט, האָט מען געשיקט אַהין בייטאָג פּאָליציי פעסטצושטעלען אַלעמענס פּעסער. די שכנים אַרום זענען געווען וועבער און זיי און זייערע ווייבער האָבען מיך גוט געקאָנט. איינע פון זיי איז מיר טאַקע באַלד געלאָפען אָנזאָגען, אַז פּאָליציי געהט ‚רעווידירען פּעסער.

בעת מעשה האָבען זיך אין צימער געפונען: אַ געקומענער חבר, מיין פרוי, וואָס האָט נישט לאַנג אַנטלאָפען פון קישענעוו, וואו זי איז געווען אונטער פּאָליציי־אויפזיכט און איך. איך האָב פאָרגעשלאָגען, דאָס מיר זאָלען אַלע אַוועקגעהן פון שטוב. מיין פרוי איז מיט מיר נישט מסכים געווען. זי האָט געטענה׳ט, אַז מען קאָן זיך נישט פערלאָזען אין גאַנצען אויף די שטוביגע, זיי וועלען זיך נאָך צוטומלען; אַמבעסטען וועט זיין, אויב זי וועט פערבלייבען אין שטוב; אין צווייטען צימער איז געווען אַ שניידערין־ווערקשטוב, עטליכע מיידלעך האָבען דאָרט גענייט, וועט זי זיך זעצען צווישען זיי; די פּאַפּירען זענען ביי איהר אָהן אַ פגם און אַלץ וועט דורכגעהן כשורה.

אַזוי ווי מיר האָבען דאָ נישט חושד געווען קיין שום ערנסטע זאַך, האָב איך אויף דעם איינגעשטימט. מיין דירה האָט זיך געפינען אויף אַ צווייטען שטאָק. איך לאָז זיך אַראָב אויף די טרעפּ און שטויס זיך שוין אָן פנים אל פנים מיט אַ געהילפס־קאָמיסאַר, אַ רעוויר־פּאָליציסט און דעם הויז־ווירט. איך געה מיר ווייטער — די פּאָליציסטען רוקען זיך אָב, מאַכען

מיר פריי דעם וועג. אויסגעצייכנט! הייסט דאָס, אַז ס'איז אַ פאַלשער אַליאַרם. מיין בעקאַנטען הינטער מיר שטעלען זיי שוין יאָ אָב און פרעגען; ווער ער איז און פון וואַנען ער געהט. יענער האָט געוויזען זיין פאַספּאָרט, האָט אָנגערופען עפּעס אַ שכן, ביי וועמען ער איז געווען און איז אויך אַוועק בשלום.

איך האָב געהאַלט זיין גאָר זיכער ביי זיך און בין געבליבען שטעהן וואַרטען הינטער אַ פּלויט פון אַ צווייטען הויף. וואָס וועט דאָ ווייטער זיין? אין אַ ווייל אַרום, איך זעה דער פּאָליציאַנט לויפט אַרויס אויפ'ן גאַס אין גרויס בהלה, פייפט און יאָגט זיך, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען אימיצען כאַפּען. שלעכט! איך דאַרף זיך דערווייל אָבטראָגען. איך געה דורך אַ דורכגאַנגס-הויף און טרעף זיך אויף דער צווייטער גאַס ווי דער אָן מיט'ן זעלבען „אָרדנונגס-היטער", וועלכער גיט עפּעס אָב אַ בעפעהל אַ צווייטען פּאָליציי-מאַן. יענער בעמערקט מיך נישט; איך אייל זיך שוין געשווינד אין אַ בעקאַנט-הויז און שיק תיכף געוואָר ווערען, וואָס ביי מיר הערט זיך דאָרט.

מיין בעקאַנטער האָט זיך געזאמט אַ היבשע צייט און האָט מיר שפּעטער געבראַכט אַ בשורה: די גאַס איז שוואַרץ פון מענשען, די שטוב אַרומגערינגעלט פון פּאָליציי און ס'געהט דאָרט אַ שטרענגע רעוויזיע. נאָך אַ ביסעל שפּעטער—אַ צווייטער שלוח: פּאָליציי איז שוין אַוועק און האָט מיטגענומען מיט זיך די ווירטין פון מיין דירה און אויך מיין פרוי. צוויי שומרים זענען פערבליבען היטען די דירה, איינער פון דרויסען, דער צווייטער—אינעווייניג.

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען. די נישט געבעטענע געסט זענען אַריין אין שטוב און געפרעגט, ווער וואוינט דאָ. די ווירטין האָט געזאָגט, דאָס די פערנעמט אַלע צימערן. זענען זיי אַריין אין לעצטען צימער און געזעהן שטעהען דריי גלעזער טיי נישט דערטרונקען. האָבען זיי זיך גלייך אָנגעשטויסען, אַז די, וועלכע זיי האָבען

בעגעגענט אויף די טרעפּ, זענען דאָס פֿון דאַנען אַרויס. דערפֿאַר האָט דאָס דער פּאָליציסט אַזוי געלאָפּען אונז צו דעריאָגען, דער קאָמיסאַר איז אַריין אין מיין צימער, האָט אַריינגערוקט זיין האַנד אין די טאַשען פֿון אַ פּאַלטאָ. וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנד און פֿון דאָרטען גלייך אַרויסגעשלעפּט עפּעס אַ רוסישע אונלעגאַלע בראָשור.

אַליין האָט ער נישט געוואַגט צו רעווידירען כדבעי און האָט געשיקט נאָכ'ן פּאָליצמייסטער און אַ זשאַנדאַרמסקען אָפיציר, פּונקט ערשט מיט אַ טאָג פֿריהער איז צו מיר דערפֿאָרען איינער, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך אַ טשעמאָדאַן מיט אַ דאָפּעלטען דעק. מיר פּלעגען דאָס בענוצען אויף דורכצושמוגלען אין זיי ליטעראַטור דורך דער גרענעץ. בעת ער פּלעגט זיין פֿערשרויפֿט פּלעגט לחלוטין גאָר נישט זיין קענטיג. מיר אָבער האָבען מעשה שטן היינט אין דערפֿרי די שרייפֿלעך אַרויסגענומען, די ליטעראַטור אויסגעפּאַקט און געלאָזט דאָרט ליגען. איצט האָבען דאָס די געסט דערזעהען פֿאַר זיך אַזאַ אוצר!

מען האָט רעווידירט אַלע מיידלעך און זיי פֿון שטוב משלח געווען. מיין פֿרוי אָבער איז די גענייטע זשאַנדאַרמען געוואָרען שטאַרק אויפֿפֿאַלענד (זי האָט לכתחילה מיט'ן קאָמיסאַר געהאַט אַ קאָנפֿליקט) און זי מיט דער ווירטין האָט מען אָבגעפֿירט אין פּאָליציי־אַרעסט. ס'איז נאָך דעמאָלסט קיין פֿערשטאַרקטע שמירה אין ביאַליסטאָק נישט עקזיסטירט און מען האָט זיך נאָך לפֿנים געהאַלטען ביי די פֿאָרמעלע „געזעצען". ביי יעדער הויז־רעוויזיע האָט געמוזט בייזיין אַ פֿערטרעטער פֿון פּראָקוראַטור. דאַרום האָט די פֿערזאַמעלטע כגופֿיא בעשלאָסען דאָס אַלץ לאָזען ביי מיר ווי עס שטעהט און געהט. נישט אונטערצושרייבען דעם פּראָטאָקאָל, ביז זיי וועלען וועגען דעם נישט מודיע זיין אין דער פּראָקוראַטור. אויף צו היטען די וואוינונג האָבען זיי געלאָזען אַ פּאָליציסט.

פֿאַרנאַכט ס'קומען צו מיר פֿאָרשטעהער פֿון אַ גאַרבער־

גריפע, באשר בכן מען קאָן אַרויסראַטעווען אַלץ פון דער דירה, דער עיקר–דעם „משעמאָדאַן״ מיט ליטעראַטור.

ווי אַזוי? זיי ענטוויקלען פאַר מיר אַ גאַנצען פּלאַן. מיין צימער געהט אַריין אין שכנות מיט אַ צווייטער וואוינונג פון אַ וועבער. מען קאָן אַרויסנעמען שטילערהייט אַ פּאָר ברעטלעך פון דער וואַנד און דורך איהר אַלץ דורכטראָגען. דער פּאָליציסט שלאָפט רוהיג ביים אַריינגאַנג אין פאָדערצימער און וועט גאָרנישט הערען. אין שטוב איז פערבליבען אַ קליין יונגעל פון אַ יאָר 12, אַ דורכגעטריבען און געשיקט קינד, וועט ער אין דעם מיטהעלפען. איך האָב אויף דעם מסכים געוועז.

כך הוה, מען האָט פון דאָרטען אַרויסגענומען נישט די ליטעראַטור, נור מען האָט אויסגעלעדיגט פון מיין צימער אַלץ אפילו קישען-קאָלדרע. מען האָט דאָס אַלץ בשלום דורכגעטראָגען דורכ׳ן הויף אַזוי, אז קיין האָן האָט אפילו קיין קרעה נישט געטון, ביי פאַראַדנעם אַריינגאַנג איז מיט גרויס ווירדע געשטאַנען אויף זיין פּאָסטען אַ פּאָליציסט, וועלכער האָט שטרענג השגחה געגעבען אויף אַלע, וואָס געהען אַרויס פון הויז; אינוועניג איז פרידליך געזעסען אין פאָדערצימער אַ צווייטער היטער און געדרעמעלט. מיין צימער אָבער איז אויסגערייניגט געוואָרען ביז איין ברעקעל, די וועגטלעך צוריק איינגעשטעלט אויף אַנ׳אָרט, ס׳איז נישט געבליבען קיין סימן, קיין שפור ווי אַזוי דאָס איז געשעהן. דאָס יונגעל איז אויך פערבליבען אין שטוב שלאָפען.

שפּעט אין אָווענד זענען אַהין געקומען אַ נייע כנופיא מיט׳ן געהילף-פּראָקוראָר בראש. זיי געהען אַריין אין מיין צימער און ווערען פערפּלעפט. ווער איז דאָ געווען? דער פּאָליציסט פערזיכערט, אַז קיין לעבעדיגער נפש איז פון שטוב נישט אַרויס. מען האָט זיך גענומען פאַר׳ן יונגעל, יענער טענה׳ט, אַז ער האָט געשלאָפען און ווייסט פון גאָרנישט. באין ברירה האָבען זיי געמוזט אָוועק מיט חרפה און האָבען מיט זיך אויך דאָס קליינע יונגעל מיטגענומען. אין זשאַנדאַר-

מעריע האָט מען איִהם געמאַטערט, געפּייניִגט, געשראָקען מיִט שמיִץ, פערשפּראָכען אַ סך געלד, אָבער זיי האָבען פון איִהם זיִך גאָרניִשט געקאָנט דערשלאָגען. אויף מאָרגען איִז ער בעפרייט געוואָרען.

די אַלטע מוטער זיינע אָבער האָבען די זשאַנדאַרמען געהאַלטען אַ לענגערע צייט; זיי האָבען פון איִהר געוואָלט עפּעס דערגעהן, אָבער ס'האָט זיִך זיי ניִשט איינגעגעבען. די אַלטע האָט געטענה'ט, אַז מיין פרוי איִז איִהרע אַ קרובה, איִז געקומען צו איִהר איִן געסט און מעהר האָט קיינער ביי איִהר ניִשט געוואוינט. לכתחילה האָט מען פאַר מיין פרוי קיין עסען ניִשט געוואָלט אָנעמען פון דעם פערבליִבענעם יונגעל, (די איבעריִגע קיִנדער האָבען זיִך געמוזט אויסבעהאַלטען) אָבער יענער פלעגט דעם זשאַנדאַרמסקען ראָטמיִסטר מאַכען שטענ־דיִג סקאַנדאַלען, פלעגט מען איִהם אַרויסטרייבען פון קאַנצע־לאַריע, פלעגט ער איִהם נאָכלויפען איִן גאַס און פלעגט איִהם אַזוי דערעסען, אַז ער האָט פעראָרדענט ביי איִהם נעמען עסען אויך פאַר זייער „קרובה". די אַלטע איִז פערבליִבען ביי איִהר עקשנות, קיין איִבעריִג וואָרט האָט זי פון זיִך ניִשט אַרויסגעבראַכט און מען האָט זי ערשט בעפרייט נאָך צוויי וואָכען שטרענגען אַרעסט.

בינו לבינו איִז איִן שטאָט איִן צוזאַמענהאַנג מיט דער קאָנפערענץ פאָרגעקומען אַ צווייטער אַרעסט. איינער פון אונ־זערע בעקאַנטע, אַ לערער איִז געגאַנגען אָבנעמען אַ בריִף, אַדרעסיִרט פאָסט־רעסטאַנט. האָט מען איִהם גלייך אויף דער פאָסט אַרעסטיִרט. ווי ס'האָט זיִך שפּעטער אַרויסגעוויִזען האָט מען דעם פערפאַסער פון בריִף נאָכגעשפּיאָניִרט ערגעץ איִן יעליִסאַוועטגראַד, די נאָכקוקער האָבען געזעהן, ווי ער האָט אַראָבגעלאָזען דעם בריִף איִן פאָסט־קעסטעל און איִהם געע־פענט. פון איִהם זענען זיי געוואָר געוואָרען, אַז איִן ביאַלי־סטאָק קומט עפּעס פאָר. דעם בריִף האָט מען אָבגעשיִקט וויי־

טער און דערביי טעלעגראַפירט צו פערהאַלטען דעם אַדרעסאַט.

צום אומגליק איז אין זעלבען טאָג געקומען צו מאַרען צו דעם זעלבען לערער זיינער אַ בעקאַנטער מיט אונלעגאַלע ליטעראַטור, די זשאַנדאַרמען קומען מיט איהם אַ היים, טרעפען דאָרט דעם אורח מיט דער נייער מציאה. דאָס איז געווען שבת בייטאָג, אויף אַ יודיש אַרבייטער-געסעל, דער עולם אַרבייטער ווערט פון דעם געוואָר און פון זיך אַליין, אָהן שום געהעריגער צוגרייטונג, בעשליסט מען אָבצושלאָגען דעם אַרעסטירטען.

די זשאַנדאַרמען פיהרען איהם אַרויס, זעצען אַוועק אויף אַ פורעל, ס'לאָזט זיך צו זיי אַ המון מיט שטעקענס. אָבער דער צו גרויסער געדראַנג שטערט נור די זאַך אויסצופיהרען. איינער כאַפּט דעם פערד ביים צוים, אַ צווייטער וואַרפט זיך אויף די זשאַנדאַרמען, יענע שיסען אויס, דער פורמאַן רייסט זיך דורך, לויפט אַרויס פון געסעל מיט'ן אַרעסטירטען און די זאַך איז שוין אַ פערשפילטע. ס'לויפען אָן פּאָליציסטען, זיי בעגעגענט אַ האָגעל שטיינער, ס'ווערט אַ שטאַרקער געשלעג, די זשאַנדאַרמען אָבער מיט'ן אַרעסטאַנט פאָרען שוין שנעל הינטער אַ רייטער-עסקאָרט. מען האָט אַראָבגעבראַכט מיליטער, רייטער און פיס-געהער, ביז שפעט אין אָוועגד האָבען זיי זיך נאָך געשלאָגען מיט'ן המון און שפעטער דורכגעפיהרט מאַסען-אַרעסטען אויף כאַנייקעס.

די זאַך איז געוואָרען ערנסטער. פון טורמע האָט מען אונז געגעבען צו וויסען, אַז מען האָט אַריינגעבראַכט עפּעס אַנ'אויסלענדער, אַ דייטש (דאָס איז געווען אַקימאָוו-מאַכנאָוועץ, אַ בעקאַנטען פובליציסט ר. ס. ד. אַ. פּ.), ס'איז קלאָר, אַז די זשאַנדאַרמען ווייסען וועגען דער קאָנפערענץ. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבען זיי אויך בעפאַלען די וואוינונג פון ד"ר. ראָזענטאַל, האָבען אַרעסטירט דעם מאַן און פרוי, און זיי נאָך מאָסקווע אָבגעשיקט. ביסלעכווייז האָט זיך דאָרט אָנגעקליבען אַ היבשע גרופּע, בעשולדיגט אין ענין קאָנפערענץ.

די ראָזענטאַל׳ס זענען שפּעטער אַרויסגעשיקט געוואָרען אין סיביר, זענען נאָכדעם געווען פערמישט אין דעם משפּט פון די „ראָמאַנאָווצעס״ (אַ בעוואָפנטען ווידערשטאַנד געגען מיליטער מצד אַ גרופּע פערשיקטע), זענען געוואָרען פעראורטיילט צו 4 יאָר קאַטאָרגע און זענען ערשט בעפרייט געוואָרען לויט׳ן מאַניפעסט פון 21-טען אָקטאָבער 1905.

נאָכ׳ן אויספערבעהאַלטען זיך אַ פּאָר וואָכען אין ביאַליסטאָק האָב איך פערלאָזען בשלום די שטאָט און זיך בעזעצט אויף אַ צייט אין לאָדז.

באַרג-אַרויף.

דער יאָר 1902—1903 האָט אַריינגעטראָגען אַנ'אִיבערברוך אִין דער גאַנצער אַרבייטער=בעוועגונג אִין רוסלאַנד. אִין דער רוסלענדִישער פּאַרטיי האָבען זִיך אִין דִי פריִהערדִיגע צוגרייטונגס=יאָרען געשאַפען אפילו צוויי שיטות וועגען דער טאַקטִיק: איינע, דער אַזוי גערופענער „עקאָנאָמִיזם", האָט זִיך געהאַלטען ביי אַ כּלל, אַז מען מוז קודם=כּל דִי אַרבייטער אַגִיטִירען און אָרגאַנִיזִירען אויפ'ן עקאָנאָמִישען געבִיט, פערשאַרפען דִי סאָציאַלע סכסוכים און במילא וועלען דִי מאַסען שוין אויך אַריינטרעטען אִין אַ פּאָלִיטִישען קאָנפלִיקט מִיט דער עקזיסטִירענדער זעלבסטהערשאַפט, אָפען אַרויסרופען דִי מאַסען צו פּאָלִיטִישען קאַמף האָט יענע שיטה נִישט געפִינען פאַר מעגלִיך און דורכפִירבאַר; דאָס, האָט זִי געטענה'ט, וואָלט זִיך פערוואַנדעלט אִין אַנ'איינפאַכען „פּאָלִיטִישען ראַדִיקאַלִיזם" אָהן מאַסען און אָהן אַ קלאַסען=אִינהאַלט.

אִין זיין ריינער פאָרם אִיז דער „עקאָנאָמִיזם" געוואָרען געפרעדִיגט דורך אַ פּעטערבורגער גרופּע „אַרבייטער געדאַנק" (ראַבאָטשאַיאַ מִיסל). נִישט אִין גאַנצען קאָנסעקווענט אִיז ער אויך אונטערגעהאַלטען געוואָרען און בעקומען אפילו אַ טעאָרעטִישע בעגרִינדונג דורך דעם „פערבאַנד פון די רוסִישע סאָציאַל=דעמאָקראַטען אִין אויסלאַנד" מִיט מאַרטִינאָוו'ן, קרושעווסקי'ן און אַקִימאָוו'ן אָן דער שפִּיץ.

אַנ'ענערגִישע אַטאַקע אויף דער דאָזִיגער טעאָריע האָט אָנגעפאַנגען 1900-טע יאָרען געמאַכט און מִיט גרויס פעולה דער אַזוי גערופענער „איסקריזם". בראש דער דאָזִיגער שיטה זענען געשטאַנען אַזעלכע גלענצענדע טעאָרעטִיקער פון מאַרקסִיזם ווִי

געאָרג פּלעכאַנאָוו, וולאַדימיר לענין און מאַרטאָוו. דער „איס־קריזם“ איז שאַרף אַרויסגעטרעטן געגען שמאָלען בענעמען פון דער אַרבייטער־בעוועגונג; ער האָט גערופען אַריינצוציהען די אַרבייטער־מאַסען אין שטענדיגע פּאָליטישע קאָנפליקטען מיט'ן צאַריזם, אויפקלערען זיי, דאָס ער, דער צאַריזם, איז דער געפערליכסטער שונא פאַר דער בעוועגונג און יעדען סכסוך אָדער אַרויסטרעטונג פערוואַנדלען אין אַ פּאָליטישען אַקט.

אין „בונד“ איז דער „עקאָנאָמיזם“ קיינמאָל נישט אַרויס־געטרעטען אין זיין טעאָרעטישער פאָרם. קיינער האָט נישט רעקאָמענדירט אַזאַ פּרינציפּיעלע ליניע. אדרבא, יעדע אַגיטאַציע איז געווען דורכגעפלאָכטען אויך מיט פּאָליטיק און יעדער אויפגעקלערטער אַרבייטער האָט זעהר גוט פערשטאַנען דעם ענגען צוזאַמענהאַנג צווישען „עקאָנאָמיק“ און פּאָליטיק“; נישט אומזיסט איז דער יודישער אַרבייטער־קלאַס אין רוסלאַנד בעצייכענט געוואָרען דורך פּלעכאַנאָוו'ן אַלס דער „אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבייטער־בעוועגונג“.

מעהר נישט דער פּראַקטישער צושטאַנד האָט ביז דעם דערמאָנטען יאָר געצוואונגען צו בעגרענעצען זיך מיט שטענ־דיגער עקאָנאָמישער פּראַקטיק און פּאָליטישער טעאָריע. פּאָליטיק האָט מען געקאָנט נור אַגיטירען אויף פערזאַמלונגען, אין די וועלדער, אָבער מען איז נישט געווען בכח זי אַרויס־טראָגען ברייט און אָפען פאַר דער וועלט. די כחות זענען נאָך געווען קנאַפּע, די שטימונג איז נאָך נישט געווען גענוג רע־וואָלוציאָניזירט.

די הויפּט־מניעה איז געווען די איזאָלירטקייט פון די איבריגע נישט יודישע אַרבייטער־מאַסען. אויסער ו' אַרשע, וואו צווישען פּוילישען פּראָלעטאַריאַט זענען געווען טעטיג סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און מען פלעגט זיך ביי יעדער אַרויסטרעטונג קאָנען צווישען זיך צונויפרעדען, איז צו יענער צייט אין גאַנצען יודישען געגענד נישט געווען פאַקטיש טעטיג קיין אַנדער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. די יודישע אַרבייטער

פלעגען זיך רייסען אין גאַס, פלעגען נישט איינמאָל וועלען אַרויסטרעטען מיט דעמאָנסטראַציעס געגען דער אָדער יענער געשעהעניש. ס'פלעגט זיך אָבער שטעלען די פראַגע צי קאָן מען איינאָרדנען ריינע יודישע דעמאָנסטראַציעס, צי וועלען זיי נישט ווערען פאַלש אויסגעטייטשט און וועלען זייער ציל נישט דערגרייכען?

די בעוועגונג אָבער האָט זיך פערנאַנדערגעוואַקסען אין דער ברייט; די אַרבייטער-מאַסען האָבען ממש געשטראָמט אין די אָרגאַניזאַציעס; די קאָנפליקטען מיט דער פּאָליציי האָבען זיך אויך אַלץ מעהר פערשאַרפט; די לעצטע איז פשוט פער-חיה'שט געוואָרען און פלעגט זיך אכזריות'דיג נוקם זיין אין די אַרעסטירטע אַרבייטער, — און די פּאָליטישע אַרויסטרע-טונגען זענען שוין געוואָרען אַן אָפטע ערשיינונג ביי די יודי-שע אַרבייטער-מאַסען.

די ביאַליסטאָקער קאָנפערענץ פון אַלע סאָציאַל-דעמאָ-קראַטישע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד האָט טאַקע בעשלאָסען איינצואָרדנען דעם 1-טען מאַי פון יאָר 1902 אומעטום, וואו ס'וועט מעגליך זיין, גרויסע מאַי-דעמאָנסטראַציעס און האָט מכח דעם אַרויסגעלאָזען אַן אויפרוף צום גאַנצען פּראָלעטאַריאַט. אין וואַרשע האָט דער „בונד" זיך צונויפגערעדט מכח דעם מיט דער פּ. פּ. ס. און פּ. ס. ד. און מ'האָט אָרגאַניזירט אַ בשותּפות'דיגע דעמאָנסטראַציע אין די אויאַזדאָווער אַלעען.

די צוגעגרייטע קאָזאַקען זענען אַזוי אויפגערייצט געוואָ-רען, בעת זיי האָבען דערזעהן די רויטע פאָנען, דאָס זיי האָבען זיך געוואָרפען אפילו אויפ'ן זייטיגען עולם אין דאָר-טיגע רייכע קאַפּעען; ס'איז געוואָרען אַ געשלעג; דאָס פּובלי-קום האָט זיך פערבאַריקאַדירט מיט די שטולען, אויף די קאָ-זאַקען זענען געפלויגען שטעקענס, שטיינער, דאָס מיטגעפיהל פון שטאָט איז געווען אויף דער זייט פון די דעמאָנסטראַנ-טען און די דעמאָנסטראַציע האָט זיך גערעכענט פאַר זעהר געלונגען.

אין ווילנע האָט די מאַי-דעמאָנסטראַציע פון יענעם יאָר

זיך זעהר טראַגיש פערענדיגט. דער דאָרטיגער גובערנאַטאָר פאָן-וואַל האָט בעפוילען צו שמייסען די אַרעסטירטע דעמאָנסטראַנטען און זיין בעפעהל איז אויסגעפירט געוואָרען אויף אַ צענדליג אַרעסטירטע. דאָס האָט אַרויסגערופען מורא'דיגע געפיהלען ביי אַלע אָרגאַניזירטע אַרבייטער; אַ גרופּע ווילנער יודישע אַרבייטער האָט אָרגאַניזירט לויט איהר אייגענער איניציאַטיוו אַן אַטענטאַט אויף דעם ווילנער סאַטראַפּ און איינער פון דער גרופּע, דער שוסטער הירש לעקערט, שיסט אין גאַס אויף פאָן-וואַל'ן. דאָס איז געווען דער ערשטער אָרגאַנִיזירטער טעראָריסטישער אַקט אויף אַ רעגירונגס-פאָרשטעהער מצד אַ יודישען אַרבייטער. דאָס האָט אפילו נישט געשטימט מיט די טראַדיציאָנעלע פּאַרטיי-בליקען און איהר טאַקטיק, אָבער לעקערט'ס אַקט האָט אַרויסגערופען אַ געוואַלדיגען מיטגעפיהל מצד די ברייטסטע אַרבייטער-מאַסען.

און נישט נור ביי די מאַסען אַליין, די פּסיכיק ביי די פיהרער איז אויך געוואָרען צוליב די דערמאָנטע שענדליכע רעפּרעסיע מיטלען אַזוי צוטרייסעלט, אַז די „אָרגאַניזירטע ראַכע“ איז אויף אַ קורצער צייט אָנגענומען געוואָרען אפילו אַלס אַ פּאַרטיי-דירעקטיוו. דאָס איז געווען אויף דער 5-טער קאָנפערענץ פון „בונד“, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אויגוסט 1902 אין בערדיטשעוו.

בערדיטשעוו איז דאַמאָלסט געווען איינע פון די ווענִיגע שטעט, וואָס זענען נאָך אין פּאָליציי'אישער הינזיכט געווען פולקאָם כשר. די בעוועגונג האָט זיך דאָרט נאָך גאָר נישט לאַנג אָנגעהויבען און איז נאָך מיט דער פּאָליציי אין קיין שום קאָנפליקטען נישט געקומען. די פרידליכע בירגער פון דער דאָזיגער יודיש-קלאַסישער שטאָט, וואָס ליגט אויפ'ן טייך גנילאָפּיאַטאָווקע, האָבען אויך דערוויל די גאַנצע בעוועגונג אונשעדליך אויפגעפאַסט און זי מיט'ן נאָמען „סטרוצקע“ בעצייכענט; דאָס האָט געשטאַמט פון וואָרט „אינסטרוקציע“—מען וויל אַרבייטען, זאָל דאָס הייסען, לויט דער אינסטרוקציע, לויט'ן געזעץ. וועגען דעם אופן פון דער „אַרבייט“ האָט מען

אויך אין שטאָט דערצעהלט קאָמישע זאַכען, אַזוי איז אין שטאָט אַרומגעגאַנגען אַ מעשה, דאָס די פערזאַמלונגען קומען פאָר געהיים אין מקוה; דער רעדנער געהט אַריין אין וואַסער און רעדט פון דאָרט אַרויס, כדי מען זאָל איהם זיין פנים נישט זעהן.

די דאָזיגע גאָטגעבענשטע שטאָט איז אויסגעקליבען געוואָרען פאַר דער דערמאָנטער קאָנפערענץ. די וואוינונג, אויף וועלכער מיר האָבען אָבגעהאַלטען די זיצונגען, איז אויפ'ן צווייטען טאָג קאַליע געוואָרען, ווייל מען האָט אַהין געדאַרפט קומען מיט עפעס אַ רעוויזיע וועגען טאַבאַק און מיר האָבען בעשלאָסען איבערטראָגען די קאָנפערענץ אָהן שום מניעות אין וואַלד אונטער'ן שטאָט. פאַר אַ פאָליציאישען איבערפאַל איז זיך נישט געווען וואָס צו שרעקען.

דאָרט איז דאָס בעשלאָסען געוואָרען, אין פאַל ווען די רעגירונג וועט ווייטער אָנווענדען שענדליכע רעפרעסיעס, ענטפערען אויף דעם מיט טעראָר. דאָס האָט סותר געווען, ווי געזאָגט, דער גאַנצער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אויפפאַסונג פון פאָליטישען קאַמף און ס'וואָלט דעם „בונד“ לחלוטין אָבגעריסען פון דער מאַסען-אַרבייט און איהם אין אַ טעראָריסטישער גרופע פערוואַנדעלט; אַלע דעלעגאַטען האָבען זיך אָבער נאָך געפונען אונטער'ן פסיכאָז פון ווילנער אַקט און אויסער איין אָדער צוויי שטימען, האָבען זיך אַלע הענד אויפגעהויבען פאַר דער דערמאָנטער רעזאָלוציע.

פיל מיטגעווירקט דערצו האָט דאַמאָלסט גאזשאַנסקי-לנו, וואָס האָט זיך נישט לאַנג צוריקגעקערט פון סיביר. ער האָט מיט זיך פון דאָרטען מיטגעבראַכט פערבאָרגענע סימפאַטיעס שאַרף „ראַדיקאַלע“ מעשים (לויט דער נייער „טעאָריע“ פון מאַכייסקי). ער האָט דעם עולם אָנגעשטעקט מיט זיין היציגען טעמפעראַמענט. שפעטער, אַז מען איז זיך צופאָרען און אַביסעל אָבגעקילט געוואָרען האָט מען זיך אַרומגעזעהן, וואָס מען האָט דאָ אָבגעטון, ס'האָט זיך גלייך אָנגעהויבען אין דעם נאָכסטען נומער „אַרבייטער-שטימע“ א דיסקוסיע וועגען דער דאָזיגער פראַגע, די

די מעהרסטענטייל אָרגאַניזאַציעס, אונטערגעהאַלטען דורך דעם אויסלענדישען קאָמיטעט, האָבען זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט געגען דעם דערמאנטען בעשלוס, ביז דער 5-טער צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין ציריך אין יאָר 1903 האָט דעם בעשלוס אָבגעשאַפען און די גאַנצע טעראָריסטישע פסיכיק איז לגמרי ליקווידירט געוואָרען. איינציגע מעהר היציגערע אַרבייטער זענען צוליב דעם צוגעשטאַנען צו די ס.אָצ.-רעוואָלוציאָנערען און געבילדעט אין ביאַליסטאָק און אומגעגענד יודישע גרופעס.

* *

*

אין לאָדז זענען די יודישע מאַסען שוין געווען ברייט אַריינגעצויגען אין דער בעוועגונג. ס'האָט זיך אָבער שטאַרק געפיהלט דער מאַנגעל פון אַן'אָרגאַניזירטער אַרבייט צווישען דעם קריסטליכען פראָלעטאַריאַט. מיט דער פ. פ. ס. פלעגען מיר שטעהן אין אַ פערבינדונג, אָבער אַרבייטען מיט איהר אין קאָנטאקט אויף אַ לענגערע צייט איז געווען אונמעגליך. אגב איז איהר ווירקונג אין לאָדז אויך דאַמאָלסט געווען נישט איבעריג שטאַרק. די יודישע וועבער פלעגען אויף די פאַבריקען קומען אין בעריהרונג מיט זייערע קריסטליכע חברים און זיי פלעגען פון אונז פאָדערען מיר זאָלען די דאָזיגע קענטשאַפט אויסנוצען פאַר ווייטערדיגער אַרבייט.

באין ברירה האָבען מיר געמוזט אויסטיילען אַ בעזונדערע גרופע, וואָס זאָל פיהרען די אַרבייט צווישען די דייטשע און פוילישע אַרבייטער אונטער דער דירעקטער אָנפיהרונג פון לאָדזער קאָמיטעט פון „בונד“. שפעטער האָט זיך פון דערדאָזיגער גרופע אויסגעבילדעט די לאָדזער אָרגאַניזאַציע פון דער פ. ס. ד. און אונזערע איינציגע מיטגלידער, ווי אידאַ הירשפעלד און אנדערע מיטגלידער, זענען דאָרט געוואָרען אָנגעזעהענע און פעראַנטוואָרטליכע טוער. דאָס האָט זיי נישט געשאַדט צו ווערען נאָכדעם פערביסענע געגנער פון דעריעניגער פאַרטיי, וועלכע האָט זיי דעלעגירט פאַר דער דאָזיגער אַרבייט.

פון די אַרבייטער דאָרט אין יענעם פעריאָד האָבען זיך

בעזונדערס אויסגעטיילט משה לייב לעווקאָוויטש, אַ וועבער און פּנחס דער שוסטער.

פון זיינע יונגעלשע יאָרען אָן אַ וועבער, איז משה־לייב געוועזן גוט בעקאַנט דער יודישער לאָדזער אַרבייטערשאַפט און פון איהר זעהר בעליבט; אַ יונגערמאַן מיט אַ גרויסער דורשט צו וויסען און אַלץ אויספאָרשען האָט ער זיך מיט גרויס התמדה געוואָרפען אויף דער דייטשער ליטעראַטור. (דייטש האָט ער זיך אויסגעלערנט ביים וועב־שטול), געליי־ענט, געשלינגען יעדעס ביכעל, וואָס פלעגט איהם אין האַנד קומען. ער האָט געהאַט אַ שענעם רעדנער־טאַלאַנט און פלעגט האָבען אַן׳אונגעהויערע ווירקונג אויף די מאַסען; געמעגט זיין דער שווערסטער ענין, פלעגט נור משה־לייב אַרויסטרעטען, פלעגט ער די מאַסע האָבען אויף זיין זייט.

ער איז אָבער נישט געוועזן קיין מענש פון קאַמף. לויט זיין נאַטור איז ער געוועזן אַ ראָמאַנטיק, אַ טרוימער; די פער־שאַרפטע סכסוכים מיט דער פּאָליציי אין לאָדז, די אָפטע אַרעכטען, שרעקליכע געוואַלד־טאַטען אין בערימטען באַלוטער צירקעל האָבען אבשטויסענד און אָבשרעקענדיג (נישט צוליב פערזענליכע טעמים, פערשטעהט זיך!) געווירקט אויף משה־לייב׳ן; ער האָט זיך אָנגעלייענט מיט דער פעסימיסטישער פילאָזאָפיע פון שאָפּענהויער, וואָס האָט אַזוי האַרמאָניש צוגע־טראָפען צו זיין שוואַך, צאַרט האַרץ. צוליב זיין דורכפאַלען אין לאָדז האָט ער געמוזט פון דאָרט אָבפאָרען און ער האָט זיך בעזעצט אין ביאַליסטאָק. אָבגעריסען פון די לאָדזער מאַ־סען, מיט וועלכע איהם האָבען געבונדען אַזוי פיל איבערלע־בענישען און זכרונות, האָט ער זיך איצט דאָ געפיהלט איינ־גאַנצען איינזאַם, פערוואָרפען. ער איז אַוועק אין אַ זומער־טאָג אין דאָרטיגען וואַלד, האָט אויסגעטרונקען אַ פלעשעל גיפט, וואָס ער פלעגט ביי זיך אַרומטראָגען און האָט אַליין איבער־געריסען מיט זיין שענעם, פלאַטערדיגען לעבען.

דאַגעגען, פּנחס דער שוסטער האָט נישט געקאָנט קיין איין שפּראַך אויסער יודיש און האָט זעלטען־ווען אַ בוך אין

...אַנד געגומען. ער ... ...ער פערמאָגט אַ געבוירענע א..ט..ע=
ליגענץ און אַ זעלטענ... ...יענטירונגס=פעהיגקייט. זיין גרויסער
אָרגאַניזאַציע=טאַלאַנט האָט איהם גיך אויסגעצייכענט פון דער
איבעריגער גרויער מאַסע און ער איז אין יאָר 1902 קאָ=
אָפּטירט געוואָרען אין לאָדזער קאָמיטעט. דאָס איז געווען אַ
טובטילער, טיף=דענקענדער און וועניג=רעדעוודיגער בחור. זיין
פּאָפּולאַריטעט ביי די מאַסען איז געווען זעהר גרויס און ער
פלעגט אין זיך קאָנצענטרירען די גאַנצע ברייט=פערצווייגטע
און פערנאַנדערגעוואָרפענע אַרבייט.
ער איז אָבער צו דעם אַלעם געווען אַ גרויסער פּחדן
און פלעגט אויפציטערן פון יעדער קליינינקייט. דאָס האָט ער,
משמעות, בירושה בעקומען פון זיינע עלטערן. זיין נערוועזי=
שער טרייסעל ביי דעם קלענסטען צופאַל האָט זיך אַלעמען
אין די אויגען געוואָרפען, ער פלעגט פון יעדען קלאַפּ אין
טיר בלאַס ווערען און האָט בעשיינפערליך איבערגעלעבט אַ
גרויסען איגערליכען גראַנגעל. פאַר אַזאַ נאַטור מיט אַזוי פיל
געבוירענער פּחדנות, וואָלט זיין גלייכער צו שטעהן פון ווי=
טען און נישט נעמען אויף זיך קיין שום ריזיקאַלע פונקציעס.
האָט אָבער פּנחס'ן געצויגען צו דער אַרבייט, איהם געשטוי=
סען אַלץ העכער, ביז ער איז פון דאָרטען טיף אַראָבגעשליידערט
געוואָרען און זיך דערביי שטאַרק צושעדיגט.
נאָך זיין אַרעסט אין סוף פון יאָר 1902, האָט די
זשאַנדאַרמען געלונגען איהם צו טעראָריזירען, ער איז אין
גאַנצען אַרונטערגעפאַלען אונטער זייער היפּנאָז און ער האָט
זיי דערצעהלט אַלץ נישט נור וועגען זיין אייגענער טעטיג=
קייט, נור אויך וועגען דעם אָנטייל אין דער אַרבייט פון די
איבריגע אַרעסטירטע חברים. אין פּיעטרקאָווער טורמע האָבען
די אַרעסטירטע געזעהן בעשיינפערליך, אַז „אימיצער גיט
אַרויס" און שווער איז געווען דער קלאַפּ, וואָס זיי האָט גע=
טראָפען, ווען זיי האָבען זיך נאָכדעם דערוואוסט, אַז דאָס
איז געווען דער שטילער, בעשיידענער און אַזוי איבערגעגע=
בענער פּנחס. נאָך זיין בעפרייאונג האָט ער אַליין זיך מודה

געווען אין אומגליק, וואָס ס'איז [illegible] ם געשעהן, איז אָב־
געפאָרען באַלד קיין אַמעריקע [illegible] איז אין גאַנצען פער־
שוואונדען פון פּאָליטישען האָריזאָנט.

בעת איך דערמאָן זיך אין יענע צייטען, שטעלט זיך פאַר מיר אַוועק אַזוי בעשיידען שטיל, פערטיפט אין וויטען מרחק, די פלאַטערדיגע און די פּערמוטשעטע געשטאַלט פון איזאַ ליפשיץ.

די צוויי שוועסטער אַננאַ און איזאַ ליפּשיץ זענען גע־קומען פון דער שווייץ, וואו זיי האָבען שטודירט, קיין לאָדז „אויף אַרבייט״. די בעוועגונג האָט זיך צוגאָסען אין ברייטע שטראָמען; איהרע פאַליעס האָבען זיך פערנאַנדערגעשפּילט מיט זייער פיל־פאַרביגקייט און האָבען צו זיך געצויגען, געלאָקט די יונגע כחות, די לעבענס־לוסטיגע נשמות. לאָדז איז געווען אין אונזער ראַיאָן איינע פון די גרעסטע פאַבריק־שטעט און דערמיט גופא האָט זי פערמאָגט אַזאַ צוציבער פאַר די, וועל־כע האָבען געוואָלט זעהען די בעוועגונג אין איהר גאַנצער ברייט. אַהער זענען אויך געקומען די שוועסטער ליפּשיץ. אַננאַ איז געווען אַ שענע רעדנערין מיט אַ פלאַמענדיגען טעמ־פעראַמענט און אַ געבוירענע מאַסען־טוערין. שפּעטער בעת דעם בערימטען אויפשטאַנד פון פלאָט אין אָדעס (יוני 1905) האָט זי דאָרט געשפּילט אַ בעדייטענדיגע ראָלע, פלעגט אַרויס־טרעטען אויף אַלע גרויסע מיטינגען און פלעגט בעגייסטערען דעם טויזענד־קעפּיגען עולם. איצט געפינט זי זיך אין קאַפּענ־האַגען און איז אַ טעטיגער מיטגליד אין דער דענישער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

אַנדערע מעלות האָט פערמאָגט איהר שוועסטער איזאַ. אַ שוועבענדיגע, פול רוחניות, מיט טיפע פערטראַכטע אויגען, פלעגט זי אימפּאָנירען מיט איהר גרויסער ערודיציע, מיט איהר אָריגינעלען אַרט דענקען. זי האָט געהאַט אַ גרינדליכע פילאָ־זאָפישע בילדונג און זי האָט אויך אין דער אַרבייט נישט פערלאָרען דעם אינטערעס צו פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. זי פלעגט יעדע פראַגע בעהאַנדלען סאָליד, טיף און איז דאַרום

גיך נאָך איהר קומען קאָאָפּטירט געוואָרען אין לאָדזער קאָמי־
טעט. די ברייטע מאַסען האָבען זי אינגאַנצען נישט געקענט,
זעלטען ווען זי פלעגט עפּענען איהר מויל אויף גרעסערע
פערזאַמלונגען, דערפאַר אָבער איז זי שטאַרק געאַכט און גע־
ליבט געוואָרען דורך דעם קליינעם קרייז, מיט וועלכען איזאַ
פלעגט זיין נאָנט, וואו זי פלעגט זיך נישט זשעניִרען און
אַרויסזאָגען איהרע געדאַנקען און בליקען.

צוזאַמען מיט איבעריגע לאָדזער איז זי אַרעסטירט געוואָ־
רען סוף זומער פון יאָר 1902 און אָבגעשיקט געוואָרען קיין
פּעטריקאָוו. דאָרט איז זי קראַנק געוואָרען אויף האַלז־שווינד־
זוכט, וואָס האָט גאָר גיך אונטערגעבראָכען איהר צאַרטען אָר־
גאַניזם. לאַנגע נעכט פלעגט זי ליגען אין איהר איינזאַמער
קאַמער, הוסטען און שפייען מיט בלוט און די זשאַנדאַרמען
פלעגען צו איהר קיינעם פון די חברים נישט צולאָזען ביז זי
האָט איינזאַם אויסגעהויכט איהר גשמה און איז שטיל אויס־
געגאַנגען ווי אַ ליכט. איהר טויטער קערפּער איז אַרויסגעוואָר־
פען געוואָרען אויף אַ מיסט־וואָגען און אָבגעפירט געוואָרען
אויפ'ן פּעטריקאָווער בית־עולם.

צו יענער צייט האָב איך זיך אויך נעענטער בעקענט
מיט אסתר ריסקינד—טאמארע, (אין וואַרשע). געבוירען אין
ליאַדי (וויטעבסקער גוב.) ביי חסידיש־סוחר'שע עלטערן איז
אסתר, צוזאַמען מיט'ן ליאַדיער רבינ'ס טאָכטער און אַנדערע
אַריינגעטרעטען אין דעם וויטעבסקער סאָציאַליסטישען קרייז
מיט אַן אידעאַליסטישען פּאַרב. גיך האָט זי אָנגעהויבען צו
אַרבייטען פּראַקטיש אין דער בעוועגונג און האָט זיך איהר
איבערגעגעבען מיט לייב און זעל. אַ יונג, שען מיידעל מיט
הימעל־בלויע אויגען און פערחלומ'ט געזיכט, איז אסתר גע־
וואָרען ביי אַלעמען אַ ליבלינג. זי האָט פערמאָגט אַ פּאָעטישע
נשמה און האָט זיך זעהר צאַרט־סובטיל בעצויגען צו מענשען
אַרום. זי האָט געשריבען זעהר שענע אַרטיקלען פאַר דעם
„וואַרשאָווער אַרבייטער“—עכטע פּאָעזיע!, אין איהר בעגעהן זיך
מיט מענשען, אין איהר בענעמונג איז געלעגען פיל האַר־

מאָנישער שענקייט. זי האָט פערמאָגט אין זיך עפּעס פון מוזיק און פלעגט פערשאַפען אַ גרויסען עסטעטישען געשמאַק די אַלע, וועלכע פלעגען קומען מיט איהר אין בערירונג.

נאָך אַ דעמאָנסטראַציע פון 5000 יודישע אַרבייטער אין תשעה־באב פון יאָר 1903 פאַר׳ן פאַוויאַק ווערט זי אַרעסטירט און פערשיקט אין סיביר. זי אַנטלויפט גיך פון דאָרטען און הויבט ווידער אָן צו אַרבייטען אין ביאַליסטאָק.

דאַמאָלס האָט זי זיך ערשט פערנאַנדערגעבליהט ווי אַ יונגע, שענע בלום, זי האָט אַרויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען און שטאַרקע ענערגיע. דעם 30־טען יולי פון יאָר 1905 איז איהר יונג, בליהענד לעבען אַזוי פערדריסיג, אונזיניג איבער־געריסען געוואָרען: זי איז געפאַלען טויט אויף דער „בערזע“ אויפ׳ן שול־הויף פון אַ באָמבע, וואָס די ביאַליסטאָקער אַנאַר־כיסטען האָבען געוואָרפען אויף דער פּאָליציי און געטראָפען אין אסתר׳ן און אַנדערע אַרבייטער...

* * *

מיר האָבען דורכגעמאַכט אין לאָדז אַ קאָכיגען, רוישיגען זומער. דער נאָמ ר קאָנסטאַנטינאָוועה וואַלד איז דורך אונז אינטענסיוו אויסגענוצט געוואָרען, מיר האָבען איהם אויסגעטרעטען אין זיין לענג און זיין קווער. אַלע שבת פלעגט ער אין זיך פערבעהאַלטען הונדערטער אַרבייטער, וועלכע פלעגען קומען הערען רעדעס מעניני־דיומא. פּאָליציי פלעגט שטענדיג צו שפּעט דערוויסען זיך פון די פערזאַמלונגען און פלעגט צוליב דעם קומען אין גרויס גרימצאָרן. צענדליגער שפּיגעס פלעגען אַרומטאַפּען אין וואַלד, פלעגען שנאַפּען און שמעקען. אונזערע „פּאַטרולען“ אָבער פלעגען מאַכען זייער אַרבייט צו שאַנד און פלעגען נישט זעלטען אַוועקגעהען פון דאָרט בשן ועין.

איך דערמאָן זיך אַזאַ עפּיזאָד. אַ הייסער זומער־שבת מיר האָבען אַנגאַזשירט אַ גרויסע מאַסען־פערזאַמלונג אין וואַלד אויף אַ זייגער 4 פאַרנאַכט. די מאַסען האָבען אַהין געשטראָמט

שוין פון 1 אַ זייגער הונדערטערווייז. זיי האָבען זיך דערווייל צעוואָרפען איבער׳ן גאַנצען וואַלד און פריידליך זיך געוואַלגערט איבער׳ן גראָז. ס׳האָט אויך נישט אויסגעפעהלט קיין זייטיגער פובליקום; ווייבער, קינדער און סתם שפּאַצירענדע. מיר, קאָמיטעטס־לייט, זיצען דערווייל אַ גרופּע פון אַ מאַן 10—12 אין דער דאָרטיגער קאַפע און וואַרטען אויף דער בעשטימטער שעה. מחמת קאָנספּיראַציע זיצען מיר בעזונדערע פּאָרלעך ביי די טישלעך און קענען נישט איינע די צווייטע.

פּלוצלינג דערהערען מיר אַ שטאַרקען טופּען פון צעהנדליגער פערד, אַ בלאָזען פון האָרן, אַ פייפעריי, אַ קוויטשעריי. נאָכדעם, מורא׳דיגע געשרייען, היסטערישע געוויינען, הערצרייסענדיגע קולות צוזאַמענגעמישט מיט אַ ווילדער יאָגעניש: „כאַפּ, שלאָג, שטעה!“ וואָס איז געשעהן? דאָס האָט די לאָדזער ׳פּאָליציי אַרומגערינגעלט דעם גאַנצען וואַלד, האָט געוואָלט אַרומכאַפּען אַלע שפּאַצירענדע, יענע האָבען אָנגעהויבען אין גרויס פּאַניק לויפען, די קאָזאַקען אויף פערד האָבען זיך געלאָזען נאָך זיי און זיי מיט די פּיס געטרעטען. די דאָזיגע „מענשען־יאַגד“ האָט געדויערט אַרום אַ האַלבע שעה, ביז מען האָט צונויפגענומען אַ פּאָר טויזענד מאַן און זיי גרופּענווייז אָבגעפירט אין שטאָט. אויפגערעגט, צוטרייסעלט פון דעם איבערגעלעבטען זענען פערבליבען זיצען מיר אין קאַפע. מיט אַ מאָל ס׳לאָזט זיך אַריין אַהער אַ גאַנצע חברה—דער פּאָליציימייסטער, אַ זשאַנדאַרמסקער ראָטמיסטר, אַ קאָזאַקען־אָפיציר און נאָך אַ פּאָר זייערע יוצר־משורתים.

אונזער אויסזעהן און קליידונג האָבען קיין שום חשד ביי זיי נישט אַרויסגערופען און זיי האָבען זיך גאַנץ גאַלאַנט געזעצט אין שכנות מיט אונז ביי די טישלאך. זייערע פּנים׳ער לייכטען פון גדולה, זיי רייבען די הענד פון גרויס צופרידענהייט און ווי יעגער, וואָס קערען זיך אום פון אַ גליקליכער פּאָלאָוואַניע, דערצעהלען זיי איינע די צווייטע, ווי די „זשידעס“ האָבען זיך צופּלאָשעט, ווי זיי זענען געפאַלען, וואָס פּאַר א „לעהרע“ זיי האָבען בעקומען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ערשינען פון לאָדזער קאָ־
מיטעט אַ בלעטעל, וואו די גאַנצע מעשה איז געווען בעשרי־
בען ־יט'ן אויטענטישען געשפּרעך פון די אָנפאַלער. ווי מען
האָט אונז איבערגעגעבען, האָט דאָס ביים אָרטיגען פּאָליציי־
מייסטער אַרויסגערופען אַ גרויסע איבעראַשונג: ער האָט באין
אופן נישט געקאָנט משיג זיין, פון וואַנען האָט דער „בונד" זיך
דערוואוסט וועגען זייערען אַנ'„אינטימען" געשפּרעך...

אַזאַ אינטענסיווע מאַסען־אַרבייט האָט מיך שוין געמאַכט
אין שטאָט זעהר פּאָפּולער, שוין צו־פּאָפּולער. צו מיין וואוי־
נונג איז צוגעשטעלט אַ „שפּיאָן" און איך שלעפּ שוין
נאָך זיך תמיד נאָך „אַנ'עק". מיר האָבען געזעהן, אַז ס'גרייט
זיך דאָ צו אַ גרויסען אַרעסט און ס'איז בעשלאָסען געוואָרען,
איך זאָל וואָס שנעלער אָבפאָרען.

איך בין שפּעט ביינאַכט איבערגאַנגען פון מיין וואוי־
נונג אויף אַ צווייטע, כשר'ע דירה. דאָרטען האָט מען מיר
געב ראַכט אַנ'אַנצוג פון אַנ'עכטען לאָדזער פראַנט מיט אַ צילינ־
דער און הענטשקעס, איך האָב אויך גאַנץ ראַדיקאַל איבערגע־
מאַכט מיין גאַנצע פריזור, זיך אָבגעגאָלט באָרד און וואָנסען און
בשלום זיך געזעצט אין וואַגאָן, דורכגעהענדיג דורך „בעקאַנטע"
שפּיאָנען, וועלכע האָבען מיך לגמרי נישט דערקענט. און ס'איז
קיין חדוש נישט. אַז איך בין געקומען קיין וואַרשע און האָב
אָנגעקלאַפּט צו מי נעם אַ גוטען־פריינד, איז ער אַרויס, מיך
אָנגעקוקט פערוואונדערט, פון וואַנען איך וויים דעם „סיגנאַל"
און מיך געפרעגט, ווער איך בין.

מונטער, צופרידען, מיט פרישע כוחות בין איך אָבגע־
פאַרען פון וואַרשא אין נייע ערטער אויף נייע אַרבייט. מיט
געהויבענע געפיהלען און שטייגענדען מוט בין איך געפאָרען
אויף מיין נייעם אָרט, זייענדיג זיכער, אַז מיר געהען איצט
באַרג־אַרויף, אַז די פאַליעס פון דער בעוועגונג וועלען אונז
איצט אַרויסטראָגען וואָס העכער; ס'האָבען זיך שוין דייטליך
געהערט די וואכעדיגע שריט פון דעם גרויסען שטורם.

אינהאלט:

צער־בעלי־חיים 3

פערזאָנען און טיפּען 28

דער גרויסער ארעסט 50

מיין פערבעהעלטעניש 58

י. ל. פרץ 72

הינטערן שלאָס 79

דער 10־טער פּאַוויליאָן 86

דער „פּאַוויאַק“ 93

ראַדאָם 105

אין'ם אוניווערזיטעט פאַר רעוואָלוציאָנערען . . . 119

ווידער ביי דער אַרבייט 130

די פּאַרטיי־קאָנפערענץ און דער דורכפאַל 135

באַרג־אַרויף 144

דער צווייטער באַנד דרוקט זיך
און וועט אין גיכען ערשיינען.

ב. מיכאלעוויטש.

זכרונות פון א יודישען סאציאליסט.

צווייטער באנד

1902—1905.

פערלאג
„לעבענס-פראגען"
ווארשא

№ 23
1921.

B. MICHALEWICZ o o o o
o o o o o WSPOMNIENIA
ŻYDOWSKIEGO SOCIALISTY.
WYDAW. „LEBENSFRAGEN“
o o o WARSZAWA o o o

SKŁADANO W DRUKARNI o
o „DI WELT“ NOWOLIPIE 7.
ODBITO W DRUKARNI o o
o o o o o I. HENDLERA,
WARSZAWA. DŁUGA 26. o o

דער פאָליציי־אישער סאָציאַליזם.

1.

ווי איך האָב שוין דערצעהלט*), איז זובאַטאָוו'ן, דעם נאַטשאַלניק פון מאָסקווער אָכראַנע, איבערגעגעבען געוואָרען די מיסיע צו ליקווידירען דעם „בונד". זובאַטאָוו גופא האָט אַמאָל, אין זיינע גימנאַזיסטען־יאָהרען, געהערט צו אַ רעוואָלוציאָנערען קרייזעל, האָט איהם נאָכדעם אַרויסגעגעבען, האָט זיך אָנגעהויבען אויסצייכנען אַלס פעהיגער פּראָוואָקאַטאָר און האָט דערגרייכט ביסלעכווייז ביז צו דער מדרגה פון אַ אָכראַנע־נאַטשאַלניק.

צו יענער צייט, סוף 90־טע יאָהרען, האָט ער זיך אָנגעהויבען אַרומטראָגען מיט אַן׳אידעע צו ראַטעווען דעם צאַריזם דורכדעם, וואָס ער, זובאַטאָוו, וועט די אַרבייטער־בעוועגונג אָבציהען פון דער רעוואָלוציע. זיין פּלאַן איז געווען אַ פשוט'ער. די מאַסען־אַרבייטער ווערען אַריינגעצויגען אין דער בעוועגונג נור צוליב זייער עקאָנאָמישער לאַגע, צוליב זייער מאַטעריעלער נויט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, די אינטעליגענטען, אָרגאַניזירען די אַרבייטער צום קאַמף פאַר עקאָנאָמישע אויסבעסערונגען, בעקומען דורכדעם דעם צוטרוי און גלויבען פון די מאַסען און זענען אימשטאַנד אויפצורייצען זיי אויך געגען דער פּאָליטישער אָרדנונג בכלל. זיי גיט זיך דאָס לייכט איין נור אַ דאַנק דעם, וואָס די פּאָליציי שטעלט זיך תמיד אין די סכסוכים צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל אויף דער זייט פון די קאַפּיטאַליסטען. אַזוי מאַכט די רעגירונג אַליין די אַרבייטער זיך פאַר שונאים.

*) „דער גרויסער אַרעסט", 1־טער באַנד.

מען מוז דאַרום אַרויסרייסען ביי די סאָציאַליסטען זייער טרומף. די רעגירונג אַליין דאַרף זאָרגען וועגען דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די אַרבייטער. די עקאָנאָמישע בעוועגונג דאַרף נישט פערפאָלגט ווערען; אדרבא זי דאַרף אונטערגעהאַלטען און געשטיצט ווערען דורך די רעגירונגס-אָרגאַנען. דורכדעם וועט מען די אַרבייטער-מאַסען אָבציהען פון די סאָציאַליסטען, פון פּאָליטישען קאַמף. די רעוואָלוציאָנערען וועלען פערבלייבען שטאַבען אָהן אַרמעען און מיט קליינע גרופּען, איינצעלנע יחידים וועט זיין גאַנץ לייכט זיך אַנ'עצה צו געבן.

זובאַטאָוו'ן איז געלונגען צו געווינען אויף זיין זייט דעם מאָסקווער אָבערפּאָליצמייסטער טרעפּאָוו, וואָס האָט דאַמאָלסט, אין זיינער אַ ווענדונג צום מאָסקווער גענעראַל-גובערנאַטאָר, אָנגעוויזען דערויף, דאָס די פּאָליציי מוז זיין דאָרט, וואו דער רעוואָלוציאָנער געפינט זיך און דאַרום מוז זי זיך בעשעפטיגען מיט דער אַרבייטער-פראַגע. שפּעטער האָבען זיי ביידע טאַקע געפּרובירט דורצופירען אין מאָסקווע זייער פּאָליציאישען סאָציאַליזם צווישען די דאָרטיגע פאַבריק-אַרבייטער.

וואָס איז שייך די העכסטע מלוכה-אָרגאַנען, דעם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט און מיניסטער פון אינערן, האָבען זיי אפנים געהאַלטען זובאַטאָוו'ס עקספּערימענטען פאַר אַ צו געפעהרליך שפּיל און האָבען נישט געוואָלט מסכים זיין אויף אַזאַ פּאָליטיק אין בּרייטען מלוכה-מאַסשטאַב. אַלס פּראָבע נור האָט מען איבערגעגעבען אין זיין רשות דעם ראַיאָן, וואו דער „בונד" איז געווען טעטיג. דאָרטען האָט ער בעקומען פרייע הענד צו טון, וואָס ער וויל, צו מאַכען פערשידענע „סאָציאַליסטישע" עקספּערימענטען, אויפצושטעלען נייע אָרגאַניזאַציעס, אַבי נור ער זאָל אויסראָטען פון דאָרטען די רעוואָלוציאָנערע באַצילען, אַבי ער זאָל איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכען אַ סוף מיט דער בונדישער מגפה.

זובאַטאָוו האָט זיך גענומען פאַר דער זאַך מיט סאָלי-

דער צוגעגרייטקייט. קודם כל פלעגט ער פעראָרדנען צו אַרעסטירען מאַסענווייז אין יודישען תחום די אַלע, וועלכע זיינע „פליהענדע גרופען" פלעגען אויסשפירען. אין איינציגע שטעדט זענען געזעסען אפילו בעזונדערע זשאַנדאַרמסקע אָפיצירען, וועלכע פלעגען בעקומען גענויע דירעקטיווען דירעקט פון איהם. די אַרעסטירטע פלעגען פריהער דורכגעהן אַלע שבעה מדורי-גיהנום. זיי פלעגען זיך גענוג אָנליידען, פלעגען אויסשטעהן אַלערליי יסורים, פיזישע און מאָראַלע.

אַזוי האָט מיר דערצעהלט אַן׳אַרבייטערין פון וואַרשע, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרען לויט זובאַטאָוו׳ס בעפעהל, דאָס דער אויספאָרשענדער אָפיציר האָט זיך בענוצט מיט איהרע שוואַכע נערווען און פלעגט זי בפועל-ממש פייניגען. אויף דער אויספאָרשונג האָט ער בעמערקט, דאָס זי טרייסעלט זיך נער-וועאיש-אויף פון יעדען קלאַנג מיט אַ גלעקעל, האָט ער פון דעם געמאַכט פאַר זיך ממש אַ ספאָרט. ער פלעגט אַלע ווײלע כלומרשט פון צושטרייטקייט, אָנדריקען דאָס גלעקעל, דאָס מיידעל פלעגט אויפציטערן און ער פלעגט זיך העפליך פאַר איהר ענטשולדיגען. אַזוי פלעגט דאָס פאָרקומען אַלע טאָג אין משך פון שעה׳ן. מען פלעגט די אַרעסטירטע האַלטען מאָנאַטען לאַנג אין די מאָסקווער צירקלען, אין שמוץ און אונבעקוו מ...כקייטען. די מעהר שוואַכערע פלעגט מען וועקען אין מיטען נאַכט פון שלאָף און שלעפען אויפ׳ן פערהער.

ווען די אַרעסטירטע פלעגען שוין זיין גענוג אויסגעמאַטערט און צובראָכען, פלעגט זיך ערשט פאַר זיי בעווייזען אין זיין גאנצען גלאַנץ דער „נאַטשאַלניק" גופא. ווייכע, גניבה׳שע מאַניערען, אַ האַרציגע „אויפריכטיגע" שטים, אַ גרויסער אָנטייל און מיטגעפיהל צום גורל פונ׳ם געפאַנגענעם. דער דאָזיגער עפעקט פלעגט מעהרסטענטיילס געלינגען. די אַרעסטירטע פליגען ווערען איבעראַשט און גערירט פון אַזאַ מענשליכער בעציהונג אין אַן׳אָרט פון ראַפינירטער רשעות. דער קאָנטראַסט צווישען די פריהערדיגע זשאַנדאַרמען און דעם „נייעם מאַן" איז געווען צו שאַרף, אום ער זאָל נישט

פֿערבלענדען די יונגע, אונערפֿאַהרענע אַרעסטירטע. אפילו אַזאַ פּערזענליכקייט מיט אַזאַ גרויסען פּראַקטישען חוש, ווי גריגאָרי גערשוני (דער שפּעטערדיגער פֿיהרער פֿון די סאָציאַליסטען-רעוואָלוציאָנערען), איז געוועזען שטאַרק ענטציקט פֿון זובאַטאָוו'ן און האָט אַ צייט נאָך זיין בעפֿרייאונג נאָך (אין 1901) געגלויבט, אַז זובאַטאָוו מיינט ערנסט מיט זיינע פּלענער.

זובאַטאָוו פֿלעגט טאַקע נישט אויספֿאָרשען, ווי אַ געוועהנליכער זשאַנדאַרם, נור ער פֿלעגט פֿערוויילען זיינע „געסט" מיט געשפּרעכען, פֿלעגט רעדען אויף אַלערליי פּאָליטישע און סאָציאַלע טעמעס און פֿלעגט זיך דערביי אַרויסווייזען אַלס קולטורעלער דזשענטעלמען, וועמען ס'איז פּערזענליך נאָהענט און פֿערשטענדליך דער גורל פֿון יעדען אַרעסטירטען בעזונדער.

מיינער אַ בעקאַנטער, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרען צו 17 יאָהר אין מינסק און איז געבראַכט געוואָרען קיין מאָסקווע, האָט מיר אַזוי געשילדערט די אויפֿנאַמע און דאָס בעגעהן זיך מיט איהם פֿון דעם מאָסקוער אָבער-שפּיאָן: נאָכ'ן זיצען וואָכען-לאַנג אין אַרבאַטסקען צירקעל, האָט מען מיך אָבגעפֿיהרט אין „אָכראַנקע". איך געה אַריין אין אַ גרויסען ליכטיגען צימער, אַרומגעשטעלט מיט ביכער. אינמיטצער, אַ הויכער מאַן, מיט אַ בלאַס געזיכט און לאַנגע האָר, מיט גאָלדענע פּענסנע און זעהר עלעגאַנט געקליידעט, שטעהט איינגעבויגען ביים שראַנק מיט ביכער און בעמערקט נישט מיין אַריינגעהן. איך לאָז זיך גלייך צום פֿענסטער און קוק מיט נייגיר אויף דער גאַס. ראַפּטום רייסט זיך יענער אָב פֿון די ביכער, מאַכט אַ מינע, אַז ער האָט מיך נור וואָס בעמערקט און דערלאַנגט מיר די האַנד. מיר זעצען זיך אַוועק. די ערשטע פֿראַגע איז: צי איך האָב שוין געשריבען אַ בריף צו די עלטערן. בעקומענדיג אַ תשובה אויף ניין, האָט ער מיר גוטמוטיג אויסגעמוסרט: „צוליב וואָס זאָלען די אַלטע לייַדען?" און האָט מיר פֿאָרגעשלאָגען גלייך אויפֿ'ן אָרט דאָ דעם בריף אָנשרייבען. נאָכדעם האָט ער אָנגעקלונגען און מען האָט אַריינגעבראַכט אַ רייכען מיטאָג אויף צוויי סערוויזען. איך זאָג

זיך אָב מיטצוהאַלטען קאָמפּאַניע. ער איז מיר מכבד מיט גו־טע פּאַפּיראָסען און פערפיהרט מיט מיר אַ שמועס.

ער איז שוין גוט בעקאַנט מיט די ביכער, וואָס מען האָט ביי מיר בעת דער רעוויזיע געפונען און רעדט וועגען זיי בלויז פון קריטיש־ליטעראַרישען שטאַנדפּונקט. פון בעלע־טריסטיק האַלט ער נישט. ער ראָט מיר צו לייענען ערנסטע ביכער. בעזונדערס אויף סאָציאַל־פּאָליטישע טעמעס. ער גיט מיר מיט אין מיין קאַמער איינציגע אַזעלכע ביכער און געזעגענט זיך.

אַ צווייטמאָל נעמט ער מיר שוין אויף ווי אַן׳אַלטען בע־קאַנטען. רעדט שוין מיט מיר אַזוי גלייך ווי מיינע רעוואָלו־ציאָנערע בליקען וואָלטען שוין שטעהן פּאַר איהם אויסער יע־דען ספק. ער רעקאָמענדירט שטאַרק צו לייענען דעם נור וואָס ערשינענעם בוך פון עד. בערענשטיין און בכלל די דייטשע סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָרען. ער זאָגט מיר אָן אַ באַרג קאָמפּלי־מענטען און פערשפּרעכט מיר אַ גלענצענדע צוקונפט. אגב אורחא, אינטערעסירט ער זיך, צי איך נויטיג זיך נישט אין געלד און שלאָגט מיר פאָר צו מאַכען ביי איהם אַ הלואה. אַזוי פלעגט ער מיר אָבהאַלטען שעה׳ן לאַנג.

איינמאָל, אין אַ געשפּרעך ביט מיר, טוט ער פּלוצלינג אַ פרעג, אַזוי כלאחר־יד, צי וויל איך נישט פאָהרען קיין אויסלאַנד. ער וואָלט מיר געקאָנט אַזאַ רייזע איינאָרדנען. איך בעדאַרף איהם נור פון צייט צו צייט קאָרעספּאָנדירען וועגען אַלץ, וואָס קומט־פאָר „אין די קאָלאָניעס". בעמערקט אויף מיין געזיכט אַ עקעל־אויסדרוק, האָט ער גלייך צוגעגעבען מיט אַן׳אונשולדיגער מינע, אַז אין דעם פאָרשלאַג איז נישטאָ קיין שום בעליידיגענדעס, אַז ער ווייסט סיי ווי סיי, וואָס דאָרט טוט זיך און איז נור אויסען מיין טובה. בעקומען פון מיר אַ שאַרפען אָבזאָג, האָט ער אויף אַ ווייל׳ע אַראָבגעוואָרפען פון זיך זיין מאַסקע, זיין בלאַס געזיכט איז אָנגעצונדען געוואָרען, זיינע שפּיציגע וואָנצעלעך האָבען זיך אויסגעשטאַרצט און האָט אויסגעשריען מיט אַ ירגזון:

— אויב אַזוי – רעד איך שוין מעהר מיט אייך ניט.

מעהר האָט ער מיך צו זיך טאַקע נישט אַרויסגערופען.

אָבער נישט אַלעמען פלעגט ער פאָרלעגען צו ווערען זיינע „אינפאָרמאַטאָרען". פאַר די עלטערע אַרבייטער־טוער פלעגט ער פאַרנאַנדערוויקלען זיינע פּלענער צו לעגאַליזירען די אַרבייטער־בעוועגונג, פלעגט זיך פאַר זיי אינאייגנוועגס קלאָגען אויף די „אינטעליגענטען", וועלכע נוצען נור אויס די בעוועגונג צוליב „פּאָליטיק".

אַ בעזונדער מיה האָט ער אַוועקגעלעגט אויף די אַרעסטירטע בערשטער. די בערשטער־מלאכה האָט זיך קאָנצענטרירט אין די גרענעץ־שטעדטלעך פון ליטע,— ווילקאָווישקי און אומגעגענד און פון פוילען — סובאַלקער גובערניע. אין די גרויסע שטעדט האָבען זיך געפונען בערשטער־פאַבריקען אין מינסק, וויטעבסק, דווינסק, קאָוונע. דאָס איז געווען אַ קאָנצענטרירטע פאַבריק־אַרבייט מיט אַן׳אויסשליסליכען יודישען פּראָלעטאַריאַט. אהין פלעגען אָנקומען בעלי־בתישע קינדער מיט אַ צוגעגרייטער יודישער און וועלטליכער בילדונג. די בערשטער זענען געווען זעהר ענטוויקעלטע אַרבייטער און זיי האָבען די ערשטע אַוועקגעשטעלט ביי זיך אַן׳אָרגאַניזאַציע.

שוין אין יאָהר 1895 איז פאָרגעקומען דער ערשטער בערשטער־צוזאַמענפאָהר, וואו ס׳זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען אַלגעמיינע אַרבייטס־בעדינגונגען. די בערשטער האָבען זיך געלאָזט לייכט אָרגאַניזירען און די שטרייקען אין דער בערשטער פּראָדוקציע פלעגען אַלע ווערען געוואונען. אגב האָט די בערשטער־מאַסע אין די קליינע פאַבריק־שטעדטלעך פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ גרויס געזעלשאַפטליך געוויכט און אַרויפגעלעגט איהר שטעמפּעל אויפ׳ן גאַנצען דאָרטיגען לעבען. די נאָהנטקייט פון גרענעץ האָט אויך געהאַט אַ ווירקונג אויף דעם ענטוויקלונגס־צושטאַנד פון די בערשטער. דורך זיי האָבען זיך איינגעשטעלט די „טראַנספּאָרטען" פון אונלעגאַלער ליטעראַטור, זיי פלעגען אָרגאַניזירען די „גרענעצען".

די בערשטער האָבען אַרויסגעגעבען פון זיך זעהר פע־היגע אָרגאַניזאַטאָרען און טיכטיגע טוער. גענוג אָנצורופען די נעמען פון אַלטער, אברהם, זלמן, מאָטקע און אורטשיק. יעדער איינער פון זיי האָט אַריינגעשריבען העלדישע בלעטער אין דער געשיכטע פון דער בערשטער־בעוועגונג און פון „בונד" בכלל. אויף'ן 6־טען צוזאַמענפאָהר פון די בערשטער אין יאָהר 1898 איז בעשלאָסען געוואָרען צו בילדען אַן אַלגעמיינעם בער־שטער־בונד אין ליטא און פוילען און איהם אַנשליסען אין אַלגעמיינעם „בונד". פון דאַמאָלסט אָן קומט־פאָר די אַרבייט צווישען די בערשטער אונטער דער דירעקטער לייטונג און השגחה פון צ. ק. פון „בונד". דער בערשטער־בונד שטעלט אַוועק אין זעלבען יאָהר זיין אייגענעם אָרגאַן „דער וועקער". דאָרט האָבען געאַרבייט אַזעלכע אָנגעזעהענע פּאַרטיי־טוער ווי באָריס פרומקין און י. א. דעוועניש]סקי (אַ. ווייטער, דערשאָסען דעם 21 אַפּריל 1919 אין ווילנע).

אויף דעם דאָזיגען ברייטען און גוט אָרגאַניזירטען פער־איין האָט זיך זובאַטאָוו פערמאָסטען. די אַרעסטירטע בערשטער האָט ער פערשפּראָכען דעם פעראיין צו לעגאַליזירען, און האָט זיי אפילו פאָרגעלעגט אַ סומע פון 20,000 רובל אויף אַרויס־צוגעבען לעגאַל „דעם וועקער". די, וועלכע האָבען מסכים גע־ווען מיט איהם, האָט ער געראַטען ניט צו גרינדען אַ נייעם פעראיין, נור בעמיהען זיך, דאָס דער אונלעגאַלער פעראיין זאָל זיך אָברייסען פון „בונד" און אָנהויבען צו אַרבייטען אָפען. דעם בעפרייטען בער טער מאָטקע ק. האָט ער מיטגע־געבען מיט זיך אַ פעקעל ביכער, אַלס פונדאַמענט פאַר אַ לע־גאַלער בערשטער־ביבליאָטעק.

.2

די בעפרייטע פון מאָסקווער טורמע האָבען מיט זיך גע־בראַכט אויף דער פריי אונגלויבליכע ידיעות וועגען דער האַל־טונג און די פּראָיעקטען פון זובאַטאָוו'ן. ס'האָבען זיך געפונען

אַזעלכע, וועלכע האָבען באמת געגלויבט אין זובאַטאָוו'ס אויפריכטיגקייט און האָבען אָנגעהויבען צו רעדען וועגען דער מעגליכקייט צו לעגאַליזירען די יודישע אַרבייטער-בעוועגונג.

אַפּנים צו יענער צייט האָט נאָך זובאַטאָוו געהאָפט, אַז איהם וועט זיך איינגעבען דעם „בונד" אַלס אַזעלכען אָבקעהרען פון פּאָליטיק און איהם אָבגעמד'ע'ן אויף זיין גלויבען. אין יאָהר 1900 דעפּעשירט ער אַרקאַדיען קרעמער („אַלעקסאַנדער"), וועלכער איז געווען צוזאַמען מיט אַנדערע אונטער פּאָליציי-אויפזיכט פון גרויסען אַרעסט אין 1898, — ער זאָל קומען צו איהם קיין מאָסקווע זיך אַדורכשמועסען וועגען אַ געוויסען ענין. זובאַטאָוו האָט זעהר שטאַרק געהאַלטען פון אַלעקסאַנדער'ן, ער פלעגט מיט די אַרעסטירטע רעדען וועגען איהם מיט גרויס יראת-הכבוד און ס'איז פערשטענדליך, אַז זובאַטאָוו'ן האָט זיך זעהר געוואָלט דעם דאָזיגען פיהרער פון „בונד" אַריבערציהען אויף זיין זייט. אַלעקסאַנדער האָט אויף זובאַטאָוו'ס איינלאַדונג זיך נישט אָבגערופען און האָט עמיגרירט קיין אויסלאנד.

דער צענטראַלער קאָמיטעט פון „בונד" האָט אין סוף יאָהר 1900 אַרויסגעלאָזען אַנ'אויפרוף, וועלכער האָט קאַטעגאָריש אָבגעשניטען יעדען פערבאַנד פון די בונדיסטען מיט זובאַטאָוו'ן. ס'איז פערווערט געווען יעדען בונדיסט מיט איהם זיך צו איבערשרייבען, געבען איהם וועלכע דאָס איז ידיעות, בכלל שטעהען מיט איהם אין אַ פערבינדונג. די יעניגע, וועלכע ס'וועלען זיך נישט אונטערוואַרפען דער דאָזיגער פערארדנונג, האָט דער צ. ק. געדראָהט, צו פערעכענען אַלס שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרען און זייערע נעמען וועלען פּובליקירט ווערען אין די פּאַרטיי-אָרגאַנען.

אַזאַ שאַרפע אַרויסטרעטונג האָט געהאַט די געהעריגע ווירקונג און די אַלע שוואַכע און וואַקעלדיגע האָבען זיך אונטערגעוואָרפען דער דערמאָנטער דירעקטיוו, אָדער זענען אינגאַנצען אָבגעשטאַנען פון דער פּאַרטיי-אַרבייט. זובאַטאָוו

גופא האָט זיך געפיהלט טיף געקרענקט פון יענעם אויפרוף און האָט זיך געקלאָגט פאַר די אַרעסטירטע, דאָס מען האָט איהם אַזוי שטאַרק בעליידיגט, מיט'ן צונאָמען „שפּיאָן“, בע ער אַרבייט אויך פאַר אַנ'אידעע, בעת ער איז נור אויסע די טובה פון אַרבייטער־קלאַס.

נאָך אַזאַ שאַרפער קריטיק איבער זובאַטאָוו'ן און זיין אויפטו מצד די אָנפיהרענדע קרייזען פון דער יודישער אַרבייטער־בעוועגונג האָבען זיינע איבערצייגטע אָנהענגער פערוואָרפען יעדע האָפנונג צו „רעפאָרמירען“ דעם „בונד“ פון אינעווענינ און האָבען אין יאָהר 1901 געגרינדעט אין מינסק די „אונאָבהענגיגע יודישע אַרבייטער־פּאַרטיי“. די פיהרער און הויפּט־טוער פון דער נייגעבילדעטער פּאַרטיי זענען געווען: מאַניע ווילבושעוויטש, אַלעקסאַנדער (סאַשע) טשעמעריסקי און יהודה וואָלין.

מאַניע האָט זיך פריהער אין מינסק אַרומגעדרעהט אין אַלע רעוואָלוציאָנערע קרייזען. אַנ'אינטעליגענט מיידעל פון מיטעלען וואוקס, מיט אַ כליישיגדיק פנים, גרויסע אויגען און געשוירענע האָר, איז זי געווען גוט בעקאַנט אין מינסק מיט איהר עקזאַלטאַציע און היסטעריע. זי איז אַרעסטירט געוואָרען דורך זובאַטאָוו'ס אַגענטען און אָבגעשיקט געוואָרען קיין מאָסקווע. אויף איהר האָט דער געניטער מאָסקווער פּראָוואָקאַטאָר געהאַט ממש אַ מאַגנעטיזירענדיגע ווירקונג. ער האָט די גאַנצע צייט געשפּילט פאַר איהר די ראָלע פון אַ מערטירער, פון אַ מענשען, וואָס ליידט צוליב זיינע אידעען. ער פלעגט זיך פאַר איהר קלאָגען, דאָס ער געפינט זיך צווישען צוויי פייערן. אי די רוסישע רעאַקציע איז געגען איהם, אי די סאָציאַל־דעמאָקראַטען זענען זיינע שונאים. אין אמת'ן, שטרעבט ער צו דער זעלבער זאַך, וואָס די לעצטע. מעהר נישט, ער וויל דאָס מאַכען דורך אַנ'עוואָלוציע, בעת יענע ווילען מיט געוואַלד דורכברעכען די וואַנד. זיין איינציגער ציל איז אַרויסצופיהרען די אַרבייטער־בעוועגונג אין רוסלאַנד אויף אייראָ־

פּעאִישע רעלסען, צו געבען זי אַ ברייטען, לעגאַלען מאַסען־כאַראַקטער.

זיין יונגע צוהערערין פלעגט ממש צוגעהן פון די זיסע לידער. איהר גלויבען אין זובאַטאָוו׳ן איז געוואָרען אַ פייערדיגער. זי האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ גרויסען מענשען, וואָס איז בערופען צו ראַטעווען רוסלאַנד. זי האָט איהם פערשפּראָכען בייהילפיג צו זיין מיט לייב און זעעל און זי האָט טאַקע העכער 2 יאָהר געהאַלטען וואָרט.

דער צווייטער זייל פון די „אונאָבהענגיגע", טשעמעריסקי איז געווען אַ יונגער בעלעזענער אַרבייטער, אַ פּאָטאָגראַף. אַ מענש פון שטאַרקע אימפּולסען, פון גרויסער עקשנות און אונערמידליכער ענערגיע. איהם איז געווען שמאַרק צום האַרצען צו לעגאַליזירען די „פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען", אַרויסנעמען זיי אין גאַנצען פון אונטער דער השפעה פון דער פּאָליטישער פּאַרטיי, אָרגאַניזירען ברייט און סאָליד דעם קאַמף פון די יודישע מאַסען פאַר „ברויט און וויסען".

צו זייביידען איז אויך צוגעשטאַנען י. וואָלין, אַ מינסקער לעהרער, וואָס פלעגט זינדיגען מיט׳ן שרייבען רוסישע לידער און האָט שפּעטער אַרויסגעגעבען אויך אַ ביכעל ערצעהלונגען אויף רוסיש.

אָט דער דאָזיגער דריילינג האָט זיך דאָס ארויסגעלאָזען אין אַ קאַמף מיט׳ן „בונד". אין זייערע העקטאָגראַפישע העפּטען און בלעטלאַך האָבען זיי ענטוויקעלט אַזאַ טעאָריע: די עקאָנאָמישע בעוועגונג מוז אָבגעטיילט ווערען פון דער פּאָליטישער פּאַרטיי און מיט איהר לחלוטין נישט זיין פערבונדען. יעדער מיטגליד פון אַ פּראָפעסיאָנעלען פעראיין קאָן זיך האַלטען ביי וועלכע דאָס איז פּאָליטישע איבערצייגונגען, אָדער גאָר זיין פּאָליטיש נייטראַל. די מאַסען האָבען נישט קיין אַנדערע בעדערפנישען, ווי נאָר צו קעמפען פאַר „ברויט און וויסען". דער דאָזיגער קאַמף קאָן פאָרקומען לעגאַל ביי דער עקזיסטיר ענדער זעלבסטהערשאַפט און דאַרום איז זי נישט קיין

אונפערמיידליכער שונא פון דער אַרבייטער בעוועגונג. דער צאַריזם איז נישט קיין פעסטער בעגריף פאַר אַלע עפּאָכען און צייטען. ער האָט דורכגעמאַכט זיין עוואָלוציע „פון איוואַן דעם בייזען ביז טאָלסטאָי און מענדעלעוו" און ער איז גענוג ברייט, כּדי אַריינעמען אין זיך אויך אַ לעגאַלע אַרבייטער=בעוועגונג.

דער דאָזיגער „נייטראַליטעט" צו פּאָליטישע פראַגען איז ביי זיי אין דער ווירקליכקייט נישט דורכגעפיהרט געוואָרען. אַזוי האָבען זיי אַרויסגעלאָזען אַ בלעטעל צו די אַרבייטער נישט צו פייערן דעם 1=טען מאַי, ווייל ער האָט זיך אין רוסלאַנד פערוואַנדעלט אין טאָג פון קאַמף מיט דער זעלבסטהערשאַפט. און בכלל פלעגען זיי פערטמירען אין זייער „ליטעראַטור" די געוואַלד=אַקטען פון צאַריזם, אָדער פלעגען בעשולדיגען די סאָציאַל=דעמאָקראַטען, דאָס מיט זייער „פּאָליטיק" זענען זיי גורם די אַרבייטער=הריגות און בלויז זיי זענען דאַרום פעראַנטוואָרטליך פאַר דאָס פערגאָסענע אַרבייטער=בלוט.

.3

אָבער גענומען די מאַסען האָבען די „זובאַטאָווצעס" נישט אַזוי מיט זייער „טעאָריע", ווי מיט זייער „פּראַקטיק". דער מינסקער זשאַנדאַרמען=פּאָלקאָווניק וואַסיליעוו און זיין געהילף כּריסאָוו האָבען בעקומען אַ בעפעהל מיטצוהעלפען דער נייער „פּאַרטיי" מיט אַלע מיטלען און די זשאַנדאַרמען=הילף איז איהר טאַקע גוט צונוץ געקומען. די „אונאַבהענגיגע" פלעגען אָנעהמען ביי זיך בעשטעלונגען אויף „שטרייקען" און פלעגען זיי דורכפיהרען מיט דער הילף פון דער פּאָליציי.

אין יאָהר 1901 האָט אויסגעבראָכען אַ שטרייק ביי די האַנדעלס=אָנגעשטעלטע אין מינסק. וואַסיליעוו רופט צו זיך די בעלי=בתּים פון די געשעפטען און בעפעהלט זיי נאָכגעבען די פאָדערונגען. די „פעראיינס=לייט" (אַזוי האָט מען אין מינסק גערופען די זובאַטאָווצעס) פלעגען מיט זיך מיטנעמען אין פאַל פון אַ שטרייק פּאָליציסטען און מיט זייער כּח צווינגען די בעלי=בתּים נאָכצוגעבען. ס'פלעגען אויך פאָרקומען אַרבייטער=

פערזאַמלונגען אויפ'ן הויף פון דער זשאַנדאַרמען-פערוואַלטונג, אויף וועלכע וואַסיליעוו אַליין בכבודו ובעצמו פלעגט אַרויס-טרעטען מיט רעדעס וועגען די אַרבייטער-אויפגאַבען און וועגען דעם שטענדיגען זאָרגען מצד דער רעגירונג פאַר די אַר-בייטער-אינטערעסען. אויב ס'קומען אַמאָל פאָר מיספערשטענדע-נישען זענען אין דעם נור שולדיג די סאָציאַל-דעמאָקראַטען מיט זייער „פּאָליטיק". די דאָזיגע רעדעס פלעגען בעגלייט ווערען מיט הורא-געשרייען פון די פערזאַמעלטע שטרייקער.

די פיהרער אַליין, ווען מען פלעגט זיי אויפווייזען אויף דעם ענגען קאָנטאַקט, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט צווישען זיי און די זשאַנדאַרמען, פלעגען פון דעם וועניג קומען אין פער-לעגענהייט. „מיט וואָס זענען זשאַנדאַרמען ערגער", — פלע-גען זיי מיט אַ געמאַכטער נאַאיוויטעט ענטפערען: „פון אַנדערע מלוכה-בעאַמטע? אויב מען מעג זיך ווענדען צו אַ פאַבריק-אינספעקטאָר, פאַרוואָס זאָל דאָס זיין פערווערט לגבי אַ זשאַנ-דאַרמען-אָפיציר?"

אמת, זיי האָבען נישט אַלץ דערצעהלט וועגען זייער שייכות צו דער מינסקער זשאַנדאַרמען-פערוואַלטונג. אויסער די אָפענע „דעמאָקראַטיש" געוועהלטע פעראיינס-ראַטען און פאַר-טיי-קאָמיטעט האָט נאָך עקזיסטירט אַ קאָנספּיראַטיווע ביוראָ, וועלכע איז געווען ענג פערבונדען מיט וואַסיליעוו'ן און פלעגט מיט איהם אָבהאַלטען אָפטע זיצונגען וועגען דירעקטיווען פאַר דער לויפענדיגער אַרבייט. אַזוי האָט זיך די גאַנצע „אונאַב-העננגיגקייט" פון די „לעגאַליזאַטאָרען" אַרויסגעוויזען פאַר אַ פיקציע: אדרבא, זיי זענען געווען ענג צונויפגעבונדען מיט אַ בעשטימטער פּאָליטיק, — מיט דער פּאָליטיק פון דער מינ-סקער זשאַנדאַרמען-פערוואַלטונג און מאָסקווער אָכראַנע.

ביי די אונענטוויקעלטע אַרבייטער-מאַסען האָט אַזאַ געענ-דערטע האַלטונג פון די זשאַנדאַרמען אָנגעמאַכט, די ערשטע צייט לכל הפּחות, אַן איבערקערעניש אין זייערע מחות. מען איז געלאָפען אין „פעראיין" מאַסענווייז, בעת מען פלעגט זיך

וועלען דערשלאָגען עפּיס ביי די בעלי־בתּים. אַז די זאַך קומט אָן אַזוי לייכט און פּאָליציי העלפט נאָך מיט. אַ בעזונדער ווירקונג האָבען די זובאַטאָווצעס געהאַט אויף די האַנדעלס־אָנגעשטעלטע, — אַנ׳עלעמענט, וועמען ס׳איז עד היום נישט לייכט סאָליד צו אָרגאַניזירען. אויך אַנדערע פאַכען פלעגען זיך ווענדען צום „קאָמיטעט“, אָבער פלעגען פון דאָרט זיך גלייך אָברוקען, ווי נור זיי פלעגען דעם שטרייק געווינען. מיט׳ן אינסטינקט האָבען די מאַסען דערשפּירט, אַז דאָ שמעקט עפּיס מיט נישט קיין שענער אַרבייט און פלעגען דערום זיך האַלטען בעסער פון ווייטען. צו בילדען פעסטע פעראיינען האָט זיך די „זובאַטאָווצעס“ איינגעגעבען נור ביי די טאַבאַק־אַרבייטער, טיילווייז ביי די סטאָליאַרעס. אין די איבעריגע פאַכען האָבען בלויז עקזיסטירט קליינע גרופּעס.

אַ דאַנק זייער פערבינדונג מיט די זשאַנדאַרמען זענען די „זובאַטאָווצעס“ געוואָרען אַ קראַפט אין שטאָדט. די בעלי־בתּישע עלעמענטען האָבען זיך אָנגעהויבען מיט זיי רעכענען, ווי מיט מענשען, וואָס זענען קרוב למלכות.

דורך דער פּראָטעקציע פון מאַניע ווילבושעוויטש איז אין מינסק אין יאָהר 1902 לעגאַליזירט געוואָרען דער צוזאַמענפאָהר פון די רוסישע ציוניסטען, וועלכען דער בעקאַנטער אַדוואָקאַט ש. ראָזענבוים האָט געעפענט מיט די ווערטער: „מיר זענען מעהר ווי לאָיאַל“. בכלל זענען די מינסקער ציוניסטען איין צייט געשטאַנען אין אַ קאָנטאַקט מיט די זובאַטאָווצעס, ווייל די לעצטע זענען אויך געווען שטאַרק נאַציאָנאַל געשטימט.

צו יענער צייט האָט זיך אין מינסק געבילדעט צום ערשטען מאָל אַ גרופּע אַרבייטער־ציוניסטען (פּועלי־ציון), וועלכע האָט אויך געפּרעדיגט צווישען די אַרבייטער גלייכגילטיגקייט צו דעם פּאָליטישען גורל פון רוסלאַנד און זיי גערופען זיך אָרגאַניזירען בלויז אויפ׳ן עקאָנאָמישען באָדען. די דאָזיגע אַגיטאַציע איז געווען אין פולען איינקלאַנג מיט דער „טעאָריע“ פון די „זובאַטאָווצעס“, וועלכע האָט בכלל פערשריען „פּאָלי־

טיק" אַלס אַ טרפה־זאַך פאַר די אַרבייטער. די לעגאַלע פער־זאַמלונגען, וועלכע די „אונאבהענגיגע" פלעגען איינאָרדנען פלעגען צוציהען זעהר אַ גרויסען עולם, וואָס פלעגט לויפען אַהין, ווי ער לויפט צו יעדער סענסאַציע.

זיי האָבען אויך פּרובירט איינאָרדנען אָפענע קורסען, נור ס'האָבען זיך נישט געפונען דערצו קיין פּאַסענדע לעק־טאָרען. די, וועלכע האָבען לכתחילה יאָ מסכים געווען ביי זיי צו לעזען, האָבען נאָכדעם, ווי דער קאַמף מצד דעם „בונד" געגען די „זובאַטאָוועס" האָט זיך פערשאַרפט, איבערגעריסען מיט זיי יעדע בעציהונג.

איין צייט האָט נאָך די מינסקער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" געגלויבט צו ווירקען אויף די „פּעריפיהרטע" טוער מיט דיסקו־סיעס, מיט'ן שכל הישר. די „אונאבהענגיגע" פלעגען בעזוכען די בונדיסטישע פערזאַמלונגען און די בונדיסטען — די האַלב אָפענע פערזאַמלונגען פון די „לעגאַליזאַטאָרען". אָבער באַלד ווי ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרען זייערע ענגע פערבינדונגען מיט די זשאַנדאַרמען און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען די גרויסע דעמאָראַליזאַציע אויף די מאַסען צוליב אַזאַ ווייכער און טאָ־לעראַנטער בעציהונג, האָט דער מינסקער קאָמיטעט פון „בונד" אין יאָהר 1902, אין הסכם מיט די איבעריגע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פון שטאָדט ערקלערט אַ שטרענגען באָיקאָט אויף די „זובאַטאָוועס". אַלע אַרבייטער זענען אויפגעפאָדערט גע־וואָרען נישט צו בעזוכען זייערע פערזאַמלונגען, נישט ווענדען זיך צו זיי נאָך הילף און נישט נעמען ביי זיי קיין ליטערא־טור. די מיטגלידער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע איז פערווערט געווען, אונטער דער אזהרה אויסגעשלאָסען צו ווע־רען פון „בונד", צו אונטערהאַלטען מיט די „זובאַטאָוועס" פּערזענליכע קענטשאַפט, געבען זיי ווערכע דאָס איז ידיעות, נעמען ביי זיי אָדער געבען זיי ליטעראַטור.

די דאָזיגע פעראָרדנונג האָט געבראַכט מיט זיך צו גאַנ־צע דראַמעס. די טוער פון דער נייער „פּאַרטיי" זענען געווען

אין גרעסטען טייל געוועזענע „בונדיסטען", וועלכע האָבען גע־האַט אין „בונד" פיעל פריינד. די אַרבייטער, וועלכע זענען אַריינגעצויגען געוואָרען אין „פּעראיין" האָבען געאַרבייט אין איין פאַבריק, אין איין ווערקשטוב מיט די בונדיסטיש־גע־שטימטע אַרבייטער. ס'זענען געווען גאַנצע פאַמיליעס, וואו די ברידער האָבען געהערט צום „בונד" און די שוועסטער צום „פּעראיין", אָדער פערקערט. דאָך איז דער באָיקאָט דורכגעפיהרט געוואָרען מיט אַ געגויער פינקטליכקייט. פריינד האָבען אויפ־געהערט זיך צו טרעפען צווישען זיך. שוועסטער האָבען אויפ־געהערט רעדען מיט ברידער, נישט זעלטען פלעגט אין די פאַבריקען דערגעהן צו געשלעגען. מיר איז בעקאַנט אַ פאַל, ווען אַ בונדיסטקע, מאַניע ווילבושעוויטשעס אַ גוטע פריינדין, וואָס איז געלעגען קראַנק ביי דער לעצטער אין שטוב אויף טיפוס, האָט געפאָדערט, ווי נור זי האָט זיך דערוואוסט פון „באָיקאָט", מען זאָל זי גלייך איבערטראָגען אין אַנ'אַנדער דירה. דאָרט האָט זי שוין מעהר נישט געוואָלט בלייבען. די אויפרעגונג צווישען די בעוואוסטזיניגע אַרבייטער געגען די „זובאַטאָווצעס" איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ גרופּע אַרבייטער איז איינמאָל ביינאַכט בעפאַלען ווילבושעוויטש אין זי צושלאָ־גען. דער מינסקער קאָמיטעט פון „בונד" האָט געמוזט—געגען אַזעלכע מיטלען אָנעמען עקסטרא שריט.

די „זובאַטאָיוצעס" זענען געוואָרען מלא חמה אויף אַזאַ בעציהונג. אַלס ענטפער האָבען זיי אַרויסגעלאָזען אַ בלעטעל פול מיט שמוץ געגען „בונד" און זיינע טוער. י. וואָלין האָט זיך אפילו ערלויבט צו בעפאַלען און שלאָגען אין אַנ'עפענט־ליכען אָרט אַ בונדיסטישען טוער, דעם פערשטאָרבענעם פרומ־קין. דאָס האָט אַרויסגערופען געגען זיי נאָך אַ גרעסערע אויפ־רעגונג אין שטאָדט, צום באָיקאָט איז צוגעשטאַנען די גאַנצע מינסקער אינטעליגענץ; אויך די ציוניסטען האָבען זיך פון זיי אָבגעטרייסעלט און זיי זענען שוין פערבליבען אַ קליינע גרופּע, פעראַכט און פערשטויסען דורך דער גאַנצער מינסקער ערלי־כער געזעלשאַפט.

די „לעגאַליזאַטאָרען” האָבען פּרובירט זייער מזל אויך אין אַנדערע שטעדט. סאַשע טשעמערינסקי איז אָבגעפאָרען אין 1902 מיט גאַסטראָלען קיין ווילנע און י. וואָלין-אויף דרום-רוסלאַנד. אָבער קיין גרויס הצלחה האָבען זיי אויף די נייע ערטער נישט געהאַט, בפרט אין ווילנע. די יודישע אַרבייטער האָבען זיי שוין דאָרט פון ערשטען מאָמענט אָן אויפגענומען ווי „אונגעבעטענע געסט”. די „דיסקוסיאָנס-פערזאַמלונגען” פלע-גען זיך ענדיגען מיט קלעפּ. טשעמערינסקי פלעגט שטענדיג אַרומגעהן מיט אַ רעוואָלווער ביי זיך, אויף צו פערטיידיגען זיך פון „סאָציאַל-דעמאָקראַטישען טעראָר”. דער ווילנער קאָמיטעט פון „בונד” האָט אויך אַרויסגעלאָזען אַן אויפרוף, אין וועלכען ער האָט געוואָרענט די אַרבייטער פון טעאָריסטישע מיטלען, וועלכע קאָנען ברענגען אַ טובה נור די „זובאַטאָוועצעס”.

זיי זענען טאַקע אָבגעזעסען אין ווילנע אַ 6—7 חדשים, אַ ביסעל געטומעלט, אַרויסגעלאָזען אַ פּאָר „בריף” און ענדליך פון דאָרט אָבגעפאָהרען מיט גאָר נישט. אין זייער לעצטען געזעגנונגס-כתב האָבען זיי מיט פערביטערונג געשריבען, „אַז די ווילנער אַרבייטער-מאַסע איז—נישט קוקענדיג אויף די 15 יאָהר סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבייט צווישען איהר—טעמפּ, קאָנסערוואַטיוו נישט קריטיקפעהיג” און דערום פערלאָזען זיי זי אין גאַנצען.

אָבער אויך אין מינסק זענען די געשעפטען אַוועק גאָר נישט אַם בעסטען. קיין אָפיציעלע לעגאַליזאַציע האָבען די „אונאָבהענגיגע” זיך נאָך אַלץ נישט דערשלאָגען. ביז איצט האָבען זיי געאַרבייט נור לויט דער ברכה פון וואַסיליעוו׳ן. יעדען טאָג האָט זיך דער גנאָד געקאָנט פון זיי אָבטון.

צווישען מינסקער גובערנאַטאָר און זשאַנדאַרמסקען פּאָלקאָוו-ניק זענען די גאַנצע צייט פאָרגעקומען אויף דעם דאָזיגען באָדען גאַנץ בעמערקבאַרע קאָנפליקטען. בפרט, אַז זובאַטאָוו׳ס עקס-

פערימענט האָט מען אין די הויכע פענסטער געהאַלטען פאַר נישט געלונגען.

מען האָט דאַמאָלסט געשמועסט, אַז ווילבושעוויטש איז אליין געפאָהרען צו פלעווען, איהם איבערצייגען אין דער נוטיגקייט פון לעגאַליזם. אָבער דאָס איז שוין דאַמאָלסט אַרויס פון דער מאָדע. און זי האָט גאָר נישט געפועלט. אין דרום־רוסלאַנד אָדעס, כאַרקאָוו און יעקאַטערינאָסלאַוו האָט די לעגאַלע בעוועגונג דערפיהרט צו גרויסע מאַסען = אַרויסטרע־טונגען איינער פון די „זובאַטאָווסקע" טוער שאַיעוויטש איז אפילו דאַמאָלסט אַרעסטירט געוואָרען אין דרום־רוסלאַנד, זובאַטאָוו גופא איז אויך מיאוס דורכגעפאַלען. פלעוועס אַגענ־טען פלעגען שטרענג נאָכקוקען זיין קאָרעספאָנדענץ און האָבען איינמאָל געפאַקט זובאַטאָוו'ס אַ בריוועל צו אַ גוטען פריינד, וואו ער האָט זיך אויסגעדריקט מיט נישט געצוגענדען דרך־ארץ וועגען דער פערזאָן פון פאָן־פלעווע. דער איבער־דיק־טאַטאָר איז געקומען פון דעם אין גרויס צאָרן און בעפוילען פערשיקען זובאַטאָוו'ן אונטער פאָליציי־אויפזיכט אין איינע פון די צענטראַלע גובערניעס.

די מינסקער „זובאַטאָווצעס" זענען געוואָרען פער'יתומט. די פאָליטישע אַטמאָספערע איז געוואָרען אַלץ היציגער, די רעפרעסיעס געגען דער אַרבייטער־בעוועגונג אַלץ העפטיגער. דער באָדען ביי די לעגאַליזאַטאָרען האָט זיך ביסלעכווייז אַרויס־געגליטשט פון אונטער די פיס.

בפרט אויף דער יודישער גאַס. אין יאָהר 1903 האָט אויסגעבראָכען דער בלוטיגער קישעניעווער פאָגראָם. פלעוועס דירעקטער אנטייל אין איהם איז געשטאַנען אויסער יעדען ספק. די אויפרעגונג צווישען די יודישע מאַסען איז געווען זעהר גרויס. ס'האָט זיך בעקומען פונקט דער היפך פון דעם, צו וואָס פלעווע האָט געצילט. פאַר אַ דעלעגאַציע פון יודישע כלל־טוער האָט פלעווע געשריגען: „איך וועל אייער „בונד" אין בלוט דערטרינקען" און ער האָט טאַקע צוליב דעם אינ־סצעניזירט דעם קישעניעווער פאָגראָם. אָבער דאָס האָט נאָך

מעהר אויפגעהויבען דעם פּאָליטישען בעוואוסטזיין ביי די יו־דישע מאַסען און פאַר זיי דעם „בונד" נאָך נעהנטער געמאכט. דער „בונד" איז דאַמאָלסט אַרויסגעטרעטען מיט'ן לאָזונג צו גרינדען אַ יודישע זעלבסטשוץ און דאָס האָט געפונען אַ לעבּ־האַפטען אָבקלאַנג ביי דער ברייטער יודישער בעפעלקערונג.

פּלעווע האָט לכתחילה זיך געוואָלט ריינוואַשען פון דער בעשולדיגונג, אַז ער האָט אַ חלק אין קישעניעווער בלוט־באָד. ווי מיר האָט שפּעטער דערצעהלט דער אַדוואָקאַט ש. ראָזענ-בוים, איז ער באַלד נאָכ'ן פּאָגראָם טעלעגראַפיש אַרויסגערו־פען געוואָרען קיין פּעטערבורג צו פּלעווען. יענער האָט איהם קליפּ און קלאָר פאָרגעשלאָגען, דאָס די ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציע זאָל אָבלייקענען אָפען פאַר דער וועלט, אַז ער, פּלעווע, איז פערמישט אין די „קישעניעווער אונרוהען". דערפאַר האָט ער איהם פערשפּראָכען ענטגילטיג צו לעגאַליזירען די ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע און ערלויבען צו פערקויפען די אַקציעס פון נאַציאָנאַל־פאָנד אין רוסלאַנד. די ציוניסטען האָבען זיך אָבגעזאָגט צו ערפילען דעם בעפעהל פון דעם מיניסטער און אויך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז אין גיכען ערקלערט געוואָרען אַלס אַנ'אונלעגאַלע.

אין אַזאַ סביבה האָבען די „אונאָבהענגיגע" מיט זייער דרשות וועגען לעגאַליזם אויסגעזעהען מעהר ווי קאָמיש און אין יולי 1903 האָבען זיי זיך אַליין ליקווידירט. זיי האָבען אַרויסגעלאָזען אַנ'אויפרוף צו אַלע אַרבייטער, אין וועלכען זיי ערקלערען, דאָס זיי האָבען זיך איבערצייגט, אַז די אַרבייטער־בעוועגונג קאָן נישט ערוואַרטען צו זיך מצד די אָנפיהרענדע קריי־זען אין דער נאָהנסטער צייט קיין אַנדער בעציהונג אויסער אַ פיינדליכער; אַז „אַ לעגאַלע אַרבייטער בעוועגונג" אויף דער יודישער גאַס, וואו אַלץ איז פערווערט און דערשטיקט קלינגט ווי „אַ שאַרפער חוצפה'דיגער דיסאָנאַנס" און אַז בכלל איז אַ קלאַסען־בעוועגונג צווישען די יודישע אַרבייטער, בעת קריסט־ליכע אַרבייטער האָבען אַ געהאָרזאַמע בעוועגונג אין מאָסקווע,

שעדלִיך פאַר דִי יודען, ווייל דִי ביוראָקראַטיע וועט דִי גאַנצע שולד אויף זיי אַרויפוואַרפען.

דִי יודִישע „אונאָבהענגִיגע אַרבייטער פאַרטיי“ אִיז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד. דער מִינסקער קאָמִיטעט פון „בונד“ האָט זִיך געווענדעט מִיט אַנ׳אויפרוף צו דִי „נעכטִיגע מִיטגלִידער פון פעראיין“ צורִיק אַריינטרעטען אִין „בונד“. דערמִיט אִיז דִי גאַנצע אַוואַנטיורע לִיקווִידִירט געוואָרען. אִיהרע אִינִיציאַטאָרען האָבען זִיך אַוועקגעלאָזען אִין פערשִידענע לאַגערען. ווִילבושעווִיטש האָט אַ לענגערע צייט אַרומגעבלאָנדזשעט צווִישען צִיוֹנִיסטִישע קרייזען, אִיז ענדלִיך אָבגעפאָהרען קיין ארץ־ישראל און אִיז אִיצט אַנ׳אָנגעזעהענע טוערִין אִין „אחדות העבודה“. י. וואָלִין אִיז געוואָרען דורכגעדרונגען מִיט סִינדִיקאַלִיסטִיש־אַנאַרכִיסטִישע שטִימונגען און אִיז אִין גאַנצען פערשוואונדען פון דער פאָלִיטִישער אויבערפלעך*). סאַשע טשעמערִינסקִי האָט אַ פּאָר יאָהר זִיך אַרומגעוואַלגערט אִין דִי קלייגע שטעדטלעך פון מִינסקער גובערניע, האָט געפִיהרט אַנ׳ענערגִישע פּאָלִיטִישע אַגִיטאַציע צווִישען דִי פויערען, האָט געאַרבייט מִיט גרויס מסירת־נפש געגען צאַרִיזם און אִיז נאָך הרטה און תשובה ענדלִיך צורִיק אָנגענומען געוואָרען אִין „בונד“. זיין „רעוואָלוציאָנערע“ שטִימונג האָט דאַמאָלסט דערגרייכט דִי גרעסטע הויכקייט. ער אִיז שוין פערבלִיבען אִין „בונד“ בִיז׳ן יאָהר 1919. אִיצט אִיז ער טעטִיג אִין רוסלאַנד ביי דִי „קאָמונִיסטען“ און אִיז אַ פערבִיסענער געגנער פון „בונד“.

אַזוי בלאַס און אָרִים זעהט־אויס דאָס בלעטעל, וואָס דער „פּאָלִיציייאִישער סאָציאַלִיזם“ האָט אַריינגעטראָגען אִין דעם גרויסען בוך פון דער יודִישער אַרבייטער־בעוועגונג.

---

*) אִין יאָהר 1908 האָט ער זִיך געווענדעט צום צ. ק. פון „בונד“ מִיט אַ ברִיף צו בעשטִימען אויף אִיהם אַ געריכט און אִיהם רעאַבִילִיטִירען. דער צ. ק. האָט זִיך דערפון אָבגעזאָגט.

אַ מענשליכער דאָקומענט.

וועגען דער געהיימניספולער ראָליע, וואָס מאַניע ווילבושעוויטש האָט געשפּילט אין דער „זובאַטאָווּשטשינע“ בכלל און וועגען איהרע בעציהונגען צו זובאַטאָוו׳ן בפרט, זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען מצד איהרע פּאָליטישע געגנער פערשידענע השערות, זענען אָנגעוויזען געוואָרען פיעל פערדעכטיגע פאַקטען און ס׳זענען אָפען געמאַכט געוואָרען שווערע בעשולדיגונגען.

די אָנגעקלאָגטע גופא האָט לכתחילה קאַטעגאָריש אָבגעלייקענט יעדען חשד אין „פּראָוואָקאַציע“, איז שטאַרק בעפאַלען פאַר אַזעלכע חשדים איהרע בעשולדיגער און איז שפּעטער גאָר איינגאַנצען אַנטשוויגען געוואָרען. זי האָט נישט פון איהר זייט פאַר דער גאַנצער צייט אויפגעקלערט די טונקעלע זייטען פון דער דאָזיגער שווערער טראַגעדיע.

פאַר איהר אָבער האָט דאָס געטון די געשיכטע. נאָך דער מערץ-רעוואָלוציע פון 1917 האָבען זיך געעפענט די געהיימע אַרכיווען פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט און פאַר דער גאַנצער וועלט זענען ענטפּלעקט געוואָרען פיעל פערבעהאַלטענע סודות און געהיימניספולע מעשיות. צווישען די איבעריגע ענטדעקטע דאָקומענטען איז אויך געפונען געוואָרען אַ קאָפּיע פון אַ בריף, וואָס מאַניע ווילבושעוויטש האָט געשריבען אין יאָהר 1900 צו זובאַטאָוו׳ן.

דער דאָזיגער בריף ענטפּלעקט נאָך אויך נישט פאַר אונז דאָס גאַנצע בילד פון דער געהיימער פערבינדונג צווישען דעם מינסקער עקזאַלטירט מיידעל מיט דעם דורכגעטריבענעם מאָסקווער אָבער-שפּיאָן. ער איז נאָך פול מיט רמזים און אָנצוהערענישען, וואָס לאָזען זיך פערשידען אויסטייטשען. אָבער ער

וואַרפט דאָך אַ שטיק העל ליכט אויף דער בעציהונג צווישען די צוויי הויפטהעלדען פון דער „זובאַטאָוושטשינע"; די „אָפענהערציגקייט" פון ווילבושעוויטש בנוגע אַנדערע פערזאָנען און טוער טרעט דאָרט בולט אַרויס און דער גאַנצער בריף שטעלט פאָר מיט זיך זעהר אַ וויכטיגען, „מענשליכען דאָקומענט", וועלכער לעזט זיך מיט גרויס שפּאַנונג. דאַרום ברענג איך איהם דאָ איינגאַנצען אָהן שום פערקירצונגען.

* * *

גראָדנאָ, דעם 2=טען אויגוסט 1900.

ט. ב. זובאַטאָוו.

פאַרוואָס איך האָב אַזוי לאַנג געשוויגען, וועט איהר פרעגען. איהר וועט באַלד פערשטעהן. איך שרייב דעם דאָזיגען בריף מיט אַזאַ געפיהל פון שמחה, גלייך ווי איך וואָלט בעגראָבען מיין בעסטען פריינד. איך שרייב בלויז דערפאַר, ווייל איך פיהר=אויס די בעשטעלונג, וואָס מען האָט ביי מיר געמאַכט. נו, האָט איהר'ס.

אין מינסק האָט זיך בעקומען נישט דאָס, וואָס איהר האָט ערוואַרט. אייער נאָמען איז ביי אַלעמען אויף די ליפּען. נישטאָ אַזאַ מענש, וואָס זאָל נישט רעדען מיט אַ בעזונדער לעבהאַפטיגקייט וועגען זובאַטאָוו'ן. אַלע אָבער רעדען איהם אַרויס מיט אַ ציין=קריצען. יעדער, ווער ס'קומט צו פאָהרען פון מאָסקווע געהט=אַרום בערוישט און פערכשופ'ט. פערבלייבט ער אָבער אַ פּאָר טעג ווערט עס איהם אַלץ אָבגענומען מיט דער האַנד. און מענשען, וואָס האָבען זיך פריהער געפונען אונטער'ן רייץ פון אייער פערזענליכקייט האָבען איצט אָפענהערציג אויף אַלץ חרטה. און דערמאָנען מיט אַ קללה יענע מינוט פון זייער שוואַכקייט, ווי זיי רופען זי.

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ס'איז געוואָרען אַ שפּרוכוואָרט: יעדער קאָנספּירירט דאָס, וואָס ער האָט גערעדט ביי זובאַטאָוו'ן אין קאַבינעט. דאָס געשעהט גאַנץ פשוט. בשעת זיי געהען אַרויס אויף דער פרייהייט, זעהען זיי, אַז אַלע

זייערע אידעען וועגען לעגאַלער אַרבייט, וואָס האָבען זיי פריִ־
הער בעגייסטערט, פערבלייבען מעהר נישט ווי חלומות. דאָס
לעבען האָט זיך נישט פערענדערט. אַלץ איז פערבליבען ווי
פריהער. מיט זייער אָפענהערציגער און פערטרויליכער בעציהונג
צו אייך–האָבען זיי אייך אויפ'ן בעסטען אופן אַרויסגעגעבען
אַלץ, וואָס ס'איז שייך נישט בלויז דער מינסקער, נור אויך
דער גאַנצער יודישער בעוועגונג. דאָס רעדען די אַזוי גערו־
פענע „זובאַטאָוועצעס", ד. ה. עטליכע מענשען, וואָס האַלטען
אייך מעהר אָדער ווייניגער פאַר אַנ'ערליכען מאַן און געפינען
איין, אַז די אַרבייטער־בעוועגונג דאַרף מען נישט פלאָנטערען
מיט פאָליטישע פאָדערונגען... דאָך בעהויפּטען זיי, אַז ס'איז
לחלוטין אונמעגליך לעגאַל צו אַרבייטען, שוין דערפאַר אַליין,
וואָס ס'איז נישטאָ קיין לעגאַלע ליטעראַטור אויף זשאַרגאָן,
וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די אינטערעסען פון די אַרבייטער.
אָבער אַזעלכע זענען בלויז איינצעלנע מענשען. די
איבעריגע רופען זיך אָב וועגען אייך מיט אַנ'אונגעווענליכער
שנאה. איבערהויפּט זשעניע הורוויטש, דער קליינטשיקער באָריס
פרומקין, זיין שוועסטער, גרישע רודערמאַן, גרישע גערשוני
און נאָך זיי אַלע...
עס האָט זיך בעקומען עטוואָס אַזוינס, וואָס ס'איז מיר
פריהער גאָר נישט איינגעפאַלען. אייער פּאָליטיק ווילען זיי
נישט און קאָנען נישט אָבטיילען פון אייער פערזענליכקייט.
אַלע זענען דער מיינונג וועגען אייך: איהר זייט אַ קאַ־
ריעריסט. ווי אַ מענש מיט גרויסען פערשטאַנד האָט איהר בע־
גריפען, אַז די אַלטע פּאָליטיק האָט אָבגעלעבט איהר וועלט,
אַז מען קאָן זיך אויסצייכנען נור דאַמאָלסט, בשעת די אַרו־
מיגע מענשען האָבען דעם קאָפּ פערלאָרען, ווייסען נישט וואָס
צוטון, ווייל זיי ווייסען לחלוטין נישט, וואָס אַרום זיי קומט
פאָר. עס לוינט פאַר אייך אונזער זאַך אונטערצוהאַלטען, ווייל
אַזוי אַרום וועט איהר קלאָר ווערען דערין, וואָס פריהער איז
פאַר אייך געווען בסוד־סודות. אַרויסבעקומען ביי די אַרעס־
טירטע אַ מעלדונג אויפ'ן נאָמען פונ'ם דירעקטאָר פון פּאָליציי־

דעפּאַרטאַמענט בעווייזט איהר דערמיט די ממשות פון אייער פּאָליטיק און איהר געהט ווייטער אויפ'ן וועג צו דער מאַכט. דערמיט וואָס איהר גיט די אַרבייטער אָרימע שיריים, — פיקציעס פון פּראָפּעסיאָנעלע פעראיינען און רעכט צו שטרייקען — בינדט איהר זיי די הענד און פיס און בעת זיי וועלען זאָגען, אַז זיי ווילען נישט קיין פיקציעס, נור עפּיס רעכטממשות'דיגעס, וועט מען זיי דרויף ענטפערן, אַז זיי פערלאַנגען צופיל און אויב זיי וועלען זיין העזה'דיג, וועלען זיי פערלירען אויך יענע מיקראָסקאָפּישע הנחות, וועלכע איהר האָט זיי אַזוי מבטיח געווען צו געבען.

איהר, טענה'ן זיי, זייט צו קלוג און צו דורכזיכטיג, אַז איהר זאָלט באמת'ן צוגעבען אַנ'ערנסטע בעדייטונג אייער טעאָריע פון „צאַריזם". איהר פערשטעהט אויסגעצייכענט, דאָס פּאַקטיש קאָן די דאָזיגע טעאָריע קיינמאָל נישט פערווירקליכט ווערען און בעגעהן אַלערליי געמיינהייטען ווי אָרגאַניזירען פּראָוואָקאַציע, שפּיאָנאַזש און עהנליכע פיינקייטען בלויז צוליב אַנ'אַבסטראַקטער, אונמעגליכער אידעע, בעת איהר ווייסט, אַז צו־ריקעהרען די געשיכטע פון פאָלק און מלכים, לויט אייגענעם ווילען, זייט איהר און קיינער נישט אימשטאַנד, קאָן נור אַ מענש, וועלכער פערפאָלגט זיינע פערזענליכע צילען. אייך געהט אַבסאָלוט נישט אָן נישט דער קייזער, נישט די אַרבייטער־בעוועגונג, נישט דאָס רוסישע פאָלק. איהר זייט איצט אַ דעמאָקראַט, ווייל דאָס איז גינציג פאַר אייך. אויב פאַר אייך וועט שפּעטער לוינען צו ווערען אַ פערטיידיגער פון דער אַריסטאָקראַטיע, בורזשואַזיע אָדער פון אימעצען אַנדערש, וועט איהר אָהן שום וואַקלעניש דאָס טון. אויב אייך וועט דער אַנטיסעמיטיזם ברענגען נוצען, וועט איהר דער ערשטער זיך שטעלען אין זיין שפּיץ, אויב דער ציוניזם — וועט איהר מיט אייער געבוירענעם כח־הדבור פּרעדיגען די דאָזיגע בעוועגונג. מיט איין וואָרט — איהר זייט אַ קלוגער פּאָליטיקער און מעהר נישט. איהר פערמאָגט אָבער אָריגינעלע און אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען און אַ ברייטען געדאַנקען־שוואונג, דערפאַר געהט

איהר נישט מיט דעם אויסגעטרעטענעם וועג נור מיט נייע, אונבעקאַנטע, ביז איצט נאָך נישט אויסגעפּרובירטע וועגען. און דערפאַר טאַקע זייט איהר שרעקליכער פאַר דער בעוועגונג ווי אַלע איבעריגע אויסוואורפען, וועלכע זענען ביז איצט געווען אויף אייער פּאָסטען.

דעם דאָזיגען בליק האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון מאָס־קווע גריגאָרי גערשוני און דאָס האָט מיט אַ בליץ־שנעלקייט אַריינגעדרונגען אין אַלעמענס בעוואוסטזיין. ער האָט, ווי מען האָט געדאַרפט ערוואַרטען, אייך אָבגענאַרט פון אָנהויב ביז׳ן סוף. ער האָט גענומען ביי אייך אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט און קומענדיג צוריק האָט ער אייך ווי געהעריג אָבגעשאַצט און האָט נאָך דערביי, פערשטעהט זיך, פערבעהאַלטען, אַז ער האָט געשריבען אַ מעלדונג.

בעת איך בין צוריקגעקומען פון מאָסקווע, האָבען זיך אַלע אויף מיר אַ וואָרף־געטון ווי אויף אַ סענסאַציע. זיי האָ־בען גערעכענט, אַז איך דאַרף וויסען מעהר ווי אַלע איבעריגע און האָבען געוואָלט פון מיר הערען נאָך אַ וואָרט וועגען זו־באַטאָוו׳ן. מיט גערשוני׳ן האָב איך געהאַט אַ גרויסען, לאַנגען געשפּרעך. ער האָט בענוצט זיין גאַנצען כח־הדבור און שכל, בכדי צו דערווייזען ווי נישט אויסגעהאַלטען איז מיין בליק אויף אייך און אויף דער אַרבייטער־בעוועגונג. אויף מיין פראַגע, וואָס קלערט ער איצט צוטון, האָט ער געענטפערט, אַז ער וועט זיך בענוצען מיט אַלץ, וואָס איהר זייט בכח צו געבען דער לעגאַלער אַרבייט און אין דער זעלבער צייט, פּאַראַלעל מיט דעם, וועט ער ווייטער פיהרען אַנ׳אונלעגאַלע אַרבייט אָבער שוין נישט אין יודישען תחום, נור אין צענטראַל־רוסלאַנד.

ער האָט זיך ביי מיר כמעט געבעטען, אַז איך זאָל פאַר קיינעם נישט אַרויסזאָגען מיינע בליקען. איך האָב, פער־שטעהט זיך, נישט געפאָלגט און איצט האָב איך חרטה. אין מינסק האָט מען מיט אַנ׳אונפערשטענדליכער שנעלקייט אָנגעהויבען רעדען, אַז איך בין פערכאַפּט מיט אַזאַ אפיקורסות, וועלכער קיינער פון די צוריקגעקומענע פון מאָסקווע האָט נאָך

ניִשט מיִט זיִך מיִטגעבראַכט. אַלע גדולים פון דער בעוועגונג האָבען זיִך עפּיִס אַזוי מאָדנע דערשראָקען. מען האָט מיִך געבעטען אונבעדיִנגט צו קומען זעהען זיִך אין „דאָבראַיאַ מיִסל" מיִט זעעניע הורוויִטש און גריִגאָריִ רודערמאַן. דאָרט האָט מען מיִר געמאַכט אַ פאָרמעלע חקירה ודרישה.

בעת איִך האָב אויפריִכטיג דערצעהלט, וואָס איִך קלער צוטון בנוגע דיִ אַרבייטער, האָב איִך אַרויסגערופען אַזאַ שטורעם פון עמפערונג, אַז איִך ביִן פשוט נשתומם געוואָרען. מיִר האָט שטאַרק געקרענקט פאַר זשעניען, אַזוי פיִל אמת'ע יסורים האָב איִך איהר פערשאַפט מיִט מיין געשפּרעך, אַזוי פיִעל שנאה האָט זיִך אָנגעקליִבען געגען יעדער לעגאַלער אַרבייט ביי דער דאָזיִגער שענער פערזאָן. אַזוי פיִעל האַס צו אַלץ, וואָס טראָגט אַ זשאַנדאַרמען-מונדיִר, אַזוי פיִל אונצוטרוי, פעראַכטונג... זיי האָבען מיִך שטארק געבעטען וואָס שנעלער אָבצופאָהרען און דיִ אַרבייטער גאָר ניִשט דערצעהלען, ווייל איִצט איִז אַזאַ שטיִמונג, דאָס מיינע געשפּרעכען וועלען בלויז אַרויסרופען אַ דעמאָראַליִזאַציע. איִך האָב זיִך איִבערלעגט און איִך ביִן מיִט זיי מסכים, אָבער גאָר צוליִב אַנ'אַנדער אורזאַך.

איִך דאַרף אויך בעמערקען, אַז איִהר האָט געמאַכט אַ גרויסען פעהלער דערמיִט, וואָס איִהר האָט מיִט אַלעמען גערעדט (אגב, מעגליִך, דאָס איִהר האָט מיִט אַ כיון צו דעם געשטרעבט, דאָס ווייס איִך ניִשט). איִהר האָט יעדערען בעזונדער דערצעהלט אַלץ, וואָס ס'איִז אַלע אַנדערע נוגע. ווייל זיי ווייסען ניִשט, אַז איִך ביִן געוועז דיִ הויפט געהיימע פערטרעטעריִן. בעשולדיִגען זיי איינע דיִ אַנדערע אין צופיִל פלוידערען און איינ'יגע אפילו איִן פּראָוואָקאַציע. אַז זיי האָבען זיִך דערוואוסט, אַז גריִשע שאַכנאָוויִטש האָט אייך געשריִבען אַ בריִף וועגען שטרייק איִן קרעסלאַווקע, רעדען זיי שוין וועגען דעם, ניִשט קוקענדיִג וואָס ער האָט דאָס געטון לויט דער ביִטע פון דיִ שטרייקער, אַז מען מוז זיִך פאַר שאַכנאָוויִטש'ן היִטען, אַז ער איִז ניִשט קיין זיִכערער... אַזאַ אָנגעשטרענגטע, פיִבערהאַפטע אַטמאָספערע איִז איִצט דאָרט.

פערנאַנדערקלייבענדיג זיך אין דעם אַלעם, בין איך געקומען צוּ אַ בעשלוּס, אַז וואָס מעהר מען זאָל מיט זיי דיס־קוטירען, זיי דערווייזען דעם היפך, איז אַלץ ערגער. זיי וועלען אַלע נור בייז ווערען ווי טייוואָלאָנים. מען מוז זיי געבען אַ שטיקעל צייט צוּ בערוהיגען זיך, אָבקיהלען זיך און נאָכדעם איינגאַנצען זעלבשטענדיג ווערבירען מענשען און בעשאַפען אַנ׳אַנדער בעוועגונג פערביי זיי...

לעת עתה האָבען זיי זיך צוטיילט אויף צוויי לאַגערען. איינע טענה׳ן, אַז כדי מען זאָל פּטור ווערען פון אַזאַ פּאַר־שוין ווי איהר זייט, דאַרף מען צוּ אייך אָנווענדען די מיטלען פון אַנאַרכיסטען. אַנדערע פּראָטעסטירען געגען דעם שטאַרק און בעהויפּטען, אַז מיט אייער פּאָליטיק קאָנט איהר זיין נוצ־ליך דעם אַרבייטער און דאַרום דאַרף מען אויסנוצען אַלץ, וואָס איהר וועט געבען, דערביי אָבער אויף קיין איין רגע נישט פערגעסען, אַז איהר זייט דער געפערליכסטער פון די אַלע שונאים, וואָס זענען ביז איצט געווען. מיט איינס זענען אַלע מסכים: בכדי דאָס פּובליקום זאָל זיין אָנגעלערענט דאַרף מען וועגען אייך פּובליקירען אין דער פּרעסע. אין צוויי וואָכען אַרום וועט אין אַלע אונלעגאַלע אויסגאַבען זיך בעווייזען אַנ׳אַרטיקעל וועגען אייך מיט אַזאַ ליבענסווירדיגער כאַראַק־טעריסטיק, אַז קיין שום אָרגאַניזאַציע האָט אייך פריהער בע־סער נישט געמאָלט. פליסט זיך דאָס צובעקומען און איבער־צולעזען, ס׳דאַרף זיין גאַנץ טשעקאַווע...

פון אַלץ וואָס איך האָב אייך געזאָגט, קאָנט איהר בע־שליסען, אַז איהר האָט אַ ביסעל איבערגעצויגען די סטרונע און זי קאָן גאָר גיך פּלאַצען... נור זאָלען מיר דאָס דערוויי־לאָזען. אַזוי ווי איך האָב שאַכנאָוויטש׳ן אין מינסק נישט געטראָפען, האָב איך בעשלאָסען זיך אָבשטעלען ביי איהם אין ווילנע אויף עטליכע שעה. אַז זשעניע הורוויטש און רודער־מאַן האָבען זיך דערפון דערוואוסט, האָבען זיי מיר געגעבען קיין ווילנע אַזאַ אויפטראַג: שאַכנאָוויטש׳ן זאָל איך גאָר נישט דערצעהלען (פאַר איהם, ווי זיי זאָגען, היטען זיי זיך. פאַר

וואָס זיי געטרויען מיר פערשטעה איך נישט) איך זאָל איהם נור בעטען, אַז ער זאָל מיך צונויפיהרען מיט אַ מענשען, וואָס שטעהט נאָהנט צו דער ווילנער בעוועגונג; אַז איך וועל יענעם זעהען, זאָל איך איהם זאָגען, אַז ער זאָל איבערגעבען וואוהין מען בעדאַרף, אַז נאָך יעוועגני גאָרעלקין שפּיאָנירט מען שטאַרק און אַז ער פערפיהרט די שפּיאָנען אומעטום וואו ער קומט צו פאָהרען...

איצט נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגען מיין בעציהונג צו אייך. ווען זיי האָבען אין מינסק מיט אמת און ליגען זיך געפלייסט צו פערפלעקען אייער נאָמען האָב איך, צוליב'ן איינפאַכען פערלאַנג ווידערצושפּרעכען, געזאָגט דוקא דעם היפך פון דעם, נור אַז איך בין געקומען אַהער צופאָהרען און איך האָב אָנגעהויבען זיך איינטראַכטען טיף אין דעם, וואָס איך וויל טון און אין דעם, וואָס איהר האָט מיט מיר געמאַכט, הויב איך אייך אָן צו האַסען. דאָס דאָזיגע געפיהל פערשטאַרקט זיך מיט יעדען טאָג און אויב עס וועט דערגעהן צו אַ בעשטימטער מדרגה, וועט די דאָזיגע גאַנצע געשיכטע זיך ענדיגען שלעכט פאַר אייך און פאַר מיר.

איך קאָן נישט זאָגען, אַז איהר האָט מיך אָבגענאַרט; אדרבא, איהר זייט אפילו געווען אונבעגרייפליך אָפען. אָבער אויב אַלע אייערע געשפּרעכען וועגען קייזער, גאָט, נשמה — זענען בלויז אַ געשיקט מיטעל צו בעקומען אַנ'עקזאַלטירט מיידעל פאַר זיך אַלס אַ געהילפין, בכדי זיך אויפצוהויבען אויף אַ העכערען שטאַפּעל פון דער מאַכט, איז דאָס שוין צו שווער. איהר ווייסט גוט, פאַר וואָס איך בין אַוועק אויף דעם וועג. מיך קאָנט איהר נישט מיט גאָר נישט בינדען. איך בעדאַרף זיך נור איבערצייגען, אַז איהר זייט נישט דער, פאַר וועמען איך האָב אייך גערעכענט. דאַמאָלסט וועל איך בפני כל עם ועדה זיך מודה זיין אין פּראָוואָקאַציע. נאַטירליך נישט די מאָטיוון, וועלכע האָבען מיך בעוואויגען, נישט די צילען, וועלכע איך האָב דערביי ערוואַרט, וועט קיינער נישט דער־

געהן. און ווענ׳גער פון אַלץ וועט דאָס אייך בער׳הרען...
וואָס איך וועל שפּעטער טון, וועט איהר זעהען...

איצט בעט איך אייך מ׳ר צו ענטפערען. דאָס קל׳גסטע, וואָס איהר קאָנט טון — איז צו זאָגען דעם גאַנצען, גאַנצען אמת. איך וועל אייך גלויבען. איך דאַרף וויסען, וואָס צוטין, אין וועלכע זייט זיך צופערקערעווען. איהר וועט דעם אמת יאָ זאָגען. מעגל׳ך, אַז דער טאָן פון בר׳ף וועט אייך בעליידיגען. נור אויב מען זאָל שוין פון דעם רעדען, האָט איהר מ׳ך געצוואונגען איבערצולעבען אַזעלכע מינוטען, ווען איך ב׳ן געווען נאָהנט פון דעם צו קומען צו פאָהרען צו אייך און... אייך טויטען. איהר וועט אוודאי אַ שמייכעל טון, אָבער איך ב׳ן שוין אַזוי בעשאַפען, אַז מ׳ט מ׳ר טאָר מען ז׳ן נ׳שט שפּ׳לען, דערפאַר וועט אויסקומען שווער צו בעצאָהלען. איך גלויב אייך און וואַרט אייער בר׳ף.

אדרעס: גראָדנע, מאַניע ווילבושעוויטש.

מיין צווייטער ארעסט.

נאך א קורצע צייט וואנדלען מיט א ספעציעלער שליחות איבער איינציגע שטעדט, האב איך זיך בעזעצט סוף יאהר 1902 אין מינסק. אויסער אלגעמיינע, צענטראלע פונקציעס (בעטייליגען זיך אין בערשטער-ארגאן — „דעם וועקער" און אין איינוועגס אויפשטעלען א ספעציעלען ארגאן פאר'ן גארבער-בונד — „דער קעמפער"), האב איך נאך בעדארפט אנפיהרען מיט דער קאנטער-אפענסיווע געגען די „זובאטאוועצעס".

בכדי זיך צו בעקענען מיט'ן שונא, כדי אויסצופארשען דעם גרויס און כח פון זיינע „פאזיציעס" האב איך בעקומען א ספעציעלע ערלויבניש פון מינסקער קאמיטעט פון „בונד" צו בעזוכען די לעגאלע פערזאמלונגען פון „פעראיין". (ווי שוין דערמאהנט, זענען זיי געווען אונטער א שטרענגען באיקאט און פאר אזא חטא וואלט מען געקאנט אויסגעשלאסען ווערען פון דער ארגאניזאציע.) דער אריינגאנג אהין איז געווען אויף ביילעטען און ס'איז מיר נישט שווער אנגעקומען צו בעקומען ביי א בעקאנטען ארבייטער אזא איינטריטס-קארטע.

איך האב גראד אנגעטראפען אויף עפיס א שטיקעל יום-טוב, דוכט זיך — די יעהרליכע עקזיסטענץ פון טאבאק-פעראיין. דאס איז געווען שבת צו נאכטס. דער זאל איז געווען א גרויסער, א ליכטיגער. ס'זענען דא פיעל ארבייטער, שבת'דיג געקליידעט. אנדערע זענען געקומען אויך מיט די ווייבער. אבער עס פיהלט זיך דארט א פראסטיגע קאלטקייט, אנ'אבטרייסלענדיגע פרעמדקייט; ביי א סך זענען די געזיכטער צושראקען, א סך פיהלען זיך עפיס נישט ביי זיך און שעמען זיך איינע פאר די צווייטע. אין זאל איז קיינער נישטא, ווער זאל זיין געקליידעט אין פאליציי-בגדים. און דאך שלאגט דארט עפיס

אַ פּאָליִציי=ריח פון אַלע ווינקעלעך און דו האָסט די זיכערקייט, אַז קוים עפּענסט דו נור דאָס מויל צו זאָגען אַ טריף וואָרט, ווי דו ווערסט תיכף געפּאַקט פון אַלע זייטען.

דאָס דאָזיגע געפיהל האָט מיך אויך ניט אָבגעלאָזען נאָכדעם, ווי די רעדנער האָבען אָנגעהויבען זייערע רעדעס. ס'רעדט עפּיס אַנ'אַרבייטער, ער פּלאָנטערט זיך אין זיינע רעד און זידעלט שטאַרק די „בונדיסטען", די „דעמאָקראַטען", וואָס שטערען דעם מינסקער אַרבייטער זיך אויסבעסערען זיין לעבען.

נאָכדעם רעדט טשעמעריִנסקי. ער הויבט=אָן פון אדם=הראשון. ער לאָזט זיך אַוועק אין אַ לאַנגער עקסקורסיע פון פערשידענע געשיכטליכע פעריאָדען. ער רעדט מיט גרויס פּאַ=טאָס וועגען דער צייט, וואָס מיר האָבען דערלעבט, ווען די אַרבייטער זענען שוין אַזוי פריי, דאָס זיי האָבען די מעגליכ=קייט צו פערזאַמלען זיך דאָ און פייערען זייערע יום=טובים. ער ווייצעלט זיך אויך אויפ'ן חשבון פון די „סאָציאַליסטען", וואָס שטעהען אין וואַסער, האָבען די מעגליכקייט אויסנוצען די אַלע פּרייהייטען, און זוכען אַ טרונק.

ס'הויבט מיך פון אָרט, איך קאָן זיך ניט איינהאַלטען. איך ווענדע זיך צו מיינע שכנים מיט בעמערקונגען. איך גע=פין ביי זיי אַ וואַרעמען אָבקלאַנג. אַרום מיר בילדעט זיך אַ רעדעל. איך הער, ווי דער רעדנער וואַרפט ווייטער זיין בע=קאַנט ווערטעל: „מיר זאָגען ניט ווי זיי: פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פעראייניגט אייך. נור מיר רופען: מינסקער סטאָ=לאַרעס, מינסקער שוסטער, פעראייניגט אייך!" אַ שוואַכער בראַוואָ, קיין ענטוזיאַזם, קיין מיטגעפיהל אין דער מאַסע.

ס'ווילט זיך נעמען אַ וואָרט און אָבענטפערן. נור באַלד געהען צו מיר צו צוויי אונבעקאַנטע יונגע לייט און רוימען מיר איין אין אויער: „יונגער מאַן, זייט פאָרזיכטיג! מען האָט דאָ אויף אייך השגחה!" איך צומיש זיך צווישען עולם. די ווייבער איילען די מענער צו געהן אַהיים. גרופּעס אַרבייטער רעדען צווישען זיך עפּיס פערשלאָפען, אַפּאַטיש. שטיל שלייך איך אַרויס פון זאַל. אויפ'ן גאַס ערשט אָטעם איך אָב גרינ=

גער, אַזוי ווי איך וואָלט זיך אַרויסגעריסען פֿון אַ פֿערדומפּטען קעלער. זיכער און פֿול בטחון קעהר איך זיך אום פֿון דעם דאָזיגען אויספּיר־פֿלוג צו מיינע פֿריינד, זיכער אין נצחון פֿון אונזער זאַך, פֿאָראויסזעהענדיג די גיכע ליקווידאַציע פֿון דעם גאַנצען טומעל.

און כדי שנעלער צו מאַכען דעם ליקווידאַציע־פּראָצעס פֿון דער דאָזיגער אַוואַנטיורע, האָבען מיר בעשלאָסען צוציהען ווי מעגליך די ברייטערע מאַסען צו אונזערע אונלעגאַלע פֿערזאַמלונגען. מיר האָבען זיך געפּלייסט אויסצונוצען ברייט אַלע וואוינונגען, מיר האָבען צוגעהויבען אָרגאַניזירען פּאָליטישע פֿאָרטראַגען און דיסקוסיעס, וואו ס'האָט זיך נור געלאָזט; מיר האָבען אויך אָפּט איינגעאָרדענט פֿערוויילונגען מיט אַ בעשטימטען פּאָליטישען אינהאַלט. די יונגערע, לעבענסלוסטיגע און אַקטיווע אַרבייטער און יוגענד זענען שוין געווען אַרומגעכאַפּט דורך אונז אין אַ ברייטער, אינטענסיווער פּאָליטישער אַגיטאַציע, וואָס מיר האָבען פֿערנאַנדערגעוויקעלט פֿאַר די לעצטע חדשים.

איצט האָבען מיר דאָס אַלץ געוואָלט בעפֿעסטיגען, געוואָלט אַלעמען צונויפֿברענגען אין איין אָרט און שאַפֿען אַ געהעריגע שטימונג. אָבער ווי מאַכט מען דאָס? אין שטאָדט איז'ס ריזיקאַל צו טון און ס'איז קיין פּאַסענדע דירה אויך נישטאָ. איז פֿערבליבען זוכען אַזאַ פּלאַץ אונטער'ן שטאָדט. צו דעם צוועק האָבען מיר ארויסגעשיקט מיט עקספּעדיציעס עטליכע גרופּעס, וועלכע האָבען גוט געקאָנט די אומגעגענד. פֿון זייער דין וחשבון זענען מיר געוואָהר געוואָרען, אַז נישט ווייט פֿון שטאָדט, אינגאַנצען אַ וויאָרסט 4—5, געפֿינט זיך אַ גרויסע פּוסטע פֿערמע, וועלכע ס'איז נישט שווער צו בעקומען.

ס'איז פֿערבליבען, אַז איך מיט מיין פֿרוי (מען האָט זי צו יענער צייט אַרויסגעלאָזען פֿון ביאַליסטאָק אונטער'ן פּאָליציי־אויפֿזיכט) זאָלען אַליין בעטראַכטען די דירה און אויב זי וועט געפֿעלען, זאָלען מיר גלייך אויפ'ן אָרט מושוה ווערען. די פֿערמע איז טאַקע געווען ווי פֿאַר אונז ספּעציעל געבויט. אַ גרויס, גרוים הויז פֿאַר אַ מאַן 400—500, די

בעלי־בתּים זענען נישטאָ אויפ׳ן אָרט, נור אַ קריסטליכע דינער־שאַפט. מיר האָבען זיך אָנגעכאַפּט פאַר דעם, ווי פאַר אַנ׳אבן טוב. אַלס אויסרייד האָבען מיר גענומען אונזער טראַדיציאָ־נעלע „תּנאים״. די דינערשאַפט האָט זיך אפילו אַביסעל גע־קוויינקעלט, נור אונזער „ברייטע האַנד״ האָט זי געמאַכט נאָכ־גיביגער און זי האָט ענדליך מסכּים געווען אונז אָבצוגעבען אויף דער נאַכט פון 1־טען מערץ (1903) די גאַנצע פערמע פאַר אַ גרויסע תּנאים־פערוויילונג.

דעם ערשטען מערץ האָבען מיר אויסגעקליבען מיט אַ כּיון. אין דעם דאָזיגען טאָג איז ערמאָרדעט געוואָרען (אין יאָהר 1881) אַלעקסאַנדער דער צווייטער, לויט דעם אורטייל פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״. מיר האָבען בעשלאָסען אויסצונוצען די דערמאָנטע דאַטע, בכדי צו פער־בינדען די איצטיגע אַרבייטער־בעוועגונג מיט דעם טראַדיציאָ־נעלען פּאָליטישען קאַמף אין רוסלאַנד. אגב איז דער 1־שטער מערץ דאַמאָלסט אויסגעפאַלען אין פּורים, ווען דער עולם איז פריי און איז געשטימט יום־טוב׳דיג געמיטליך.

אַ פריה־פריהליננ וועטער. די זון האָט העל געלויכטען און געצויגען אין גאַס אַריין. ס׳האָט ביי קיינעם נישט אַרויס־גערופען קיין שום פערדאַכט, וואָס ס׳לאָזען זיך אַוועק אונטער׳ן שטאָדט שפּאַצירען יום־טוב׳דיג געקליידעטע פּאָרלעך און גאַנצע גרופּעס יונגע לייט. אויפ׳ן וועג זענען געווען אויסגעשטעלט געניטע פּאַטרולען, וועלכע האָבען געוויזען, וואוהין צו געהן אַזוי זענען דורכגעגאַנגען קאָנספּיראַטיוו דורך דער שטאָדט אַ 400—450 מענשען.

ס׳איז שוין נאָך האַלבער נאַכט. די רעפעראַטען וועגען די פּאָליטישע פאָרמען פון קאַמף זענען שוין דורכגעלעזען. רעדעס אפילו לכּבוד פּורים מיט פּסוקים פון דער מגילה זענען שוין אויך געהאַלטען. אַליץ איז דורך בשלום. איצט איז שוין נישטאָ קיין סכּנה. די פּאַטרולען זענען שוין אַראָבגענומען. מען פיהלט זיך שוין זיכער און פריי. מען געהט־איבער צו דער צווייטער אָבטיילונג, צו גשמיות. מען עפענט די פלעשער, מען

טיילט ביר. ס׳הויבען זיך אָן טאָסטען. יעדערער פלייסט זיך צו זאָגען עפּיס אַ שטאַרקע, אָדער וויציגע ברכה. די שטימונג איז דערהיצט אויפ׳ן העכסטען גראַד. די אויגען גלאַנצען. די געזיכטער פלאַמען. אַ געוויש, אַ געמישטער כאָר פון שטימען.

פלוצלינג רייסט זיך אויף די טהיר, ס׳בעוויזט זיך אַ יונגער פריסטאַוו מיט אַ רעוואָלווער אין איין האַנד און מיט אַ בלויזען שווערד אין צווייטער. נאָך איהם שפּאַרט זיך מיט צושראָקענע געזיכטער אַ גרופּע איינפּאַכע פּאָליציסטען, אַלע מיט בלאַנקע שווערדען. ביי די פענסטער וואַקסען אויס ווי פון אונטער דערערד הויכע, משונה׳דיגע גוים אין פעלצען מיט גרויסע שטעקענס אין די הענד. „גיט זיך אונטער!" שרייט דער פריסטאַוו און וואַרפט זיך דערוויייל אויפ׳ן עולם מיט׳ן בלויזען שאַרף. ס׳ווערט אַ בהלה, אַ מהומה, ס׳הערען זיך היסטערישע קולות, מען לאָזט זיך צו די פענסטער, מען לויפט צוריק.

דאָ זעה איך, ווי אַ צעהנדליג גאַרבער האָט געכאַפּט אַ בינטעל פלעשער, אַנדערע האַלטען פלעקער פון די פערנאַנדערגענומענע בענק, זיי רינגלען אַרום דעם פריסטאַוו ווי מיט אַן אייזערנעם רייף און נאָך איין ווייל, ער וועט זיך באַלד אַרונטערלאָזען אונטער זייערע שווערע קלעפּ. ס׳וועט אויסבערעכען אַ מורא׳דיגע בלוט־באָד. איך לויף צו צום רעדעל, איך בערוהיג די אַרבייטער. דער פריסטאַוו שטעהט אַ בלאַסער, צושראָקען, פערלאָזען פון זיין „העלדישען" היל, וועלכער האָט גלייך זיך אָבגערוקט אין פּאָדערהויז.—„גיט זיך אונטער!" שרייט ער שוין אויטאָמאַטיש, נישט מיט זיין קול.

— „פריהער ווי אַלץ בערוהיגט זיך אַליין!" מיש איך זיך אַריין: „דאָס זייט איהר אויף אונז אָנגעפאַלען און אַרויסגערופען די גאַנצע בהלה. וואָס פערלאַנגט איהר?"

דערהערענדיג אַזעלכע רייד, דער עיקר — זעהענדיג זיך אויסער סכנה, האָט דער יונגער אָפיצירעל אָבגעכאַפּט דעם אָטעם, איז געוואָרען ווייך ווי פּוטער. אייגענטליך, האָט ער אַ בעפעהל אונז פערהאַלטען. באַלד וועלען קומען דער פּאָליצ־

מײסטער מיט׳ן זשאַנדאַרמען־פּאָלקאָװניק און איבעריגע הױכע „נאַטשאַלסטװא״ װעלען זײ פֿעראָרדנען, װאָס מיט אונז צו טון. ער װיל דאָ נור האַלטען װאַך. מיר האָבען בערוהיגט דעם עולם. מען האָט אפילו װײטער געפֿיהרט דעם המשך פֿון דער סעודה.

אין אַ קורצער צײט אַרום, דער יונגער פּריסטאַװ קומט־צו גלײך צו מיר און רופֿט מיך „צום פּאָלקאָװניק״. אין אַ צװײט הײזעל איז שױן געזעסען דער גאַנצער סנהדרין. װאַ־סיליעװ מיט זײן געהילף, דער פּאָליצמײסטער און פּערטרעטער פֿון דער פּראָקוראַטור. װאַסיליעװ בעטראַכט מיך מיט זײנע שטעכעדיגע, טיף אױספּאָרשענדיגע אױגען, שמעקט מיך לאַנג אַרום מיט זײנע גרױסע, גראָהע װאָנצען און זאָגט צו מיר מיט אַ פֿערדריסליך, אָבער לאַקריץ־זיסער שטים:

— איהר האָט דאָס הײנט אַזױ רעװאָלוציאָניזירט דעם עולם, דאָס ער האָט זיך געװאָרפֿען אױף פּאָליצײ!

— דאָס האָבען אײערע לײט איהם אַזױ אױפֿגערעגט, ענטפֿער איך: — זײ האָבען זיך אַרױפֿגעװאָרפֿען אױף אַ פֿריד־ליכע תּנאים, װי װילדע חיות.

— אַ תּנאים? פֿרעגט װאַסיליעװ איבער און זײנע אױגען שמײכלען בײ איהם פֿון פֿערגעניגען. ער הײסט אַרײנרופֿען די דינסט.

— דער דאָזיגער העָר האָט גערעדט?, פֿרעגט ער זי אױפ׳ן שװעל. די גויע אַ פֿערװײנטע, אַ צושראָקענע, אַביסעל אין פֿערלעגענהײט ענטפֿערט:

— יאָ, דער, דער אײגענער. ער האָט אױך בײ מיר די דירה געדונגען מיט אַ דאַמע.

— װער איז די דאַמע? װענדעט זיך צו מיר דער פּאָלקאָװניק.

— אַזאַ געניטער זשאַנדאַרם זאָל פֿרעגען אַזעלכע קשיות, ענטפֿער איך מיט אַ געלעכטער.

— און אַזאַ געניטער רעװאָלוציאָנער זאָל זײן אַזױ אומ־פֿאָרזיכטיג און געהן אַלײן דינגען אַ דירה! צאָהלט מיר צוריק

רעשטע דער אַלטער זשאַנדאַרם און נעמט מיִך בעת מעשה דורך מיִט זיין בליִק.

— וויִ איִז אייער פֿאַמיִליע? כאַפּט ער זיִך פֿלוצליִנג.

— שטיינבערג. אַזוי האָב איִך דאַמאָלסט געהייסען לויט דעם פֿאַלשען פּאַס, אויף וועלכען איִך ביִן געווען איינגעמאָלדען.

— איִך האָב זיִך נאָך מיִט אייך קיינמאָל ניִשט געטראָפֿען? איִהר זייט נאָך קיינמאָל ניִשט געזעסען? אַ חידוש! נור וועגען דעם וועלען מיִר נאָך צייט האָבען צו רעדען. גיִט ער מיִר צו האָפֿנונג.

איִן צייַט פֿון אונזער געשפּרעך האָט זיִך געהערט פֿון דער פֿערמע שרעקליִכע קולות. איִמיִצער האָט דאָרט פֿערשפּרייִט אַ קלאַנג, אַז מען שלאָגט מיִך אויפ׳ן פֿערהער. האָט דיִ גאַנצע פֿערזאַמלונג אָנגעהויבען שרייַען מיִט ווילדע, היִסטעריִשע געשרייִען. וואַסיִליעוו מיִט אַ יונגען פּראָקוראָר האָבען מיִר פֿאָרגעשלאָגען מיִטגעהן מיִט זייִ צום עולם, ווייַזען זיִך פֿאַר איִהם און איִהם אייַנשטיִלען. און נור נאָכדעם, וויִ איִך האָב פֿערזיִכערט, אַז קיין האָר איִז מיִר דאָרט ניִשט געריִהרט געוואָרען, האָט זיִך דער עולם בערוהיִגט.

כדי „אויסצומייַדען אונאַנגענעמליִכע מיִספֿערשטעהעניִשען“, וויִ וואַסיִליעוו האָט זיִך אויסגעדריִקט, האָבען מיִר אָנגענומען זייַן פּלאַן פֿון „קאַפּיִטולאַציע“. מען געהט־אַרויס גרופּעסווייַז איִן דעם צווייִטען בנין, דאָרטען ווערט מען רעוויִדיִרט און מען מוז זיִך לעגיִטיִמיִרען. צוריִק געהט מען שוין אַרייַן איִן אַנ׳אַנדער אָרט, איִן אַ גרויסען, טיִפֿען קעלער מיִט זעק קאַרטאָפֿעל. די דאָזיִגע פּראָצעדור האָט זיִך געצויגען גאַנצע שעה׳ן.

„איִהר האָט זיִך דאָ צופֿיִל אָנגעקליִבען“, פֿלעגען ענטפֿערען דיִ פּאָליִצייִ־לייַט, ווען איִמיִצער פֿון אונז פֿלעגט זיִך קלאָגען אויף דער פֿערשלעפּעניִש. וואַסיִליעוו איִז זיִך מיִט אַלעמען בעגאַנגען זעהר העפֿליִך. מיִט דיִ אַרבייַטער האָט ער אפילו קאָקעטיִרט. דערפֿאַר אָבער האָט ער דורכגעטריִבען־יעזואיִטיִש זיִך נוקם געווען איִן דעם ביִסעל איִנטעליִגענץ, וואָס ער האָט בייַ אונז געפּאַקט. ס׳זענען צו אונז געקומען אַ צענדליִג שיִלעריִנס פֿון דיִ עלטסטע קלאַסען פֿון דיִ מיִנסקער גיִמנאַזיעס. האָט ער אויסגעשטעלט דיִ יונגע מייִדלעך בעזונדער, האָט אַרויסגעפֿאָדערט פֿון שטאָדט דיִ גיִמנאַזיאַל־בעאַמטע

און לערערינס און זייַ געהייסען דערקענען זייערע שילערינס. דאָס זעלבע האָט ער געטון אויך מיט די רעאַליסטען און אַנדערע שילער פון די איבעריגע לעהר - אַנשטאַלטען. ס'זענען געווען בייַ אונז עטליכע רעגירונגס-לעהרער, האָט ער געשיקט רופען נאָכ'ן אינספעקטאָר, אַזוי האָט געדויערט די צערעמאָניע ביז אַ זייגער 11—12 בייַטאָג. מיר האָבען אַלע גוט דורכגעפראָרען אין נאַסען, קאַלטען קעלער מיט די קאַרטאָפעל.

נאָכדעם האָט וואַסיליעוו אויסגעטייַלט מיך און אַלע אינטע-ליגענטען, וועלכע ער האָט געהייסען שטרענג בעוואַכען און אָבּ-פיהרען אין שטאָדט. פאַר די אַרבייטער האָט ער געהאַלטען אויפ'ן הויף אַ קורצע דרשה אויף זייַן שטייגער: איהר דאַרפט זיך נישט פערזאַמלען געהיים. איהר האָט דאָך די מעגליכקייט דאָס אַלץ טון אָפען. ער האָט זיך ענטשולדיגט פאַר די „אונאַנגענעמליכקייטען", פון וועלכע זיי האָבען געליטען אַ דאַנק די „אינטעליגענטען" און האָט זיי אַלע געהייסען געהן אַ היים.

ווי אַזוי מיר זענען דורכגעפאַלען, האָט זיך אונז נישט אייַנ-געגעבען צו אויפדעקען. ס'האָט זיך דאַמאָלסט פערשפרייט אַ ווער-סיע, אַז עפּיס אַ דראַגונער-אָפיציר, וואָס וואוינט נישט ווייַט, האָט בעמערקט אַ סך יודען געהן, האָט ער געגעבען צו וויסען דער פאָליציי. מען האָט אויך געשמועסט וועגען דעם, אַז וואַסיליעוו האָט געהאַט בייַ אונז זייַנע לייַט, וועלכע פלעגען איהם פון אַלץ אינפאָרמירען. מיר אָבער האָבען באַין אופן נישט געקאָנט קומען אויף זייער שפור און די זאַך איז עד היום פערבליבען נישט אויפגעקלערט.

די מינסקער תפיסה.

1.

שוין העכֿער ווי אַ וואָך, אַז איך זיץ אין אַ מינסקער פּאָליציי-צירקעל. דער חדר איז אַ גרוימער, אָבער זעהר אַ שמוציגער און פינסטערער. דאָ איז אַ מין אכסניה: אַלע נאַכט ווערען אַהער אַריינגעוואָרפען שכורים אויף אויסניכֿטערען זיך, פערזאָנען, וואָס האָבען מיט עפּיס געשטערט „די שטילקייט און רוה”, מענשען, וועלכע קומען-אָב אַ קליינע שטראָף, גנבים, וואָס דאַרפען איבערגעהן צום אויספאָרשונגס-ריכֿטער, גאַסשנאָרער און סתם פערדעכֿטיגע פּארשוינען. אַלע טאָג וואַרפט פון זיך אונזער קאַמער אַרויס אַ צענדליג איינוואוינער און אַלע נאַכט לאָזט זיך אין איהר אַריין אַ נייער שטראָם. מען ליגט אויף שוואַרצע, ברודיגע נארעס, מען וואַלגערט זיך אונטער די נארעס, מען ליגט ביים טהיר און די פרישגעקימענע שטעהען גאָר אָנגעשפּאַרט אין אַ ווינקעל פון גרויס ענגשאַפט.

איך בין שוין דאָ אַ תושב און פערנעהם אפילו אַ בעקוועמען אויבענאָן אויף די נארעס. די אונצוכֿט און ברוד זעבען אָבער אויך דאָ מורא'דיג גרויס און ס'איז ממש אונמעגליך אַראָבוואַרפען פון זיך די בגדים. ס'עקעלט פון שמוץ און ס'שטיקט פון דער פערדומפּטער לופט. די שכנים אויף אַ טאָג זאָרגען וועניג וועגען דער ריינקייט פון זייער פראָוויזאָרישער דירה און בעהאַנדלען זי ווי אַנ'אמת'ען מיסטקאַסטען. די מעהר סטאַלע איינוואוינער פון דאַנען זענען צו שוואַך צו ענדערען עפּיס אין דער היגיענישער און דער סאַניטאַרער מצב פון אונזער קאַמער איז מעהר ווי טרויעריג. יעדער שטרעבט מיט זיין גאַנץ וועזען, וואָס גיכֿער זיך אַרויסרייסען פון דער דאָזיגער

מיסטגרוב, זאָל זיין אין תפיסה, ביים ערגסטען רעזשים, אָבער פון אַזאַ שמוץ פטור ווערען.

אַלע, וועלכע זענען פערהאַלטען געוואָרען צוזאַמען מיט מיר אויף דער פערזאַמלונג זענען שוין ביסלעכווייז בעפרייט. איך בין דאָ איינער פערבליבען זיצען. מען האָט מיך די טעג גערופען אין זשאַנדאַרמען-פערוואַלטונג, דאָרט האָב איך געבעטען מיין אויספאָרשער מיך איבערצופיהרען אין תפיסה, אויב ער קאָן מיך נישט בעפרייען. ער האָט מיר פערשפּראָכען די טעג די זאַך צו דעצידירען.

איין מעלה איז אין צירקעל: מען קאָן זיין פערבינדען מיט דער שטאָדט. ס'איז אפילו שטרענג אָנגעזאָגט געוואָרען די פּאָליציי-היטער, מען זאָל צו מיר קיינעם נישט צולאָזען; דאָס קלינגענדע זילבער אָבער האָט ברייט געעפענט די טהירען פון צירקעל פאַר מיינע בעקאַנטע, און איך ווער אינפאָרמירט וועגען אַלץ, וואָס טוט זיך אין שטאָדט.

היינט האָבען מיר מיינע אינפאָרמאַטאָרען מודיע געווען, דאָס זיי האָבען זיך דערוואוסט פון פּריסטאַוו, אַז מאָרגען אָווענד וועט מען מיך אָבפיהרען אין טורמע און ס'איז בעשלאָסען געוואָרען מיך אָבשלאָגען פון וואַך. זיי ווייסען שוין אפילו, אַז זי וועט זיין אַ גאַנץ קליינע און מיר וועט זעהר לייכט זיין אַרויסצובעקומען זיך פון איהר. איך האָב זיך לכתחילה געקווינקעלט, האָב אַרויסגעזאָגט געוויסע ספקות. מיינע פריינד אָבער האָבען מיך בערוהיגט, האָבען מיר מרמז געווען, אַז אַלץ איז שוין „פאָראויסגעזעהן“ און „איינגעאָרדנעט“ און איך האָב געגעבען דערצו מיין הסכמה.

מיט גרויס אונגעדולד האָב איך שוין געוואַרט אויף מאָרגענדיגען טאָג; מיינע רעיונות זענען געווען פערנומען מיט'ן מאָלען אין מיין דמיון די פּרטים פון „לויפען“ און איך בין זעהר שפּעט איינגעשלאָפען. פּלוצלינג, אין מיטען נאַכט מען וועקט מיך: „נעהמט אייער זאַכען!“ איך רייב די אויגען פון שלאָף און חידוש צוזאַמען. אויפ'ן קאָרידאָר שטעהט אַ פערשטאַרקטע שמירה פּאָליציי-לייט, דער פּריסטאַוו איז אַ ביסעל

צושמיַשט און צושראָקען, ער גיט מיר איבער אין רשות פון צוויי זשאַנדאַרמען, מען זעצט מיך אויף אַ פוהרעל, מיינע צוויי בעגלייטער פערנעמען אַ פלאַץ נעבען מיר; זיי קוקען זיך אַרום אויף אַלע זייטען און טרייבען צו דעם פוהרמאַן, ער זאָל פאָהרען שנעלער. דורכגעפאַלען! טראַכט איך מיר. די זשאַנדאַרמען האָבען פערלאָפען דעם וועג און פריהער פערכאַפט. זאָל דאָס זיין אַ בעוואוסטזיניגער רעזולטאַט פון זייערע אינפאָרמאַציעס, אָדער בלויז אַ פשוט'ער צופאַל? ווי קאָן מען אַריינדרינגען אין די סודות פון זשאַנדאַרמען-פערוואַלטונג און ענטפלעקען איהרע געהיימנישען?

פערטיפט אין אַזעלכע מחשבות, האָב איך קוים בעמערקט, ווי מיר זענען געבליבען שטעהן אין אַ שמאָל געסעל פאַר אַן אייזערנעם טויער. איינער פון מיינע שומרים האָט ענערגיש אָנגעקלונגען און גאַסטפריינדליך מיך איינגעלאַדען מיט זיך. מיר געהען אַריין אין אַ גרויסער פינסטערער האַליע, פון דאָרטען — אין אַ קליין ענגען צימער, וואו ס'האָט אַ קלאַפ-געטון אַ ריח פון שטיוועל און שווייס. דער פערשלאָפענער שרייבער רייבט די אויגען, פרעגט מיך אויס מיט אַ געניץ מיין גאַנצען יחוס און קלינגט אין וואַנד. אין אַ ווייל אַרום בעווייזען זיך צוויי געשטאַלטען, מיט לאַמטערנעס אין די הענד,ביידע — אין לעדערנע קורטקעס. איינער אַ הויכער, אַ דיקער מיט אַ פליישיג פנים, גרויסער געמבע, שפראָציג שטעכעדיגע וואָנצען, קליינע, פינקעלדיגע אויגעלעך; דער צווייטער — אַ נידריגער, אַ ריררעוודיגער מיט אַ מאָגער געזיכט, אין גאַנצען מיט אַ גראָהער באָרד פערוואָקסען. זיי טאַנצען אַרום מיר, זיי הייסען מיך, — גיכער מיט זשעסטען ווי מיט ווערטער, — זיך אויסטון מוטער-נאַקעט, מען טאַפט-איבער שטרענג מיינע זאַכען, דער נידעריגער און מאָגערער וואַרפט מיינע איבעריגע וועש און אַנדערע חפצים אַריין אין אַ זאַק, — „פאַר'ן צעכהויז", ברומט ער עפיס אונטער'ן נאָז.

שפעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס זענען די צוויי עלטסטע וועכטער פון מינסקער טורמע. דער הויכער

גראָבער בעל־גוף — הייסט דאָזשדיקאָוו, אַ ממונה אויף פּראָוויאַנט און בכלל — „רעז ים“, דער נידעריגער און מאָגערער — אָליינִיקאָוו, דער פערוואַלטער מיט׳ן לאַגער אין צעכהויז. אין יענער נאַכט אָבער, ביי דער שפּעטער צייט און טויט־שטילקייט אַרום, האָבן זיי מיר אויסגעזעהען ווי צוויי מלאכי־חבלה, וועלכע זענען אַרויסגעשפּרונגען פון שאול־תחתיה נאָך מיין נשמה.

דער הויכער גוי מיט דער גרויסער געמבע גיט מיר אַ וואונק, איך זאָל איהם נאָכגעהן. בעת מעשה וואָרטשעט ער עפּיס אונטער׳ן נאָז, אַז מען האָט פון אונז קיין רוה נישט, מען לאָזט די נעכט אויך נישט שלאָפען און פיהרט מיך אַריין אין אַ גרויסען בנין, האַלבטונקעל בעלויכטען. אויפ׳ן צווייטען שטאָק קלאַפּט ער אָן אין אייזערנעם טויער מיט שטאַכעטען, ס׳בעוויזט זיך אַ וועכטער מיט אַ פּאַק שליסלען, ער שליסט־אויף גיט אַ קוויטש דעם טויער און דער עלטסטער וואַרפט איהם צו: „טורעם נומער 1!“ און ווערט פערשווינדען.

איך געה נאָכ׳ן שליסער. ער עפענט פאַר מיר אַ מאַסיווע הילצערנע טהיר געשמיד אין אייזערנע רייפען, דערלאַנגט מיר אין האַנד אַנ׳אָנגעצונדען נאַפט־לעמפּעל און פּעריגעלט און פערשליסט הינטער מיר די גרילצעדיגע מאַסע. איך בלייב שטעהן אין אַ שמאָלען פּאָדערצימער מיט אַ צווייטער האַלב אָפענער טהיר. איך געה אַריין: אַ גרויסער צימער מיט אַ געוועלבטען סופיט; אַ טיש, אַ טאַבורעטקע, אַנ׳אייזען בעטעל מיט אַ פרישען שטרוי־זאַק. ס׳איז דאָך ממש אַ קעניגליכער געלעגער! היינט די רחבות, אַ צימער מיט אַנ׳אייגענעם פירהויז! ס׳איז דאָך אַזאַ פערגעניגען צוגעהן צו דער טהיר און זי נישט טרעפען פערשלאָסען: פאָרט אַביסעל פערגרעסערט דעם פרייען שטח! און וויפיל איז דאָס ווערט, וואָס דו ביסט אינגאַנצען ביי זיך אַליין, קיינער קוקט נישט אויף דיר דורך דעם „טהיר־אויג“, קיינער פאָרשט דיר נישט נאָך און קאָנסט טון, וואָס דיין האַרץ גלוסט!

אויף מאָרגענס האָב איך זיך בעקאַנט מיט דער אַרכיטעקטור פון דעם שלאָס. דאָס איז געווען אַ גרויסער, דרייגאָרענדיגער און פירקאַנטיגער בנין געל געטונקעוועט, ערטערווייז בעדעקט מיט רויטע פלעקען. ביי יעדען ווינקעל איז געווען צוגעמויערט אַ האַלבקיילעכדיגער טורעם, וועלכער האָט פערמאָגט צו דריי חדרים. דאָרטען פלעגט מען געווענליך פערשפּאַרען די שטרענג „סעקרעטנע". זיי זענען געווען איזאָלירט פון די הונדערטער שכנים אין דעם שלאָס, די גראָבע מאַסיווע טהירען אָהן אַ פענסטער׳ל, אָהן אַ שפּאַרע אַפּילו, פלעגען זיי פערבעהאַלטען פון די איבעריגע אַרעסטאַנטען.

אָבער באַלד אויפ׳ן צווייטען טאָג האָב איך זיך איבערגעצייגט, אַז די „איזאָלאַציע" איז בלויז נור אין דער פאָרשטעלונג פון דער העכערער „נאַטשאַלסטוואָ", און אַז אַזאַ שטרענגער חדר מיוחד האָט נאָך זייגע גרויסע מעלות.

זייענדיג געזיכערט פון וועכטער׳ס בייזען אויג, לאָז איך זיך אויף מאָרגען פריה גלייך צום פענסטער, צו וועלכען איך דערהייב זיך מיט דער הילף פון אַ הילצערנער טאַבורעטקע. פאַר מיר ענטפּלעקט זיך א שעהן אָפען בילד אין אַ ווייטען, ברייטען פעלד. איך דראַפּע זיך אין די קראַטעס, בעפעסטיג זיך אויף מיין נייער פּאָזיציע און קוק מיט אויסגעשטאַרצטע אויגען ווייט אין מרחק אַריין. עס בעוועגען זיך פיגורען, עס געהען פערביי אונבעקאַנטע מענשען, עס שוועבט־דורך א פרויענגעשטאַלט. זי קערט זיך אָפּט אום, זי זוכט עפּעס מיט די אויגען אין אַלע פענסטער און בעגעגענט זיך מיט מיין בליק. זי בלייבט ראַפּטום שטעהן, אין לופט פאָכט שוין אַ ווייס טיכעל; יאָ, דאָס בעגריסט אימעצער מיך. איך שפּרינג־אַראָב פון מיין הויך, כאַפּ אַ האַנטוך, הויב זיך ווידער אויף און ענטפער אויף דער בעגריסונג. אונטען אין הויף מאַרשירט אַפּילו אַ וועכטער מיט אַ ביקס, מיין פענסטער איז אָבער צו הויך און ער קאָן נישט בעמערקען, וואָס איך טהו.

אַזוי האָבען אָנגעהויבען צו מיר צו קומען גאַנצע טעג פערשידענע בעקאַנטע, פלעגען צוגעהן אַלץ נעהנטער צו דער

וואַנד, דאָבען אויסגעזוכט עפּיס אַ בערגעל, אויף וועלכע זיי פלעגען זיך שטעלען און מיט מיר זיך אַדורכשמועסען. אמת, נישט מיט ווערטער, נור אויפ׳ן פינגער־לשון, אין וועלכען איך בין געוואָרען אַלץ מעהר בעהאַוועט. ס׳פלעגט אַמאָל דערגעהן צו מיר אויך איינציגע געזעגנונגס־ווערטער, אויף וועלכע איך פלעג אויך ענטפערן אויפ׳ן קול. דער וועכטער אונטען פלעגט פון דעם מבולבל ווערען, פלעגט אָנהויבען זוכען צושראָקען מיט די אויגען אין די פענסטער, איך אָבער פלעג פלינק אַראָבשפּרינגען פון מיין בעהעלטעניש און האָב שוין געלאַסען אַרומגעשפּאַצירט איבער מיין צימער.

בעקומען אַזוי אונערוואַרט קאָנטאַקט מיט׳ן דרויסען, בין איך ביסלעכווייז אַריינגעטרעטען אין אַ פערבינדונג אויך מיט מיינע שכנים פון אינעווייניג. דורך די קרימינעלע בעדינער האָט זיך איינגעשטעלט אַ רעגולערע קאָרעספּאָנדענץ מיט די איבריגע פּאָליטישע אַרעסטירטע. פון זיי בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז ס׳איז דאָ „אַ פּאָסט” אויך אין שטאָדט און איך האָב זיך אָנגעהויבען מיט איהר צו בעניצען. די פּאָסט איז ביי אונז איינגעשטעלט געוואָרען אויף גאָר אַן׳איינפאַכען אופן. דער אונטערשטער חדר פונ׳ם פראָנט־טורעם האָט זיך געפונען אין דער פרויען־אָבטיילונג. דאָרט האָט צו יענער צייט געדינט אַ וועכטערין, וועלכע פלעגט פאַר אַ גוטען לוין אַרויסטראָגען און ברענגען מיט זיך פון שטאָדט בריף, אונלעגאַלע ליטעראַטור און צייטונגען. זי פלעגט דאָס איבערגעבען דער „פּאָליטישער” פרוי פון טורעם. יענע ווידער פלעגט דאָס אַרויפשיקען אין מדור פון די מענער. אימעצער פון די שטרענג־איזאָלירטע קרימינעלע האָט דורכגעמויערט אַ לאָך פון דעם מיטעלען טורעם־צימער אין אונטערשטען. און דאָס האָט געדינט פאַר אַ קאָמוניקאַציע־מיטעל. דורך דער לאָך פלעגט ווערען אַרויפגעשיקט די גאַנצע פּאָסט. אין מיטעלען טורעם איז דאַמאָלסט געזעסען אַ קרימינעלער, פעראורטיילט אויף קאַטאָרגע. ער פלעגט דאָס זיין דער פערמיטלער צווישען דער פרויען־אָבטיילונג און אונז.

פון דער זעלביגער אַרעסטירטער האָב איך זיך דערוואוסט, דאָס מען בעשולדיגט זי, אַז זי האָט דאָס געדונגען די דירה צוזאַמען מיט מיר אויף אַ פערזאַמלונג. די דינסט האָט אויף איהר אין דער ערשטער מינוט אָנגעוויזען, צוליב איהר ענליכ־קייט צו מיין פרוי. ס'איז אָבער בעוויזען געוואָרען, אַז די בעשולדיגונג איז אַ פאַלשע און זי האָט דערום גיך בעפרייט צו ווערען. דאַגעגען ראַט זי מיין פרוי אָבצופאָהרען, ווייל די זשאַנדאַרמען קאָנען זיך יעדע מינוט כאַפּען און זי אַרעסטי־רען. איך האָב וועגען דעם מיין פרוי איבערגעגעבען און בין אויך בעשטאַנען אויף דעם, זי זאָל וואָס שנעלער פערלאָזען מינסק.

אין „שטאָדט" אָבער האָט מען אַנדערש בעשלאָסען. מען האָט דאָ־ט געוואָלט מיך אַרויסרייסען פון די זשאַנדאַרמען־הענד, איידער זיי וועלען אויפדעקען מיין נאָמען. אויף אַ בע־זוך ביי וואָסיליעוו'ן האָט דער לעצטער מיין פרוי פערשפּראָ־כען מיך אַרויסלאָזען דערוויל אויף קויציע פון אַ 500 רובעל און זי איז דאַרום פערבליבען, כדי צו דערפיהרען די זאַך ביז'ן סוף. יעדען טאָג פלעגט זי קומען צום פענסטער מיך איינפאָרמירען ווי ס'געהען די אונטערהאַנדלונגען.

היינט איז שוין שפּעט. איך שטעה ביים פענסטער שוין אַ פּאָר שעה און קיינער איז נישטאָ. עפּיס אַן'אונרוהיג גע־פיהל לאָזט מיך נישט אָב. וואָס איז אין שטאָדט געשעהן? ס'עפענט זיך אונגעריכט די טהיר און ס'בעווייזט זיך דאָזשדי־קאָוו מיט אַ קרומען שמייכעל אויף זיין רויטען פליישיגען פּנים. ער ברענגט מיר אַ גאַנצען פּעקעל מתנות. מיר טוט אַ קלאַפּ אין האַרצען.

— מען האָט דאָס פון שטאָדט געבראַכט? פרעג איך מיט אומרוה.

— וואָס דען, איך שענק דאָס אייך? ענטפערט ער מיר מיט אַ מיאוס'ען שמייכעל. איך קאָן זיך שוין נישט בערוהיגען. איך בין זיכער, אַז אין שטאָדט איז עפּעס פאָרגעקומען. גאַנץ גיך האָט זיך מיין חשד בעשטעטיגט. פון צווייטען שטאָק האָב

איך בעקומען די פאָסט. דאָרט איז געלעגען אַ צעטעלע פון מיין פרוי. זי געפינט זיך שוין אונטען אין טורעם. אויף היינט האָט מען איהר בעשטימט צו ברענגען דאָס געלד אויף קויציע פאַר מיר. זי איז געקומען אין זשאַנדאַרמען־פערוואַלטונג. דאָרט האָט שוין געוואַרט די דינסט פון דער פערמע. זי האָט תיכף אָנגעוויזען אויף מיין פרוי, דאָס זי האָט דאָס געלד געגעבען. יענס מיידעל איז בעפרייט געוואָרען און מיין פרוי האָט פער־נומען איהר פלאַץ.

איבערגעקאָכט אין זיך דעם פערדרוס צוליב דעם אונ־פאָרזיכטיגען אַרעסט, האָב איך גענומען מאַכען פלענער, ווי אַזוי זיך איבערזעצען אין דעם מיטעלען טורעם, כדי צו זיין אין נאָהנטער שכנות מיט מיין פרוי. איך בין געפאַלען אויף אַ פשוטער המצאה. איך וועל אויפדעקען פאַר די וועכטער מיין קאָנטאַקט מיט'ן שטאָדט, וועלען זיי מיך שוין אַליין איבער־פיהרען אין אַנ'אַנדער צימער. אַלס שטרענג איזאָלירטען, וועלען זיי מיך איבערפיהרען אין אַ צווייטען טורעם. אָבער אַזוי ווי אַלע צימערען זענען דאָרט פערנומען דורך „פּאָליטישע", אויסער איין מיטעלער, וואו ס'זיצט אַ קרימינעלער, וועלען זיי, מן הסתם, מאַכען אַ בייט: מיך וועלען זיי איבערפיהרען אויף זיין אָרט און איהם—אויף מיינעם.

מיין פלאַן האָט מיך נישט גענאַרט. עטליכע מאָל האָב איך בעקומען אַ פאָרוואורף פון דאָזשדיקאָוו'ן, פאַר'ן עובר זיין „אויף דער אינסטרוקציע", דער „נאַטשאַלניק" האָט מיך אפילו געדראָהט מיט קאַרצער, איך בין אָבער פערבליבען ביי מיין עקשנות: דריי מאָל און מעהר אפילו אין אַ טאָג פלעגט מען מיך כאַפּען ביים פענסטער, ביז מען האָט בעפוילען פון קאַנ־צעלאַריע מיך איבערזעצען אין מיטעלען טורעם, וואָס געהט אַרויס צום הויף.

די אָוועָנד־„פּאָווערקע" איז שוין פערענדיגט. מיין קאָ־רידאָר איז פעסט געשלאָסען. אין טורמע איז טויט־שטיל. איך זוך פיבערהאַפט אין אַלע ווינקעלעך „דעם טעלעפאָן" מיט'ן אונטערשטען צימער. ווייט אונטער'ן בעט בעמערק איך שטעהן אַ

קלעצעל, איך רוק איהם אָב: אין דער פּאָדלאָגע איז דאָ אַ טיפער שפּאַלט פּערדעקט מיט אַ דין ברעטעל. איך וואַרף=אָב דאָס ברעטעל אין אַ זייט און דערזעה אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר גוט בעקאַנטע אויגען. איך רוף=אָן דעם נאָמען. האַסטיג פּערקלייבט זיך מיין פרוי אין דער הויך אויפ׳ן שראַנק, איך פּרוביר דורכקרוקען מיין האַנד, זי איז אַ דינע און געהט אַדורך. אויסגעצייכנט. מען קאָן זיך אפילו ביי די הענד גריסען. אַזוי פּלעגען מיר שוין פערברענגען גאַנצע אָוועַנדען ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך פּלעג ליגען אַנ׳אויסגעצויגענער איבער דער פּאָדלאָגע, מיין פרוי פּלעגט שטעהן אין דער הויך אויפ׳ן שראַנק פּלעגען שמועסען אָדער לעזען גאַנצע שעה׳ן. מיר פּלעגען זיך אפילו טיילען מיט׳ן אָווענד=ברויט, אַזוי האָבען מיר דעם שפּאַלט אַלץ מעהר אויסגעברייטערט.

נאָך די געשפּרעכען, פאַר׳ן געהן שלאָפען, פּלעגט מיין פרוי פערשפּאַרען דעם אָפענעם אָרט אין סופית מיט אַ ווייס טיכעל און איך פּלעג פּערדעקען די פּאָדלאָגע מיט אַ ברעטעל און אויף דעם אַרויפשטעלען אַ קלעצעל. ביי אַזאַ פּאָרזיכטיג=קייט זענען מיר מיט אונזער „טעלעפאָן״ קיין איין מאָל נישט דורכגעפאַלען.

מ׳איז אפילו אין קאַנצעלאַריע יאָ דערגאַנגען וועגען עפּעס אַ קאָמוניקאַציע צווישען מיר און דער פרויען=אָבטיילונג. דאָס האָט אונז אַ קרימינעלער פּער׳מכרט. אין איין שענעם פרימאָרגען, ס׳לאָזט זיך צו מיר אַריין דער געהילף=נאַטשאַל=ניק מיט אַ גאַנצער כנופיא וועכטער. צו זייער וויזיט בין איך שוין געווען צוגעגרייט. מען האָט אונז פאָרויס מודיע געווען, אַז היינט וועט זיין „אַ חיפוש״, (אַזוי הייסט אויפ׳ן אַרעסטאַנט=סקען לשון אַ רעוויזיע). מען הויבט=אָן צו זוכען אויף דער פּאָדלאָגע, גאָר נישטאָ. ענדליך האָט איינער פון די וועכטער דערזעהן דאָס קלעצעל, האָט׳ס אָבגערוקט און אָנגעטו אָפען אויף דער לאָך. „אייער האָכגעבורט״! האָט ער מיט שמחה אויסגעשריגען: „אָט איז עס״! דער געהילף ציהט=אַרויס זיין שווערד, וויל מיט איהם דורכפיהרען אין שפּאַלט און טרעפּט=

אָן איִן ברעטעל. אָנשטאָט עס אָבצושארען, קלאַפּט ער נאָך שטאַרקער מיט׳ן שאַרף, דאָס ברעטעל בלייבט פעסט ליגען אויפ׳ן אָרט. „ס׳איז גאָר נישטאָ״! בעשליסט מיט אַ זיכערען טאָן דער פלינקער געהילף און די גאַנצע חבריה געהט אַוועק. שפּעטער זענען זיי געקומען צו מיין פרוי. פון קלאַפּען מיט׳ן שווערד איז דאָרט אין צימער אָנגעפאַלען פיל קאַלך און וואַפנע. מיין פרוי בעגעגענט די געסט מיט אַ ירגזון.

— ווער זיצט דאָס דאָרט אויבען ביי אייך? מען האָט דאָך דאָרט היינט אַ גאַנצען פריהמאָרגען געטאַנצט, אַז דער באַלקען איז שיער נישט איינגעפאַלען!

— פערצייהט, האָט דער יונגער געהילפעל זיך ענטשולדיגט: „דאָס האָב איך אין דער הויך געקלאַפּט. מען האָט חושד געווען, אַז איהר קאָמוניקירט זיך מיט אייער אויבער־שטען שכן״.

אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָבען מיר זיך שוין געטיילט מיט די פרטים פון דער רעוויזיע...

אונזער קאָנסטיטוציע.

מיר זענען דא געוואָרען אַלץ מעהר, אונזער צאָהל פערגרעסערט זיך. מיר ווערען מיט יעדען טאָג אַלץ אַ שטאַרקערער כח. מיר ווילען זיך שוין מעהר נישט אונטערוואַרפען דעם ווילקיר פון איינגעשטעלטען „רעזשים", מיר האָבען אונזערע אייגענע פאָדערונגען און בעדערפנישען. בעת מיר זענען געווען איינציגע, קליינע גרופּעס, האָבען מיר זיך געמוזט בויגען פאַר דעם אייזערנעם ווילען פון דער פאַפּירענער „אינסטרוקציע", האָבען מיר זיך געמוזט אונטערוואַרפען דעם הפקר און מוטוויליגקייט פון אונזער „נאַטשאַלסטוואָ", איצט זענען מיר שוין דאָ העכער אַ פינף צעהנדליג, אַלע אַזעלכע יונגע, מוטיגע, קאַמפּס־לוסטיגע און דרייסטע. ס'מוז קומען צו אַ פערמעסטונג פון די כחות, מען מוז ברעכען די בלינדע עקשנות פון אונזערע פערוואַלטער.

אין טורמע שמעקט מיט פולווער, די סכסוכים צווישען דעם אָדער יענעם „פּאָליטישען" מיט דער אַדמיניסטראַציע ווערען אַלץ אָפטער. דער נאַטשאַלניק ווערט אַלץ שטרענגער און בייזער. אַ הויכער, ברייטביינייגער יונג מיט אַ שענעם הדרת־פנים, אַ שוואַרצער באָרד און אומעטיגע אויגען, פלעגט ער פערוואַלטען דעספּאָטיש מיט דער טורמע. אַ נערוועזער, אויפגעשרויפטער מענש, וואָס פלעגט אָפט „כאַפּען אַ כוס", פלעגט ער זיך בעציהען צו די אַרעסטאַנטען לויט זיין שטימונג. די קרימינעלע פלעגען שוין זיין שטימונג פאָרויס פּאַרשען און דורכשטודירען. קוים פלעגט דער „נאַטשאַלניק" קומען אויף „פּאָווערקע" מיט אַן'אויפגעהויבענעם פינגער, אויף וועלכען ער האָט געטראָגען אַ רינגעל, איז געווען אַ סימן, אַז

ער איז גוט געשטימט און מען קאָן ביי איהם אַלץ פועל'ן. פלעגט ער האַלטען דעם פינגער אַראָבגעלאָזען, איז'ס געווען אַ ראיה, אַז „ס'איז שלעכט" און מען טאָר מיט איהם נישט רעדען.

אויך מיט אונז, „פאָליטישע", פלעגען זיינע בעציהונגען זיין נישט קיין איינגעשטעלטע. צייטענווייז פלעגט ער ברומען, זיך בייזערן און טופען מיט די פיס פון כעס. צו אַנדערע אַרבייטער פלעגט ער זיך אפילו ווענדען אויף „דו". אַן'אַנדערש מאָל פלעגט ער זיין גוט אויפגעלעגט, פלעגט זיך וויצלען, פלעגט זיין נאָכגיביג און בעפרידיגען אַלע בקשות. דאָס איז געווען אַן'אויסגעשפּראָכענער טיפּ פון אַ פּאַטריאַרכאַלען דעספּאָט, דערצו נאָך מיט קראַנקע נערווען און אַ שוואַכען ווילען. מיר האָבען פּראָביסגעזעהן, אַז מיר ווען איהם ביי אַן'ענערגישער האַנדלונג גיך איינבייסען. מיר האָבען בלויז געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט פאַר אַ מלחמה־ערקלערונג. און זי האָט טאַקע נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטען.

אַ היציגער חבר, אַ בערשטער, האָט היינט אויסגעזידעלט דאָזשדיקאָוו'ען און איהם פון צימער אַרויסגעטריבען. מיר ווייסען, אַז דאָס וועט נישט אַראָבגעהן גלאַטיג און מיר זענען גרייט צו רעאַגירען אין פאַל פון רעפּרעסיעס בנוגע דעם פערזינדיגטען. פאַר „פּאָוויערקע" נאָך ווערען מיר געוואויר, אַז דער בערשטער געפינט זיך שוין אין קאַרצער. מיר בעשליסען, דאָס יעדער בעזונדער זאָל פאָדערען ביים „נאַטשאַלניק" צו בעפרייען פון קאַרצער דעם חבר. ס'עפענט זיך די טהיר. ס'קומט אַריין דער „נאַטשאַלניק" מיט זיינע יוֹצר משרתים. „האָט איהר נישט קיין פרעטענזיעס"? זיין פנים איז אַזוי בייז, אָנגעצויגען. איך מעלדע איהם, אַז מיר פאָדערען צו בעפרייען לעווינ'ען (אַזוי האָט מען דעם בערשטער גערופען) פון קאַרצער.

— דאָ איז נישטאָ קיין „מיר". צעשרייט ער זיך אויף די העכסטע טענער: איהר קאָנט נור רעדען פאַר זיך און אַלע איבעריגע געהען אייך נישט אָן".

ער שרייט היסטעריש און לאָזט מיך צום וואָרט ניש קומען. דאָזשדיקאָוו קוקט אויף מיר מיט אַ טריומפירענדיקן שמייכעל.

— אויב אַזוי וועט אייך אויסקומען אונז אַלעמען צו נעהמען אין קאַרצער. יאָג איך איהם נאָך ביי זיין אַוועקגעהן.

— און מיר וועלען זיך מיט אייך אַלע אַנ'עצה געבען. הער איך זיין ענטפער שוין הינטערן טהיר.

לאַנג נאָך האָט זיך געהערט זיין בייזע שטים אין פער־שידענע צימערען. די „פּאָוויערקע" איז פערענדיגט. אין טור־מע איז אַנ'אָנגעשטרענגטע שטילקייט ווי פאַר אַ שטורעם.

— אָנהויבען! האָט זיך דערהערט אַ קאָמאַנדע איבער'ן גאַנצען קאָרידאָר. איך כאַפּ דאָס בענקעל, לויף צום טהיר און הויב־אָן קלאַפּען מיט אַלע כחות. אין דעם גאַנצען גרוי־סען בנין איז אַוועק אַ שרעקליך געקלאַפּעריי. פון אויבען, פון אונטען, פון אַלע זייטען, מען פּויקט, מען טראַסקעט, מען שטורעמט, מען שרייט מיט ווילדע קולות. איך קוק זיך אַרום. די טאַבורעטקע ליגט שוין ביי מיר צובראָכען אויף שפּענד־לאַך, פון די הענד רינט בלוט, איך האַלט שוין אַ שטיקעל האָלץ און קלאַפּ נאָך מיט די לעצטע קרעפטען. אין די קאָ־רידאָרען לויפען־אַרום די וועכטער, זידלען זיך, שרייען און זייערע געשרייען ווערען אויסגעמישט מיט די קולות פון די אַרעסטאַנטען.

צי וועט מען ברענגען סאָלדאַטען אונז צו בערוהיגען? ניין, משמעות דער נאַטשאַלניק איז אַ צו גרויסער פחדן און ער וועט זיך ניט וועלען קאָמפּראָמיטירען ביים גובערנאַטאָר. מיר זענען שוין מיד צו קלאַפּען. די קולות ביי די טהירען ווערען אַלץ שוואַכער, לעגט איינער אַוועק זיין כלי־זין, באַלד אַ צווייטער, ס'ווערט אַלץ שטילער און רוהיגער.

— צו די פענסטער! הערט זיך ווידער אַ קאָמאַנדע, און מיר הענגען שוין אַלע אויף די קראַטעס, רעדען מיט גרויס התלהבות ווי נאָך אַנ'אָבגעהאַלטענער גרויסער שלאַכט. וואָס וועט ווייטער זיין? פאַר וואָס איז עפּעס נישטאָ קיין ענטפער

פון צווייטן צד? וואָס קלייבט ער זיך צו טון? מיט אַזעלכע שאלות זענען מיר זיך צוגאַנגען אַלע שלאָפן מיט נישט קיין רוהיג געמיט.

אויף מאָרגען, מען רופט מיך אין קאַנצעלאַריע. אַלע ווערען אָנגעשטרענגט און וואַרטען אונגעדולדיג ביי די פענס־טער. מען פיהרט מיך אַריין אין קאַבינעט צום „נאַטשאַלניק". אַ שווערע זאָרג בעדעקט זיין שען פנים, זיינע שוואַרצע אוי־גען זענען בעצויגען מיט אַנ'אומעט.

— „וואָס טראַכט איהר זיך"? הויבט ער אָן מיט אַ גע־בראָכענער שטים: „צי קאָן מען מיט אַזעלכע מיטלען עפּיס דערגרייכען. מעגליך, מיך וועט איהר פון דאַנען פערטרייבען, אָבער צי אייך וועט ווערען דערפון בעסער?"

— מיר זענען גאָר נישט אויסען אייך פון דאַנען צו פעריאָגען, מיר ווילען נור זיך פערלייכטערען אונזער מצב.

— וואָס איז אייער פערלאַנג? פרעגט ער מיך שוין באָכגיביג.

— איך קאָן דאָך אַליין פאַר אַלעמען נישט. וויסען. איך מוז זיך מכח דעם צונויפרעדען מיט די חברים.

— גוט. רעדט זיך איבער צווישען זיך און גיט מיר שפּעטער אַ תשובה.

יאָ, ס'איז קלאָר, די שלאַכט האָבען מיר געוואונען, מיר קאָנען בעקומען אַ קאָנסטיטוציע. אָבער ווי אַלע אונערפאַהרע־נע בירגער, וועלכע ווערען ביים ערשטען אָבגעהאַלטענעם נצחון איבער זייערע הערשער צומישט און בעגניגען זיך בלויז מיט אַ בעשיידענער קאָנסטיטוציע, האָבען אויך מיר זיך אָבגעשטעלט אויף קלייניגקייטען. יעדער האָט געהאַט זיין פּונקט, וועלכען ער האָט געוואָלט פאָרמולירען אין אַ קאָלעק־טיווע פאָדערונג. סוף כל סוף האָב איך דעם נאַטשאַלניק אי־בערגעגעבען אונזער פלאַטפאָרם: 1) נישט נעמען קיין פּאָלי־טישע אין קאַרצער; 2) בכלל אַ העפליכע בעהאַנדלונג; 3) אַנ'־אייגענע קיך פאַר אונזער געלד; 4) מיר זאָלען קאָנען איבער־געבען איינע די אַנדערע ביכער; 5) אַנ'אויסגעוועהלטען פער־

טרעטער פאַר דער אַדמיניסטראַציע (סטאַראָסטע). דער נאַטשאַלניק האָט די אַלע פונקטען אַקצעפטירט און מיר האָבען אין אונזער געפענגניס בעקומען אַנ׳„ענגלישע“, נישט געשריבענע קאָנסטיטוציע, איידער מען האָט נאָך געהאַט אין דרויסען בדעה נאָכצוגעבען די „פרייע“ בירגער.

דער דאָזיגער נאָכגיביגער „נאַטשאַלניק“ האָט זיך ביי אונז לאַנג נישט געהאַלטען. אין מיטען העלען טאָג איז פון „טורמע“ אנטלאָפען אַ „קאטאָרזשניק“. ער האָט זיך פערקליבען אויפ׳ן בוידעם, וואו ער האָט מיטגעבראַכט עטליכע „קאַזיאָנע“ לייליכער, פון זיי האָט ער אויסגעפלאָכטען אַ שטריק און האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף דער וואַנד, ממש דעם וועכטער אין די אויגען. יענער האָט זיך די ערשטע רגע פערלאָרען און ווען ער האָט שוין אויסגעשאָסען איז שוין געווען צו שפעט. דער אַרעסטאַנט איז פלינק ווי אַ קאַץ אַריבערגעשפרונגען איבער דער וואַנד און איז תיכף נעלם געוואָרען. ס׳האָבען נישט געהאָלפען קיין שום זוכענישן און „אָבלאַוועס“. אין טורמע האָט זיך אַראָבגעלאזען די העכריץ „נאטשאַלסטוואָ“, דער גובערנאַטאָר, פראָקוראָר און אַנדערע שררות. אין איין קאַמער האָבען די קאַטאָרזשניקעס זיי שטאַרק אויסגעזידעלט און דורכגעטריבען מיט חרפה. די רעוויזאָרען האָבען איינגעפונען, אַז די טורמע איז „צולאָזען“ און דער נאַטשאַלניק האָט געמוזט אַוועק פון זיין פאָסטען.

.2

אייגענטליך האָבען שוין לאַנג געגראָבען אונטער׳ן נאַטשאַלניק זיינע געהילפען און די נידעריגע מיטאַרבייטער. יעדער האָט געהאַט זיין אויסרעכנונג. די עלטסטע וועכטער, דאָזשדיקאָוו און אָליינִיקאָוו, האָבען, ווי אַלטע שומרים, פשוט נישט געקאָנט פערטראָגען די „פרייהייט“, וואָס האָט זיך אין טורמע איינגעשטעלט, די פערמינדערונג פון זייער מאַכט און ממשלה. איין יונגער געהילף איז געווען אַנ׳איבערצייגטער מאָנאַרכיסט און האָט געקוקט אויף די פאָליטישע, ווי אויף

זיינע פערזענלעכע שונאים. דער עלטערער געהילף ווידער האָט פּרעטענדירט אויף דעם פּאָסטען פון אַ „נאַטשאַלניק“ און פלעגט דאַרום ביי יעדער געלעגענהייט אונטערשטעלן אַ פיסעל זיין עלטערן קאָלעגע.

דאָס איז געווען אַ גרויסער בעל־גאוה, אַ בערי־המער און אַ מענש פון הוילער פּאָזע. ער פלעגט ליבּ האָבן צו בענו־צען הויכע ווערטער, וועלכע פלעגן קיינמאָל נישט זיין אויפ׳ן אָרט. ער פלעגט ממש אין אָנווענזענהייט פון די אַרעסטירטע קריטיקירען די שוואַכקייט פון „נאַטשאַלניק“ און פלעגט תמיד צוגעבּן: „ביי מיר וואָלט דאָס אַנדערש געווען“. די קרימי־נעלע פלעגן זיך טאַקע שרעקן פאַר איהם און אונז אַלע האָט זיך שטאַרק נישט געוואָלט, אַז דער דאָזיגער נפש זאָל קומען צו דער מאַכט.

ער האָט אָבער געפונען חן אין די אויגען פון דער העכערער „נאַטשאַלסטוואָ“ און איז בעשטימט געוואָרען, גלייך ווי יענער האָט פערלאָרען זיין פּאָסטען, אויף זיין אָרט. מען האָט אָפען געלעגט אויף איהם האָפנונגען, דאָס ער וועט איינ־צוימען די טורמע. מיר האָבן זיך אויך געגרייט צו אַ קאַמף. מיר האָבן בעשלאָסען, נישט אָבגעבּן די „עראָבערונגען“, וועל־כע מיר האָבן זיך שוין פריהער דערשלאָגען. דער נייער פערוואַלטער פון זיין זייט האָט נאָך גאָרנישט בעוויזען עט־וואָס צו ענדערן אויף ערגער. אָבער די וועכטער האָבן אָנגעהויבען ווערען חוצפה׳דיגער און אָפט זיך זידלען. דאָס האָט געבראַכט צו אַנ׳אויסברוך נאָך פאַר דער צייט.

מחמת אַ קאָנפליקט מיט דעם שליסער האָט מיטאַמאָל איין קאָרידאָר אָנגעהויבען, נישט צונויפגערעטערהייט, צו קלאַ־פּען און שטורמען. די וועכטער האָבן זיך דערשראָקען און אָנגעהויבען געבען סיגנאַלען. דער יונגער נאַטשאַלניק לויפט נישט טויט, נישט לעבעדיג גלייך צו מיין קאַמער (איך בין געווען סטאַראָסטאַ) און לאַדט מיך איין מיט איהם מיטגעהן אויפ׳ן קאָרידאָר צו בערוהיגען דעם עולם. דאָס קלאַפּען האָט גלייך אויפגעהערט. מיר אָבער האָבן אונזער „קאָנסטיטוציע“

פערטיפֿט און צוגעגעבן איהר נאָך ווייטגעהענדיגע פונקטען. די צימערען דאַרפען נישט ווערען פערשלאָסען ביז׳ן אָווענד. דאָס איבערגעהן פון איין צימער אין צווייטען איז נישט פערווערט. ביי יעדער פראַגע איז ערלויבט איינצואָרדנען אַן׳אַלגעמיינע פערזאַמלונג. יעדער קאָנפליקט מיט דער אַדמיניסטראַציע דאַרף פריהער איבערגעגעבן ווערען צו בעטראַכטען דעם סטאַראָסטאַ.

ביים אויסאַרבייטען די נייע פונקטען האָט דער „ענערגישער״ נאַטשאַלניק מיך געבעטען, אַז דאָס זאָל נישט אַרויסגעהן פון די 4 ווענד פון תפיסה, אַז וועגען דעם זאָל מען אויף דער פריי גאָרנישט וויסען, ווייל אויב דאָס זאָל דערגעהן צו „נאַטשאַלסטוואָ״ וועט ער זיין שטעל פערלירען און מיר וועלען זיך מאַכען ערגער. בכּדי אימעצער פון די רעוויזאָרען זאָלען אונז נישט טרעפען אונגעריכט, איז געווען אָבגעמאַכט, דאָס פֿון קאַנצעלאַריע וועט מען אין אַזאַ פאַל געבען אַן׳עלעקטרישען סיגנאַל און דאַמאָלסט דאַרפען שוין אַלע זיין אויף די ערטער.

אויך די קרימינעלע זענען פון אונז נישט אָבגעשטאַנען. די שוואַכקייט, וואָס דער נייער „נאַטשאַלניק״ האָט אַרויסגעוויזען בנוגע אונז, האָט אירם פולשטענדיג קאָמפּראָמיטירט אין די אויגען פון אַלע אַרעסטאַנטען. אָנפֿאַנגס האָט ער נאָך אין בעצוג צו די קרימינעלע געפּאַסט מוט און איז געווען צו זיי זעהר שטרענג. זיי אָבער האָבען איהם געזידעלט מיט די לעצטע ווערטער און נישט געלעגט אַכט אויף זיינע בעפעהלען. אין איין אָווענד האָבען זיי פאַנאַנדערגענומען די אויוועגס, צובראָכען די שויבען, געמאַכט אַ תל און אַ חורבן אין די צימערן. דער נאַטשאַלניק האָט אַלץ נישט געשיקט נאָך מיליטער. אַז ס׳איז געוואָרען גאָר שלעכט, האָט ער זיך געווענדעט צו אונזער פערמיטלונג. מיר האָבען די שליחות אָנגענומען און האָבען אויסגעאַרבייט מיט די פיהרער פון די קרימינעלע אַ גאַנצע רייהע פונקטען, אויף וועלכע דער נאַטשאַלניק האָט תיכף מסכים געווען. די טורמע איז געוואָרען „אַ פרייע״, די „אינסטרוקציעס״ האָבען פערלאָרען זייער כח און ממשות.

איין געהילף איז אונז נאָך געשטאַנען אין וועג. דאָס איז געווען דער „מאָנאַרכיסט". אַ יונגער בחור מיט שפּראָציגע, שוואַרצע וואָנצעס, קליינע גרינע אויגעלעך און אַ פּעריסען, אויפּפּאָדערענדיג געזיכט. די גאַנצע טורמע האָט איהם פיינד געהאַט און ער האָט אונז אַלע נישט געקאָנט פערטראָגען. ביי יעדער קלייניגקייט פלעגט קומען מיט איהם צו קאָנפליקטען. מיר האָבען זיך אַלץ געקליבען אין איהם זיך נוקם זיין. לעצטענס האָט ער אַליין אַרעסטירט אויף יענער זייט וואַנד אַנ'אַרבייטער, וואָס איז געקומען זיך אַדורכרעדען מיט די אַרעסטירטע און האָט איהם איבערגעגעבען די זשאַנדאַרמען. דאָס האָט איבערגעפּולט די מאָס און מיר האָבען בעשלאָסען צוזאַמען מיט די קרימינעלע איהם פון טורמע צו פערטרייבען.

גראָד אין יענער וואָך האָט ער געפייערט זיין התונה אין טורמע־קלויסטער. ס'לאָזען זיך אַראָב אויסגעפּוצטע דאַמען אין באַלאָווע טואַלעטען, ס'קלייבען זיך צונויף יונגע מלוכה־בעאַמטע פון פערשידענע ראַנגען. דער חתן, אויסגעפּוצט אין אַ נייעם מונדיר, פיהרט די כלה בעהאָנגען מיט אַ ווייסען שלייער, מיט זיכערע טריט איבער'ן קאָרידאָר. דער פּאָפּ מיט זיינע משוררים זינגט לוסטיג, מונטער די תפילות. ווי נור אָבער ער האָט אָנגעהויבען אויפ'ן באַס „פּרעה זיך יהושע"! האָט זיך איבער דער גאַנצער טורמע דערהערט אַ קוויטשעריי, אַ פּייפּעריי, אַ מיאַוקען פון קעץ, אַ בילען פון הינד, אַ משונה'דיגער כאָר פון פערשידענע קולות. דער געזאַנג אין קלויסטער ווערט איבערגעריסען, די געסט ווערען מבולבל, אין איינעניש ווערט די צערעמאָניע פערענדיגט. הונדערטער הענד קלאַמערען זיך ביי די קראַטעס, בלאַסע געזיכטער קוקען אין הויף מיט גיריגע בליקען און ווי נור עס בעווייזט זיך דער חתן, וואָס פיהרט שנעל די כלה איבער'ן הויף דערהערט זיך ווידער דער זעלבער „קאַצען־קאָנצערט". דער פערשעמטער חתן לויפט שוין האַסטיג, נאָך איהם לאָזט זיך די כלה צושראָקען און זיי יאָגטנאָך, ווי שטאַרקע קלעפּ דאָס פייפען און ריטשען פון הונדערטער העלזער.

נאך אזא קאנצערט האט זיך דער געהילף צו אונז שוין א לאנגע צייט נישט בעוויזען, בפרט, אז מיר האבען מתרה געווען דעם „נאטשאלניק“, דאס דער קאנצערט וועט זיך איבערחזר'ן אלע מאל ווי נור יענער וועט אריבערטרעטען אונזער שוועל.

3.

ס'האט זיך דא ביי מיר איינגעשטעלט א פערהאוועט לעבען. שטענדיג פערטון, בעשעפטיגט און פערנומען. אין דער פריה דארף מען צונויפשטעלען א צעטעל פאר דאזשדיקאוו'ען, וואס איינצוקויפען אויף מיטאג. נאכדעם דארף מען געהן רעכנען זיך מיט'ן „נאטשאלניק“. ס'איז ביי אונז געווען אבגעמאכט, דאס אלע געלדער וואס קומען-אן פאר די „פאליטישע“ ווערען איבערגעשריבען אויף מיין נאמען און איך פיהר שוין די חשבונות מיט'ן „נאטשאלניק“. מיר לעבען אלע אין „איין קאמונע“. קיינער האט נישט קיין רעכט אויסצושרייבען זאכען פאר זיך. מוז מען דארום ארומגעהן אלע צימערען און אויסהערען יעדענס בעגעהר און פערלאנג. דאס איז נישט קיין לייכטע עובדא. דער וויל דוקא טאבאק און איז אפילו גרייט זיך אבזואגען צוליב דעם פון צוקער. אנדערע פערלאנגען ווידער מילך און פארערען איינגאנצען סקאסירען דאס רויכערן. איך מוז אויך זיין אונטען אין קיך צו היטען דעם קוכער, ווייל מען בעגנב'עט אונז גאר אנזעהענדיג. דא ווידער מאכען זיך סכסוכים צווישען די חברים מיט די וועכטער, מיט די קרימענעלע און גאנץ אפט אויך צווישען זיך גופא. מען מוז אומעטום זיין, אלעמען אויסהערען, ארומלויפען איבער אלע קארידארען, אזוי, אז דו בעמערקסט גאר נישט ווי דער טאג געהט-אוועק און מען קלינגט שוין אויף „פאווערקע“.

אונזער טורמע איז א צענטראלע און דורך איהר געהען דורך אלע עטאפען פון פוילען, פון ווילנע און גאנץ ליטע. די פערשיקטע אין סיביר שטעלען זיך אב ביי אונז אויף א וואך און אמאל צוויי אויך. מען בעגעגענט זיך דא מיט אלטע פריינד,

מען שלײַסט קענטשאַפֿט מיט נײַע מענשען, מען ווערט געוואָהר פערשידענע נײַעס, מען טײלט זיך מיט די איבערלעבונגען. מיר האָבען זיך דערשלאָגען ביים „נאַטשאַלניק", אַז אַלע דורכגעהענדע מיט'ן עטאַפּ זאָלען אויך קאָנען געניסען פֿון אונזער „קעסעל" אויף אונזער חשבון. יענע לעבען גאָר אָב ביי אונז, דערכאַפּען די נשמה און קאָנען זיך גאָר נישט אָבלויבען פֿון אַזאַ „פרײער" טורמע.

מיט דער שטאָדט שטעה איך אויך אין ענגער פערבינדונג און בעקום אפילו פון דאָרט טעגליך צײטונגען. די „פּאָסט" איז ביי אונז אַזוי סאָליד אָרגאַניזירט, דאָס מען בעראַט זיך מיט מיר פון שטאָדט וועגען פערשידענע פּאָליטישע ענינים און איך האָב אפילו אַרויסגעשיקט פון טורמע אַן'אָנגעשריבענע פראָקלאַמאַציע צום דרוקען. מײן פֿרוי איז אַרעסטירט אויף אַ פאַלשער „כתיבה" (פּאַספּאָרט) האָב איך זיך דורכגעשריבען וועגען דעם מיט די ענטשפּרעכענדע אינסטאַנצען און מען האָט צוגעשיקט פאַר איהר אַ נאָמען און פאַמיליע פון אַן'„אײזערנער כתיבה".

מען האָט אפילו מיר פאָרגעשלאָגען פון שטאָדט צו לויפען. דעם דאָזיגען פאָרשלאַג האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ וועכטער, אַ געוועזענער באַהן־אַרבײטער, אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער. זײן פּלאַן איז געווען אַזעלכער: ער שטעהט אויפ'ן פּאָסטען גאַנצע נעכט עטליכע מאָל אַ וואָך ביי דער פרויען־אָבטײלונג. אין אײנע פון יענע נעכט זאָל איך דורכבויערן אַ גרעסערע לאָך, וואו מײן פרוי געפינט זיך (מיט די נויטיגע מכשירים וועט ער מיר שוין בעזאָרגען). אַז איך וועל שוין זײן אין דעם אונטערשטען טורעם וועט ער איבערזעגען מיט אַ זעג די קראַטעס, מיר וועלען אַרויסגעהן דורכ'ן פענסטער, פון יענער זײט וואַנד וועט מען אַריבערוואַרפען אַ שטריקלײטער און מיר צוזאַמען מיט איהם וועלען אַוועקגעהן בשלום, אַז קײן האָן וועט נישט קרעהען. איהם איז שוין סיי ווי סיי נמאס געוואָרען דאָס דינען אין טורמע, וויל ער פון דאָרטען אַוועק לכל־הפחות מיט אַ נוצען.

איך האָב קאַטעגאָריש פערוואָרפען דעם דאָזיגען פּלאַן. ער האָט מיר אויסגעזעהן צו זיין צו ריזיקאַליש. אגב האָב איך ניִשט געוואָלט שטעלען אין סכנה דעם אידעאַליסטישען וועכטער. בפּרט, אַז איך און מיין פרוי האָבען ניִשט צו ערוואַרטען קיין שטרענגען פּסק־דין. אין ערגסטען פאַל וועלען מיר ווערען פערשיקט קיין סיביר און פון דאָרטען קאָן מען שטענדיג לויפען, ניִשט שטעלענדיג דעם אייגענעם און פרעמדען לעבען אין קאָן.

די זשאַנדאַרמען האָבען מיך אַ לאַנגע צייט געלאָזט צורוה, קיין שום אויספאָרשונג, קיין שום פערהער. דערפאַר אָבער האָבען זיי, נאָך אַ 4–5 חדשים, מיר געמאַכט אַ סיורפּריז. מען האָט מיך גערופען אין קאַנצעלאַריע. דאָרטען האָב איך געטראָפען כריפּאָוו׳ן, וואַסיליעוו׳ס געהילף און אַ פּראָקוראָר. מען פרעגט מיך מיין נאָמען. איך רוף זיך אָן–שטיינבערג. כריפּאָוו צולאַכט זיך און זאָגט: אויב אַזוי האָט איהר זעהר אַ שלעכטע מיינונג וועגען די רוסישע זשאַנדאַרמען. נאָך דריי חדשים זאָלען מיר ניִשט דערגעהן אייער אמת׳ען נאָמען, וואָלט שוין זיין זעהר קאָמפּראָמיטירענד פאַר אונז.

ווירקליך ער האָט מיר אויפ׳ן שטעל גלייך אָנגערופען מיין ריכטיגען פאַמיליע־נאָמען. מיר איז נור פערבליבען דאָס צו בעשטעטיגען און זיך אָבזאָגען פון דעם פאַלשען שטיינבערג. אין טורמע אָבער, ווי ביי די אַרעסטאַנטען און אויך ביי דער אַדמיניסטראַציע, בין איך פערבליבען אַלס שטיינבערג די גאַנצע צייט. זיי האָבען קיין אַנדער נאָמען גאָרניִשט געוואָלט אָנערקענען. ביי דער גאַנצער בריה׳שקייט פון די זשאַנדאַרמען האָט זיך זיי דאָך ניִשט איינגעגעבען אויפצודעקען מיין פרוי׳ס נאָמען און זי איז פערבליבען ביי דער פאַמיליע, וואָס מען האָט איהר פון שטאָדט צוגעשיקט. מיין נאָמען האָבען אויך ניִשט זיי גופא אויפגעדעקט, נור דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, וועלכער האָט שוין געהאַט פון פריהער מיין פאָטאָגראַפיע.

פאַר וואוינען אויף אַ פאַלשען פאַספאָרט בין איך מיט מיין פרוי איבערגעגעבען געוואָרען צום קרייז־געריכט. דאָס איז געווען דאַמאָלסט אַ נייעס בנוגע פאָליטישע, ווענענס אַלע פערברעכענס זענען גע׳משפט געוואָרען אַדמיניסטראַטיוו. דער ערשטער עקספערימענט, וואָס וואַסיליעוו האָט געמאַכט מיט׳ן געריכט איז איהם זעהר נישט געלונגען. ווסענדיג, אַז מיין „רעפּוטאַציע“ אין פאָליצייי־דעפּאַרטאַמענט איז שוין במילא אַ געפאַלענע און איך האָב שוין נישט וואָס צו פערלירען, האָב איך אויסגענוצט מיין געריכט, כדי זיך אָברעכנען מיט די זשאנדאַרמען. דער געריכטס־זאַל איז געווען געפּאַקט, מיר זעהען דאָרט אַנ׳אייגענעם עולם, וועלכער בעגריסט אונז און שמייכעלט אונז ליבליך צו.

איך בעקום אַ וואָרט צו ערקלערען די סיבות, וואָס האָבען מיך בעוואויגען צו וואוינען אויף אַ פאַלשען פאַס. איך רעד וועגען דעם אַדמיניסטראַטיווען ווילקיר, וועגען די אויס־פאָרשונגען, וועלכע ווערען געפירט דורך אונגעבילדעטע, גראָבע זשאַנדאַרמען, וועגען דעם, וואָס מען מאַטערט־אויס אונשולדיגע מענשען יאָהרענלאַנג אין תפיסה. די ריכטער הערען זיך־צו אויפמערקזאַם, דער פּרעזעס שאָקעלט־צו מיטפיה־לענד מיט׳ן קאָפּ, דער פּראָקוראָר ברומט עפּעס פערשעמט אַ פּאָר ווערטער און דער געריכט פער׳משפט מיך צו צוויי וואָ־כען פּאָליציי־אַרעסט און מיין פרוי—נור אויף אַ וואָך. וואַסיל־יעוו געהט־אַוועק אַ פערשעמטער און דער עולם מאַכט אונז אַנ׳אָוואַציע. דאָס איז געווען צוויי יאָהר פאַר דער ערשטער אָקטאָבער־רעוואָלוציע...

* *
*

דער פּאָלקאָווניק כריפּאָוו רופט מיך שוין אָפּט אַרויס צו זיך נישט אויף קיין פערהער, נור אַזוי זיך, „אויף אַ שמו־עס“. ער ענטוויקעלט פאַר מיר ברייט זיינע אידעען וועגען אַ לעגאַלער אַרבייטער־בעוועגונג, ער רופט זיך אָב מיט גרויס דרך־ארץ וועגען מאַניע ווילבושעוויטש און קלאָגט זיך ביטער,

פאַר וואָס די בונדיסטען ווילען איהם נישט פערשטעהן. „אייגענטליך, בין איך דאָך אויך אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט", האָט ער מיט מיר גע׳טענה׳ט: „נור מעהר נישט פון דייטשען שניט. איהר קאָנט מיט מיר נישט מסכים זיין אויך, אָבער פאַר וואָס האָב איך פערדינט אַזאַ פעראַכטונג און שנאה?"

און ער דערצעהלט מיר, ווי קרום די העכערע „נאַטשאַלסטוואָ" קוקט אויף דער טעטיגקייט פון די עטליכע ערליכע מענשען, וואָס ווילען רוסלאַנד „אייראָפּעאיזירען". „מיינט נישט", האָט ער צוגעגעבען מיט אַ געהיימניספולער מינע: „אַז נור איהר קומט־אָב צוליב אייער אידעאַל. אויך איך לייד שטאַרק צוליב מיין אידעע." „ווער ווייסט", האָט ער איינמאָל מעלאַנכאָליש פערענדיגט זיין געשפּרעך: „מעגליך אַז גאָר אין קורצען וועל איך מיט אייך זיצען אין איין קאַמער." דער דאָזיגער געשפּרעך איז טאַקע פאָרגעקומען באַלד נאָכדעם, ווי זובאַטאָוו איז דורכגעפאַלען מיט זיין בריף וועגען פלעווען און זובאַטאָוו׳ס טרייער תלמיד האָט באמת געהאַט אַ גרונד זיך צו שרעקען פאַר זיינע חטאים.

פון איהם דעם ערשטען האָב איך זיך דערוואוסט וועגען דעם, אַז דער „בונד" איז אַרויסגעטרעטען פון דער רוסלענדער סאָצ.־דעמאָקראַטישער פאַרטיי. אין מאָנאַט אויגוסט 1903 איז אָנפאַנגס אין בריסעל נאָכהער אין לאָנדאָן פאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפאָהר פון דער ר. ס. ד. א. פאַרטיי. ער האָט געדויערט העכער 3 וואָכען, האָט דעבאַטירט וועגען פּראָגראַם און אָרגאַניזאַציע־פראַגען און האָט זיך ענדליך צושפּאָלטען אויף פראַקציעס (באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס און צענטער). די אַלע דריי פראַקציעס האָבען צווישען זיך נישט געקאָנט זיך צונויפרעדען וועגען דעם אָרגאַניזאַציאָנעלען בוי פון פאַרטיי־בנין און וועגען זיין מיטגלידערבעשטאַנד. זיי זענען אַלע צוזאַמען אָבער אַרויסגעטרעטען געגען דער אָרגאַניזאַציאָנעלער זעלבשטענדיגקייט פון „בונד" און די נאָכגיביגסטע פון זיי האָבען מסכים געווען צו געבען איהם „אַנ׳אויטאָנאָמיע" פון אַ לאָקאַלען קאָמיטעט. די בונדישע

דעלעגאַציע (נח, וויַמאַלי־יודין, (אייזענשטאַט), ליבער־גאָלדמאַן, וול. קאָסאָווסקי, וולאַדימיר מעדעם און אַרקאַדי קרעמער) האָט געטון אַלץ פון איהר זייט, בכדי ניַשט איבערצורייסען דעם פערבאַנד מיט דער פּאַרטיי, וועלכע דער „בונד" האָט געהאָלפען אויסצובויען און מיט וועלכער ער איז געווען אידעאיש פערבונדען. אַלע בונדישע קאָמפּראָמיס־פּאָרשלאַגען האָבען געטראָפען אויף טויבע אויערן, און די דעלעגאַטען, בעזעהן מיט גענויע דירעקטיוועןי פון דעם נור וואָס פערענדיגטען 5־טען צוזאַמענפאָהר (יולי 1903), האָבען געמאָלדען וועגען דעם צייטווייליגען אַרויסטריט פון „בונד" פון דער פּאַרטיי.

געגען „בונד" האָט זיך גיך אָנגעהויבען אַ אידעאישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער קאַמף. אין דעם געגענד, וואו דער „בונד" איז געווען טעטיג, האָט זיך געבילדעט אַ „צפון-מערב'־דיגער קאָמיטעט" פון דער פּאַרטיי, וועלכער האָט געגרינדעט קאָנקורענץ־גרופען געגען „בונד". די שטרייט־פראַגע איז אַרויסגעטראָגען געוואָרען פאַר דערברייטער אָרגאַניזירטער אַרבייטער־מאַסע. גאַנץ הערבסט זענען פאָרגעקומען אין גאַנ־צען תחום מאַסען־פערזאַמלונגען וועגען דעם אַרויסטריט פון „בונד" און מיט'ן אויסנאַהם פון איינצעלנע „אינטעליגענטען" און מיטלויפער, האָבען זיך אַלע אָרגאַניזירטע אַרבייטער אַרויסגעזאָגט פאַר דער האַנדלונג פון דער ד'עלעגאַציע, פאַר די עקזיסטענץ־נויטיגקייט פון אַ יודישער סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שער אָרגאַניזאַציע, פאַר'ן „בונד".

וועגען דעם אַלעם האָבען מיינע קאָרעספּאָנדענטען מיך גענוי אינפאָרמירט און איך האָב פון דערווייטענס מיט גרויס אינטערעס נאָכגעפאָרשט די גאַנצע בעוועגונג אין אַלע איה־רע פּרטים.

די פּינסקער.

אין טורמע איז אַלץ געוואָרען ענגער, אונזערע צימערן זענען געוואָרען געפּאַקטער. מיט יעדען טאָג ברענגט מען צו אונז גאַנצע פּאַרטיעס, וועמען פון מינסק גופא, וועמען פון דער פּראָווינץ. ס׳איז שוין דאָ לגמרי פערשוואונדען די קאַטעגאָריע „סעקרעטנע“. ווער ס׳קומט נור אָן אַהער, געהט גלייך איבער אין אונזער רשות און מיר אָרדנען איהם שוין איין, לויט׳ן אייגענעם אויסוואַהל און פרייען פּלאַץ. אַ גרויסע ענגשאַפט האָבען ביי אונז בעזונדערס אָנגעמאַכט די פּינסקער.

אין יאָהר 1902 איז אַראָבגעקומען קיין פּינסק פון ריגע אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט זיך אָנגערופען ארנאַטסקי. ער איז געווען אַ לעהרער פון רוסישער און העברעאישער שפּראַכען. באַלד נאָך זיין אָנקומען, האָט ער גלייך געשלאָסען קענטשאַפט מיט די בונדיסטישע אַרבייטער-קרייזען. אַ שענער רעדנער און אַ בעלעזענער מענש, איז איהם לייכט געווען צו דערשלאָגען זיך צו דער העכסטער אינסטאַנץ פון דער פּינסקער אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך איבערגעגעבען דער אַרבייט מיט לייב און זעל. ער פלעגט אַרויסטרעטען אויף מאַסען-פערזאַמלונגען וואו ער פלעגט בעגייסטערן דעם ברייטען עולם מיט פייערדיגע רעדעס. ער פלעגט אָנפיהרען מיט קרייזען, פלעגט שרייבען און העקטאָגראַפירען יודישע בלעטלעך. פאַר פּינסק איז דער אַראָבגעקומענער „אינטעליגענט“ געווען ממש אַ געפונענער אוצר. ער איז שוין אפילו געקומען קיין מינסק צו פערבינדען זיך דורכ׳ן קאָמיטעט מיט׳ן צענטראַל-קאָמיטעט און איז געווען אַ זיכערער קאַנדידאַט אויף דעם 5-טען צוזאַמענפאָהר פון „בונד“.

אין פּינסק איז אַוועק אַ שענע אַרבייט. אָבער אין דער וועלכער צייט האָבען זיך אָנגעהויבען אָפּטע אַרעסטען. דאָ ווערט אַרעסטירט אַן'אָנפּיהרענדער קרייז, דאָ פאַלט־דורך די דירה, וואו ס'געפינט זיך אונלעגאַלע ליטעראַטור, באַלד פאַלט־אַריין די קאָנספּיראַטיווע וואוינונג, וואו ס'איז געלעגען דער אַרכיוו און שטעמפּעל. ביי די אַרעסטירטע ווערט געבוירען אַ חשד, אַז אימיצער גיט־אַרויס, אַז איינער גאָר אַ נאָהענטער אינפאָרמירט וועגען אַלץ די זשאַנדאַרמען. דער חשד ווערט אַלץ פעסטער, ער פערוואַנדעלט זיך אין אַ זיכערקייט. די זשאַנדאַרמען דערצעהלען אויפ'ן פערהער אַזעלכע זאַכען, וואָס נור די נאָהנטסטע האָבען דאָס געוואוסט. אָבער ווער איז דער פערעטער? ווער קאָן דאָס וויסען אַלע סודות? די אַרעסטירטע רעדען זיך דורך צווישען זיך, מען דערצעהלט זיך, וואָס די זשאַנדאַרמען האָבען געזאָגט, מען שטעלט פעסט, ווער האָט דאָס אַלץ געקאָנט וויסען און מען קומט צו אַ הסכם:

ארנאַטסקי איז אַ פּראָוואָקאַטאָר; ער און נישט קיין אַנדערער!

מען האָט איבערגעגעבען די ענטפּלעקונג פון טורמע אין שטאָדט. די פערבליבענע האָבען אָנגעהויבען ארנאַטסקי'ן נאָכשפּירען. יענער האָט, אַפּנים, דערפיהלט, אַז מען איז איהם חושד און האָט אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקע נערוועזיטעט. ער האָט באַשלאָסען אָבצופאָהרען פון פּינסק. נור פאַר'ן פאָהרען האָט מען איהם איינגעלאַדען אין וואַלד צו רעדען אויף אַ פערזאַמלונג. ווען ער איז געגאַנגען צוריק פון דער פערזאַמלונג איז איהם א־נער בעפאַלען, געמאַכט איהם 26 וואונדען מיט אַ האַק ביז ער איז געבליבען ליגען אַ טויטער.

בעת מעשה האָט מען קיינעם נישט אַרעסטירט. די פּאָליציי האָט געמאָלדען, אַז ס'איז ערמאָרדעט געוואָרען אַ „מיט־אַרבייטער פון אָכראַנע", וועלכער האָט געטראָגען אַן'אַנדער נאָמען, ווי ער האָט זיך גערופען אין פּינסק. ס'איז קלאָר געווען, אַז שיקענדיג אַזאַ געניטען און פעהיגען פּראָוואָקאַטאָר קיין פּינסק, איז די אָכראַנע נישט אויסען געווען די

דאָזיגע פערהעלטניסמעסיג קליינע שטאָדט. דאָ איז געווען אַנ׳אַנדערע קלוגערע אויסרעכנונג: אַזאַ פעהיגער טוער וועט זיך אין אַ קליין שטעדטעל גלייך דערהויבען אין שפיץ פון דער בעוועגונג, וועט בלי ספק ווערען געוועהלט אויפ׳ן צוזאַמענפאָהר און וועט זיין אימשטאַנד צו אינפאָרמירען וועגען אַלע ענינים אין דער פּאַרטיי און וועגען דעם בעשטאַנד פון צ. ק. דער דאָזיגער פּלאַן וואָלט טאַקע ביז׳ן לעצטען פּרט דורכגעפיהרט געוואָרען אין לעבען, ווען די פּינסקער חברים וואָלטען זיך ביי־צייטענס נישט געכאַפּט.

ווי שוין דערמאָנט, האָט מען בעת מעשה קיינעם נישט אַרעסטירט אויפ׳ן אָרט פון מאָרד. שפּעטער ערשט איז די פּאָליציי געפאַלען אויפ׳ן שפּור פון די שולדיגע. איינער אַ יוד האָט בעמערקט ווי זיין זוהן, אַ קצב, וואַשט בלוט־פלעקען פון זיינע מלבושים, דער פאָטער האָט וועגען דעם געמאָלדען אין פּאָליציי און מען האָט דעם זוהן אַרעסטירט.

דעם דאָזיגען בחור מיט נאָך אַ גאַנצע גרופּע האָט מען געבראַכט קיין מינסק. אַ נידעריגער מיט אַ גראָבען, טעמפּען געזיכט, בלאָנדע פלאַקס־האָר און שטעכעדיגע אויגען האָט ער געמאַכט ביי דער ערשטער בעגעגניש זעהר אַ שווערען איינדרוק. אָבער דער דאָזיגער קצב־יונג האָט פערמאָגט אין זיך אין אַ גרויסער מאָס אידעאַליזם און זעלטענע אויסגעהאַלטענקייט. אַז איך האָב איהם געפרעגט, וואָס פאַר אַ בעווייז ער האָט געהאַט, אַז ארנאַטסקי איז אַ פּראָוואָקאַטאָר, האָט ער מיר גלייכגילטיג געענטפערט, אַז ער האָט גאָר נישט געהאַט.

— פאַר וואָס האָט איהר איהם דערהרג׳עט?

— מען האָט מיר געזאָגט און איך האָב געגלויבט.

ווען זיין משפּט איז אַריבער אין געריכט און מען האָט איינגעלאַדען פאַר איהם בערימטע אַדוואָקאַטען (סטאַל, זאַרודני, און אַנדערע), האָט איהם איינער פון זיי פאָרגעלעגט אונטערצושרייבען אַ בעפולמעכטיגונג אויף זייער נאָמען צו פיהרען זיין פּראָצעס. משה׳ל (אַזוי האָט מען איהם גערופען) האָט געבעטען, מען זאָל איהם איבערלייענען, וואָס דאָרט איז אָנ־

געשריבען. ווי נור דער אַדוואָקאַט האָט דורכגעלעזען די ער־שטע ווערטער „גנעדיגער הער!״ (אויף רוסיש—„גאָסודאַר״) האָט דער קצב דעם אַדוואָקאַט איבערגעריסען מיט די ווערטער: מיט׳ן „גאָסודאַר״ (דעם קייזער, הייסט עס) האָב איך נישט קיינע ענינים און איך וועל דעם פּאַפּיר נישט אונטערשרייבען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז משה׳ל האָט זיך אָנגעהערט, דאָס נאָכ׳ן פּראַאורטיילען צום טויט, רעדט מען איין די פּער־משפּט׳ע צו געבען אַ בקשה אויפ׳ן קייזערס נאָמען; האָט ער געמיינט, אַז מען וויל איהם דאָ אויך אַזוי פּערנאַרען, ווייל ער האָט פּערשטאַנען אונטער׳ן וואָרט „גאָסודאַר״ נור דעם קייזער. נאָכדעם ערשט ווי ער איז געקומען אין קאַמער און געוויזען די „געבילדעטע״ דעם פּאַפּיר און מען האָט איהם דאָ־רט אויפגעקלערט זיין טעות, האָט ער זיך אונטערגעשריבען.

ער איז שפּעטער פּערמשפּט געוואָרען, אויף 8 יאָהר קאַ־טאָרגע. נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָהר 1905 האָט מען איהם על פּי טעות בעפרייט. ער קומט קיין װאַרשא, וואַלגערט זיך אַרום איבער׳ן שטאָדט, ווערט איין איינער פון די אָבלאַוועס אַרעכטירט; בעת׳ן אַרעסט האָט מען איהם שרעקליך צושלאָגען און צומזיקט און אַ קראַנקען, צוּבראָכענעם האָט מען איהם שפּעטער אָבגעשיקט אויף קאַטאָרגע.

מען האָט צו אונז פון מינסק, געבראַכט נאָך אַ גרויסע גרופּע, פּערמשפּטע אויף איניגע יאָהר אין אַרעסטאַנסקע ראָ־טעס (שווערע טורמע). דאָס איז געווען פּאַר בעפאַלען דעם דאָרטיגען פּאָליצײ־ציקרעל און בעפרייען מיט געוואַלד צוויי פּאָליטישע אַרעסטירטע, קאָליע ט. און זיין כלה.

אין אָנהויב פון 1900־טען יאָהר איז אין אָדעס אי־בערגעגאַנגען צום „בונד״ אַ גאַנצער יונג־ציוניסטישער קרייזעל מיט קאָליע ט. אין דער שפּיץ. דער לעצטער איז געווען זעהר אַ שעהנער רעדנער, האָט פּערמאָגט אַן׳אָריגינעלען אַרט דענקען און האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף זיינע בעקאַנטע יונגעלייט און פּריילײנס. ער איז צוזאַמען מיט זיין כלה גניעסע ש. און נאָך איניגע זיינע חסידים אָבגעפאָהרען קיין

פינסק. די פינסקער אַרבייטער האָבן דעם ערשטען מאָל געהערט אַזאַ שענעם אָראַטאָר און קאָליעס רעדעס האָבען ביי זיי אַרויסגערופען אַן'אונבעשרייבליכע ענטציקונג. מען האָט איהם ממש פערגעטערט און אויף די הענד געטראָגען.

איז אָבער די פאָליציי געפאַלען אויפ'ן שפור פון די געקומענע געסט און האָט אַרעסטירט קאָליען מיט גנעסיען. די פינסקער אַרבייטער האָבען נישט געקאָנט בלייבען רוהיג, בעת זייער ליבלינג האָט זיך געפונען אין פאָליציי-אַרעסט. אַ גרויסער המון בעפאַלט דעם פאָליציי-בנין, ברעכט-אויף דעם שלאָס, בעפרייט די צוויי געפאַנגענע לייט און זיי ווערען פערשטעקט אין אַ זיכערען אָרט. די צוויי בעפרייטע זענען בשלום פון פינסק אָבגעפאָהרען. די פאָליציי אָבער דרעמעלט נישט. אויף מאָרגען האָט זיך אָנגעהויבען אַ יאָגעניש נאָך אַלע פערדעכטיגע אַרבייטער. מען האָט אַרעסטירט צעהנדליגערווייז מענשען, מען האָט זיי איבערגעגעבען צום געריכט און אַ גרויסע גרופע פון זיי פעראורטיילט צו עטליכע יאָהר שווערער תפיסה; די, וועמען דער געריכט האָט בעפרייט זענען פערהאַלטען געוואָרען דורך די זשאַנדאַרמען און האָבען געוואַרט אויף אַדמיניסטראַטיווע שטראָפען.

צו יענער צייט, ווען מען האָט זיי געבראַכט קיין מינסק האָבען זיי שוין גנעסיען ש. געטראָפען אין טורמע. זי איז אַרעסטירט געוואָרען צופעליג אין מינסק. קאָליע איז נאָך געווען אויף דער פריי און פלעגט אַרויסטרעטען אויף גרויסע אונלעגאַלע פערזאַמלונגען געגען די „זובאַטאָווצעס”. זיין שם אַלס גלענצענדער רעדנער האָט זיך פאַרנאַנדערגעטראָגען איבערן גאַנצען שטאָדט און איז געוואָרען זעהר פאָפולער צווישען די מאַסען. אין מינסק האָט מען אויף איהם אַלס טוער געלעגט גרויסע האָפנונגען.

אין איין ווינטער-פריהמאָרגען, מיר שפאַצירען אַזוי אַלע איבער'ן הויף, עפענט זיך דאָס אייזערנע טהירעל פון דעם גרויסען פאָליש און דאָזשדיקאָוו פיהרט-אַריין מיט זיך אַ נידריג מענשעל מיט אַ פערשפיצט נערוועז פנים און קליינע,

שפּיציגע אויגעלאַך. „קאָליע!״ שרייען די פּינסקער אויס בשתומם און צושראָקען. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אויפגעקלערט איז קאָליע אַליין אַוועק אין זשאַנדאַרמען־פערוואַלטונג, האָט זיך געמאָלדען צו וואַסיליעוו׳ן און מען האָט איהם תיכף אָבגעפיהרט אין טורמע. ווי ער האָט דאָס ערקלערט, האָט ער דאָס געטון צוליב דעם, ווייל איהם האָט זיך געוואָלט זיין נאָהנט צו זיין כלה. ווי אַזוי די דאָזיגע מעשה האָט געווירקט אויף די פּעראורטיילטע פּינסקער אַרבייטער, וועלכע האָבען געדאַרפט אָבקומען צוליב קאָליעס בעפרייאונג גאַנצע יאָהרען איבערמענשליכע יסורים און פּיין, איז זיך לייכט פאָרצושטעלען.

אַ פּרעהליכער שפּאַציר.

דער גרויסער עולם, וואָס האָט זיך ביי אונז אָנגעקליבען, זיין געמישטער און פערשידענאַרטיגער בעשטאַנד, האָט זעהר בעשווערט דאָס פרידליכע לעבען לויט אונזער קאָנסטיטוציע. ס'זענען געווען אַזעלכע, וועמען ס'איז דערעסען געוואָרען דאָס רוהיג פערפוילט לעבען הינטער'ן שלאָס און האָבען געוואָלט אָבפרישען די נערווען דורך סקאַנדאַלען מיט דער אַדמיניסטראַציע; איינינע האָבען געהאַלטען, אַז מען מוז איבערטראָגען דעם קאַמף פון דער פריי אויך אין טורמע און מען טאָר זיך דאָ נישט בעגנוגענען מיט „קאָמפּראָמיסען". אַנדערע האָבען גלאַט נישט געוואָלט זיך אונטערוואַרפען קיין שום דיסציפּלין און זיי האָבען געוואָלט זיין בעלי־בתּים פאַר זיך, פאַר אַלץ זיין אַליין פעראַנטוואָרטליך.

בעזונדערס שווער איז אונז געוואָרען מיט קאָליץ'ס אָנקומען צו אונז. אַן'אויפגעשרויפט־נערוועזער, שווערער מענש, מיט אַנאַרכיסטישע נייגונגען*) איז אונמעגליך געווען מיט איהם צו הויזען, איהם אונטערצוואַרפען אַ קאָלעקטיווער דיסציפּלין.

שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע טורמע־איינוואוינער פלעגען איינשלאָפען און אין הויף האָט זיך איינגעשטעלט אַ שווייגענדיגע שטילקייט, פלעגט זיך אָנהויבען דורך די פענסטער אַ געשפּרעך צווישען קאָליע'ן און דער כלה. אָבער אַזוי ווי ער

*) שפּעטער איז קאָליע ט. אין אַמעריקאַ ווירקליך אַריבער צו די אַנאַרכיסטען, האָט אָנגעהויבען שרייבען אין זייערע אָרגאַנען און האָט אינגאַנצען איבערגעריסען מיט'ן סאָציאַליזם.

איז געזעסען אין איין עק הויף און זי אין צווייטען, פלעגען זיי אויפהויבען אַ מורא'דיגען געשריי איבער'ן גאַנצען הויף.

די אַדמיניסטראַציע פלעגט האָבען צו אונז טענות, אַז מיר ברעכען דעם אָבמאַך, אַז די קולות אין דער שטילער נאַכט הערען זיך אפילו ביים פראָקוראָר אין הויז (זיין דירה איז געווען נאָהנט צו דער טורמע). די קרימינעלע אפילו פלעגען שטאַרק פעראיבעל האָבען, וואָס מען לאָזט זיי אַזוי שפעט נישט שלאָפען און האָבען ביי מיר געפאָדערט צו בערוהיגען די שרייער. יענע אָבער האָבען זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפען אונזערע בעשלוסען און ס'פלעגט אויף דעם באָדען פאָרקומען אָפטע סכסוכים מיט דער אַדמיניסטראַציע. אגב איז אין יענער צייט אויך צו די זשאַנדאַרמען אַריינגעפאַלען אַ בריף, וואָס איינער האָט אַרויסגעשיקט פון טורמע מיט אַ גענויער בעשרייבונג פון אונזער גאַנצען לעבען.

אין אַ קאַלטען, פראָסטיגען טאָג רופט מען מיך אין קאַנצעלאַריע און דער נאַטשאַלניק מעלדעט מיר, אַז לויט אַ פעראָרדנונג פון גובערנאַטאָר וועלען מיר איבערגעשיקט ווערען אין פערשידענע טורמעס אויף דער פראָווינץ. איך מיט אַ גרופע פון אַ מאַן 15 ווערען אַרויסגעשיקט אין סלוצקער תפיסה.

די דאָרטיגע טורמע האָט זיך גערעכענט פאַר איינע פון די שווערסטע געפענגנישען, וואוהין מען פלעגט שיקען מענשען, וועלכע האָבען זיך שווער פערזינדיגט. די קרימינעלע פלעגען אויפציטערען, ווען מען פלעגט זיי דערמאָנען דאָס וואָרט „סלוצק". אַזאַ אייזען-שווערער רעזשים איז דאָרט געווען. דער נאַטשאַלניק וויל זיין צו מיר ליבעסווירדיג (בפרט, אַז ער האָט מיר נישט געהאַט צו בעצאָהלען דאָס גאַנצע געלד, וואָס מיר איז פון איהם אַרויסגעקומען נאָך דער אָברעכנונג. ער האָט מיר פערשפראָכען עס אָבשיקען שפעטער. איך, פערשטעהט זיך, האָב דאָס געלד נישט בעקומען. נאָכדעם האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער פלעגט זיך פאַר די נייע אַרעסטירטע בערימען, אַז שטיינבערג-איך, הייס דאָס-בין איהם שולדיג געבליבען עטליכע הונדערט רובעל!), ער לעגט מיר פאָר, דאָס

ער וועט מיך פערהאַלטען בײם ערשטען עטאַפּ אַלס קראַנקען און שפּעטער וועט ער זיך משתדל זײן מיך איבערשיקען אין אַ לײכטערער טורמע. איך האָב זיך קאַטעגאָריש פון דעם אָבגעזאָגט, און מיר האָבען זיך געגרײט אין וועג אַרײן.

פאַר׳ן פאָהרען האָט דער „נאַטשאַלניק" מיר פאָרט געמאַכט אַ סיורפּריז. שפּעט אין אָוענד האָט מען מיך גערופען אין קאַנצעלאַריע. דאָרטען האָב איך געטראָפען מײנע אַ גוטע בעקאַנטע פון „רויטען קרײץ", וועלכע האָט אונז געבראַכט אויפ׳ן וועג וואַרעמע מלבושים און עסענוואַרג. דער נאַטשאַלניק האָט מיר ערלויבט זיך זעהען און רעדען מיט איהר געגען דעם בעפעהל פון דער אינסטרוקציע און דער דאָזיגער אַקט דאַרף צוגעשריבען ווערען צו זײן אַקטיוו, וועלכער איז בכלל אַזוי קלײן און אונבעדײטענד. יעדענפאַלס בין איך איהם געווען שטאַרק דאַנקבאַר פאַר אַזאַ מענשליך געפיהל.

אין אַ פראָסטיגען פעברואַר-פריהמאָרגען האָט מען אונז אויפגעוועקט „צום עטאַפּ". מען האָט אונז איבערגעגעבען אין רשות פון אַן אונטער-אָפיציר אַלס עלסטען פון אַ קאָנוואָי-אָבטײלונג און בעלויכטען מיט ברענענדיגע פאַקלען האָבען מיר זיך געלאָזען צום וואָקזאַל. ביז באַראַנאָוויטש זענען מיר געפאָהרען מיט׳ן באַהן; דאָרטען זענען מיר פערבליבען אויף אַ טאָג אין אַ ענג שמוציג הײזעל — „עטאַפּקע" און מאָרגען פריה האָבען מיר זיך געלאָזען אין וועג אַרײן צופוס.

דער אונטעראָפיציר האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַלס קלוגער, טאַקישער מענש, וואָס קאָן זיך צופאַסען צו יעדער סביבה. צוויש׳ען אונז און דעם קאָנוואָי האָט זיך אײנגעשטעלט פרײע נישט געצוואונגענע בעציהונגען און מיר האָבען פערבראַכט אונגעשטערט פרעהליך און לוסטיג אַ קורצע צײט אין וועג.

מיר פלעגען אַרויסגעהן פון אַן׳עטאַפּקע אין דער פריה. די רײנע ווינטער-לופט האָט געמאַכט אַ גענעראַלע דיזענפעקציע אין אונזערע אײנגעשרומפּטע, פערשטויבטע לונגען. דער קלאָרער הימעל, דער װײסער שנעע, די גרויסע, שטילע וועלדער, — דאָס אַלץ האָט שטאַרק אָבגעפרישט אונזער זנפּאַטישע

שטימונג, האָט אַרויסגערופען ביי אונז אַ שטראָם פון נייער ענערגיע. מיר מאַרשירען מיט פעסטע, זיכערע טריט, הויכע מוטיגע טענער רייסען זיך אַרויס פון די העלזער.

מיט אונזער פרעהליכקייט שטעקען מיר אָן אויך די כמאַרנע זעלנער מיט די ביקסען אויף די אַקסלען; זיי הויבען אויך־אָן אונטערזינגען. עס שאַפט זיך אַ געמישטער כאָר: די סאָפראַנען פון אונזערע פרויען, אַפאָר שענע טענאָרען, די באַס־שטימען פון די קאָנוואָי־זעלנער,—דאָס אַלץ צוגיסט זיך אַזוי היללכיג, אַזוי מונטער איבער׳ן טונקעלען, געדיכטען וואַלד. ס׳זענען שוין נישטאָ קיין אַרעסטאַנטען, ס׳זענען ערגעץ אומ־געקומען די זעלנער־שומרים. עס ציהט־זיך איבער פעלד און וואַלד אַ זאָרגלאָזע חברה מיט געזאַנג אויף די ליפען, מיט אַ שמחה אין די הערצער, אַלע צו זיך אַזוי נאָהנט, אַלע אַזוי פערבריִדערט און בעפריינדעט. די סאָלדאַטען זינגען אונז זיי־ערע שירים ערגעץ פון נאָווגאָראָד אָדער קינעשמאַ; מיר זינגען יודישע פאָלקסלידלעך, וועלכע ווערען אויפגעהערט דורך די זעלנער מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און אַלע צוזאַמען זינגען מיר די מוטיגע, פלאַמעדיגע רעוואָלוציאָנערע לידער.

די פויערים, וואָס בעגעגנען אונז אין וועג שטעלען זיך אָב פער׳חדוש׳ט און קוקען אונז לאַנג נאָך. אונזערע לאַנגע, נישט געשוירענע האָר, אונזער גאַנצער הילוך, די בעגלייטונג פון די זעלנער ביי דער זייט, אונזער לאַכען און שטיפען צומישען זיי איינגאַנצען. „ווער זענען דאָס, ציגיינער, אָדער פאָפען?" פרעגט אַן׳אַנדערער תמ׳עוואַטער פויער ביים אונטער־אָפיציר, מיר ענטפערן אויף דעם מיט אַ היללכיג געלעכטער און לאָזען זיך לויפען אין איבעריאָגעניש מיט די זעלנער.

ביי אַ קרעטשמע שטעלען מיר זיך אָב, גאַרטלען־אונטער אונזערע לענדען און דערוואַרעמען זיך מיט אַ גלעזעל טיי אָדער שנאַפס. אַזוי מאַכען מיר אַ וויאָרסט 15–18 אַ טאָג. פאַר־נאַכט קומען מיר־אָן צו אַ שטעדטעל. די יודישע איינוואוינער לויפען־אַרויס צושראָקען, קוקען מבולבל אויף אונז. „אַמעריקאַ־נער?" פרעגט אַ מצהר דרייסטער בעלי־בתישער יונגערמאַן.

„פּאָליטישע!“ ענטפערט אימיצער פון אונז. דער בעל־הבית'ל פערשטעהט נישט, וואָס דאָס בעדייט. ער שטויסט זיך, מן הסתם, אָן, אַז דאָס שמעקט מיט געפעהרליכע מעשות אין רוקט זיך אָב האַסטיג אין אַ זייט. ער גיט תיכף איבער זיין ענטדעקונג די איבעריגע בעלי־בתים, וועלכע שטעהען פון דער ווייטענס, יענע ווערען פון דעם נאָך מעהר צומישט און קוקען שוין אויף אונז פרעמד־אָבשטויכענד.

אין איין שטעדטעל, קאַפּוליע, האָבען מיר געטראָפען אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע. איהרע פאָרשטעהער האָבען זיך גע־מאָלדען צו אונז אין עטאַפּקע, האָבען אונז מכבד געווען מיט אַ ליימענעם קאַן טיי און האָבען זיך מיט אונז בעראַטען וועגען זייערע פּאַרטיי־ענינים. דאָרטען האָבען מיר פערבראַכט אויף אַ גאַנצען טאָג צו רוהען.

נאָך צוויי טעג אוי'ן דריטען פלעגט מען מאַכען אַ רוה־טאָג. זונטאָג פלעגט מען אויף בלייבען אויפ'ן אָרט. אונז אָבער האָט זיך געוואָלט געהן, געהן אָהן אַ סוף, אָהן אַ ציל. ווען ס'וואָלט זיך וועגדען אָן אונז, וואָלטען מיר דעם דאָזיגען מאַרש פערצויגען אויף וואָכען און חדשים. דער אונטער־אָפּי־ציר איז געווען געבונדען מיט אַ טערמין, ער האָט אַזוי אויך צוליב אונז שוין פערבייגעלאָזען איבעריגע צוויי טעג און נאָך אַ וואָך צייט, וואָס מיר האָבען פערבראַכט אין פרייען פעלד און פרישען־געווירציגען וואַלד, האָבען מיר זיך דער־נעהנטערט צו דער שטאָדט סלוצק.

אויסגעצויגען ווערען אונזערע בעגלייטער. זיי פערזיכטען די ביקסען אויף זייערע אַקסלען. די פּנימ'ער ביי זיי ווערען ווידער אונבעוועגליך־שטרענג. ס'לעשט זיך אויס די זון אין אונזערע הערצער, ס'ווערט פערשטאָפּט דער קוואַל פון ווער־טער: שווייגענדיגע, פערטראַכטע, מיט פולע טריט און צובראָ־כענער מידקייט, זעבען מיר צוגעקומען צו אונזער נייער דירה.

אין סלוצק.

אין אַ געשפּאַנטער שטימונג שטעהען מיר אין קאַנצעלאַריע פון סלוצקער טורמע. מיט אַ בייזען נייגיר בעטראַכטען אונז עטליכע וועכטער און אַ שרייבער. מען וואַרט אויפ׳ן „נאַטשאַלניק“. ס׳עפענט זיך די טהיר. עס לויפט אַריין פערסאָפּעט אַ נידריג־דיק מענשעל מיט אָקסענע אויגען, אַ בעוואָקסען פּנים און פעטע, האָריגע הענד. ער טוט־אַקוק אויף אונז בייז פון אונטען אַרויף, לאָזט־אַרויס פון זיך אַנ׳אונפערשטענדליכען ברום און כאַפּט זיך האַסטיג פאַר אונזערע פּאַפּירען.

דערווייל פאַלט ערגעץ אום אין אַ ווינקעל אַ ביקס ביי אַ זעלנער. דאָס נערוועז נפש׳ל אין מונדיר פון אַ נאַטשאַלניק טוט פון גרויס פּחד אַ צאַפּעלדיגען ציטער, דאָס האָט זיך ביי איהם בעקומען זעהר קאָמיש, און איינע פון אונזערע דאַמען צעלאַכט זיך אויפ׳ן קול. די אויגען פערלויפען ביים „נאַטשאַלניק“ מיט בלוט, ער לויפט־צו מיט האַסט צו אונזער ווינקעל און הויבט־אָן צו שרייען, ווענדען זיך אויף דו און גראָב זיך זידלען. תּוך כּדי דיבור בעקומט ער אַ ענטשידענעם ענטפער פון אונז אַלע. ער ווערט פון דעם ווי צומישט, קוקט אויף אונז מיט גרויסע אויגען און ווענדעט זיך צום עלטסטען פון קאָנוואָי:

— וואָס זענען דאָס פאַר אַ מענשען?

— פּאָליטישע. ענטפערט יענער.

דער נאַטשאַלניק בלעטערט שנעל אונזערע פּאַפּירען. „אין רשות פון יוסטיץ־מיניסטער“, „אונטער׳ן מיניסטער פון אינערן“, „ביים פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט“. משמעות די אַלע אינסטאַנצען רופען־אַרויס ביים סלוצקער סאַטראַפּ׳ל, וואָס האָט קיינמאָל נישט געזעהן אַרעסטאַנטען, וועלכע זאָלען זיצען נישט לויט דער פעראָרדנונג פון אַנ׳אויספאָרשונג־ריכטער אָדער קרייז־געריכט, אַ גרויסען יראת־

הכבוד. ער רעדט שוין מיט אונז קיין וואָרט נישט. שטיל גיט ער אָב אַ פעראָרדנונג דעם עלטסטען וועכטער וואוהין אונז אָבצופיהרען.

מיר געפינען זיך אין אַ בעזונדער קאָרידאָר. קיין קרימינעלע זיצען דאָ נישט. אַלץ איז נאָך אַזוי פריש-געפּאַרבט, ווייס און ציכטיג. מען פערשליסט אונז אָבער יעדען אין אַ בעזונדער חדר און מען לאָזט אונז נישט זיך קאָמוניקירען צווישען זיך. מיר בעשליסען צו שמידען דאָס אײַזען כל זמן ס'איז נאָך הייס און גלייך, בעת דער נאַטשאַלניק האָט זיך נאָך נישט אָריענטירט ווי געהעריג ווער מיר זענען, מאַכען אויף איהם אַ שטאַרקען דרוק. מיר הויבען אָן די בעקאַנטע מוזיק מיט קלאַפּען אין די טירען און שרייַען. דער נאַטשאַלניק קומט צולויפען מבולבל און פרעגט, וואָס מיר פערלאַנגען. ער אַליין ווייסט נישט, וואָס צו טון מיט אונז און בעט אונז אָבוואַרטען אַ פּאָר שעה.

אין אַ קורצער צייט לאָזען זיך אַריין צו אונז אין קאַמער די אַלע מאַכטהאָבער פון דער פּאָוויאַטאָווער שטאָדט. דער איספּראַווניק, אַ יונגער פּראָקוראָר'ל, נור וואָס אַראָב פון דער אוניווערזיטעטס-באַנק, אַ מיליטער-מאַן און אפילו דער פּרעזעס פון די סלוצקער אַדעל-לייט. דער ראש המדברים פון זיי איז דער יונגער געהילף-פּראָקוראָר. מיר שטעלען אַרויס אונזערע פאָדערונגען: מיר ווילען האָבען די מעגליכקייט צו קאָמוניקירען זיך איינע מיט די אַנדערע; מיר ווילען „אַנ'אייגענעם קעסעל" (קיך), ביכער, שפּאַציר און עהנליכעס. ער פרעגט זיך נאָך, ווי אַזוי איז געוועזען בנוגע אונז דער רעזשים אין מינסק און מיר דערצעהלען איהם אָן נסים ונפלאות פון דאָרטען. ער פערזיכערט אונז, אַז אונז וועט דאָ נישט זיין ערגער, ער בעפרידיגט אונזערע אַלע פאָדערונגען און גיט דערביי צו, אַז דאָס איז אַלץ נור פּראָוויזאָריש: ער וועט זיך נאָך מכח דעם דורכשרייבען מיט די זשאַנדאַרמען.

נאָך אַזאַ געשפּרעך האָט זיך דער „נאַטשאַלניק" אין גאַנצען פערלאָרען. ער האָט אונז ממש אָבגעגעבען אין אונזער רשות דעם אויבערשטען עטאַזש, מיר זענען דאָרט געוועזען פולקאָם אויטאָנאָם און פלעגען זיך איינאָרדנען ווי אונזער האַרץ

גלוסט. אַ גאַנצע טאָג, ווען דער הויף פלעגט זיין פריי פון די קרימינעלע, פלעגען מיר קאָנען דאָרט שפּאַצירען, פּ.. וו לען און איינאָרדנען פערשידענע שפּילען. מיר האָבען טאַקע בעשטעלט אין טורמע־ווערקשטאַט אַ קראָקעט, אין וועלכען מיר פלעגען שפּילען שעה׳ן לאַנג. דערביי פלעגט מען שטיפען, לאַכען און טומלען, אַזוי ווי ערגעץ אויף אַ פרייען פּלאַץ הינטער׳ן שטאָדט.

נישט איינמאָל פלעגט דער „נאַטשאַלניק" מיך אַרויסרופען צו זיך אַהיים (איך בין פערבליבען אין אַמט פון „סטאַראָסטאַ" אויך דאָ) און זיך בעטען ביי מיר מען זאָל אַזוי נישט שרייען. „איך האָב אייך", האָט ער געטענה׳ט: „אָבגעטרעטען דעם הויף, די קאַנצעלאַריע, לאָזט מיך לכל־הפחות רוהען ביי זיך אין שטוב". ער האָט געוואוינט אין שכנות מיט דער טורמע. ביינאַכט נור פלעגט מען אונז פערשליסען אין אונזערע חדרים, דערביי פלעגט יעדער קאָנען אויסקלויבען וועלכען צימער ער וויל.

שפּעטער־צו, שוין אין אַ פּאָר וואָכען אַרום, האָט דער „נאַטשאַלניק" מיך גערופען צו זיך, האָט מיר קאָנפידענציעל פערטרויט, אַז פון מינסק האָט זיך בעקומען אַ פּאַפּיר אונז אַ ביסעל איינצוימען און איינפיהרען פאַר אונז אַ שטרענגען רעזשים. ער אָבער וויל זיך מיט אונז נישט איינרייסען און בעט דאַרום, מיר זאָלען אויך זיין פאָרזיכטיג און איהם נישט אַרויסגעבען. זיין נאָכגיביגקייט בנוגע אונז ערקלערט זיך נישט נור מיט זיין פּחדנות, הגם ער האָט זי פערמאָגט זעהר אין אַ גרויסער דאָזע. דאָ איז געווען נאָך אַ סבה. מיר האָבען געבראַכט מיט זיך אַ גרויסע געלד־סומע, וועלכע איז געבליבען ליגען אין קאַנצעלאַריע. דאָס געלד האָט דער נאַטשאַלניק גיך פערשוועדעט. ס׳פלעגט דערגעהן צו דעם, דאָס מיר פלעגען אָפט נישט בעקומען די נויטיגסטע פּראָדוקטען. אַז איך פלעג האָבען דערפאַר טענות צום עלטסטען, פלעגט ער מיר איינרוימען אַ סוד, אַז דער „נאַטשאַלניק" גיט איהם קיין געלד

נישט און אַז די קצבים, בעקער, קרעמער ווילן איהם שוין מעהר נישט באָרגען.

איך דערמאָן מיך אַזאַ עפּיזאָד. אַ דאַנטיסט האָט מיר אין יענעם טאָג אַרויסגעריסן אַ צאָהן. ביינאַכט האָט זיך ביי מיר פון הייסען טהיי געעפענט אַן אָדער און ס׳האָט אָנגעהויבען שטראָמען בלוט. איך האָב נישט געוואָלט וועקען קיינעם פון די חברים און האָב אַליין געוואַרט, ווען ס׳וועט איבערגעהן. דער שטראָם אָבער האָט זיך נישט אָבגעשטעלט און איך בין שיער נישט אָבגעגאַנגען מיט בלוט. די אויפגעוועקטע חברים האָבען אָנגעהויבען קלאַפּען אין טהיר און פאָדערן אַ דאָקטאָר. יענער אָבער איז געקומען שוין אינדערפריה, ווען איך בין געווען זעהר אין אַ שווערען צושטאַנד. איך בין געלעגען נאָכ־דעם עטליכע טעג. עסען איז מיר גאָרנישט געווען מעגליך. איך האָב נור געקענט טרינקען טהיי. איינע פון די חבר׳טעס, וועלכע זענען אַרום מיר אַרומגעגאַנגען (אונזערע דאַמען איז געווען ערלויבט צו קומען צו אונז אויף אונזער אָבטיילונג) האָט געשיקט דעם עלטסטען נאָך אַ ציטרין. יענער קומט צו געהן און מעלדעט, אז דער קרעמער וויל אָהן געלד נישט געבען. דאָ איז שוין אַריבער די מאָס און מיין „באַריכהאַר־ציגע שוועסטער״ שיקט רופען דעם „נאַטשאַלניק״. זי פאַלט אויף איהם אָן מיט אַ שטאַרקען ירגזון. יענער שטעהט פער־לאָרען, בעט זי נישט שרייען און לויפט אַליין אַוועק אין גע־וועלבעל און ברענגט מיר אַ ציטרין...

בכלל איז זיין גאַנצע פאַמיליע געווען אַ קראַנקהאַפטע, בעשטאַנען פון דעגענעראַטען. ער פלעגט שפּילען מיט אַזאַרט אין קאָרטען, די פרוי זיינע פלעגט בעקומען אַטאַקען פון שכרות און פלעגט טרינקען עטליכע טעג אָהן אויפהער און אַ זוהן, אַ יונג גימנאַזיסטעל, פלעגט זיך אַריינגנב׳נען אין טורמע פּאַרטאַג און פערקויפען די אַרעסטאַנטען געשפּילטע טאַליעס קאָרטען און שנאַפּס.

אויב אויף אונז האָט דער „נאַטשאַלניק״ אַ מאַך־געטון מיט דער האַנד און להלוטין געלאָזט אונז צורוה, פלעגט ער

זיך דעספאָטיש־אַכזוריות'דיג בעגעהן מיט די קרימינעלע אַרעס־טירטע. מיט קיין אַנדער נאָמען ווי „חיה“ פלעגט ער זיי נישט רופען און פלעגט אָפט אַליין זיי קאָפּען מיט די פיס. דאָס רוב פלעגען דאָרט זיצען קליינע, שוואַכע מענשלאַך, פויערן פון דאָרף, פערד־גנבים און צופעליגע פערברעכער. זיי פלעגען נישט האָבען דעם מוט געגענשטעלען זיך געגען דעם שווערען רעזשים פון דעם קרענקליכען דעספאָט. פלעגט מען אַמאָל אַראָברענגען פון אַנדערע שטעט אַ פּאָר „קאַרטאָרזשאַנעס“, פלעגט ער זיי פון קאַרצער נישט אַרויסלאָזען און זיי דאָרט אַזוי פייניגען, דאָס זיי פלעגען שוין פערלירען יעדע מעגליכקייט צו פּראָטעסטירען. גוט האָט זיך דאָרט געלעבט נור אייניגע רייכערע גנבים און בעאַמטע, וועלכע האָבען פערשווענדעט מלוכה־געלד און האָבען פערמאָגט גרעסערע געלד־סומען אין קאַנצעלאַריע.

* *
*

אַ קורצע צייט נאָך אונזער אָנקומען אין סלוצק איז פּאָר־געקומען אין פּאָליטישען לעבען פון לאַנד אַ גרויסע, זעהר וויכטיגע געשעהעניש — די יאַפּאַניש־רוסישע מלחמה. מיר האָבען באַלד נאָך איהר אויסברוך וועגען דעם זיך דערוואוסט פון די קרימינעלע, פאַר וועלכע מען האָט זונטאָג נאָך דער תּפילה איבערגעלייענט דעם מאַניפעסט „וועגען דעם חוצפּה'־דיגען שונא“. אינטואַטיוו האָבען מיר דערשפירט, אַז דאָס האָט אַ געוואַלדיגע בעדייטונג פאַר דער רעוואָלוציאָנערער ענטוויקלונג פון רוסלאַנד און מיר האָבען אָנגעהויבען פיבערהאַפט זיך אינטע־רעסירען מיט אַלע איהרע פּרטים. מיר האָבען שוין נישט גע־קאָנט לעבען אָהן אַ צייטונג. מיר האָבען דאַרום אַרויסגערופען צו זיך דעם דאָרטיגען פּראָקוראָר און געפאָדערט פון איהם, ער זאָל אונז ערלויבען, צוליב די אויסערגעוועהנליכע געשעהע־נישען אין לאַנד, צו בעקומען אַ צייטונג. דער פּראָקוראָר האָט אין דעם איינגעזעהן אַ בולט'ן בעוויז פון אונזער פּאַטריאָטישער שטי־מונג און האָט אונז פערשפּראָכען צו שיקען אַלע טאָג די „פּעטער־

בורגסקיִיאַ וויעדאָמאָסטי" פון פּירשט אוכטאָמסקי. קיין מעהר „לינקערע" צייטונג האָט ער נישט געוואָלט ערלויבען.

אָבער קוים האָבען מיר לעגאַליזירט דאָס לייענען אַ צייטונג אין טורמע, האָבען שוין די וועכטער פאַר אַ קליינעם לוין נישט מורא געהאַט צו ברענגען אויך אַנדערע צייטונגען. מיט גרויס איבערעס פלעג איך, נאָך אַ יאָהר צייטונגס-הונגער, ממש שלינגען אַ צוויי דריי צייטונגען אַ טאָג. יעדע נייע ידיעה וועגען גאַנג פון מלחמה פלעגט אונז שטאַרק אויפרודערען און אַרויסרופען ביי אונז אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע. הינטער די גראָבע וועגד פון סלוצקער שלאָס האָבען מיר בפועל ממש געהערט די שטאַרקע קלעפּ, וואָס דער צאַריזם בעקומט צוליב זיינע מפּלות אויף די פעלדער פון מאַנדזשוריען און אין די ים-טיפענישען ביי צוסימאַ. מיט גרויס אונגעדולד האָבען מיר מיט יעדען זונגען-אויפגאַנג געוואַרט אויף עפּיס נייעס, איבערקערענדעס.

אין אַ טריבען ווינטער-טאָג האָט זיך צו אונז בעוויזען דער סלוצקער פּראָקוראָר מיט אַן'עלטערן יוסטיץ-בעאַמטען פון מינסק און האָבען אונז אַלע איינגעלאַדען אין איין גרויסען צימער אויף אַ געשפּרעך. זיי האָבען אָנגעהויבען פון „די פאַלשע יאַפּאַנער", גערעדט וועגען דעם גרויסען קאַמף, וואָס שטעהט פאַר דעם לאַנד, און צום סוף אונז פּשוט פאָרגעשלאָגען צו פערשרייבען זיך אַלס פרייוויליגע אין דער אַרמעע, דערביי האָבען זיי אונז געגעבען אָנצוהערעניש, אַז מען וועט אונז נישט שיקען אויפ'ן פראָנט, אַז דאָס וועט זיין מעהר נישט ווי אַן'אַקט פון שלום-שליסען צווישען דער רעגירונג און די יעניגע גרופּען, וואָס ווילען אויף זייער שטייגער דאָס גליק פון רוסלאַנד. מיר האָבען אַלע איינשטימיג דעם דאָזיגען פאָרשלאַג קאַטעגאָריש פערוואָרפען.

ווי מיר האָבען זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט דאָס דער דאַמאָלסדיגער דיקטאַטאָר פּלעווע געמאַכט דעם פּרוב אַריינציהען אַלע פּאָליטישע אין פּאַטריאָטישען שטראָם און דעם זעלביגען פאָרשלאַג, וואָס מיר האָבען בעקומען, איז געמאַכט

געוואָרען אַלע אַרעסטירטע און פּערשיקטע אין גאַנץ רוסלאַנד. אָבער כאַראַקטעריסטיש איז, אַז פון טויזענדער „פּאָליטישע“ האָט זיך געפונען נור איין פּערשיקטער, וועלכער האָט מסכּים געווען אַריינטרעטען פרייוויליג אין דער אַרמיי. אַלע איבעריגע אָבער האָבען מיט פעראַכטונג זיך אָבגעקעהרט פון דער בלוטיגער האַנד, וואָס דער אַלרוסישער דעספּאָט האָט זיי אויסגעשטרעקט.

בוטירקי.

די געשעהענישען אויף די ווייטע שלאכט-פעלדער ווערען אלץ מעהר בלוטיגער, אלץ מעהר טראגישער. די גאנצע אונפעהיגקייט פונ'ם צאריזם, זיין דעקאראטיווע גבורה און ליגנעריש-פערפוילטע פערוואלטונגס-מעטאדען טרעטען-ארויס פאר'ן לאנד אינ'ם פייער פון די מאנדזשורער שלאכטען אין זייער גאנצען העלען ליכט. אהן ספק, דער פערהאסטער רעזשים בעקומט מוראדיגע קלעפ מיט יעדער מפלה. אבער דער דאזיגער רעוואלוציאניזירונגס-פראצעס שלעפט זיך אזוי פאמעלאך, ווי פויל ס'ציהען זיך ביי אונז די טעג אין אונזער „סלוצקער האטעל”.

אנ'אפאטיע בעפאלט אונז אלעמען. דאס שפילען אין „קראקעט” איז שוין לאנג פערווארפען, די דיסקוסיעס און ציי-טונגען זענען אונז איבערדריסיג געווארען. און דרויסען האלט זיך א שענער, ווארעמער זומער. די הימלען באדען זיך אין ים'ן העלען ליכט, די זון רייסט זיך אריבער צו אונז איבער'ן פארקאן און ציהט, ציהט אונברחמנות'דיג ארויס פון דאנען, ווייט אין פרייען פעלד, אין טיפען וואלד, אויף א גרינ גרע-זעל, אויף א שמעקעדיגע לאנקע. מען הויבט-אן צו רעדען צווישען זיך וועגען פלענער, וועגען לויפען פון דאנען, וועגען ראטעווען זיך פון דער פוילעניש, פון די שטייגערנע שטייגען.

דאס געלד געהט שוין אויך ביי אונז ביסלעכווייז אויס. אין דרויסען קאכט איצט א הייסער קאמף, מען האט דארט אנדערע זארג און מען הויבט-אן אונז ביסלאכווייז פער-געסען. מיר בעשרענקען אונזערע בעדערפנישען ביז צום נויטיגסטען, מיר פערקלענערען אונזערע הוצאות ביז'ן מינימום,

מיר פֿערשמעלערען אונזערע פּאָרציעס. און ניִשט איינמאָל שטעהען מיר אין אַ פֿערחלומטען, מילך=ווייסען זומער=פּאַראַנאַכט ביי אונזערע פֿענסטער מיט אייזען געשמידט, אין מאָגען נאָגט אַ פֿיינליכער הונגער און מיר בעטען זיך ביי אונזערע „דאַמען", זיי זאָלען זיך ניִשט אָבזאָגען פֿונ'ם מילך, וואָס מיר האָבען פֿאַר זיי אויסגעשריבען. מיר פֿלעגען זיך בעמיהען צו פֿער=בעהאַלטען פֿון זיי אונזער קאַסע=ביִלאַנס און פֿלעגען בלויז פֿאַר זיי אויסשרייבען אַ שטיקעל פּוטער, אַ ביסעל מילך. זיי האָבען זיך אָבער דערוואוּסט פֿון אונזער מצב און זיי זאָגען זיך אָב צו זיין „פּריוויליגירט", זיי ווילען ניִשט קיין „לוקסוס=זאַכען".

און וואָס וועט פֿון דעם אַלעם זיך אויסלאָזען? ווען וועט שוין נעהמען אַ סוף? שוין באַלד 18 חדשים ווי איך בין אַרעסטירט און די זאַך ריהרט זיך גאָר פֿון אָרט ניִשט. מיט אַ האַלב יאָהר צוריק האָט מען מיר און מיין פֿרוי געמאָלדען, אַז די „פּאַפּירען" זענען אַוועק אין פּאָליצײ=דעפּאַרטאַמענט און דערביי איז דאָס געבליבען שטעהן. ביז ווי לאַנג נאָך קאָן דאָס אַזוי זיך ציהען?

אַנ'ענטפֿער אויף מיינע נאָגעדיגע מחשבות האָב איך בע=קומען אין איינעם פֿון די הייסע יולי=טעג. מען האָט מיך גע=רופֿען אין קאַנצעלאַריע, וואו מען האָט מיר איבערגעלייענט אַ מעלדונג פֿון פּאָליצײ=דעפּאַרטאַמענט, דאָס איך בין פֿער'=משפּט פֿערשיקט צו ווערען אויף 5 יאָהר מזרח=סיביר, נור היות „צוליב די איצטיגע געשעהענישען, וואָס קומען דאָרט פֿאָר" איז עס אונמעגליך אויסצופֿיהרען, פֿעראָרדענט דער פּאָליצײ=דעפּאַרטאַמענט אַרויסשיקען מיך אין די ווייטע גע=געגנדען פֿון אַרכאַנגעלסקער גובערניע. אַזאַ פּאַפּיר מיט'ן זעל=בען איינהאַלט האָט זיך בעקומען אויך פֿאַר מיין פֿרוי. פֿאַר איהר איז בלויז דער טערמין געווען פֿערקלענערט ביז 3 יאָהר.

דערהערט די דאָזיגע בשורה, האָבען אונז אַלע אונזערע שכנים גראַטולירט ווי צו דער גרעסטער שמחה, מען האָט אונז ממש מקנא געווען, גלייך ווי מיר וואָלטען פֿון דאַנען

באַלד אויף דער פרייהייט אַרויס. אויך מיר גופא זענען געוועזן שטאַרק צופרידן פון דער ידיעה. די ווייטע נסיעה האָט אונז וועניג געשראָקען: אדרבא, זי האָט אונז גערייצט מיט פרישע איינדריקען, זי האָט אונז געצויגען מיט'ן אונבעקאַנטען, נייעם לעבען. וואָס ס'זאָל דאָרט נישט געשעהן, ווי אַזוי ס'וועט זיך דאָרט לעבען, אַלץ בעסער ווי דאָס לאַנגזאַמע שטילע אויסגעהן דאָ, הינטער'ן געלען פאַרקאַן...

ווייטער אַנ'עטאַפּ. ביז מינסק געהען מיר צו פוס. אָבער שוין נישט אַזוי רויִשיג און פרעהליך ווי אַהערצו. איך בין שטאַרק אָבגעשוואַכט און מוז זיצען די גאַנצע צייט אויף אַ פוהר. אין מינסק נעמט אונז גלייך אויפן וואָקזאַל איבער אַ צווייטער קאָנוואָי מיט אַנ'אָפיציר אין דער שפּיץ. דער לעצטער איז אַזוי בייז, שטרענג, הייסט אַלע מענער אָנטון האַנד־קייטלאַך, לאָזט נישט צו אונז־צו קיין בעקאַנטע, וויל נישט אָננעמען קיין פעקלאַך פאַר אונז. מיר פאָהרען ווייטער, אין סמאָלענסק שטעלען מיר זיך אויך נישט אָב. ס'האָט זיך בעקומען אַ בעפעהל אויסליידיגען די אָנגעפּאַקטע טורמעס פון די פּערזעסענע אַרעסטאַנטען.

מיר געהען־צו צו דער בעקאַנטער מאָסקווער עטאַפּען־טורמע „בוטירקי”. דער ערשטער איינדרוק מיינער, ווען איך בין אַריין אין הויף פון יענער גרויסער אכסניא, איז געוועזן — אַ קאָלאָסאַלער וואָקזאַל ערגעץ אין אַ גרויסער אייראָפּעאישער שטאָדט. רוימיגע האַלעס פון אַלע זייטען, פּאַרטיעס מענשען, ווי איילענדע צוגען, קומען־צו, צווייטע געהען־אָב. אַ גערויש, אַ טומעל, אַ בהלה. שורותווייז שטעהען אויסגעשטעלט טישען, אַרום זיי — איינגעבויגענע וועכטער און עלטערע בעאַמטע. מען רופט־אויס, מען צעהלט, מען גרופּירט, מען שיקט־אָב מיט בעגלייטער אין פערשידענע ריכטונגען און מען ריכט־אויס אין וועג אַריין. מענשען פון פערשידענעם עלטער און אויסזעהען. שאַרע קורטקעס, אייראָפּעאישע בגדים, קאַווקאַזער פּאַפּאַכעס, אַזיאַטישע קאָפּ־בענדער. ס'אַראַ געמיש פון שפּראַכען, ס'אַראַ רייכקייט אין פאַרבען!

ענדליך איז געקומען מיין רייהע. דער עלטסטער זאָגט דעם וועכטער אַ נומער און יענער פיהרט מיך אַריין אין אַ צווייטען הויף, פיהרט מיך דורך אַ גאַנצען לאַבירינט גע־דרעהטע קאָרידאָרען, הויבט זיך אויף מיט מיר אויף שטיגען און הייסט אויפשליסען פאַר מיר אַ טהיר. איך בלייב אַליין. איך בין ווידער אַ שטרענג איזאָלירטער. וואָס זאָל דאָס בע־דייטען?

דער שליסער קאָן מיר אויף דעם גאָר נישט ענטפערן. דאָ איז די אָבטיילונג פאַר שטרענג־געהיימע. איך פאָדער אַנ־אוידיענץ מיט'ן „נאַטשאַלניק". דאָס איז נישט אַזוי לייכט. עס דאַרף דויערן איינינע טעג. אין עטליכע שעה אַרום מען רופט מיך פאָרט אין קאַנצעלאַריע. מיך נעמט־אויף אַנ'אַלטער גע־נעראַל מיט אַ פאַטריאַכאַלען הדרת־פנים, אַ לאַנגער ווייסער באָרד און גוטמוטיגע אויגען פון אַ זקן.

— אייער סטאַראָסטע האָט שוין מיט מיר וועגען אייך גע־רעדט, הויבט ער אָן, מען מוז די זאַך אויפקלערען ביי פיאָטר אַקימיטשען.

איך ווייס נישט וועגען וועמען ער רעדט; נישט ווער דער ערשטער איז, נישט ווער—דער צווייטער. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די „פאָליטישע" האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם, אַז מען האָט מיך איזאָלירט (צווישען זיי האָבען זיך געפונען מיינע בעקאַנטע פון דער פרייהייט) און זיי האָבען דורך זייער „סטאַראָסטאַ" אינטערוועגירט מכח דעם ביים „נאַטשאַלניק".

פיאָטר אַקימיטש איז דער עלטסטער וועכטער, וואָס איז ממונה אויף דער פאָליטישער אָבטיילונג שוין צעהנדליגער יאָהרען. מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ גרויסען מומחה בנוגע די קאַטעגאָריעס „פאָליטישע" און דער „נאַטשאַלניק" פלעגט זיך אויף איהם אין גאַנצען פערלאָזען. דאָסמאָל אָבער איז דער אַלטיטשקער נעבאַך מיאוס דורכגעפאַלען. ער האָט דורכגעלייענט אין מיינע פאַפירען, אַז איך בין אַרעסטירט צוליב דעם ענין „פון 1־טען מערץ" (די דורכגעפאַלענע פער־זאַמלונג). אַזוי ווי ער האָט גוט געדענקט דעם פראָצעס פון

1-טען מערץ 1881, ווען מען האָט ערמאָרדעט אַלעקסאַנדער דעם 2-טען, האָט ער זיך דערשראָקען פאַר דעם דאָזיגען סימ-באָלישען דאַטום און האָט מיך געהייסען איזאָלירען. דער „נאַטשאַלניק“ האָט זעהר פיעל שפּאַס געטריבען איבער דעם אַלטענס איינפאַל. יענער איז געווען שטאַרק געטראָפען פון אַזאַ „קאָמפּראָמיטאַציע“.

אויפ'ן וועג צו מיין נייער דירה האָט ער זיך מיט מיר פאַנאַנדערגערעדט, האָט מיר אַרויסגעוויזען זיין גאַנצע בקיאות אין פּאָליטיק און האָט זיך געקלאָגט, וואָס היינט איז די „פּאָ-ליטיק“ צוטוישט אויף קליינגעלד.

— ס'פלעגט אַמאָל זיצען ביי מיר, האָט זיך דער אַלטער דערמאָנט אָן די גוטע יאָהרען, אַ יונגערמאַן, אַ סטודענטעל, ממש אַ געפעהרליכער פערברעכער. אין אַ יאָהר 10—15 קומט ער שוין צופאָהרען צו אונז אין אַ קאַרעטע אַלס פּראָקוראָר, אַלס אַנדער גרויסער בעאַמטער. — פּיאָטר אַקימיטש! ווענ-דעט ער זיך צו מיר: איהר האָט מיך דערקענט? איך קוק זיך גוט-צו, דאָס איז דאָך ער, מיין געוועזענער אַרעסטאַנ-טעל, נעבאַך. היינט אָבער, ווער קומט אַהער? ווידער דער אַרבייטער, ווידער דער פויער. וואָס פאַר אַ פּאָליטיקער זענען דאָס?

האָט דער אַלטער פערענדיגט זיין געשפּרעך און אַ מאַך געטון מיט דער האַנד.

אַזוי רעדענדיג, זענען מיר צוגעקומען צום „פּוגאַטשאָווער טורעם“.

דער דאָזיגער טורעם איז געווען אָבגעצוימט פון גאַנצען בנין מיט אַ צוגעמויערטער הויכער וואַנד. ער האָט געטראָגען דעם נאָמען פון דעם בעריהמטען רעוואָלוציאָנערען קאָזאַקען-אַטאַמאַן פּוגאַטשאָוו, וועלכער איז דאָרט אַ צייט געזעסען פערשפּאַרט, אונטען אין קעלער האָבען זיך נאָך געפונען צוויי אייזערנע רינגען, צו וועלכע פּוגאַטשאָוו איז געווען צוגע-שמידט. אין טורעם געגענאיבער—אין „פּאָליציי-טורעם“—זענען געזעסען די פּאָליטישע פרויען.

דער אַלטער וועכטער קלאַפּט-אָן אין טיירעל, מען עפענט

אונז אויף און חברה בעגעגענט מיך מיט „אַ הוראַ!". ס׳אַראַ קולות, ס׳אַראַ שטיפּעריי ס׳אַראַ געפּילדער און טומעל! דער גאַנצער טורעם־בנין איז איבערגעגעבען געוואָרען אין רשות פון די „דורכגעהענדע פּאָליטישע". זיי פּערוואַלטען דאָרט מיט איהם כמעט אויטאָנאָם. איין וועכטער נור פּערשליסט ביי נאַכט די צימערן, וועלכע געפינען זיך אין אַ היבשער צאָהל אין דעם 4־שטאָקיגען בנין. פּאָליטישע אָבער זענען דאָ פּאַרהאַן נאָך מעהר, ס׳האָט זיך שוין אָנגעקליבען אַ פּאָר הונדערט מאַן.

ביז דער לעצטער צייט איז מען געזעסען און געוואַרט אויף די עטאַפּען קיין סיביר. אַהין אָבער האָט מען נישט אַרויסגעשיקט צוליב דער מלחמה. ביז וואַנען דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט בעשלאָסען איבערבייטען סיביר אויף אַנדערע פּונקטען, איז אַוועק אַ היבש ביסעל חדשים. איצט איז דאָ אַ ערעקליכע ענגשאַפט. לעצטענס האָט זיך בעקומען אַ בעפעהל אַרויסצושיקען עקסטראַ־עטאַפּען „פּאָליטישע" צו 90 מאַן אַ פּאַרטיע און אין טורעם ווערט שוין אַ ביסעל גרוימער.

מיר האָבען דאָ אַנ׳אייגענע קיך, אַנ׳אייגענע פּערוואַלטונג, און לעבען אין איין „קאָמונע". מיר קאָנען דאָ אַ גאַנצען טאָג שפּאַצירען און שפּילען אויפ׳ן הויף. דאָ פיהרט זיך אַ רעגולערע סטאַטיסטיק פון אַלע אָנקומענדע, זייער פּאַרטיי־אָנגעהעריגקייט און זייערע אורטיילען. ס׳ווערט אויך אַריינגעטראָגען אין אַ בעזונדער ספר־הזכרונות די גאַנצע כראָניק פון בוטירקי, אַלע וויכטיגע פּאַסירונג און אַלע פּובליקאַציעס וועגען אויפגעדעקטע פּראָוואָקאַטאָרען, חברים־געריכטען און עהנליכעס. דאָס בוך געהט־איבער פון איין „פּאַרטיע" צו אַ צווייטער, און אין פּאַל, ווען ס׳איז נישטאָ ביי וועמען איהם צולאָזען, ווערט ער איבערגעגעבען אַנ׳אַלטען וועכטער, וואָס דינט דאָרט, יענער בעקומט דערפאַר אַ בעשטימטע סומע פון יעדער אָבגעהענדער פּאַרטיע, און דער פאָדעם בלייבט ווייטער פערקניפּט.

איך האָב אויך דאָרטען צו יענער צייט זיך געטראָפען מיט פרומע פרומקין. פריהער ביז 1900 איז זי געווען אַ בונדיסטין און האָט אַ לענגערע צייט געאַרבייט אין לאָדז. נאָכ־

דעם אִיז זִי געוואָרען אַ פערברענטע טעראָרִיסטִין און אִיז געוואָרען אַנ׳אָנגעזעהענער מִיטגלִיד אִין דער נִישט לאַנג געבִּילדעטער פּאַרטיי סאָציאַלִיסטען-רעוואָלוציאָנערען. אִין יאָהר 1903, בעת דער קִיעווער זשאַנדאַרמען-גענעראַל נאָוויצקִי האָט זִי אויסגעפאָרשט בּיי זִיך אִין קאַבִּינעט, האָט זִי זִיך אויף אִיהם געוואָרפען מִיט אַ טאַשען-מעסער, דער גענעראַל האָט פון דעם ווענִיג געלִיטען, פרומע אָבער אִיז פעראורטיילט געוואָרען אויף 8 יאָהר קאַטאָרגע. אִיצט האָט זִי זִיך אויך געפונען אִין „פּאָלִיציי-טורעם", אַלס קאַטאָרזשאַנקע.

זִי אִיז געווען זעהר אַנ׳עקזאַלטִירטע און נערוועזע פרוי. אִיהרע אויגען האָבען תמיד געפלאַמט בּיי אִיהר פון אַ שטענדִיג לייכטענדִיגען אִינעווענִיגסטען פייער׳ל און זִי פלעגט ווערען פערצערט פון אַ פִיבערהאַפטען התלהבות. דער טעראָר— דאָס אִיז געווען אִיהר אִידעע-פִיקס און אונזער ערשטער געשפרעך אִין בּוטִירקִי אִיז גלייך אַרִיבּער אויף דער דאָזִיגער טעמע. זִי האָט נִישט געקאָנט פערשטעהן, ווִי זענען מִיר נאָך דאָס אַזעלכע „דאָקטראָנִיערען" און ווִילען נִישט מודה זיין, אַז דער טעראָר אִיז דאָס בּעסטע מִיטעל צו רעוואָלוציאָנִיזִירען דִי מאַסען.

טאַקע דאַמאָלסט האָט מִיט אִיהר פּאַסִירט אַזאַ מעשה אַלס פעראורטיילטע אויף „קאַטאָרגע" האָט מען זִי געהאַלטען צוזאַמען מִיט אַלע קרִימִינעלע פרויען. אַ צאַרטע און סובטעלע ווִי זִי אִיז געווען, אִיז אִיהר אונמעגלִיך געווען אַרִיבּערצוטראָגען דִי דאָרטִיגע אטמאָספער און זִיך צופּאסען צו יענער גראָב חיה׳שער סבִיבה. זִי האט זיך עטלִיכע מאל געבּעטען מען זאל זִי אִיזאלִירען. אבּער ס׳האט נִישט געהאלפען. דאמאלסט האט זִי געמאלדען, דאס זִי פאדערט, מען זאל זִי צולאזען צום „נאטשאלנִיק". יענער האט זִי אויפגענומען. פרומע רעדט קיין ווארט נִישט און לאזט אראב דעם אלטען גענעראל א קלִינגענדִיגען פּאטש.—„אִיצט וועט אִיהר מִיך שוין אִיזאלִירען", גִיט זִי דערבּיי רוהִיג צו. ווִירקלִיך מען האט זִי געוואלט פערשפּארען אִין קארצער, מִיר האבּען זִיך אבּער אריינגעמִישט

און מען האט זי אַלס קראַנקע אוועקגעזעצט אין שפּיטאָל מיט אַנדערע פּאָליטישע.

ווי בעקאַנט, האט זי טאַקע פאַרענדיגט איהר לעבען, בלייבענדיג טריי איהר אידעע־פיקס. זי האט זיך מיט איינציגע יאהר שפּעטער געוואָרפען אין מאסקווער טעאַטער אויפ'ן גראַדאנאַטשאַלניק און אין איהם אויסגעשאסען. זי איז אויפ'ן אָרט אַרעסטירט געוואָרען און איז פערוּרטיילט געוואָרען צום טויט־שטראף. דער פּסק־דין איז אין קורצען אויסגעפיהרט געוואָרען און פרומע האט אויסגעהויכט איהר פלאַמעדיגע נשמה אויף דער תליה. זי איז אַוועק פון דער וועלט מיט טיפען גלויבען אין דער ריכטיגקייט פון איהר טאַקטיק.

פון יענער צייט איז מיר פערבליבען איינגעקריצט אין זכרון אַ טראַגישער עפּיזאָד: צווישען די „פּאָליטישע" זענען געווען אַ יודישער בערשטער ק. און זיין כּלה איוואנאווא אַ קריסטין, אַ גע־נעראַל'ס אַ טאָכטער. זיי זענען ביידע געזעסען אין קאָוונער טורמע, פלעגען זיך איבערקלאַפּען און זיך דורכשמועסען דורכ'ן פענסטער, ביז זיי האבען זיך פערליבט. מען האט זיי אַרויס־געשיקט נאך מאסקווע. איינער האט געדאַרפט געהן אין איין פונקט און זי אין אַ צווייטען. ס'האבען זיך אנגעהויבען בקשות וועגען שיקען זיי צוזאַמען. צו דעם האט זי בעדאַרפט מיט איהם געזעצליך חתונה האבען.

— איהר פאטער, דער גענעראַל, האט פון איהר נישט געוואָלט וויסען און הערען: זי האט איהם „פערפלעקט דעם מונדיר" און דערצו נאך קלייבט זי זיך חתונה האבען מיט „אַ זשיד". די מוטער איהרע איז געווען א סימפּאַטישע פרוי און האט דערצו שטאַרק געליבט איהר טאכטער. זי האט זיך בעזעצט אין מאסקווע און האט אלץ געטון וואס מען קאן טון פאר חתן־כּלה. דער בערשטער האט געמוזט דורכמאַכען זעהר א שווערע צערעמאָניע מיט'ן שמד'ען זיך, ווייל אהן דעם, וואלט מען זיי צושיידט. אויף מארגען האט געדארפט פארקומען די חתונה.

געשעהט אבער אנ'אונגליק: אין בוטירקי בעווייזט זיך

דיִ עפּיִדעמיִע פוּן שוואַרצע פּאָקען. איִוואַנאָווא ווערט אויף דעם קראַנק און נאָך אַ פּאָר טעג ליִגען איִן שפּיטאָל שטאַרבט זיִ אַוועק. דאָס האָט אונז אַלעמען שטאַרק ערשיִטערט און אַ לאַנגע צייט זענען מיִר נאָך געווען אונטער דעם איינדרוק פון דער טראַגיִשער געשיִכטע. מיִט איינגע יאָהרען שפּעטער האָב איִך געטראָפען ק. איִן אויסלאַנד שוין צוריִק אַלס יוד.

אויפ'ן ווייטען צפון.

אויך אין בוטירקי איז געווען אַרבייט ביז'ן האַלז. מען האָט מיך אַריינגעצויגען אין אַדמיניסטראַטיווע פּערוואַלטונגס־ענינים, אַזוי, דאָס איך האָב נישט בעוויזען אַרומצוקוקען זיך, ווי ס'זענען איבערגעלאָפען עטליכע וואָכען און ס'איז געקומען די רייהע פאַר מיר און מיין פרוי אָבצופאָהרען ווייטער. אונז האָט מען געשיקט נישט מיט קיין עקסטרא־טראַנספּאָרט דירעקט קיין אַרכאַנגעלסק, נור מיט אַ נאָרמאַלען עטאַפּ, וועלכער שלעפּט זיך לאַנג אין וועג.

די ערשטע אָברוה־סטאַציע האָבען מיר געהאַט אין יאַראָסלאַווער טורמע. זי איז פון שטענדיג אָן געווען פערעכענט אַלס אַ שטרענגע, שווערע תפיסה און מיר האָבען געהאַט גענוג אויסצושטעהן פאַר דער וואָך, וואָס מיר האָבען דאָרט „גערוהט". דער דאָרטיגער „נאַטשאַלניק" איז געווען אַ פערביסענער שוואַרצמאה'ניק, פלעגט ברוטאַל בעהאַנדלען די פּאָליטישע, הויפּטזעכליך די קאַטאָרזשאַנעס, ביי וועלכע מען האָט אָבגענומען „אַלע רעכט". ער פלעגט מיט גרויס הנאה דוצען אַנדערע פּאָליטישע, יענע פלעגען נישט פערשווייגען און ענטפערען צוריק אויף „דו", פלעגט ער דערפאַר בעשטראָ־פען מיט קאַרצער, פלעגען זיך די איבעריגע אַריינמישען, אַזוי איז דאָרט אַוועק שטענדיג אַ סדרה קאָנפליקטען. פאַר די 7 טעג, וואָס אונזער פּאַרטיע האָט זיך דאָרט געפונען, זענען מיר מעהר ווי העלפט טעג געזעסען אויף ברויט און וואַסער. מיר האָבען פריי אָבגעאָטעמט, ווען פאַר אונז האָבען זיך פערמאַכט די טויערען פון דער פערשאָלטענער טורמע און מיר, געשמידט אין „הענד־בראסלעטען" איינער צום צווייטען, האָ־

בען זיך געלאָזען אין וועג אַריין (אגב אורחא, איך האָב קיינמאָל, וויפיל מאָל מיר איז נישט אויסגעקומען צו געהן מיט'ן עטאַפּ, נישט געהאַט די זכיה צו טראָגען די דאָזיגע צירונג אויף די הענד. אַלע אָנגעמאָסטענע הענד־קייטלעך פלעגען זיין צו גרויס און פלעגען אַראָבפאַלען פון מיינע הענד).

אָבפאָהרענדיג 12 שעה, האָבען מיר ווידער גערוהט אין וואָלאָגדע. דאָ זענען מיר שוין געשטאַנען גאַנצע 2 וואָכען. די טורמע איז געווען זעהר אַ ריינע, אַ ציכטיגע, דער הויף — בעפוצט מיט שענע קלומבעס, פערזייהט מיט בלומען. דער „נאַטשאַלניק” איז געווען אַן אַלטער דייטש אַ פעדאַנט, וועלכער איז דערצו געווען אַן אַמאַטאָר פון גערטנעריי, אומזיסטע אַרבייט האָט ער אויך געהאַט גענוג, האָט ער דעם הויף שען אויסגעריכט.

פונקט צו דער צייט, ווען מיר זענען דאָרט געווען, האָט „רעווידירט” די טורמע דער געוועזענער ווילנער גובערנאַטאָר פאָן־וואַל, וועלכער האָט בעפוילען צו שמייסען די מאַי־דעמאָנסטראַנטען. איצט איז ער שוין געווען געהילף פון אינערן־מיניסטער. מיר האָבען זיך בעצייטענס דערוואוסט פון זיין קומען און האָבען בעשלאָסען איהם דעמאָנסטראַטיוו בעגעגענען. ביי זיין אַריינקומען אין אונזערע חדרים, האָבען מיר זיך אומגעקעהרט צו איהם מיט דער פלייצע און מיט קיין איין וואָרט נישט געענטפערט אויף זיין בעגריסונג. אַנדערע האָבען איהם אפילו נאָכגעשריגען: „תליון!” אַזאַ אויפנאַמע האָט נישט געבראַכט מיט זיך פאַר אונז קיין בעזונדערע רעפרעסיעס. ער האָט אָבער זיין גאַנץ האַרץ אויסגעלאָזען צו די שענע קלומבעס „דאָ איז נישט קיין האָטעל, נישט קיין פענסיאָנאַט!” האָט ער זיך שטאַרק געבייזערט אויפ'ן נאַטשאַלניק און האָט בעפוילען אַראָבנעמען די קאָלירטע קלאָשעס בייטען. ס'זענען דאָרט בלויז פערבליבען שטעהן פעריתום'טע שטעקלעך, אַלס זכר פון פאָן־וואַל'ס וויזיט.

ענדליך זענען מיר אָנגעקומען קיין אַרכאַנגעלסק. מיר האָבען זיך אָבגעוואַלגערט אַ מעת־לעת צייט אין קליינע

וואַגאָנדלעך, ענג צונויפגעשפּאַרט און צונויפגעפּרעסט. מיר זענען אָבגעשטאַנען אַ פּאָר שעה, ביז מען האָט אונז אויף אַ שיף איבערגעפירט איבער דער דווינע. מיר זענען אַלע שוין אויסגעשעפּט און שטאַרק מיד. מיט שנעלע טריט לאָזען מיר זיך צום געלען טויער פון „ראָמאַנאָוו׳ס אכסניא״ (אַזוי פלעגט מען רופען ביי אונז די עטאַפּען־טורמעס). דער טויער עפענט זיך, אָבער מען נעמט אונז נישט איבער. מען שטעלט אונז אַוועק אין אַ ווינקעל, אַרומגערינגעלט מיט נאָך אַ פערשטאַרקטערן פּאַטרול און מען הייסט אונז וואַרטען.

וואָס איז געשעהן? פאַר וואָס אַזעלכע שהיות? מיר דערזעהן אַן׳אונפערשטענדליך בילד. 4 זעלנער טראָגען עפּיס אַזוי פאָרזיכטיג אַ מענשען ביים קאָפּ און די פיס, נאָך זיי אַ צווייטע גרופּע, אַ דריטע, ביי דער זייט בעגלייטען פערשידענע הויכע בעאַמטע. וואָהין? פאַר וואָס? מיר קאָנען זיך נישט דערשלאָגען קיין ערקלערונג, דערווייל האָט מען אונז בעמערקט פון די פענסטער. מען רופט מיך אָן ביים נאָמען. האַ! אַלטע בעקאַנטע פון דער פריי: קלמן קראַפּיוויקאָוו (שפּעטער זיך דאָס לעבען גענומען אין פּעטשאָרע) און חיים קאַפּלינסקי אַ לעהרער. אויסער זיי פיל בעקאַנטע פון בוטירקי.

— וואָס קומט דאָ ביי אייך פאָר? פרעגען מיר זיי.

— מען וויל אונז צווינגען געהן צו פוס הונדערטער ווערסט. האָבען מיר בעשלאָסען „צו שטעלען אַ פּאַסיווען ווידערשטאַנד״ און מיט׳ן גוטען ווילען נישט געהן.

ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, האָט זיך נישט לאַנג בעקומען אַ צירקוליאַר פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, וועלכער האָט אָבגעשאַפט די פּריווילעגיע פון די „פּאָליטישע״ צו בעקומען פוהרען אויף צום פאָהרען אין די ערטער, וואוהין מען שיקט זיי אַרויס. און אַזוי ווי דאָס קאָן אויסמאַכען הונדערטער און טויזענדער ווערסטען אויך, האָבען אַלע די, וועלכע האָבען בעדאַרפט היינט אָבגעהן מיט׳ן עטאַפּ, בעשלאָסען מיט׳ן גוטען ווילען נישט געהן. מען האָט געשיקט רופען נאָכ׳ן פּראָקוראָר, נאָך די הויכע גובערניאַלע בעאַמטע, דער גובערנאַטאָר אַליין

האָט זיך מטריח געווען און געזאָגט מוסר. אָבער ס'האָט גאָר נישט געהאָלפֿען. די אַרויסגערופֿענע האָבען זיך אָבגעזאָגט צו געהן און פֿלעגען זיך אַוועקלעגען אויף די בעטלאַך. דאַמאָלסט איז אָבגעגעבען געוואָרען אַ בעפֿעהל צו נעהמען זיי אויף די הענד. דערביי האָט יעדען געטראָגענעם אַרעסטאַנט בעגלייט אַ בעאַמטער, כּדי די סאָלדאַטען זאָלען נישט מיסברויכען מיט די פֿויסטען. אָבער געבראַכט די סחורה אין קאַנטאָר, פֿלעגען די געטראָגענע ווידער זיך אָבזאָגען צו געהן און ס'איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה, ווי אַרויסרופֿען פֿוהרלעך און אַוועקשיקען די גאַנצע פּאַרטיע מיט'ן שיף קיין קעם.

די אַרויסגעשיקטע זענען געווען צהן אויבער־מלבושים, אָהן היטלען. אַנדערע אפילו אָהן שיך. אויף די פֿוהרלעך זענען זיי געלעגען און געשריגען: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג"! דאָס האָט אַרויסגערופֿען אַ שרעקליכען טומעל אין שטאָדט. ס'איז שיער נישט אויסגעבראָכען אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע. דוכט זיך, דער גובערנאַטאָר האָט חרטה געהאַט אויפ'ן גאַנצען עסק. דידאָזיגע אָריגינעלע פּראָצעדור האָט געדויערט אַ היבשע פּאָר שעה, מיר זענען קוים אויסגעשטאַנען אויף די פֿיס. מיר האָבען פּרובירט איינציגע מאָל צו פּראָטעסטירען. אָבער זענען אַלע מאָל אָבגעהאַלטען געוואָרען פֿון ביידע זעלנער, וועלכע האָבען געגען אונז אויסגעשטרעקט די באַגנעטען.

נאָכ'ן אבגעהן פֿון דער „פּאַרטיע" און אָבפֿאָהרען פֿון די „גדולים", האָט זיך אין טורמע איינגעשטעלט אַלץ ווי פֿריהער. דער „נאַטשאַלניק" איז געווען אַ ווייכער, שוואַכער מענש און האָט זיך בעמיהט אויסצומיידען מיט אונז קאָנפֿליקטען. פֿיל פֿון די „פֿערזינדיגטע" וועלכע האָבען מיט'ן גובערנאַטאָר גערעדט העזה'דיג זענען פֿערבליבען זיצען און פֿאַר זיי זענען בעשטימט געוואָרען גייע, ווייטערע פּונקטען.

דער אָריגינעלסטער צווישען די פֿערבליבענע איז געווען איינער ביביקאָוו. אַליין אַ הענדלער פֿון אַ צענטראַל־רוסישער גובערניע, אַ בעלעזענער און געבילדעטער מענש, האָט

ער זיך דורכגעדרונגען מיט טאָלסטאָי'ס אידעען, האָט אָנגע־הויבען זיך קליידען ווי אַ פּויער. די גראבע העמד פלעגט ביי איהם זיין אַראָבגעלאָזען איבער די הויזען, ער פלעגט תמיד געהן באָרוועס און דערביי טראָגען ברילען. ער האָט אָנגעהויבען אָפען רעדען דעם אמת געגען „נאַטשאַלסטוואַ” און איז דערפאַר מגולגל געוואָרען אין אַרכאַנגעלסקער טורמע. בעת דער גובערנאַטאָר האָט בעזוכט די טורמע, איז ער געווען דער ראש־המדברים. שוין זיינע באָרוועסע פיס און הילוך האָבען דעם גובערנאַטאָר שטאַרק שאָקירט. ער האָט איהם אָנגענומען פאַר אַ דאָרף־פּויער און האָט זיך געווענדעט צו איהם אויף „דו”. יענער האָט דעם גובערנאַטאָר אזוי אויך געענטפערט. דאָס האָט דעם רוסישען סאַטראַפּ שטאַרק אויפגעבראַכט און ער האָט פעראָרדענט איהם דערוויייל פערהאַלטען.

ס'איז געווען העכסט אינטערעסאַנט מיט ביביקאָוו'ן די צייט צו פערברענגען. אַ פרעהליכער, אַ לעבענס־לוסטיגער, פול מיט הומאָר און גוטמוטיגקייט, פלעגט ער אַריינטראָגען אַ לע־בען אין דער גאַנצער טורמע און פלעגט אַלעמען פעראינטע־רעסירען מיט זיינע אַפאָריזמען. אין טורמע שוין איז פאָרגע־קומען ביי איהם אַן איבערברוך אין זיין וועלט־אָנשויאונג, ער איז געוואָרען אַלץ מעהר געניגט צו טעראָר און איז שפּעטער געוואָרען אַ פערביסענער טעראָריסט. ס'האָט זיך בעקומען אַ פעראָרדנונג אַרויסצושיקען איהם קיין מ ע ז ע ן. ער איז געלאָ־פען פון וועג, האט אָנגעהויבען אַרבייטען אַקטיוו ביי די ס. ר. און איז פעראורטיילט געוואָרען אויף קאַטאָרגע. אין 1909, בעת ס'האָבען זיך אָנגעהויבען מורא'דיגע רעפּרעסיעס געגען די פּאָ־פּאָליטישע קאַטארזשאַנעס, וואָרפט ער זיך מיט אַ מעסער אויף דעם „נאַטשאַלניק” פון בוטירקי, ווערט דערפאַר פעראורטיילט צום טויט און מען הענגט איהם אויף אַלס אַ מענשען „אָהן אַ נאָמען”. ער האָט נישט געוואָלט אַרויסגעבען זיין אמתן נאָמען, כדי צו זיין מוטער זאָל נישט דערגעהן זיין טראַגישען סוף.

איך האָב דאַמאָלסט אין אַרכאַנגעלסק אויך געטראָפען די בעריהמטע טוערין פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ” ווערא פיג־

נ ע ר. 20 יאָהר איז זי אָבגעזעסען אין שליסעלבורגער פעסטונג און ערשט האָט מען זי אַרויסגעשיקט, צוליב איהר שווערען געזונד־צושטאַנד, אין אַרכאַנגעלסק. אין שטאָדט גופא האָט מען איהר נישט ערלויבט צו וואוינען, נור אין אַ נאָהנטען דאָרף באַלד אונטערען שטאָדט. זי איז אַמאָל געווען ווי מען דערצעהלט, אַ גרויסע שענהייט. בעת איך האָב זי געטראָפען האָט זי אויסגעזעהן זעהר בלאַס, שטאַרק צובראָכען און אויפגעשיטערט. מען האָט זי פון אונז שטאַרק איזאָלירט און אפילו די פרויען האָבען געהאַט צו איהר אַ שוואַכען צוטריט.

ביי אונז האָט זיך אָנגעהויבען אַ הייסע דיסקוסיע, ווי אַזוי זאָלען מיר ווייטער רעאַגירען אויף דער פעראָרדנונג פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט וועגען אָבנעמען די פוהרען. אייניגע, דאָס רוב די סאָצ. רעוואָלוציאָנערען האָבען געטענה׳ט, אַז מען מוז זיך האַלטען ביי דער פריהערדיגער טאַקטיק פון „פּאַסיווען ווידערשטאַנד״. איך האָב געמיינט, אַז ס׳איז איבעריג זיך אָבצוזאָגען שוין אין קאַמער פון געהן און דערמיט געבען אַ מעגליכקייט אונז צו טראָגען ווי באַראַנעס. גלייכער וועט זיין, אַז מיר וועלען אַלע אַראָבגעהן אויפן הויף און דאָרטען זיך אָבזאָגען פון צוגעהן ווייטער אָהן פוהרען. די מעהרהייט האָט אָנגענומען מיין פאָרשלאַג און איך האָב געמאָלדען דעם „נאַטשאַלניק״, אַז מיר וועלען אָהן פוהרען נישט געהן. (איך און מיין פרוי האָבען שוין געהאַט אַ בעשטימטען פונקט—קיין מ ע ז ע ן). דער „נאַטשאַלניק״ האָט געוואָלט די זאַך פעררייבען און האָט פאָרגעשלאָגען דעם דאָקטאָר צו פערשרייבען אַ גרויסען טייל אַלס קראַנקע. מיר זענען אויף דעם נישט איינגעגאַנגען.

ס׳איז געקומען דער טאָג פון אָבפאָהרען. מיר גרייטען זיך אין וועג, פּאַקען די זאַכען און וואַרטען אויפ׳ן רוף. די וועכטער און דער „נאַטשאַלניק״ זענען זיכער, אַז מיר האָבען זיך אָבגעזאָגט פון אונזער פריהערדיגען בעשלוס און אַלץ וועט אַראָב כשורה. מען רופט אונז אויס. מיר געהען אַלע אַראָב. מען ברענגט די פרויען, מען שטעלט זיי פאַראויס.

— „קראַנקע און אַדעל־לייט פּאַראויס"! רופט־אויס דער עטאַפּ־אָפּיציר. קיינער ריהרט זיך נישט פון אָרט.

— אויב אַזוי, וועט איהר אַלע געהן צו פוס. מעלדעט ער קאַטעגאָריש און גיט־אָב אַ בעפעהל צו מאַרשירען. דער טויער עפענט זיך. ס'געהט־ארויס די פאָדערשטע שורה זעלנער. מיר אַלע בלייבען שטעהן און ריהרען נישט פון אָרט. די זעלנער קעהרען זיך אום צוריק. דער אָפיציר גיט־אָב אַ צווייטען מאָל די קאָמאַנדע צו געהן. ס'ווערט איבערגעחזרט דאָס זעלבע. די „נאַטשאַלסטווא" געהט־אַריין אין קאַנצעלאַריע זיך בעראַטען. גיך בעווייזט זי זיך ווידער.

— פאַר וואָס געהט איהר נישט?

— מיר האָבען געמאָלדען, אַז צופוס וועלען מיר נישט געהן.

— איך וועל געברויכען געוועהר.

— דאָס איז אייער זאַך. מיר וועלען נישט געהן.

די הינטערשטע זעל־ער פרובירען צושטויסען, צושטופען דעם עולם. ס'ווערט אַ גרויסער געפילדער. מיר מעלדען, דאָס מיר וועלען זיך נישט אונטערגעבען און זיי וועט אויסקומען צו טראָגען אַלעמען אויף די הענד. (אונזער פּאַרטיע האָט גע־דאַרפט געהן מיט דער יבשה און נישט פאָהרען מיט'ן וואַ־סער). אונזערע מושלים זעהען, אַז ס'איז שלעכט. מען וועט דאָ טאַקע גאָר נישט מאַכען, האָבען זיי פעראָרדענט צו ברענ־גען אַלע פוהרלייט פון שטאָט און מיר האָבען זיך בהרחבה צוזעצט אויף די פוהרען. אונזער נצחון ווערט בעגלייט מיט אַ „הורא"־געשריי פון די פענסטער מצד די פערבליבענע.

* *
*

ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבען אַ סדרה עטאַפּען. מיר געהען פון איין דאָרף צום צווייטען, מיר שיפען זיך איבער טייכען, מיר פאָהרען איבער וועלדער. מיר רוהען אין „עטאַפּ־קעס" (ספּעציעלע הייזלעך פאַר די מיט'ן עטאַפּ־געהענדע), מיר בעקאָנען זיך מיט אַ נייער נאַטור, נייע מענשען, נייעם לעבענס־

שטייגער. מיר שפּייזען זיך מיט שטאָקפיש צו וועמענס ריח ס׳איז שווער זיך צוצוגעוואוינען. און פאָהרען ווייטער. די טעג נישט געצעהלט, די צייט נישט גערעכענט. די גובערניע אַרכאַנגעלסק איז גרויס, מדבריות און זומפּען פערמאָגט זי גענוג און מיר מוזען זיי דורכמעסטען אין דער לענג און קווער הונדערטער וויאָרסטען.

בעזונדערס שווער האָבען אויף אונז אָנפאַנגס געווירקט די „ווייסע נעכט" אויפ׳ן ווייטען צפון. ס׳איז שוין זעהר שפּעט, 11—10 אָווענד און דאָ איז נאָך אַלץ טאָג, ס׳איז נאָך ליכטיג. די זון איז אַפילו יאָ פערגאַנגען, אָבער די נאַכט וויל נישט קומען. עס הענגט איבער׳ן הימעל אַזאַ שווערע מרה־שחורה׳דיגע ליכט, וועלכע פערטרייבט די פינסטערניש, אָבער ס׳איז פאָרט נישט קיין טאָג. ווי שאָטען׳ס שלייכען־אַרום די מענשען, איינגעהילט אין טוי. דאָס רייצט אייך אויף, ווירקט שטאַרק אויף די נערוועז. די נשמה הויבט־אָן צו ציהען, אַ שניידענדיגע בענקשאַפט בעפאַלט אייך איבגאַנצען, און אייך דוכט זיך, אַז דאָס איז אַ פאַלשער שיין, אַ טויטע ליכטיגקייט, אַן׳עולם־התהו. אַזאַ צושטאַנד דויערט אַ פּאָר שעה. ס׳איז שוין האַלבע נאַכט. מען קאָן נישט איינשלאָפען. אָבער מיט אַמאָל הויבט־אָן צו ברענען אַ רויטער פייער אויפן ראַנד פון מזרח, עס שפּרינגט פלוצלונג, ווי פון אַ בעהעלטעניש, אַרויס די זון אין איהר גאַנצער מאַיעסטעט און אַלץ אַרום ווערט אָבגעגאָסען מיט אַ העלען, קלאָרען גלאַנץ. ס׳איז ווידער שווער איינצושלאָפען, ס׳ציהט שטאַרק אין דרויסען.

אין די דערפער האָבען אינזערע זעלנער געהאַט גענוג אויסצושטעהען פון די פויערן. יענע פלעגען נישט וועלען געבען קיין פערד פאַר די עטאַפען, מען פלעגט שוין דעם דאָרף פריהער מודיע זיין וועגען אינזער קומען און אַלע פערד פלעגט מען פערטרייבען אין וואַלד. די סאָלדאַטען פלעגען זיך ווענדען צו דער דאָרפישער „נאַטשאַלסטוואָ", יענע פלעגט זיך רייסען מיט די פויערן און צווינגען צוצושטעלען די נויטיגע צאָהל פערד. נישט איינמאָל פלעגען מיר אַזוי פערברענגען אין

א דאָרף 2—3 טעג, ביז דער סכסוך פֿלעגט ערלעדיגט ווערן. די דאָרפֿישע „אָרדנונגס־היטער" פֿלעגן אַרויפֿוואַרפֿן די שולד אויף אונז און פֿלעגן די פֿויערן געגען אונז אויפֿרייצען. מיר ווידער האָבן די פֿויערן אַליין צוגערעדט, זיי זאָלן קיין פֿערד אָהן געלד נישט געבן, עס פֿלעגט אויף דעם באָדען זיך אָנהויבן עפֿענטליכע דיסקוטען. דער ויכוח פֿלעגט שוין במילא איבערגעהן בכלל אויף פּאָליטיק, די פֿויערן פֿלעגן זיך איינהערן מיט גרויס אינטערעס. מעהרסטענטיילס פֿלעגט זיך די דיסקוסיע פֿערענדיגען מיט אונזער נצחון. די אָרטיגע דאָרפֿישע „פּאָליטיקער" פֿלעגן זיך פֿערפֿלאָנטערן, פֿלעגן ווערן בייז און זיך גלאַט זידלען און דערמיט פֿלעגען זיי אינגאַנצען פֿערשפּילען. די צוהערער פֿלעגן האַלטען מיט אונז און אונז אויפֿמונטערן מיט לעבהאַפֿטע צווישענרופֿען. אַזוי פֿערברענגענדיג די צייט, זענען מיר נאָך 10 טעג וואַנדערן אָנגעקומען קיין פּיניעגע.

דאָרט האָט אונז דער מיליטער־קאָנוואָי איבערגעגעבן דער פּאָליצײ־פֿערוואַלטונג, וועלכע האָט אונז געדאַרפֿט שיקען ווייטער אין בעגלייטונג פֿון „סטראַזשניקעס" צו אונזער לעצטען פּונקט. אין פּינעגע האָבן מיר געטראָפֿן אַ גרויסע קאָלאָניע פֿערשיקטע פֿון אַ מאַן 150. גראָד דעמאָלסט האָט זיך בעקומען די ידיעה וועגען דעם, ווי אין סיביר האָבן זיך די פֿערשיקטע פֿון די אַרומיגע פּונקטען אַרום יאַקוטסק פֿערזאַמעלט אין איין שטוב, האָבן זיך פֿערבאַריקאַדירט און נישט צוגעלאָזט צו זיך די פּאָליצײ. מיליטער האָט בעלאַגערט דאָס הויז, מען האָט געשאָסען אין די בעלאַגערטע, איינער פֿון זיי איז געפֿאַלען טויט, די איבעריגע האָבן זיך אונטערגעגעבן און אַרעסטירט געוואָרען, זענען שפּעטער פֿעראורטיילט געוואָרען צו 12 יאָהר קאַטאָרגע (די „ראָמאַנאָווצעס").

מיר האָבן געמאַכט אַ פֿערזאַמלונג און בעשלאָסען צו שיקען אַ פּראָטעסט יעדער מיט זיין אונטערשריפֿט צו דער העכערער מאַכט און אַ מיטגעפֿיהל־אויסדרוק די אַרעסטירטע חברים. דער אַלטער „איספּראַווניק" האָט זיך פֿון דער מעשה

דערוואוסט, האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און האָט קודם־כל אויסגעלאָזט כל חמתו צו אונז, עטאַפּ־לייט. מען האָט מיך און מיין פרוי גערופען אויף מאָרגען פריִה איִן פּאָליציי־פּער־וואַלטונג, אונז איִבערגעגעבען איִן רשות פון אַ פּאָליציסט, אַוועקגעזעצט אונז אויף אַ פוהר און זיך ווייטער געלאָזען איִן וועג אַריין.

בעת מיר זענען אַרויסגעפאָהרען האָט געגאָסען אַ שלאַקס־רעגען. דער איִספּראַווניק אָבער האָט ניִשט ערלויבט צו בלייבען דאָ קיין איין איִבעריִגע רגע. מיר האָבען זיך געטרייסט, אַז דער רעגען וועט באַלד איִבערגעהן, אָדער מיר וועלען איִהם איִבערוואַרטען ערגעץ אונטערן שטאָדט. אָבער שפּעטער האָט ער זיך צוגאָסען איִן אַן אמת׳ן מבול, אויף׳ן וועג האָבען מיר ניִשט בעגעגענט גאַנצע שעה׳ן קיין ישוב, קיין הייזעל אפילו. צווייקטע, דורכגענעצטע מיִט נאַסע שמאַטעס אויף די לייבער זענען מיר נאָך 5 שעה פאָהרען אָנגעקומען איִן דער נאָהנסטער „עטאַפּקע“. דאָרט האָבען מיר זיך געמוזט טרוקענען גאנצע 2 טעג נאָכאַנאַנד.

ווייטער זענען מיר שוין געפאָהרען אָהן אָבהאַלט. מען פלעגט אונז איִבערגעבען פון איין דאָרף־שומר צים צווייטען, יענער פלעגט אונז צושטעלען פערד און מיר יאָגען זיך ווייטער. מיר פלעגען שוין אפילו פאָהרען אָהן „אַ סטראַזשניִק“. מען האָט אונז איבערגעגעבען איִן אייגענע הענד „אונזערע פּאַפּירען“ און מיר אַליין האָבען זיך געיאָגט און געאיילט, געפיִהרט צו דעם מ ע ז ע נ ע ר איִספּראַווניק. געפאָהרען זענען מיר טאָג און נאַכט, ניִשט געשלאָפען, ניִשט גערוהט. ס׳האָט זיך שוין געוואָלט וואָס שנעלער קומען אויפ׳ן אַנ׳אָרט, האָבען אַנ׳אייגען וויִנקעל, אויסרוהען זיך פון אַזאַ וועג.

פאַר אונז האָט זיך געעפענט אַ רויהע איינטאָניִגע וויל־דע נאַטור. מיר פאָהרען איִבער אייביִגע וועלדער, בעוואַקסען געדיִכט מיִט נאָדעל־בוימער. הויכע בערג, טיִפע אָבגרונדען, זומ־פען, טייכלעך. דאָס זענען די בעריִמטע טייבולעס, וועלכע ציִ־העז זיך אַזוי דריי טעג רייזע, אָהן אַ דאָרף, אָהן אַ ישוב.

פון צייט צו צייט נאָר בעגעגנען מיר אַ נידריג הייזעל, וואו ס׳וואוינען די פערד-טרייבער. מיר שפּאַנען-איבער דעם וואָגען און פאָהרען ווייטער. מען איז אונז מתרה, אַז מיר זאָלען זיך גוט פערדעקען דאָס געזיכט און הענד, אויב ניט וועלען מיר צוביסען ווערען פון די מוקען. אונזער שמייסער פערבינדט זיך דעם קאָפּ מיט אַ גרויסע טוך, ווי אַ קליינשטעטדטעלשע יודענע און מיר לאָזען זיך ווייטער.

גיך פאַלען מיר אריין אין אַ געדיכטע נעץ פון מוקען און פליגען. מען מוז ממש דורכשניידען זייערע מחנות, בכדי צו קאָנען פאָהרען. מען מוז איינהאַלטען דעם אָטעם, ניט עפענען די מויל, אויב ניט האָט איהר זיי שוין אינעווייניג גאַנצע הויפענס. און ווי בייז זיי זענען, ווי גיפטיג זיי בייסען! די הענד זענען ביי אונז אָנגעטון אין הענטשקעס, דאָס פּנים פערדעקט מיט שלייערס און דאָך שטעכען זיי דורך, די הענד-שקעס זענען מיט בלוט בעפלעקט, דאָס פּנים—צוביסען. מעהר פון אַלץ קומען-אָב די פערד. דאָס לייב איז ביי זיי אויסגע-געסען פון די וואונדען, וואָס די קליינע מדבריות-בעשעפעני-שען פערשאַפען זיי. ס׳לאָזט אַ ביסעל אָב אין אָוועט אויף אַ פּאָר שעה נור מיט׳ן ערשטען זונען-אויפגאַנג זענען זיי שוין ווייטער דאָ און קוועלען, פייניגען ממש ביז טרעהרען.

מיר אָבער האָבען דאָס מקבל באהבה געווען. מיר האָבען גע-וואוסט, אַז מיט יעדען טאָג, מיט יעדען צעהנדליג וויאָרסט דערנעהנ-טערען מיר זיך שוין צו אונזער רוה-אָרט. מיר האָבען די שמייסער געגעבען „אויף בראָנפען״, האָבען יענע געטריבען אָהן רחמנות די פערד, האָבען מיר זיך געהויבען און געטרייסעלט טאָג און נאַכט, ביז מיר זענען אויפ׳ן 15-טען טאָג אָנגעקומען אין אונזער פער-שפּראָכען לאַנד—אין דעם וויסטען און פערוואָרפענעם מ ע ז ע ן.

דאָרטען האָבען מיר געטראָפען אַ מאַן 30—40 פערשיקטע. זיי האָבען דאַמאָלסט דורכגעמאַכט אַנ׳עקשנות׳דיגען קאַמף מיט׳ן „איספראַווניק״. יענער האָט אַרויסגעשיקט איינציגע פאָליטישע אין אַ דאָרף, וועלכער איז געווען דורכאויס פון 1-טען ביז דעם לעצטען נפש, אָנגעשטעקט מיט סיפיליס. וואוינען דאָרט

איז געווען אַ גרויסע סכּנה, האָבען זיך די פערשיקטע אומגע־קערט אָהן אַנ׳ערלויבעניש קיין מעזען. האָט זיי דער איספּראַווניק ווידער מיט דער הילף פון זיין צעהנדליג קאָזאַקען אַרויס־געשיקט אויפ׳ן זעלבען אָרט. זענען זיי ווידער אַוועק און גע־קומען. דער קאַמף האָט זיך פערשארפט. ס׳האָבען זיך אַריינ־געמישט די איבעריגע פערשיקטע און סוף־כּל־סוף האָט דער אַרכאַנגעלסקער גובערנאַטאָר ערלויבט זיי אומצובייטען דעם וואוינאָרט. פאַר אונז האָט מען אויך אין אַרכאַנגעלסק בעשטימט אַ וואוינאָרט אין אַ דאָרף, ווייט פון מעזען אַ וויאָרסט 40 אָבער מען האָט אונז נאָך נישט געלאָזט אַהין פאָהרען. אין אונזערע פאַפּירען״ האָט זיך געפונען דער אורטייל פון געריכט, לויט וועלכען איך האָב בעדאַרפט אָבזיצען 2 וואָכען פאָליציי־אַרעסט פאַר וואוינען אויף אַ פאַלשען פּאַספּאָרט. וועגען דעם האָב איך זיך גאָר פערגעסען. אָן דעם אָבער האָט מיר דערמאָנט דער מעזענער איספּראַווניק. די גאַנצע אָנדערטהאַלבען יאָהר זיצען תּפיסה איז מיר נישט געווען אַזוי שווער איבערצוטראָגען, ווי גראָד די 2 וואָכען אין ברודיגען פּאָליציי־לאָך. נאָך אַזאַ וועג, נאָך אַזוי פיל פאָהרען, נאָך אַזאַ וואַרטען אויף אַנ׳אייגען־ווינ־קעל, ווידער זיין פערשפּאַרט אין שמוץ און ברוד.

די צוויי וואָכען האָבען זיך פאַר מיר געצויגען ווי גאַנ־צע חדשים. ס׳איז שוין דער 13־טער טאָג. מאָרגען דאַרף איך שוין ווערען פריי. אין דער פריה עפענט זיך די טהיר, ס׳קומט אַריין צו מיר דער „אויפזעהער״, גראַטולירט מיך מיט אַ פרעה־ליכער מינע. וואס איז געשעהען? ס׳האָט זיך בעקומען די פּאָסט פאַר דער לעצטער וואָך. פאָן־פלעווע איז אויפגעריסען געוואָרען פון אַ באָמבע דורך אַ טעראָריסט, ס׳איז געבוירען געוואָרען אַ יורש־עצר און ס׳איז בעשטימט געוואָרען אַלס פרע־מיער דער „ליבעראַלער״ סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי. אַזוי פיעל שמחות מיט איין מאָל! צוליב׳ן געבורט פון טראָנפאָלגער בין איך בעפרייט פון מיין אַרעסט מיט אַ טאָג פריהער, איידער דער טערמין האָט זיך געענדיגט...

דער „איספּראַווניק״ נעמט מיך איצט אויף ווי עפּעס גאָר

אַנ׳אַנדערער. ער רעדט וועגען „פריהלינג” און פריהלינגס־ווינ־טען,—וועגען דעם, אַז ער האָט גאָר נישט צו די „פּאָליטישע” אַז אפילו אין אַ רעפּובליק וועלען דאָך אויך זיין „איספּראַוו־ניקעס” און ער וועט זיין אַמט נישט פערלירען און נאָך אַזעלכע „ליבעראַלע” דיבורים.

שפּעטער, אַז איך האָב זיך בעקאַנט מיט די צייטונגען פאַר די לעצטע חדשים, האָב איך דערשפּירט, אַז אין רוסלאַנד דערנעהנטערט זיך ווירקליך „אַ פריהלינג”, אַ שענער אָבפּרישענ־דער פריהלינג פון דער רעוואָלוציע, וועלכע מיר האָבען אַזוי געגאַרט, פאַר וועלכער מיר האָבען גאַנצע יאָהרען לעבען אָבגעגעבען.

צוריק אהיים.

מיר זענען געווען אַ גאַנץ קליינע, אָבער פרעהליכע קאָמפּאַניע. אינגאַנצען אַ מאַן 13 — פון פערשידענע נאַציעס לשונות און פּאַרטייען. דאָס גאַנצע געוועזענע גרויסע רוסלאַנד מיט איהר מיש-מאַש פון פעלקער, לענדער און שפראַכען, איז געווען פאָרגעשטעלט דורך אונזער קליינער גרופּע. דעם פּאָר-צוג האָבען געהאַט, פערשטעהט זיך, די יודען. זיי זענען גע-ווען פערטרעטען כמעט אין אַלע פּאַרטייען פון אונזער קליי-נער קאָלאָניע. נישט-קוקענדיג אויף די פערשידענפארביגקייט און שפראַכען-געמישטקייט (ס'זענען געווען אַזעלכע מזרח-איינ-וואוינער, וואָס האָבען קיין וואָרט רוסיש נישט פערשטאַנען), האָט זיך דאָך צווישען אונז איינגעשטעלט אַ האַרציגע, אמת-ברידערליכע בעציהונג. דער האַרטער גורל, וועלכער האָט אונז, מענשען פון פערשידענעם עלטער, פערשידענע קולטורען און גע-גענדען פערשליידערט אין איין פערוואָרפען ווינקעל, אין אַ ווייסטען דאָרף, האָט אונז איינע צו די אַנדערע נאָהנט גע-מאַכט. דיזעלבע און געמיינזאַמע איבערלעבענישען האָבען אונז בעפריינדעט און צוגעבונדען איינעם צום צווייטען. מיר האָבען ווירקליך זיך איינגעאָרדענט ווי איין אינטימע, איינגעלעבטע משפחה — מיר האָבען געלעבט אין איין „קאָמונע".

דאָס אָרט, אין וועלכען מיר האָבען זיך געפונען, איז געלעגען ערגעץ הינטער די הרי-חושך, אָבגעריסען פון דער איבריגער יבשה דורך דעם ווייסען ים, פערוואָרפען ווייט פון אַ מענשליכען ישוב — פערגעסען און פערשאָלטען פון גאָט און מענשען. אין שכנות מיט אונז האָבען נור געוואוינט אַ פּאָר צעהנדליג פישער-פאַמיליעס און צוויי שומרים, ספעציעל

פאַר אונז. די מענער פלעגען די גאַנצע וואָך פערבּרענגען אויפ'ן ים ביים פּיש-כאַפּען, אָדער אין וועג, ביים אָבפּיהרען די סחורה אין די גרעסערע פונקטען. די ווייבער פלעגען זיין די גאַנצע צייט פערטון און פערהאָרעוועט, ווי אמת'ע שקלאַ-פינס, ביי די שווערע פעלד- און טייך-אַרבּייט. זונטאָג און יום-טובים נור פלעגען זיך די מענער אומקעהרען אהיים, טויט-שכור, און די דאָזיגע טעג פלעגען דאָרט אַריבּערגעהן אין געשרייען, אין שלאָגען די ווייבּער, קינדער, און שלעגערייען צווישען זיך גופא.

פינסטער איז געווען דאָרט דאָס לעבען.—ווי ס'איז פינס-טער די לאַנגע הערבּסט-נאַכט דאָרטען אויפ'ן ווייטען צפון. קאַלט און פראָסטיג איז געווען דאָרט אויף דער נשמה אַ מענ-שען פון אַנ'אַנדער וועלט, ווי ס'איז קאַלט און פראסטיג דאָר-טען די לופט, אין דעם לאַנגען, אונענדליכען ווינטער. און אַ פוסטקייט, אַ טויטע פוסטקייט, האָט דורכגעדרונגען אַלע פעדימ-לעך פון מענשליכען וועזען. אום אין דער דאָזיגער אַטמאָספער איינגעאַנצען נישט פערגליווערט און פערפרוירען צו ווערען— האָבען מיר זיך געמוזט צוטוליען איינער צום אַנדערען, וואַ-רימען זיך איינער דעם צווייטען מיט'ן אייגענעם אינוועניגסטען פייער, אויף וויפיעל ס'איז נור מעגליך געווען אַביסעל פער-פוצען און פערשענערן דאָס רויהע און נאַקעטע לעבען. מיר האָבען זיך געשאַפען אַ געקינצעלטע, איליוזאָריש-„קולטו-רעלע" כביבה.

אין די לאַנגע, אונענדליכע הערבּסט-אָוונדען פלעגען מיר זיך פערזאַמלען אַלע אין איין גרויס צימער, וועלכען איך האָב פערמאגט, אַלס דער איינציגער פאמיליען-מענש פון אונ-זער גרופע. דאָרטען פלעגען מיר אָבזיצען שעה'ן-וויייז ארום דעם גרויסען, נישט צום אויסשעפען, סאַמאָוואַר, און פיהרען דיסקוסיעס, וכוחים, שמועסען איבער אַלס אין דער וועלט. זיי זענען נישט געפיהרט געוואָרען מיט דער היציגער ליידענשאַפט, מיט וועלכער עס דיסקוטירען מענשען פון פערשידענע פאַר-טייען אויף דער פריי; מיר פלעגען זיך נישט רייסען צוליב

פּראַקטישע פּאָליטישע אַרבייט, און אונזערע שאַרפסטע דיס־קוסיעס האָבען דעריבער נישט געהאַט דעם ביי־געשמאַק, וועל־כען די קעמפּענדע צדדים טראָגען געוועהנליך אַריין. דאָס אַלץ איז געווען אויסגעשפּראָכען אין אַ רוהיגער, אויפקלערענדער פאָרם. בפרט, אַז מיר האָבען ווירקליך זיך געהאַט צו לערנען איינע ביי די צווייטע — מענשען פון פרעמדע און גאַנץ אונבעקאנטע וועלטען. אָפּטמאָל פלעגען מיר זיך דערצעהלען פערשידענע פערלאָפענע פּאַסירונגען, אייגענע איבערלעבונגען, אָדער לייענען אויפ׳ן קול א בוך. אזוי פלעגען מיר פערזיצען ביז שפּעט אין דער נאַכט, ביז די אָרטיגע איינוואוינערינס פלעגען זיך אויפהויבען צו זייער אַרבייט. דעמאָלט ערשט פלעגט זיך דער עולם פונאַנדערגעהן אין די אייגענע ווינקעלעך שלאָפען. בייטאָג פלעגט אויך יעדער האָבען זיין אַרבייט אין דער „קאָמונע"; ווער איינקויפען, ווער קאָכען, ווער וואַשען דאָס געפּעס. אזוי פלעגען מיר דורכשטופּען די צייט.

אָבער די דאָזיגע צייט־פערוויילונג האָט נישט געקלעקט אויף לאַנג. עס האָט עפּיס אַ צופּ־געטון ביים האַרצען, אַ שרעקליכע בענקעניש האָט אַלעמען אָנגעהויבען צו נאָגען, און יעדערן פון אונז האָט אנגעהויבען ציהען צו זיין „היים". צו זיין פריהערדיגער אַרבייט, צו דעם אמת׳ן קאָכעדיגען לעבען. די פּאָסט, וועלכע מיר פלעגען בעקומען איין מאָל אין צוויי וואָכען, פלעגט אונז ברענגען גרוסען פון די ערטער, פון וואַ־נען מיר זענען מיט־געוואַלד אָבגעריסען געוואָרען. דאָרט ברויזט דאָס לעבען, דאָרט הויבט זיך איין מאליע נאָך דער צווייטער, דאָרט בעוועגט זיך און ריהרט זיך, און מיר זאָלען דאָ זיצען און פוילען, פערברענגען אונזער לעבען אויפ׳ן עולם־התהו, צווישען פער׳שכור׳טע און דערשלאָגענע האַלב־חיות.

— ניין, לויפען, לויפען פון דאַנען, ראטעווען זיך פון דעם דאָזיגען פערשאָלטענעם אָרט, וואו מיר וועלען אַלע פער־שטיינערט ווערען!

— גוט, לויפען. ווי אזוי לויפט מען אָבער, בעת צוויי פּאָר אויגען שפּירען־נאָך אונזער יעדען טריט, אונזער יעדען קעהר,

און 10—9 טעג שנעלער רייזע שיידט אונז אָב פון אייזענ־באַהן?

און מיר האָבען אָנגעהויבען אויסאַרבייטען פּלענער, ווי אַזוי צו מאַכען מעגליך אונזער פּליטה.

קודם־כּל האָבען מיר פערפיהרט אַ הארטנעקיגען קאַמף פאַר אונזער „בעוועגונגס־פרייהייט”. מיר האבען פשוט איגנאָריִרט „די אינסטרוקציע”, און פלעגען אַוועקגעהן, אהן שום ערלויבניש, צו געסט אין אַנדערע „קאָלאָניעס”, אַוועקזעצען זיך אין שיפלעך און זיך לאָזען אין הויפּט־פּונקט פון דער אַדמיניסטראַציע קיין מעזען, — דאָרטען, וואו דער „איס־פּראַווניק” אַליין האָט געהאַט זיין וואוינאָרט. אונזערע שומרים פּלעגען זיין מאַכטלאָז געגען אזעלכע „בונטען”, זיי פלעגען אונז נאָכיאגען און בעגלייטען אומעטום. „די אָרדנונג” אָבער איז שוין דאַדורך אונטערגעגראָבען געווארען. נאָך לאַנגע קאָנפליקטען, רעפּרעסיעס און סכסוכים, האט דער „איספּראַווניק” אויסגעאַרבייט מיט אונז אַ „ניט־געשריבענע קאנסטיטוציע”: איין מאל אין צוויי וואכען האט יעדער פון אונז געהאַט דאָס רעכט אבפאהרען אויף אַ צוויי־דריי טעג אין אומגעגענד אָדער אין „אויעזד”. דאס גופא האט שוין אַריינגעטראגען אַנ׳אומ־אָרדנונג אין דעם „סיסטעם”. אונזערע משגיחים האען זיך פערלארען און שוין ניט געקאנט אונז אלע האבען אויפ׳ן אויג. מיט אַ כּיון פלעגט אַמאל איינער, אַמאל אַ צווייטער, פערשווינדען אויף אַ לענגערע צייט — אַ וואך און מעהר; די היטער פלעגען אויפהויבען אַנ׳אַליאַרם, און דער פערלארענער פלעגט זיך גלייך בעווייזען. אַזוי האבען מיר זיי צוגעוועהנט צו אונזער אָפטען אַרומוואנדערן, און זיי איז אגב דערעסען געוואָרען מיט אונז זיך אַרומיאגען.

ערשט איצט איז געקומען די רעכטע צייט פון אַנטלויפען. לייכטער ווי אַלץ איז דאָס שטיקעל אַרבייט אָנגעקומען מיין פרוי. איינער פון אונזער „קאָלאָניע” האָט זיך בעפרייט, לויט׳ן מאַניפעסט, נאָכ׳ן געבורט פון טראָהנפאָלגער (צו אונז, אַלס פער׳עקשנ׳טע „פערברעכער”, האָט מען דעם דאָזיגען מאַ־

ניפּעסט נישט אָנגעווענדעט), ער האָט זיינע פּאַפּירען בעקומען אויפ'ן האַנד, און מיין פרוי איז מיט איהם מיטגעפאָהרען, פראַנק-און-פריי, אַלס זיין ווייב, וועלכע האָט מיט'ן אייגענעם ווילען דאָ געוואוינט. די זאַך איז אַריבער גלאַטיג. און אַז די היגע „נאַטשאַלסטוואָ" האָט זיך אין אַ וואָך, צעהן טעג אַרום איבערצייגט, דאָס מיין פרוי איז אַנטלאָפען, האָבען די חברים די זאַך פאַרגעשטעלט אַזוי, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ „פאַמיליען-טראַגעדיע", און אַז זי איז פון מיר אַנטלאָפען מיט'ן בעפרייטען חבר. די אַדמיניסטראַציע האָט גאָר נישט חושד געווען אין דער מעשה; אדרבא, זי האָט מיר נאָך מיטגעפיהלט אין מיין „אומגליק", און איז געוואָרען צו מיר גאַנץ ווייך. כדי צו צעשטרייען זיך נאָך אַזאַ „קלאַפּ", פלעג איך אָפט אַוועקפאָהרען אין אַנדערע קאָלאָניעס אויף אַ וואָך און מעהר, און די אַדמיניסטראַציע האָט געקוקט אויף דעם דורך די פינגער. אַ מענש, האָט עס געהייסען, וויל זיך פערגעסען אָן זיינע צרות, דאַרף מען איהם נישט שטערען. בפרט, ווי מען האָט דערצעהלט, איז אונזער „איספּראַווניק" אַליין אויך אַמאָל געשראָפט געוואָרען מיט דער דאָזיגער צרה: זיין יונגע ווייב איז פון איהם אַנטלאָפען מיט אַ „פערשיקטען", האָט ער דעריבער פערשטאַנען יענעמ'ס האַרץ.

אַזוי האָב איך אָבגעווענדעט פון זיך יעדען חשד. צו מיין מזל, זענען נאָך געשאַפען געוואָרען גינסטיגע אומשטענדען פאַר מיין „לויפען".

צוזאַמען מיט מיר זענען „געלאָפען" נאָך צוויי חברים. דער פּלאַן איז געווען אַזעלכער: אַ פּויער פון אַ צווייטען דאָרף האָט איינגעשפּאַנט צוויי שליטענס מיט סחורה — פערשידענע פעלכלעך און פוטער. מיט אַ כּיון איז ער אָבגעשטאַנען פון דעם גרויסען „טראַנספּאָרט" פוהרען, וועלכער איז געגאַנגען קיין אַרכאַנגעלסק. אויף אַנ'אָבגערעדטען אָרט אין וואַלד האָט ער אונז אָבגעוואַרט. אויף איין שליטען איז ער אַליין געווען דער פוהרמאַן, מיט אַ צווייטען האָט אָנגעפיהרט איינער פון אונזערע, איבערגעטון אין אַ „מאַליצע" (אַנ'אָרטיגער פו-

טער) און אין „פימעס" (פעל-שטיוועל). די איבריגע צוויי האָבען זיך אַריינגעלעגט אין די שליטענס, אונטער דער פוטערוואַרג, און זענען געפיהרט געוואָרען ווי סחורה.

אַזוי האָבען מיר זיך געלאָזען אין וועג, אַלץ בעוואָרענט און אויסגערעכענט, כמעט אויף זיכער.

אָבער נישט אַזוי גלאַטיג, ווי מיר האָבען געמיינט, איז דאָס אונז אַראָבגעגאַנגען.

געלאָפען זענען מיר ערב די קריסטליכע חגאות, אין „ניטעל". מיר האָבען אויסגעקליבען מיט אַ כיון די דאָזיגע צייט, ווען די „נאַטשאַלסטוואָ" איז פערהוליעט און פער'שכור'ט. די טראַקטען זענען נישט אַזוי בעוואַכט און ס'איז לייכטער זיך דורכצושמוגלען דורך די אַדמיניסטראַטיווע „פונקטען". אַזעלכע האָבען מיר געהאַט אויף אונזער וועג ביז דער „גובערניע" גאַנצע דריי, און זיי האָבען פאָרגעשטעלט מיט זיך די גרעסטע סכנה, ווייל זיי זענען געווען פערבונדען מיט אונזער „פונקט" דורך אַ טעלעגראַף, און ביים קלענסטען חשד וועגען אונזער פערשווינדען קאָן מען זיי גלייך וועגען דעם מודיע-זיין. מיר האָבען בעשלאָסען צו האַלטען זיך פון-ווייטען פון די הויפט-וועגען, פאָהרען מיט הינטערוועגלעך, און ביי יעדען פערדעכטיגען קלאַנג פון אַ גלעקעל (אַ סימן, אַז „נאַטשאַלסטוואָ" פאָהרט), אַריינכאַפּען זיך אין וואַלד און איבערוואַרטען די געפאַהר.

געפאָהרען זענען מיר טאָג און נאַכט, אהן רוה. דער פראָסט האָט געברענט מורא'דיג, איז דערגאַנגען ביז 40 גראַד און העכער, אָבער אונטער די הויפענס פעלצען האָב איך קיין קעלט נישט געפיהלט. מיר פלעגט נור פערפעהלען לופט צו אָטעמען, און פון צייט צו צייט, אַז מיר פלעגען זיין אין וואַלד, פלעגט מיך מיין פוהרמאַן אַרויסלאָזען פון הינטער דער שווערער משא. איך פלעג זיך אויסגלייכען אַ ביסעל די ביינער, און ווייטער זיך בעהאַלטען אין וואָגען, הינטער אַ באַרג פוטער און פעל. צוויי מאָל אין מעת-לעת פלעגען מיר זיך אויך אַריינכאַפּען אין אַ זייטיג דערפעל, אָנצוואַרימען זיך, אונ-

פֿערגאַרטלען די לענדען און זיך דערקוויקען מיט אַ „הייסען סאַמאָוואַרעל“. אונזער פֿוהרמאַן האָט אויסגעצייכענט געקענט די געגענד, און האָט געוואוסט, וואוהין און צו וועמען צו פֿערפֿאָהרען.

פּאָר די איינוואוינער פֿון די דערפֿער האָבען מיר זיך אַרויסגעשטעלט אַלס סוחרים, וועלכע קויפֿען־איין פּאַר מאָסקווא פֿערשידענע געפֿליגעל, פֿעלצוואַרג און ענליכע סחורות. איינער פֿון אונז האָט גאַנצע וואָכען פֿריהער דורכשטודירט דעם פּרייז־קוראַנט פֿון די דאָזיגע סחורות, און פֿלעגט רעדען מכח דעם מיט די פּויערים, ווי פֿון סדור. עס פֿלעגט אויסקומען אין איינציגע ערטער צו פֿערהאַלטען זיך, שליסען פֿיקטיווע געשעפֿטען און לאָזען אפֿילו אַמאָל האַנדגעלד. בכלל האָט אונזער רעפּוטאַציע אַלס מאָסקווער סוחרים ביים עולם זיך געהאַלטען גאַנץ פֿעסט. אָבער מיר פֿלעגען דאָך אויסמיידען צו ווייזען זיך אָפֿט פֿאַר דער וועלט. בעזונדערס נאָך אַ צופֿאַל אין אַ דאָרף, וועלכער האָט אונז פֿערשאַפֿט גרויס האַרץ־קלאַפּונג.

דאָס איז געווען דוקא אין אַ פֿערוואָרפֿען דערפֿעל, ערגעץ אין אַ זייט פֿון טראַקט. נאָך אַ לאַנגער נסיעה פֿון 10—12 שעה, האָבען מיר זיך אַריינגעכאַפּט אַהין אַ ביסעל זיך אויסצורוהען. אונזער פֿוהרמאַן איז געגאַנגען „אויסשפּירען“ אַ כשר ערטעל, און האָט אונז גיך פֿערפֿיהרט אין אַ קליין, נידריג הייזעל, אין עק פֿון דאָרף. די בעלי־בתים האָבען אונז „מכניס־אורח“־געווען בסבר־פּנים. אויפֿ'ן טיש האָט זיך בעוויזען משקה, די יונגע פֿויערטע האָט זיך גענומען פּאַר'ן בליאַקירטען סאַמאָוואַרעל, און אַ מחיה'דיגע וואַרימקייט האָט זיך צעגאָסען אין אַלע אונזערע איינגעשרומפּענע אברים. דער בעל־הבית האָט זיך צוגעזעצט צו אונז, האָט פֿערפֿיהרט אַ שמועס: ווער, פֿון וואַנען און צוליב וואָס. מיר ענטפֿערן, ווי אונזער שטייגער: אַזוי און אַזוי, סוחרים פֿון מאָסקווא, האַנדלען מיט געפֿליגעל, און אונזער ספּעציאַליסט לעגט איהם גלייך אַרויס זיין גאַנצע תורה. אונזער פֿויער הערט־זיך צו אַלץ צו, לאָזט נישט אַראָב

קיין אויג פון דעם סוחר, און זייהט=דורך אַזוי=זיך, אגב=אורחא, צווישען די צייהן:—איהר זייט מיר עפּיס בעקאנט, איך האָב אייך ערגעץ געזעהן. אונזער בעל=דבר פאַלט פון דעם נישט אַראָב; איהם דוכט זיך אויך, אַז ער האָט דעם בעל=הבית ערגעץ בעגעגענט, ווערט ביי איהם געוואָהר, צי יענער איז אַמאָל נישט געוועזן אין רוסלאַנד, אפשר האָט ער איהם בעגעגענט אין אַנדערע דערפער אין דער געגענד, און פיהרט=אַראָב גלייך דעם שמועס אויף אַן׳אַנדער ענין. אונז אָבער רוימט ער איין שטיל אַ סוד, אַז דער פויער האָט איהם טאַקע מיט 7 חדשים צוריק איבערגעפיהרט, בעת ער איז געגאַנגען „מיט׳ן עטאַפּ״, אויף אַ שיפעל איבער׳ן טייך, און אפנים, אַז ער האָט איהם איצט דערקענט. כך=הוה: דער פויער האָט שפּעטער=צו אַרויסגערופען אונזער פוהרמאַן און איהם געזאָגט, אַז ער פערשטעהט דעם גאַנצען עסק; ער ווייס, ווער מיר זע=נען, און האָט איהם אויסגע׳מוסר׳ט, פאַרוואָס ער איז אַזוי נישט=פאָרזיכטיג און האָט אונז פערפיהרט אין אַן׳אָרט וואו מען האָט געקאָנט דורכפאַלען, דען גראָד דאָ אין שכנות שטעהט=איצט=איין יענער „סטאַנאָוואָי״, וועלכער האָט בעגלייט דעם עטאַפּ צוזאַמען מיט אונזער בעל=הבית. באשר ער איז אַ „עהרליכער מאַן״, האָט מיט אונז מיטלייד, און ראָט אונז, גלייך פון דאַנען זיך אָבצוטראָגען.

בעקומען די דאָזיגע בשורה, האָבען מיר זיך נישט גע=לאָזט לאַנג בעטען, האָבען זיך גלייך געלאָזען אין וועג=אַריין, צו דער גרויסער פערוואונדערונג און האַרצקרענקונג פון דער גאַסט=פריינדליכער ווירטין, פון וועלכער דער מאַן האָט די גאַנצע מעשה בעהאַלטען.

דעם בעל=הבית האָבען מיר געוואָלט מפיס=זיין מיט אַ שענער מתנה, ער האָט זיך אָבער ברוגז׳ליך פון דעם לחלוטין אָבגעזאָגט:—איהר זייט מיינע געסט,—האָט ער גע׳טענה׳ט:—„און קיין געלד ביי אייך נעהם איך נישט״.

בעקומען פון איהם אָנווייזונגען, ווי אַזוי ווייטער צו פאָהרען, וואו אויסצומיידען די געפעהרליכע ערטער, האָבען

מיר, צופרידענע און דערוואַרימטע פון אַ מענשליכען מיטגע־פיהל, זיך געלאָזען ווייטער אין אונזער לאַנגען וועג.

עהנליכע אַזעלכע צופאַלען האָבען מיר געהאַט אין אונ־זער נסיעה עטליכע. יעדעס מאָל אָבער זענען מיר נור אָבגע־קומען מיט שרעק. ס'האָט זיך פאַר אונז איינ׳גע מאָל אויפ־געדעקט אַ בעהאַלטענע שענע זייט פון דער מענשליכער נשמה,— דאס „פינטעלע מענש", וועלכעס טליעט דאָרט, ביי די איינוואוי־נער פון די אין שניי־פערזונקענע הייזלעך. עד־היום קאָן איך נישט פערגעסען יענע אונבעקאַנטע, מיר ווילד־פרעמדע אָרימע פרוי, וועלכע האָט מיר אַרויסגעוויזען אין מיין נויט אַזויפיעל וואַרימע איבערגעבענהייט און מענשען־פריינדליכקייט, וואָס איז שווער צו בעגעגענען ביי אונזער „קולטורעלער" געזעלשאַפט. גראָד ערב ניי־יאָהר איז אָוועגד איז אונז אויסגעקומען צו־צופאָרען צו איינעם פון די גרויסע געפערליכע „אויעזדנע" פונקטען. דריי טעג זענען מיר געפאָהרען, נישט־בעגעגענדיג קיין מענשליכען דאַך אין דער גרויסער „טייבולע" (אַ גרוי־סער וואַלד, אָהן אַ מענשליכען ישוב). בלייבען דאָרט נאָך אַ טאָג איז שוין געווען אונמעגליך. בעזונדערס פאַר אונזערע פורמאַנעס, וועלכע זענען דאָך נישט געווען בעדעקט מיט פעל־צען, ווי מיר. דער פראָסט האָט ממש גע'שרפ'עט, און מיר האָבען, נאָך אַ קליינעם ישוב־הדעת, בעשלאָסען אָנצוקלאַפען אין דער ערשטער, בעסטער מענשליכער וואוינונג, און קומען צו־זיך.

מיר האָבען גראָד אָנגעטראָפען אויף אַנ'אַרבייטער־פאַ־מיליע, אַנ'אלמנה מיט עטליכע קינדער. דער זוהן אַליין איז שוין געווען אין מאָסקווע אויף אַ פאַבריק, און גלייך פון די ערשטע רייד זיינע האָבען מיר פערשטאַנען, אַז ער איז שוין „געכאַפט אין דער מעשה"—ער איז אַ „אייגענער". מעשה־שטן, איז מיך בעפאַלען אַנ'אונפערשטענדליכע קרענק: איך בין אַוועקגעפאַלען ווי אַ סנאָפ, און קאָן זיך נישט ריהרען פון אָרט. מיך האָט געפיבערט און געוואָרפען, אַזוי ווי אין שטאַרקסטען טיפוס. וועגען פאָהרען ווייטער האָט גאָר קיין רייד נישט גע־

קאָנט זיין. ביי די חברים און פורמאַן איז פערבליבען, אויסזאָגען דעם יונגען בעל-הבית דעם גאַנצען אמת און איבערגעבען זיך איינגאַנצען אויף זיין גנאָד. אויסגעהערט אַזאַ מעשה, האָבען זיך זיינע אויגען צעפלאַקערט מיט אַ היילינ פייערל, ער האָט באַלד איינגערוימט דער מוטער אָ כוד, און מען האָט אונז צוגענומען, אַזוי ווי די בעסטע געסט. מיר האָט מען אָבגעגעבען די איינציגע בעט מיט בעטגעוואַנד, די ווירטין איז אַרום מיר אַרומגעגאַנגען, ווי אַן אייגענע מוטער; און עס זענען אָנגענומען געוואָרען עקסטראַ מיטלען, ווי צו בעהאַלטען פאַר די שכנים אונזער זיין דאָ. אַ צוויי טעג האָבען מיר דאָרט פערבראַכט אין שטרענגער בעהעלטעניש. איך בין אַרומגערינגעלט געוואָרען מיט אַן אמת-האַרציגער ליבליכער אַטמאָספער, מען איז אַרום אונז אַרומגעגאַנגען בפועל-ממש אויף די שפּיץ-פינגער.

אין צוויי טעג אַרום האָב איך זיך שוין געפילט איינגאַנצען געזונד און אויסגערוהט, און שפּעט ביינאַכט, בעגלייט מיט ברכות פון דער גאַנצער פאַמיליע און אָנגעלאָדען מיט אַ סך פעקלעך, האָבען מיר זיך ווייטער געלאָזען אין וועג-אַריין.

מיר זענען געפאָהרען וואַלד-איין, וואַלד-אויס אָהן אַ שיעור, אָהן אַ סוף. די זון פלעגט אויפגעהן און פערגעהן, טעג פלעגען לויפען נעכט פלעגען אָנקומען, ליכט און פינסטערניש פלעגען זיך וועקסלען, און מיר זענען אַלץ געפאָהרען, בערוועז צוגעטריבען פון אונזער פוהרמאַן מיט זיינע אויסגעמאַטערטע פערדלעך, און אונגעדולדיג געצעהלט די וויאָרסטען-סלופּעס. זיי זענען געווען אונזער איינציגער לוח. זיי האָבען געהאַלטען אונזער גורל אין זיך פערבאָרגען. וואָס מעהר וויאָרסט דורכגעמאַכט, אַלץ וועניגער די געפאַהר, אַלץ נעהנטער די גאולה, אַלץ שטאַרקער האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט. פון צייט צו צייט פלעג איך אַרויסרוקען דעם קאָפּ פון בערלאָך און שטעלען מיין פורמאַן די סטערעאָטיפּישע שאלה: ”וויפיעל?” בעקומען די גענויע צאהל וויאָרסט, וואָס מיר זענען שוין אָבגעפאָהרען, פלעגט מיין מח מעכאַניש דורכמאַכען

אַנ׳אַריפּמעטישע אָפּעראַציע, פלינק פלעגט זיך צונויפשטעלען דער חיסור פון דעם גאַנצען סכום וויאָרסטען, און וואָס קנאַפּער דער סך=הכל, אַלץ פרעהליכער אויפ׳ן האַרצען, אַלץ זיכערער דער בטחון אין אַ גליקליכען אויסגאַנג פון אונזער אויפטו.

מיר האָבען שוין אַזוי דורכגעשטופּט אַ שענע פּאָר הונדערט וויאָרסט, דעם לעצטען געפעהרליכען פונקט שוין אויך בשלום דורכגעקומען. ס׳איז אונז פערבליבען הונדערט וויאָרסט און—אונזער ציעל איז שוין דערגרייכט. אַ מאָדנע זיס געפיהל צעגיסט זיך אין מיינע אברים. דאָס שווערסטע שוין דורכגעמאַכט, דעם פלאַן קאָן מען רעכנען פאַר געלונגען. נאָך אַ טאָג 5—6; און מיר װעלען שוין זיין אויפ׳ן אָרט, דאָרט, וואוהין די נאָגענדע בענקשאַפט האָט אַזוי שטאַרק געצויגען, וואו איך האָב געלאָזען דאָס ליבסטע און בעסטע.

איצט זענען שוין די אַלע שוועריגקייטען הינטער מיר. זיי זעהען שוין אויס אַזוי קליין, אַזוי נישטיג, און איך טראַכט וועגען זיי מיט אַ צופרידענעם שמייכעל. די אַלע פערלאָכענע שרעק און סכנות האָבען נור צוגעגעבען אונזער פּראָזאַאישער רייזע אַ יום=טוב׳דיגען פוץ, האָבען זי פערשלייערט אין אַ ראָמאַנטישען פליאָר, זיי האָבען נאָכמעהר גערייצט אונזער ווילען און געמאַכט זיסער דאָס געפיהל פונ׳ם אָבגעהאַלטענעם נצחון איבער דעם יאָגענדען שונא, וועלכער האָט אונז פאָרט נישט געקאָנט דערגרייכען.

אין וואָגען, אונטער די ווארימער פעל=משא, טראַכט זיך גוט. און איצט זענען מיר טאַקע געקומען אויף די רעיונות אלערליי פאַנטאַזיעס. ס׳דערמאָהנען זיך מיר קינדערישע מעשיות: אָט בין איך אַ רואה ואינו נראה,—אזא בעל=מופת, וואָס קאָן דורך א קבלה מאכען, אז ער זאָל אַלעמען זעהן, און קיינער זאָל איהם נישט קאָנען פאַקען. אָט בין איך גאָר אַ צווייטער יוסף דילייריינה, וועלכער איז אַמאָל מגולגל=געוואָרען הינטער די הרי=שלג, די בערג=שניי, האָט זיך דאָרט געראַנגעלט מיט דעם סמאל און זיין גאַנצער בייזער כתה, און האָט זיי אַלע מנצח=געווען,

באַלד פערשווינדט די ראָמאַנטיק. איך קעהר זיך אום צוריק צו דער רעאַלער וועלט און בוי שוין פלענער וואוהין צו פאָהרען, שטעל זיך פאָר מיין ערשטע בעגעגניש מיט מיינע נאָהנטע, קלייב שוין פאַר זיך אויס אַ פאַסיגע „אַרבייט".

פלוצלינג הער איך אַ הויכען געשפּרעך ביי מיין וואָגען, אַזוי ווי דער קול זאָל געהן פון הינטער אַ דיקער וואַנד. אַזעלכע געשפּרעכען פלעגען דערגעהן צו מיין אויער אין מיין פעלץ־געצעלט גאַנץ אָפט. דאָס פלעגען רעדען מיט מיין פוהר־מאַן פערשידענע לייט, וועלכע פלעגען אונז בעגעגענען אויפ'ן וועג. די ערשטע טעג פלעגט מיר דאָס האַרץ שטאַרק קלאַפּען פון די פערדומפטע קולות, וועלכע פלעגען צו מיר דערגעהן. ביסלעכווייז האָב איך זיך צו דעם צוגעוועהנט און פלעג דאָס רוהיג אויפנעהמען.

דאָס מאָל אָבער ווערען די קולות אַלץ שטאַרקער, דער געשפּרעך — אַלץ נעהנטער צו מיר. איך שטרענג זיך אָן, עפּעס ריהרט זיך פון אויבען מיין צודעק. איך ציטער־אויף. עמיצער שלעפּט מיך שוין ביים פוס גאַנץ גראָב און שרייט „אַ נו זאָלען מיר זעהן, וואָס פאַר אַ סחורה דו פיהרסט!"

„דורכגעפאַלען!" — דאָס איז געווען דער ערשטער גע־דאַנק, וועלכער האָט מיר געגעבען אַ טעמפּען קלאַפּ איבער'ן קאָפּ. איך הויב זיך פון גרויס רעזיגנאַציע האַסטיג אויף, קריך־אַרויס פון דעם גאַנצען געפּאַק און קוק זיך אַרום. אונזערע פוהרען רינגעלט־אַרום אַ חברה פון אַ מאַן 5, עפּעס אָבגעריס־סענע לייט, צווויל געקליידעט, און טריאומפירען, ווען זיי דער־זעהן מיך מיט'ן צווייטען חבר אַרויסקריכען פון די פעלצען. „לעבעדיגע סחורה!" — שרייען זיי אויס, און זייערע אויגען ברענען־אויף מיט אַ פערדעכטיג פייערל.

איידער איך האָב נאָך בעוויזען אַריינגעהן מיט זיי אין אַ שמועס, געוואָהר־ווערען, ווער די זענען, איז שוין דער צוויי־טער פערשטעלטער פוהרמאַן אַראָבגעשפּרונגען פון זיין זיץ־פּלאַץ, איז בעפאַלען די חברה און האָט זיי אָנגעהויבען צו פּאָכען און שמייסען מיט'ן בייטש. קיין גרויסע העלדען זענען

זיי, משמעות, נישט געווען, און, פֿהרף=עין, זענען זיי זיך אַלע צולאָפֿען. ערשט איצט האָב איך זיך גענומען נאָכפֿרעגען, וואָס איז געשעהן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס זענען געווען קרימינעלע פֿערשיקטע, וועלכע זענען בעפֿרייט געוואָרען דורכ'ן „מאַניפֿעסט", זיי קעהרען זיך אום קיין רוסלאַנד, און מיט זייער געניט אויג האָבען זיי גלייך דערקענט דעם צווייטען פֿוהר=מאַן, ווער ער איז, אייגענטליך, און האָבען גלייך פֿערשטאַנען דעם גאַנצען עסק.

שלעכט. מיר זענען, בלי=ספק, דורכגעפֿאַלען. ווען אונזער דריטער חבר וואָלט נישט זיין אַזאַ היציגער און וואָלט זיך נישט גלייך געכאַפּט צו דער בייטש, וואָלט מען נאָך מיט זיי געקאָנט דורכקומען מיט אויסקויף=געלד. איצט איז די גאַנצע מעשה פֿערלוירען. זיי זענען געלאָפֿען אין דאָרף, זיי וועלען דאָרט מאַכען אַ ליאַרם, ס'וועלען אונז גיך בעפֿאַלען די אָרטיגע פּויערים, מען וועט אונז בינדען און צוריק משלח=זיין אויף אונזער פֿריהערדיגען טויטען אינזעל. אַ פֿערדרוס! אַ גוואַלדיגער פֿערדרוס! אָבגעקומען אַזאַ צייט, דורכגעמאַכט אַלע סכנות, און איצט, בשעת מיר זענען שוין ביים שוועל פֿון דער ישועה, גאָר דורכפֿאַלען! און דורך וועמען? דורך מענשען, וועלכע האָבען דאָך אויך גענוג געליטען אויף זייער לעבען פֿון דער=זעלבער מאַכט; דורך מענשען, וועלכע פֿערקויפֿען אונז אפֿשר צוליב אַ פֿלעשעל בראָנפֿען.

מיר זיצען אַזוי אויף די וואָגענס, קוקען זיך אָן איינע די צווייטע טיעף געקרענקט און בעליידיגט, און רעדען קיין וואָרט נישט אויס. אונזער פּויער זיצט גאָר ווי אָהן אַ קאָפּ, ברעכט די גאַנצע צייט מיט די הענד און צלמ'ט זיך. „וואָס וועלען זיי דאָס מיט מיר מאַכען? וואו וועלען זיי מיך אַהינ=טון?" — יאָמערט ער אָהן אויפֿהער. ערשט איצט אפֿנים האָט ער זיך געכאַפּט, וואָס פֿאַר אַ געפֿעהרליכע חברה מיר זענען, און גיסט=אויס אויף אונזער קאָפּ זיין גאַנץ בייז האַרץ.

די טעמפּע נידערשלאָגענהייט און דאָס יאָמערען פֿון פּוי=ער האָט אויף אונז געהאַט אַ פֿערקעהרטע ווירקונג. ס'האָט זיך

באַלד ביי אונז אויפגעוועקט די איינגעדרעמעלטע ענערגיע, און מיר האָבען אויף־דאָסניי אָנגעהויבען שפּינען פּלענער, ווי זיך צו ראַטעווען, ניט איבערגעבען זיך ווי לעמער די אָנפּאַלער אין די הענד. קודם־כל האָבען מיר בעשלאָסען אָבפּאָהרען פון גלייכען שליאַך. ניט צוריק און ניט פאָראויס, נאָר אָן אַ זייט, אין וועלדעל. דאָרט וועלען מיר זיך אַרומקוקען, וואָס מיר האָבען צו טון. דאָס מזל האָט אונז אָבגעגליקט.

נישט ווייט פון עק וועלדעל האָבען מיר דערזעהן עפּיס אַ בנין און דערהערט מענשליכע קולות. מיר האָבען גלייך משלח־געווען אונזער פוהרמאַן, געוואָהר־ווערען, ווער דאָרט איז און וואָס פאַר אַ מענשען זענען דאָרט. אונזער שליח איז אַוועק. האָט דאָרט געטראָפען אַ קליין זעג־מיהלכעל. אין קאַנטאָר האָט ער געמאָלדען, אַז ער פיהרט פון דאָרט און דאָרט (אַ צוגעטראַכט אָרט) סוחרים, זיינע פערד פאַלען איהם אונגעריכט אַוועק, ער קאָן אונז ווייטער נישט פיהרען. מיר האָבען אָבער זעהר אַ נויטיג געשעפט אין אַרכאַנגעלסק, און מיר וואָלטען גוט בעצאָהלט, ווען מען זאָל אונז שנעל און אָהן אָבהאַלט צושטעלען אַהין.

פון קאַנטאָר האָט מען אונז געלאָזט פערבעטען. מיר האָבען דערווייל, שוין אַלע דריי, זיך אויסגעפוצט אין אונזערע סוחר׳ישע פוטערס, האָבען אויף זיך אַרויפגעלאָזען דעם געהעריגען אָנשטעל און אַריין אין קאַנטאָר. צי דאָרט האָט מען פערשטאַנען, ווער מיר זענען, צי נישט, ווייס איך נישט. יעדענפאַלס האָבען זיי אויסגעבעטען פאַר אַ פאָר פערד אַזאַ טרפה׳ן מקח, וואָס קיין שום כשר׳ער פאַסאַזשיר צאָהלט קיינמאָל קיין העלפט נישט פון דעם. לפנים־וועגען האָבען מיר געפּרובט זיך דינגען, זענען אָבער איינגעגאַנגען אויף דעם געבעטענעם פּרייז, ווייל, ווי מיר האָבען דאָרט דערצעהלט, שטעהט אונז פאַר זעהר אַ גרויס געשעפט אין שטאָדט.

אונזער האַלטען־זיך, בעזונדערס אונזער מטבע האָט אימפּאָנירט. מען האָט פאַר אונז איינגעשפּאַנט אַ פאָר גוטע פערד מיט אַ בויד, אונזער פריהערדיגער פוהרמאַן האָט זיך

זיט אונז האַרציג געזעגנט, און מיר האָבען מיט גרויס האַרצ-קלאַפּען זיך צוריק געלאָזען אויף דעם אָפענעם שליאַך.

אונזער חשבון איז געווען אַ גאַנץ פּשוט'ער: די „קרימי-נעלע" זענען מן-הסתם גלייך אַוועק אין דאָרף און געמאָלדען דעם „אוריאַדניק" וועגען אונזער פּליטה. יענער האָט, משמעות, באַלד צונויפגענומען אַ חברה, אונז אויפ'ן וועג צו בעגעגענען. פון די מוסרים ווייס ער אַלע אונזערע סימנים און וועט טאַקע זוכען נור די צוויי פוהרען מיט די געמאָלטע סימנים. מיר אָבער וועלען דאָך איצט גאָר פאָהרען אין אַ בויד, געשפּאַנט אין אַ פּאָר פערד, וועט מען אונז פאַרביילאָזען און גאָר ניט פרעגען.

צו אונזער גליק האָט אַ ביסעל צוגערעגענט. אונזער „שמייסער" האָט אַראָבגעלאָזען דעם בויד, האָט אונז גוט איינגעדעקט און האָט כוואַטסקע צוגעקנאַקט צו די פערשייטע, אָבגעפּאַשעטע פערדלעך. מיר זענען שוין אויפ'ן פריהערדיגען אָרט פונ'ם דורכפאַל. דאָס האַרץ קלאַפּט, ווי מיט אַ האַמער. דורכ'ן שייבעל זעהען מיר אַרומבלאָנדזשען שאָטענס. „דאָס איז אויסגעשטעלט אַ וואַך", — שעפּטשען מיר: „מען וועט אונז באַלד אָבשטעלען, און אויס קאָמעדיע!" די פערד לויפען גאַלאָפּ, דער שמייסער קנאַקט מיט'ן בייטש.

„יעפים! דאָס ביסטו? — הערען מיר אַ שטים. „ווי דו זעהסט!" — ענטפערט אונזער פוהרמאַן און טרייבט ווייטער די פערדלעך, אין גרויס מתיקות פונ'ם טרינק-געלד, וואָס ער וועט בעקומען פון די „רייכע סוחרים".

— געלונגען! — געהט אונז אָב פונ'ם האַרץ. די וואַך קען אונזער נייעם פוהרמאַן. ס'איז איהר גאָר ניט איינגעפאַלען צו נעהמען איהם אין חשד, און האָט אונז דורכגעלאָזען אָהן שום שאלות.

עס פינקלען שוין צו אונז ליבליך די שטערן, עס שמייכעלט שוין צו אונז דער פערכמאַרעטער הימעל, און ליכטיג, העל-ליכטיג איז אויף דער נשמה: נאָך 5—6 שעה אַזוי פאָהרען, און מיר וועלען שוין זיין אין שטאָדט.

ס'איז אונז בעשערט געווען צו האָבן אַ ביסעל האַרצ-קלאַפעניש שוין גאָר אין די לעצטע צוויי שעה פאַר אונזער אַריינקומען אין שטאָדט. אונזער נייער פוהרמאַן האָט זיך אָבגעשטעלט אויפ'ן וועג אין אַ בעלעבטען דאָרף אָבצורוהען זיך און דערקוויקען די „נשמה" מיט אַ גלעזעל משקה. ער האָט דאָך פון קאָנספיראַציע נישט געוואוסט, און מיר האָבן נישט געפונען פאַר בעקוועם איהם פערטרויען אונזער סוד: פאָרט אַ פרעמדער מענש.

צו אונזער גליק האָט ער זיך אָבגעשטעלט נישט אויף דער פּאָסט-סטאַציע, וואו עס שנאָרען-אַרום מעהרסטענטיילס די אָרטיגע פּאָליציי-לייט, נאָר עפּעס אין אַ פּריוואַטער אכסניה, ביי זיינע בעקאַנטע. מיר האָבן דאָרט געטראָפען אַ שפּאָר ביסעל מענשען, פויערים און סוחרים פון פערשידענע דערפער און „געגענדען". אונזער אַריינקומען האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע „טשעקאַוועס" ביי אַלע אָנוועזענדע, ווי יעדע פּנים-חדשות אין יענעם געגענד, און אַלע האָבן זיך מיט אונז גלייך פעראינטערעסירט: ווער, וואוהין און צוליב וואָס.

מיר האָבן נאָך נישט בעוויזען דאָס מויל צו עפענען, דערזעהען מיר, ווי צו אונז לאָזען זיך כמעט מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס צוויי פּאַרשוינען: דאָס זענען געווען צוויי גוט-בעקאַנטע סוחרים פון מעזען, וועלכע האָבן געוואוסט אונזער גאַנצען יחוס. דאָס האַרץ איז אונז איינגעפאַלען: צי וועלען זיי אונז אַרויסגעבען צי ניין. יעדענפאַלס זענען מיר פערלאָפען דעם וועג און זיי גלייך געענטפערט, נאָך איידער זיי האָבן עפּיס געפרעגט: מיר פאָהרען פון דאָרט און דאָרט און געמאַכט נישט קיין שלעכטע געשעפטען. איצט איילען מיר זיך אין שטאָדט, וואו אויף אונז וואַרט אונזער שעף פון מאָסקווע.

זייערע אויגען האָבען געבלינצעלט צו אונז פריינדליך. אויף זייערע ליפען האָט זיך בעוויזען אַ כיטרע שמייכעלע קוים צו בעמערקען, און זיי האָבען אונז פערטרוליך צוגעשאָקעלט מיט די קעפ, גלייך ווי זיי וואָלטען געזאָגט: שרעקט זיך נישט פאַר אונז, מיר פערשטעהען דעם עסק, מיר וועלען אייך נישט

אַרויסגעבעז. דער ספּעציאַליסט אונזערער האָט זיך צערעדט, האָט אַרויסגעוויזען זיינע אַלע ידיעות אין די מקחים פון פער־שידענע געפליגעל, האָט פערפיהרט אַ לאַנגען שמועס וועגען פערשידענע פעל און רויכוואַרג. און מיר האָבען דערווייל צו־געטריבען אונזער פוהרמאַן, ער זאָל זיך צוזאיילען מיט דער בסיעה.

ערשט איצט האָבען מיר זיך אין זיינע אויגען אינגאַנצען לעגאַליזירט. ער האָט אין אונז דערזעהן אמת׳ע סוחרים מיט אַ ברייטער האַנד. און זיין דרך־ארץ צו אונז האָט ממש בע־שיינפערליך געשטיגען און שטאַרק זיך געהויבען.

מיר געזעגנען זיך האַרציג מיט אונזערע אַלטע בעקאַנטע, שטיפעריש שוין בעטען מיר זיי אָבצוגעבען אַ גרוס דעם „איס־פּראַווניק" און אַלע גוטע פריינד, און מיר לאָזען זיך ווייטער מונטער און מוטיג אין וועג אַריין. עס בעווייזען זיך שוין פון ווייטען די פייערלעך פון דער גרויסער שטאָדט, עס צייכנען זיך שוין אָן די שפּיצען פון די הויכע בנינים. מיר דערהערען שוין קלאַפּען דעם דופק פון שטאָדטישען לעבען. אָבגעריסענע קולות, געמישטע קלאַנגען, אַ געפּייף פון פאַבריק־קוימענס, קלאָרע מענשליכע ווערטער, און — אונזערע הערצער שלאָגען אין אונז, ווי מיט אַ האַמער.

ענדליך האָבען מיר אונזער ציל דערגרייכט. מיר זענען שוין אין אַ גרויסער שטאָדט, צווישען טויזענדער מענשען, וואו מיר וועלען זיך פערלירען אין דער פיעל־פּנים׳דיגער, אונבע־קאַנטער מאַסע. וואו אונזער יעדער טריט, יעדער קעהר און בעוועגונג וועט נישט שוין ווערען אויסגעשפּירט און נאָכגע־קוקט, און דער עיקר, — וואו מיר וועלען קאָנען פריי זיך זעצען אין באַהן און געשווינדער קומען אַהין, וואוהין דאָס האַרץ ציהט אַזוי שטאַרק, וואו דאָס לעבען קאָכט, מאָנט און רופט.

בלויז צוליב ריין־קאָנספּיראַטיווע טעמים, האָט זיך אונ־זער קאָמפּאַניע אין שטאָדט צעשיידט. איינער איז פערפאָהרען מיט׳ן פוהרמאַן אויף איין אַדרעס, און מיר איבריגע צוויי זע־

נען ביי דער שטאָדט־ראָגאַטקע אַראָב און געגאַנגען צופוס אין אַ צווייטער וואוינונג. אַלץ, פערשטעהט זיך, איז שוין געווען פאָרויס בעזאָרגט און בעשטימט.

אָנפאַנגס איז אונז דער וועג צו־פוס, נאָך אַזוי פיעל טעג ליגען אין וואָגען איינגעשרומפען און איינגעדרעהט, אויס־געקומען זעהר אָנגענעהם. מיר האָבען אויסגעגלייכט אונזערע גלידער. מיר האָבען שפּאַצירט איבער די שטאָדט־גאַסען פראַנק־און־פריי, און איינגעזאַפּט אין זיך מיט גרויס תשוקה, מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם, דעם גאַנצען אויר פון דעם שטאָדט׳שען לעבען. אַלץ האָט עפּיס ביי אונז אין די אויגען בעקומען דעם ויבעטען חן, אַלץ האָט געלאָקט און גערייצט, אַזוי ווי בייע ענטפּלעקטע וועלטען. אָבער ביסלעכווייז, פּאַמעליך איז אונז בעפּאַלען אַנ׳אונרוהיג געפיהל. מיר געהען שוין אַ שעה און צוויי, און מיר זענען נאָך אַלץ נישט ביים ציל. מיר שפּאַצי־רען־דורך די גאַס אויף וועלכער עס געפינט זיך אונזער „יאַוו־קע“ (די קאָנספּיראַטיווע וואוינונג) איין מאָל, צוויי מאָל, און מיר קאָנען דעם נויטיגען נומער פון הויז נישט געפינען. אונז נעהמט־דורך אַ שטאַרקע מידקייט; ערשט איצט פיהלען מיר, ווי אַלע אונזערע אברים זענען צעבראָכען. אַ פייכטער שניי פּאַטשט אונז אין פּנים און אַ שוידערליכע קעלט געהט אונז דורך דאָס גאַנצע לייב. די גאַסען ווערען שוין איינגאַנצען פּוסט פון מענ־שען. מיר פרעגען די לעצטע איילענדע דורכגעהער, וואו עס געפינט זיך דער און דער נומער. יענע הויבען מיט די אַקס־לען און לויפען ווייטער.

עס בעווייזען זיך אין גאַס פּאַטרולען, געמישט מיט פּאָ־ליציי־לייט און זעלנער. אַ נייעס. קיינמאָל האָט מען דאָ וועגען אַזעלכע זאַכען נישט געוואוסט. וואָס זאָל דאָס בעדייטען? צי איז דאָ עפּיס לעצטענס געשעהן? מיר האָבען דאָך שוין אַזאַ לאַנגע צייט קיין צייטונגען נישט געלעזען און ווייסען נישט, וואָס עס טוט זיך אויף דער ווייסער וועלט. שלעכט, דער פּאַטרול קאָן אונז אָבשטעלען, און אַלץ איז פערפאַלען. מיין חבר לעגט מיר פּאָר אומקעהרען זיך צוריק אין וואַלד, דאָרט

איבערנעכטיגען, און מאָרגען פריה קומען אין שטאָדט. איך פערשטעה, אַז ער איז גערעכט, אַז פונ׳ם אַרומדרעהען זיך אַזוי קאָנען מיר לייכט אַריינפאַלען. אָבער די פיס זאָגען זיך לחלוטין אָב צו געהן צוריק אַזאַ מהלך, און איך קאָן זיך נישט בעשליסען צו פערבלייבען אין אַזאַ פראָסטיגער קעלט אין וואַלד אַ גאנצע נאַכט.

מען דאַרף נאָכאַמאָל פרובירען דעם מזל. ווייטער זוכען דעם נויטיגען נומער. מיר ציהען אָבער אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פונ׳ם פאָסטען־פאָליציאַנט. מיר ווילען געהן ווייטער. אָבער יענער שרייט אונז שוין נאָך: „מיינע הערען!“. נישט צו מאַכען. מיר בלייבען שטעהן. מיר פרעגען איהם אויף דעם נומער, וועלכען מיר זוכען. ער קוקט אונז אָן מיט גרויס חשד, מאַכט אַ בייזע מינע און פרעגט מיט אַנ׳אָנשטעל פון אַנ׳אויספאָרשער, וואָס האָבען מיר דאָרט צו טון און ווער מיר זענען. מיר טראַכטען עפיס אויס אַ מעשה און רוקען איהם אַריין אגב־אורחא אַ זילבערנע מטבע מיט ניקאָלאַי׳ס פּאָרטרעט. דאָס האָט אַ ביסעל אָבגעשוואַכט זיין שטרענגקייט; ער דערצעהלט אונז פערטרויליך, אַז ערשט נעכטען־עהערנעכטען האָט מען אין שטאָדט פונאַנדערגעוואָרפען בלעטלעך, צייטען זענען אונרוהיגע, און מען קאָן היינט נישט וויסען, מיט וועמען מען האָט צו טון. אָט טאַקע אויף דעמזעלבען הויף, וואו מיר דאַרפען, וואוינען אַזעלכע לייט ביי וועלכע מען האָט נעכטען אַ רעוויזיע געמאַכט. מיר האָבען איהם פערזיכערט, אַז מיר האָבען מיט אַזעלכע לייט קיין מגע־ומשא נישט, און ער האָט זיך פריינדליך מיט אונז צעשיידט.

לאַנג, נאָך לאַנג האָבען מיר געקלונגען און געקלאַפּט אין טהיר פון דער וואוינונג, צו וועלכער מיר האָבען געדאַרפט. מיר האָבען דאָרט פערשאַפט אַנ׳אומזיסטע שרעק; די דאָרטיגע בעלי־בתים זענען געווען זיכער, אַז דאָס זענען ווידער געקומען נאַכט־געסט, און האָבען דערווייל געברענט און אין אָרדנונג געבראַכט די פאַפּירען און איבריגע טריפה זאַכען. וועגען אונז האָבען זיי זיך שוין אינגאַנצען מיאש געווען. אונזער דריטער חבר איז

בשלום געקומען צו דער צייט. אַלע האָבען געוואַרט אויף אונז ביז שפּעט, און זענען שוין געווען זיכער, אַז מיר זענען דורכגעפאַלען.

אויפ׳ן טיש האָט זיך גיך בעוויזען אַ הייסער סאַמאָוואַר; מיר זענען אַריבער אויף אַלגעמיינע נייעס, און צו אונזער גרויסער איבערראַשונג האָבען מיר זיך דערוואוסט וועגען די גרויסע געשעהענישען פון דעם „רויטען זונטאָג" אין פּעטער־בורג. דאָס איז געווען נאָך דעם 9. יאַנואַר 1905. מיר האָבען געשליגען מיט אַ גוואַלדיגען נייגיר יעדעס וואָרט. מיר האָבען זיך נאָכגעפרעגט אויף די אַלע פּרטים פון די גרויסע פּאַסירונגען. איצט איז דאָ אויך נישט רוהיג. פיעל „פערשיק־טע" זענען צעלאָפען פון דאַנען, פּאָליציי איז אויף די פיס און מען דאַרף זיך פון דאַנען וואָס־פריהער אָבטראָגען. אַזוי האָבען מיר פערבראַכט ביז טאָג.

נאָך אין זעלבען טאָג אין אָוועגד בין איך שוין געזעסען אין אַ וואַרימען, קאָמפאָרטאַבלען קופּע פון צווייטען קלאַס, און דער צוג האָט מיך געטראָגען איילענדיג, האַסטיג אַהיים, צו דעם איינגעבאַקענעם „תחום", צו די יודישע אַרבייטער.

נײַע צײַטן.

אין וואַגאָן נאָך האָט מיך שטאַרק איבעראַשט און ס׳איז געווען פֿאַר מיר לחלוטין אונפֿאַרשטענדליך די גרויסע איבערקערעניש, וואָס ס׳איז געשעהן פֿלוצלינג מיט׳ן רוסישען „אונטערטאַן“ נאָך דעם 9־טען יאַנואַר.

געוועהנליך פֿלעגען די פּאַסאַזשירען פֿריהער אין די וואַגאָנעס אויסמיידען צו רעדען אויף פּאָליטישע טעמעס; אויב מען פֿלעגט שוין יאָ אַמאָל אַריבערגעהן צופֿעליג אויף פּאָליטיק, פֿלעגט מען דערבײַ אַראָבלאָזען די שטים, אָנהויבען זיך שושקען און אומקוקען זיך אויף אַלע זייטען, צי עס געפֿינט זיך נישט אַ געפֿערליכער אונטערהערער.

דאָס מאָל אָבער רעדען אַלע אין די וואַגאָנעס אַזוי הויך, אַזוי פֿריי געגען „דער ביוראָקראַטיע“, געגען „פּאָליציי־אישען רעזשים“ מען פֿיהרט אפילו הויכע דיסקוסיעס, צי ער אַליין, דער צאַר הייסט עס, איז נישט שולדיג אין דעם פֿאַרגאָסען בלוט. וואו איז אַהינגעקומען די מורא? פֿון וואַנען האָט זיך דאָס מיט אַמאָל גענומען אַזא לשון? ווען האָט זיך דאָס אויסגעאַרבייט אַזאַ קלאָרער און רעוואָלוציאָנערער בליק אויף דעם גאַנצען פּאָליטישען לעבען?

שוין אין דאָרף נאָך האָב איך בעמערקט, אַז ס׳ווערען געבוירען נײַע בעגריפֿען אַפֿילו אין די מוחות פֿון די דאָרטיגע דערשלאָגענע פּויערען. דער בת־קול פֿוּן די שטורעמס אין לאַנד פֿלעגט זיך פֿערקלייבען אויך אין די פֿערוואָרפֿענע דערפֿער פֿון ווייטען צפֿון און פֿלעגט זיך דאָרט איבערקייקלען אין אַ פֿערדרעהטער און פֿערפֿלאָנטערטער פֿאָרם. אַזוי האָבען זיך די דאָרטיגע פּויערים פֿאָרגעשטעלט, דאָס מיר „פּאָליטישע“ זענען

געפאַלענע מיוחסים פון קייזערלעכן הויף, אויף וועלכען דער קייזער, צוליב זיינע שלעכטע בעלי־עצה, האָט געוואָרפען אַנ׳־אומ׳חן. איצט אָבער האָט ער זיך אָבגעווענדעט פון זיינע אַל־טע מיניסטאָרען, ער וועט מיט אונז שליסען שלום און מיר וועלען ווידער עולה־לגדולה זיין.

אויפ׳ן וועג אָבער פון אַרכאַנגעלסק, און וואָס ווייטער פון דאָרטען אַלץ מעהר, האָבען די פּאַסאַזשירען שוין אַרויס־געוויזען אַזאַ קלאָרען פּאָליטישען פערשטאַנד, אַזאַ אויסגע־שפּראָכענע שנאה צום „ביוראָקראַטיזם" און דערביי דאָס אַלץ אַזוי דרייסט און אָפען אַרויסגעזאָגט, אַז איך בין געזעסען גאַנצע שעה׳ן זיך צוגעהערט און ממש מיינע אייגענע אויערן נישט געגלויבט.

אָנפאַנגס האָב איך די אַלע רעדעוודיגע פּאַסאַזשירען פשוט אָנגענומען פאַר שפּיאָנען, וועלכע ווילען מיך מיט אַ כיון אַריינציהען אין אַ געשפּרעך, בכדי צו וויסען, ווער איך בין (ווייל פון מיין פריהערדיגער ערפאַהרונג האָב איך גע־וואוסט, אַז אַזוי פריי רעדען נור שפּיאָנען, אָדער פּאָליטישע אַרעסטאַנטען). ס׳האָט געמוזט אַוועקגעהן אַ געוויסע צייט, ביז איך האָב זיך אָריענטירט אין דער נייער סביבה און איך האָב אויפגעהערט צו זעהען פאַר זיך בלויז שפּיאָנען און „פער־דעכטיגע".

פאַר די פּאַסאַזשירען האָב איך פיגורירט אַלס יוריסט, וואָס איז געקומען קיין אַרכאַנגעלסק צוליב די ענינים פון מיינע קליענטען און איצט פאָהר איך צוריק. אַדוואָקאַטען האָבען דאַמאָלסט גע׳שמט אַלס אַ ראַדיקאַלער עלעמענט און מיי־נע שכנים האָבען דאַרום נישט אויפגעהערט מיך צו פערנע־מען מיט „פּאָליטיק" און דערגעהן אַ סך זאַכען, וואָס זיי איז געווען קשה. פאַר מיר איז די דאָזיגע פּאָליטיק־נייגיריגקייט און — דער עיקר — דער פערשוואונדענער פחד פאַר פּאָליציי געווען דער בעסטער בעוויז, אַז אין לאַנד הויבט זיך אָן אַנ׳אמת׳ע איבערקערעניש, אַז די רעוואָלוציע שפּרייזט צו אונז מיט שנעלע טריט.

אַביסעל שרעק האָב איך נור געהאַט פאַר מאָסקווע. דער דאָרטיגער וואָקזאַל איז געווען אַ געפערליכער פונקט. געוועהנליך פלעגט מען פון אַרכאַנגעלסק דעפּעשירען אַהין וועגען די געלאָפענע און בעת דער צוג פלעגט אָנקומען פון יאַראָסלאַוו, פלעגען איהם אַרומרינגלען זשאַנדאַרמען מיט אַ געניטען תביעת-עין און דורכזיפען יעדען פּאַסאַזשיר. געפּאָהרען צוריק בין איך מיט נאָך אַ „פערשיקטען“, אַ מאַלער, בורגין פון וואַרשאַ, (אַ מיטגליד פון דער יודישער אָרגאַניזאַציע פון פּ. פּ. ס.) געזעסען זענען מיר אין פערשידענע וואַגאָנען. מיר האָבען אָבגעשמועסט, זיך טרעפען אין מאָסקווא, אויב דער אַראָבגאַנג וועט דורכגעהן בשלום, אויף בריסקער וואָקזאַל.

מיט אַ סטאַציע פאַר מאָסקווע בין איך אַראָבגעגאַנגען אין וואָקזאַל צו געניסען עפּיס פון בופעט. איך קעהר זיך אום אין מיין קופּע, מיין פּלאַץ איז פערנומען. ס'זיצט אַ גאַנצע גרופּע יונגע פערפּוצטע דאַמען, זיי לאַכען, שטיפען און האַלטען זיך גאַנץ היימיש. פון ערשטען קוק האָט מען גלייך געזעהן, אַז דאָס זענען אַרטיסטקעס, וואָס קעהרען זיך אום פון אַ פרעהליכען אויספלוג ערגעץ אונטער מאָסקווא. אַזאַ געזעלשאַפט, האָב איך זיך געטראַכט, וועט מיר ביים אַראָבגעהן שטאַרק צוניץ קומען. ס'איז מיר נישט אויסגעקומען איבעריג שווער צו שליסען קענטשאַפט מיט מיינע שכנ'טעס און מיט זיי פערפיהרען אַ געשפּרעך.

ביים אַראָבגעהן בין איך געווען אַזוי העפליך און האָב זיי מיטגעהאָלפען טראָגען זייערע נישט שטאַרק איבערגעלאָדענע פודלען און אַנדערע קליינוואַרג. מיט אַ הויכען געלעכטער און געפילדער האָבען זיי זיך אַלע אַ שאָט-געטון צוזאַמען מיט מיר פון וואַגאָן, פערביי אַ שטרענגען זשאַנדאַרם מיט גרויסע וואָנסען און שטעכעדיגע אויגען. יענער האָט זיי מילד נאָכגעשמייכעלט. איך בין דערוויל צוליב זייער זכות נצול געוואָרען פון אַ בייז אויג און בין בשלום אָבגעפאָהרען צום בריסקער וואָקזאַל. בורגינען אָבער האָב איך דאָרט

נישט געטראָפען און איך ווייס עד־היום נישט, וואָס מיט איהם האָט דעמאָלסט פּאַסירט...

* * *

אין ווילנא האָב איך זיך אָבגעשטעלט צו דערגעהן וואו ס׳געפינט זיך איצט דער זיץ־פּלאַץ פון צענטראַלען קאָמיטעט, אַ זעלבער מעלדעט זיך צו זיין מיליטער־נאַטשאַלניק און אונזער איינער האָט שטענדיג ביי זיין אָנקומען געדאַרפט זיך — צושטעלען צום צ. ק. איך האָב זיך דערוואוסט, דאָס דער צ. ק. איז שוין לאַנג אַוועק פון וואַרשא, (וואו איך האָב איהם געלאָזען). ער האָט געהאַט געוואוינט איין צייט אין מינסק; האָט ער בעקומען ידיעות פון אַ שרייבער אין זשאַנדאַרמען־קאַנצעלאַריע, דאָס די זשאַנדאַרמען זענען שוין געפאַלען אויף זיין שפּור און האָט זיך דאַרום איבערגעקליבען קיין דווינסק. אייגענטליך געוואוינט אויף איין אָרט האָט בלויז זיין אָפיציעלער פאָרשטעהער, (נח, שפּעטער — אַלעקסאַנדער, אַרקאַדי קרעמער), די איבריגע מיטגלידער פלעגען זיך פאַנאַנדערפאָהרען יעדערער אין זיין בעשטימטען געגענד און פלעגען זיך צוזאַמענטרעפען בלויז אויף פלענאַר־זיצונגען. איך און מיין פרוי (וועלכע האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף מיר אין ווילנא) זענען גלייך אָבגעפאָהרען קיין דווינסק.

ביי נח׳ן האָב איך דאַמאָלסט צום ערשטען מאָל געטראָפען אַ שווייגענדיגען יונגענמאַן מיט אַ בלאַס קרענקליכען אויסזעהען, מיט אַ געל געקרייזעלט בערדעל און זעהר ליבליכען שמייכעל. מען האָט איהם מיר פאָרגעשטעלט אויף אַ געלעכטער אַלס חבר אָלגאַ. פון דעם שטאַמט אַרויס דער שפּעטערדיגער פּסעוודאָנים אָלגין, וואָס איז געוואָרען אַזוי פאָפולער ביי די יודישע אַרבייטער ביי אונז און אין אַמעריקאַ. מ. נאָוואָמייסקי (אָלגין) איז געוועזן אַ קיעווער סטודענט, איז צוגעשטאַנען צו דער קיעווער גרופּע „אינטעליגענטען־יודען״, וועלכע האָט איין צייט סימפּאַטיזירט מיט׳ן „בונד״ און האָט זיך בעשעפטיגט בלויז מיט טעאָרעטישע דיסקוסיעס,

פֿערשפּרייטען קולטור צווישען די יודישע מאַסען אויף פּאָדאָל. שפּעטער אין יאָהר 1903 האָט זיך די דאָזיגע גרופּע רעאָרגאַניזירט אין אַ קיעווער גרופּע פֿון „בונד". אין ערשטען קאָמיטעט פון דער קיעווער בונדישער אָרגאַניזאַציע איז אויסגעקליבען געוואָרען אויך נאָוואָמייסקי (אַלגין).

נאָוואָמייסקי האָט זיך שוין דאַמאָלסט צוריקגעקערט פון מיליטער. ער איז אָבגעגעבען געוואָרען אַלס זעלנער צוזאַמען מיט אַנדערע שולדיגע אין די גרויסע סטודענטען-אונרוהען פון די יאָהרען 1901—1902. פון דאָרטען האָט ער זיך שוין צוריק געקעהרט אַלס איבערצייגטער „בונדיסט", ער פערנעמט זיך מיט פּראָפּאַגאַנדע צווישען די יודישע אַרבייטער אויף די קיעווער פּאָרשטעט, ווערט זעהר גיך ביי זיי פּאָפּולער; ער ווערט אין קורצען אַריינגעשיקט דורכ׳ן צ. ק. אין ווילנער קאָמיטעט. צום ערשטען מאַי פון יאָהר 1904 ווערט ער אַרעסטירט און פערשפּאַרט אין לוקישקער טורמע. נאָך זיין בעפרייאונג לאַדט איהם איין צו זיך דער צ. ק. אַלס „ליטעראַט". ער ווערט דער מחבר פון צעהנדליגער אויפרופען און פּראָקלאַמאַציעס, וואָס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען דורכ׳ן צ. ק. פון „בונד".

באַלד ביי אונזער ערשטען געשפּרעך מיט נח׳ן איז פערבליבען אויסצונוצען מיין „לעגאַלע לאַגע" (איך בין דאָך נור וואָס געקומען צו פאָהרען און איך האָב נאָך גאָר אַ „ריינעם" פּאַספּאָרט...) און ווערען אַ בעל-הבית פון אַ קאָנספּיראַטיווער דירה אין דווינסק, וואו ס׳זאָל פּאָרקומען די 6-טע קאָנפערענץ.

דער פּלאַן איז געווען אַ גאַנץ פּשוטער. מיר וועלען נעמען אַ וואוינונג אין דווינסק, אַלס אַ יונגע פּאָר פּאָלק, נור וואָס געקומען צו פאָהרען פון אַנ׳אַנדער שטאָדט. די דירה וועלען מיר שען און רייך אויסמעבלירען, (די מעבעל וועט צונויקומען שפּעטער פאַר דער געהיימער דרוקעריי, וואָס האָט זיך דאַמאָלסט אויך געפונען אין דווינסק) מיר וועלען אָנהויבען פיהרען אַ ברייט לעבען, אויפנעמען ביי זיך געכט און „סוחרים" און

װעלען נישט אַרױסרופֿען בײ די שכנים און בעלי־בתּים קײן שום חשד.

אַ דירה איז שױן געװען פֿאַראױס אױפֿגעזוכט אין אַ שטילער װינקעל ערגעץ אױף באַלאַטנע גאַס. מיר זענען מיט דער װירטין גיך מושוה געװאָרען, דערבײ האָבען מיר איהר מתּרה געװען, אַז מיר נעמען די דירה אױף אַ קורצער צײט, װײל אַ ך װאַרט אױך אַ שטעלע אין אַן׳אַנדער שטאָדט. קײן דינער־שאַפֿט האָבען מיר נישט גענומען, אײנע פֿון די בעטײליגטע אין דער קאָנפֿערענץ האָט לפּנים אױסגעפֿיהרט די פֿונקציעס פֿון אַ דינסט.

די קאָנפֿערענץ האָט זיך אָנגעהױבען דעם 11־טען פֿעברואַר, דוכט זיך דאָס איז געװען די ערשטע קאָנפֿערענץ, אױף װעלכע די קאָמיטעטען האָבען געװעהלט צו אײנעם אָדער 2 פֿערטרע־טער. דער װאַהל־מאָדוס פֿון די פֿריהערדיגע קאָנפֿערענצען איז געװען נאָך װעניגער דעמאָקראַטיש.

די קאָנפֿערענץ האָט װירקליך געהאַט גרױסע פֿראַגען צו בעשליסען. די געשעהענישען פֿון 9־טען יאַנואַר האָבען אױפֿ־געטרײסעלט דאָס גאַנצע לאַנד. די ברײטסטע מאַסען זענען אַרײנגעצױגען געװאָרען אין פּאָליטישען שטראָם. אין ראַיאָן פֿון „בונד״ האָבען זיך אָנגעהױבען פֿון 11־טען יאַנואַר אָן פּאָ־ליטישע שטרײקען און דעמאָנסטראַציעס, אַלס ענטפֿער אױפֿ׳ן „בלוטיגען זונטאָג״. אין די שטרײקען האָט זיך בעטײליגט די גאַנצע אַרבײטער־מאַסע פֿון די שטעט בײ אַן׳אָפֿענעם מיטגע־פֿיהל פֿון דער איבעריגער בעפֿעלקערונג. אַלע געװעלבער פֿלע־גען װערען געשלאָסען. די דעמאָנסטראַציעס זענען געװען זעהר אימפּאָזאַנט און האָבען געמאַכט אַ שטאַרקען רושם.

אין די גרױסע שטעט, װי װאַרשא, לאָדז און ריגע האָט דער „בונד״ קאָאָרדינירט זײן פּראָטעסט־אַקציע מיט די איבע־ריגע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פֿון די שטעט און האָט דערבײ אַרױסגעװיזען אַ גרױסען מאַסען־כּח. אין ריגע איז נאָכ׳ן 9־טען יאַנואַר פֿאָרגעקומען אַן׳אַלגעמײנע ס. ד. קאָנפֿערענץ, אױף װעלכער די לעטישע ס.ד. דעמאָקראַטיע האָט געבילדעט אַ

פעדעראַטיווען קאָמיטעט מיט'ן „בונד“, פאַר געמיינזאַמער אַרבייט.

פאַר דער זעקסטער קאָנפערענץ האָבען זיך אַוועקגעשטעלט בייע פראַגען: ווי אַזוי צו פיקסירען די ווירקונג, וואָס דער „בונד“ האָט בעקומען אויף די ברייטסטע יודישע מאַסען, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירען מאַסען-אַרויסטרעטונגען, וועלכע זאָלען זיך פערוואַנדלען אין גאַסען-רעוואָלוציעס. מען האָט גערעדט וועגען בעוואָפענטע דעמאָנסטראַציעס, וועגען דער נויטיגקייט צו שאַפען אין די אָרגאַניזאַציעס געשולטע קאַמפס-אָבטיילונגען, וועגען צושטעלען וואָפען פאַר די אָרגאַניזאַציעס, וועגען פערוואַנדלען יעדען קאָנפליקט אין אַ רעוואָלוציאָנערען צוזאַמענשטויס. די גאַנצע קאָנפערענץ איז דורכגעגאַנגען אונטערן צייכען פון פערשאַרפטער רעוואָלוציע און מיט פולען גלויבען, אז איהר לעצטער אַקט לאָזט שוין אויף זיך לאַנג נישט וואַרטען.

די גאַנצע צייט האָבען מיר געאַרבייט רוהיג און זיכער. אין גאַס איז געווען אָרגאַניזירט אַ „פּאַטרול“ פון „זיכערע מענשען“, וועלכע האָבען השגחה געגעבען איבער יעדען דורכגעהער און ביי דעם ערשטען חשד געדאַרפט אונז גלייך אינפאָרמירען. אַ טייל חברים זענען געבליבען נעכטיגען ביי אונז אויף דער דירה, זיך צולעגט אויף דער ערד און אויף „פעלד-בעטלען“, וועלכע מיר האָבען בייטאָג צונויפגעלעגט. אַ צווייטער טייל איז זיך אין אָווענד פאַרנאַנדערגעגאַנגען אין האָטעלען און צו בעקאַנטע. צוזאַמען האָבען זיך בעטייליגט אין דער קאָנפערענץ אַ מאַן 25. אַלע טאָג פלעגט פאַר אונז דער ממונה אויפ'ן פּאַטרול „אַרויסלאָזען אַ ביולעטין“, וועגען דעם וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין גאַס. אַלץ איז געווען אין בעסטער אָרדנונג.

אויפ'ן זעקסטען טאָג אָבער, אַ זייגער 11 אין דער פריה, איז אַריין איינער פון די אנטיילנעמער און געמאָלדען, אַז ס'איז עפּיס זעהר פערדעכטיג אַרום שטוב, מען דאַרף זיין גרייט. מיר האָבען נאָך נישט דערוויזען צו בעטראַכטען די געשאַפענע לאַגע, ווי איינער פון די הויפּט-משגיחים האָט מיר אָנגעקלאַפּט לויט דעם אָבגערעדטען סימן אין טהיר און האָט פשוט בעפעהלען שוין פאַרנאַנדערגעהן זיך. פּאָליציי געהט שוין

צו אונז. ס'איז ניִשט געווען קיין צייט איִהם אויסצופרעגע. גענויער.

מיִר האָבען קודם כל צונויפגענומען אַלע פּאַפּירען מיִט די אָנגענומענע רעזאָלוציעס, דאָס אָבגעגעבען איין חבר, וועלכער האָט זיִך אַרויסגעלאָזען דורכ'ן פענסטער (די דירה איז געווען אין דער ניִדער) אויפ'ן הויף, וואָס האָט געהאַט אַ בעזונדער אַרויסגאַנג. נאָכדעם האָבען מיִר משלח געווען אַ מאַן 10—15 קאָמפּראָמיטיִרטע, טריפה פּערזאָנען. די איִבעריִגע, מעהר כשר'ע מיִט אַ סאָליִדען, סוחריִשען אויסזעהן זענען פערבליִבען זיִצען ביים טיִש איִן גאַסט-ציִמער. מיר וואַרטען אונגעדולדיִג אויפ'ן קלאַנג פון גלעקעל. קיינער קומט ניִשט. וואָס זאָל דאָס בעדייטען? מיִר שיִקען אַרויס מיין פרוי, געוואָהר ווערען, וואָס הערט זיך. זי קומט צוריִק צו געהן און מעלדעט, אַז די פּאָליִציי איִז שוין ארויס פון אונזער הויף און איִז אַוועק ווייטער.

ווי ס'האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויִזען, איִז דאַמאָלסט געשעהן אַזאַ מעשה. איינער פון אונזערע היִטער האָט בעמערקט, ווי דער פּאָליִציימאַן, וואָס שטעהט אויפ'ן ראָג האָט עפּעס איינגערוימט דעם פּריִסטאַוו אַ סוד און אָנגעוויִזען מיִט'ן פיִנגער אויפ'ן הויז, וואו מיִר זענען געזעסען. דאָס האָט בעוואויגען אונזער פּאַטרול שטרענגער השגחה געבען. איינער איִז נאָכגעגאַנגען דעם פּריִסטאַוו, האט פעסטגעשטעלט, אַז ער רופט מיִט זיִך אַ פערשטאַרקטע וואַך און האט אַפּיִלו דערהערט אָנרופען דעם נומער פון אונזער הויז. נאָכדעם ערשט, איִז אבגעגעבען געווארען די פעראָרדנונג פאַנאַנדערגעהן זיִך.

אַרויסגעוויִזען אבער האט זיִך, דאס פאָליִציי איִז געקומען צו אונז אויפ'ן הויף זוכען אַ געהיימען פערקויף פון בראָנפען. מיִר האָבען געקאָנט ערשט אויף דער אמת'ן דורכפּאַלען, ווען אונזער עולם האָט זיך אַלאָזגעטון פון מיין דירה און האָט זיך בעגעגענט פנים אל פנים מיִט דער פּאָליצייאישער חברה. אַפּנים, דעם פּריִסטאַוו איִז גאָר ניִשט איינגעפאַלען חושד צו זיין אַזאַ „רייכע" דירה און אַזעלכע „אנשטענדיִגע" לייט איִן טריפה זאַכען און ער האָט אויף דעם קיין שום אַכט ניִשט

געלעגט. מיר אָבער האָבען בעשלאָסען שוין מעהר אויף מיין דירה קיין זיצונג נישט איינאָרדנען. דעם לעצטען טאָג און נאַכט, וועלכע איז פערענדיגט געוואָרען מיט אַ טראַדיציאָנעלער בונדישער „ליאַמע", האבען מיר שוין פערבראַכט אין אַנ׳אַנדער וואוינונג, ביי אַ צווייטען חבר.

באַלד שוין אויף מאָרגען נאָך אונזער קאָנפערענץ איז אונז געווען בעשערט צו זעהען מיט אונזערע אויגען די דורכפיהרונג פון אונזערע רעזאָלוציעס, וואָס מיר האָבען מיט עטליכע טעג צוריק אָנגענומען. אין דווינסק האָט זיך אָנגעהויבען אַ עקאָנאָמישע בעוועגונג אויף איינציגע גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען מיט קריסטליכע אַרבייטער. מען האָט געשיקט נאָך אונזערע „אַגיטאַטאָרען", מען האָט געזוכט „אראַטאָר׳ס". גיך האָט זיך איינגעגעבען אַריינצוציהען אין דער בעוועגונג די גרעסטע פאַבריקען פון שטאָדט און פערוואַנדלען זי אין אַ ריין פּאָליטישע. די יודישע אַרבייטער זענען מיט גרויס שמחה צוגעשטאַנען צו דער בעוועגונג און אונגעריכטערהייט פאַר דער פּאָליציי, איז אין שטאָדט אויסגעבראָכען אַנ׳אַלגעמיינער פּראָטעסטשטרייק געגען דעם בלוט-באָד פון 9-טען יאַנואַר.

ס׳זענען געוואָרען איינגעאָרדענט פלוג-דעמאָנסטראַציעס, באַלד אין איין עק שטאָדט, באַלד אין אַ צווייטען. „נידער" און „עס לעבע" האָבען געהילכט אין די גאַסען. אויף איינער אַזאַ פלוג-דעמאָנסטראַציע האָט אַ פּריסטאַוו אויסגעשאָסען און האָט געטויט אַ יונגען יודישען אַרבייטער. דאָס האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע אויפרעגונג אין שטאָדט. דער דווינסקער „קאָמיטעט" האָט בעשלאָסען איינצואָרדנען אַ גרויסע פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציע בעת דער לויה, אויף וועלכע ער האָט גערופען די גאַנצע בעפעלקערונג. אונגעריכט פאר די איניציאַטאָרען גופא האָבען זיך אויפ׳ן רוף געשטעלט טויזענדער, צעהנדליג טויזענדער מענשען.

פּאָליציי האָט זיך פערלאָרען און נישט געוואוסט, וואָס צו טון. די אימפּאָזאַנטע פּראָצעסיע איז געגאַנגען מיט׳ן אָרון אָן דער שפּיץ ביז דעם בריק, וואָס פיהרט צום בית-עולם. דאָרטען ערשט האָט דעם עולם אָבגעהאַלטען אַנ׳אָבטיילונג מי-

ליטער. דער אָפיציר האָט בעפוילען פאַנאַנדערגעהן. די אָרדנער האָבען געהייסען זיך נישט ריהרען פון אָרט. ס'האָט געבלאָזען דער האָרן, אַלס התראה צום שיסען. איינמאָל, אַלע שטעהען. דאָס צווייטע מאָל,—קיינער ריהרט זיך נישט. די פויקען קלאַפּען שוין, מען וואַרט אויף דעם שאָס און אַלע שטעהען ווי אַן אייזערנע וואַנד. דאָ האָט זיך דער פאָליצמייסטער אַליין דערשראָקען פאַר דעם דאָזיגען אימפּאָזאַנטען כח און האָט בעפוילען דעם מיליטער אָבּרוקען זיך. צום ערשטען מאָל האָבען מיר, אנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ, געגען אַלע כללים פון אונטערערדישער קאָנספּיראַציע, זיך אָפען בעטייליגט אין דער פּראָצעסיע און געזעהן בעשיינפּערליך דעם גרויסען סטיכישען כח, וואָס אַ רעוואָלוציאָנערע צייט פערמאָגט צו שאַפען פון אַ צושטויבטער, צושפּרייטער מענשען-מאַסע.

דער זשיטאָמירער פּאָגראָם.

נאָך דער דווינסקער קאָנפערענץ איז בעשלאָסען געוואָרען, איך זאָל זיך בעזעצען אין בערדיטשעוו, נישט אַזוי צוליב דער שטאָדט גופא, נור בכדי צו בעדינען גאַנץ דרום=רוסלאַנד. ווי בעקאַנט, האָט דער „בונד“, ביז זיין אַרויסטרעטען פון דער ס. ד. פּאַרטיי, זיך אָבגעהאַלטען פון גרינדען אָפיציעלע אָרגאַניזאַציעס אויף דרום=רוסלאַנד. אַזעלכע האָבען זיך אָנגעהויבען דאָרט צו בילדען ערשט אין יאָהר 1904.

די ערשטע איז געווען די קיעווער אינטעליגענטען=גרופּע „פרייהייט“ מיט זאַסלאַווסקי'ן, זאָלאָטאַריאָוו'ן און נאָוואָמייסקין אין דער שפּיץ. נאָכדעם איז אָפיציעל אָנערקענט געוואָרען דער אָדעסער קאָמיטעט פון „בונד“, ס'האָט זיך געבילדעט אַן אָרגאַניזאַציע אין קישינעוו און אין די איבעריגע שטעדט אויף דרום. ס'איז נויטיג געווען צו פערבינדען די אַלע שטעדט מיט'ן צענטער און זיי קומען צו הילף מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע דירעקטיווען און טעכניק.

מיט דעם צוועק איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אין בערדיטשעוו אַ געהיימע דרוקעריי ספּעציעל פאַר'ן דרום=ראַיאָן. יונה (פּ. קאָיגען) פלעגט זיין דער שליח פון צ. ק. פאַר די דרום = אָרגאַניזאַציעס. מיר האָבען איהם גערופען „דער גענעראַל=גובערנאַטאָר פון דרום=מעריב'דיגען קאַנט“. זיין פּרוידאַרא האָט געוואוינט אין בערדיטשעוו, אַלס לעהרערין, זי האָט זיך נישט בעטייליגט אין דער אָרטיגער אַרבייט און איז געווען די פערמיטלערין צווישען דער „טעכניק“ און דער אפּענער וועלט.

יונה איז איבערגעפאהרען אין צענטער, (נח מיט אַ גאַנ=

צער גרופּע זענען אַרעסטירט געוואָרען גאָר גיך אין ווילנע) און איך האָב זיך בעזעצט אין בערדיטשעוו, הויפּטזעכליך צו־ליב דער ליטעראַרישער אַרבייט פאַר׳ן גאַנצען דרום־ראַיאָן.

בכדי זיך פערזיכערן אויף א לענגערע צייט, איז בע־שלאָסען געוואָרען, דאָס איך בענוץ זיך מעהר נישט מיט קיין פאַלשער „כּתיבה" נור מיט אַן „אייזערנער".

געוועהנליך, פלעגט דער פאָרשטעהער פון צ. ק. האָבען ביי זיך אַ פּעקעל בלויזע פּאַספּאָרט־בלאַנקען, אַנדערע מיט ריכטיגע חתימות, אַנדערע אַפילו מיט נאָכגעמאַכטע בעשטעלטע שטעמפּלען. דער בלאַנק פלעגט אויסגעפילט ווערען מיט אַ צו־געטראַכטען נאָמען פאַמיליע פון פלוני בן פלוני, וואָס האָט נאָר קיינמאָל אין שטעטעל נישט געלעבט. ביים קלענסטען דורכפאַל פלעגט זיך דער שווינדעל גלייך אויפדעקען און דער אַרעסטירטער פלעגט מוזען אָנרופען זיין נאָמען, אויב ער האָט נישט געוואָלט פיגורירען אַלס „בראָדיאַגע"־אָהן א נאָמען (פאַר דעם אַליין פלעגט מען פעראורטיילען אויף אַרעסטאַנטסקע ראָטעס און פערשיקען אויף אייביג קיין סיביר).

איך דערמאָן זיך אַזאַ קוריאָז. איך האָב אליין געוואוינט איין צייט אויף אַ פּאַספּאָרט מיט׳ן נאָמען פישעל קישנער. דאָס אפּטע ענדערען מיינע נעמען פלעגט מיר גאָר פערפּלאָנ־טערען און איך פלעג נישט איינמאָל פערבייטען די יוצרות. דאָס מאָל איז׳ס געווען אין וועג. ס׳איז עפּיס געשעהן אין וואַגאָן און דער זשאַנדאַרם האָט ביי אַלעמען געפרעגט די פּעסער. איך האָב גראָד צו יענער צייט געלייענט אַ ווערק פון דייטשען פּראָפעסאָר קונאָ פישער.

— אייער נאָמען אונפאַמיליע? פרעגט מיר דער זשאַנדאַרם.

— קונאָ פישער! באַמקע איך מעכאַניש אויס. דער זשאַנדאַרם קוקט זיך גוט איין אין פּאַפּיר, לייענט שווער דורך די געדרעהטע קלעצלאַך און גיט מיר אָב צוריק מיין פּאַספּאָרט...

אַלס „אַן׳אייזערנע כּתיבה" האָט זיך גערעכענט אַן׳אמתער פּאַספּאָרט, ארויסגעגעבען אויף א נאָמען פון אַ פּערזאָן, וועל־

כּי איז ווירקליך געווען איינגעשריבּען אין די בּיכער. אזעלכע פּאספּאָרטען פלעגט מען בּעקומען דורך קרובים פון אבגעפּאָהרענע קיין אַמעריקא אדער געשטאָרבּענע, וועלכע זענען פון די בּיכער נישט אויסגעמעקט געוואָרען. מיט אזעלכע פּאספּאָרטען פלעגען אויך האנדלען די „סטאראסטעס" פון פערשידענע שטעטלאך, בּעקומענדיג צו עטליכע הונדערט רובּל פאר א שטיק.

נאך מיין פּאספּארט בּין איך ספּעציעל געפאהרען קיין האָמעל. אַן׳אלטער מאן מיט א פּאַטריאַכאַלער ווייסער בּאָרד האט מיך אין אופראווע העפליך אויפגענומען, ווי נור ער האט זיך דערוואוסט פון ווען איך בּין געקומען. ער האט מיך בּאלד הויך פאר אלעמען אָנגערופען מיט׳ן נאמען ליבּמאן. ער האָט געהייסען דעם שרייבּער אַרויסגעבּען „דעם ה׳ ליבּמאַן" אַ פּאַספּאָרט און איך האָבּ זיך אייגענהענדיג אונטערגעשריבּען אין די בּיכער. אַלץ איז געווען געמאַכט כּשר וישר. איך האָבּ נאָך דערצו בּעקומען אַ גענויע רשימה פון מיינע כּלומר׳שטע עלטערן און נאָהענטע קרובים און בּין מיט דעם אַלעם אָבּגעפאָהרען אין מיין נייעם וואוינאָרט.

אויסער די צענטראַלע פונקציעס האָבּ איך גענומען אויך אַן׳אקטיווען אָנטייל אין דער שטאָדט-אַרבּייט פון בּערדיטשעוו (אָרגאַניזאַציע, פלוג-פערזאַמלונגען, טעטיגקייט צווישען דער אינטעליגענץ) און בּין אין אַ משך פון אַ גאַנץ קורצער צייט געוואָרען גוט בּעקאַנט דער אָרטיגער יודישער בּעפעלקערונג.

גיך איז געשעהן אַזעלכעס, וואָס האָט אונז אַלע אַרויסגעשטויסען אין דרויסען און געצוואונגען אָפען אַרויסטרעטען פאַר דער וועלט.

איך האָבּ שוין דערמאָנט, אַז די 6-טע קאָנפערענץ האָט בּעשלאָסען צו בּילדען אין די אָרגאַניזאַציעס קאַמפּס-דרוזשינעס, וועלכע זאָלען ווערען אויסגענוצט אין ערנסטע מאָמענטען פון צוזאַמענשטויסען מיט דער פּאָליציי. דער צ. ק. האָט בּעדאַרפט די אָרגאַניזאַציעס בּעזאָרגען מיט וואָפען, (רעוואָלווערען, בּאָמבּעס און קאַלט-געוועהר). די דאָזיגע קאַמפּס-דרוזשינעס פלעגען זיך איבּען אין שיסען אונטערן שטאָדט, אין די

וועלדער. זיי פלעגען זיין אונטערגעוואָרפען אַ בעזונדער דיס-
ציפּלין, זענען געווען צוטיילט אויף צעהנדליגער, יעדער צעהנד-
ליג האָט געהאַט אַנ'„עלטסטען" און זיי אַלע האָבען געמוזט
פאָלגען די בעפעהלען פונם „נאַטשאַלניק", בעשטימט דורכ'ן
„קאָמיטעט". די דיסציפּלין דאָרט איז ווירקליך געווען אַ מוס-
טערהאַפטע.

איין ביישפּיל נור. אַרום פסח האָבען מיר איינגעאָרדענט אַ
מיטינג אין אַ שוהל. די דאַוונער פלעגען בכלל צו יענער צייט
אויפנעמען גאַנץ גערן די געקומענע רעדנער און פלעגען זיי
אויפמערקזאַם אויסהערען. ס'פלעגט טרעפען אַ מאָל, אַז אַ גבאי
אָדער אַנ'אַנדער גביר פלעגט וואַגען נישט ערלויבען צו רעדען,
אָבער דער איבעריגער עולם פלעגט זיך איינשטעלען פאַר'ן
רעדנער און צווינגען די „פּני" צו שווייגען. איניגע מיטגלי-
דער פון די קאַמפּס-דרוזשינעס פלעגען בעגלייטען דעם רעדנער
און פלעגען פערנעמען דעם אַרויסגאַנג, בכדי נישט דערלאָזען
צו קיין בהלה, אָדער פּראָוואָקאַציע.

אויך דאָס מאָל איז דער מיטינג דורך זעהר געלונגען.
דער רעדנער האָט געענדיגט רעדען מיט גרויס ערפאָלג. דער
עולם איז זיך גאַנץ רוהיג און צופרידען פונאַנדערגעגאַנ-
גען. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שאָס. דאָס האָט אַרויס-
גערופען אַ שטאַרקען טומעל, וועלכען מען האָט גיך בעזייטיגט.
ווער האָט דאָס געשאָסען? ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס
האָט געטון איינער אַנ'אַרבייטער, אַ מיטגליד פון דער דרו-
זשינע, וועלכער האָט פון גרויס שמחה אויסגעשאָסען אין דער
לופטען. צו איהם איז גלייך צוגעגאַנגען די שניידערין עטקע
(מיטגליד פון בערדיטשעווער קאָמיטעט), זיין „עלטסטע", זי
האָט איהם פאַר'ן גאַנצען עולם אַראָבגעלאָזען אַ פייערדיגען
פּאַטש און גלייך ביי איהם דעם רעוואָלווער אָבגענומען. שפּע-
טער האָט די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער דרוזשינע איהר
אויסגעדריקט צוטרוי און דעם בעשולדיגטען פון זיך אויסגע-
שלאָסען...

צוזאַמען מיט'ן וואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער שטי-

מונג ביי דער בעפעלקערונג, האָבען זיך אויך געבילדעט און פערשטאַרקט קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס,—„די שוואַרצע מאה". דאָס זענען געווען קליינע, אומבעדייטענדע גרופּקעס, וועלכע זענען אויסגעהאַלטען געוואָרען און מעהרסטענטייל אַוועקגעשטעלט געוואָרען דורך די פּאָליציי און זשאַנדאַרמען. אין די יודישע שטעדט האָט זיך געשאַפען אַ פּאָגראָם־שטימונג; די שוואַרצע מאה האָט די רעוואָלוציע פערשריען אַלס אַ יודישען בונט און האָט זיך געגרייט נוקם צו זיין אָן די „זשידעס".

די „קאַמפּס־דרוזשינעס" האָבען דעריבער געהאַט אויך גאַנץ בעשטימטע פונקציעס פון זעלבסט־שוץ אין פאַל פון פּאָגראָמען און אָנפאַלען אויף דער יודישער בעפעלקערונג.

איינמאָל אין אַ שענעם פריהלינגס־פריהמארגען (24־טער אַפּריל 1905), איך שפּאַציר אַזוי אַרום נעבען מיין דירה אויפ'ן וועג צום זשיטאָמירער שאָסיי, קומט צו מיר צו לויפען אַ פערסאָפּעטער שליח און דערצעהלט, אַז אין זשיטאָמיר האָט אויסגעבראָכען אַ פּאָגראָם און ס'איז נויטיג באַלד הילף. מען האָט גלייך אין איילעניש צונויפגערופען די קאַמפּס־דרוזשינע, בעשלאָסען תיכף זיך זעצען אויף פוהרלאַך און אָבפאָהרען קיין זשיטאָמיר (אַ 4—5 שעה רייזע מיט'ן אַקס). מיט דער באַהן האָבען מיר פאָראויסגעזעהן, אַז ס'איז געפעהרליך צו פאָהרען. געוועהר האָבען די אָבגעפאָהרענע מיט זיך אויך ניט מיטגענומען, וויל מען האָט געקאָנט וואַרטען אויף רעוויזיעס אין וועג. דאס ביסעל געוועהר האבען מיר איבערגעשיקט דורך איינצינע פרויען, וועלכע האבען עס געדאַרפט צושטעלען אין אַ בעשטימטען אָרט.

ווי מיר זענען שפּעטער געוואָהר געוואָרען, איז דער פּאָגראָם אין זשיטאָמיר אָרגאַניזירט געווארען דורך דער פּאָליציי אויף אַ גאַנץ צינישען אָפענעם אופן. איינינע „אַגיטאַטאָרען" זענען אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאדט און אומגעגעגד און פערשפּרייט קלאַנגען, דאס די יודען גרייטען זיך אויסקוילענען אַלע קריסטען, דאס מיט דעם צוועק לערנען זיי זיך שיסען

אין די וועלדער (אין אָפיציעלען קאמוניקאַט האט די רעגי־רונג אויך אויסגענוצט די מעשה מיט'ן שיסען אין די וועלדער), און דאָס אַלע קריסטען מוזען זיך פערטיידיגען. די דאזיגע „אַגיטאַטאָרען" זענען געווען געקומענע לייט, דער פאליציי גוט בּאַקאַנט און דורך איהר פראַטעזשירט.

זיי האט זיך איינגעגעבען צונויפזאַמלען אַ באַנדע פון 200—300 כוליגאַנעס און אַקטיווע אָנפאַלער. די זשיטאָמירער זעלבּסט־שוץ וואָלט גאַנץ לייכט מיט דער באַנדע זיך אַנ'עצה געגעבען. פון איין רעוואָלווער־שאָס זענען זיי זיך ווי האָזען צולאָפען.

איינעם פון אונזער בערדיטשעווער דרוזשינע, אַ סטודענט מיט אַ קריסטליכען אויסזעהן, איז געלונגען מיט גרויס ריזיקע צו בעקומען צוטרוי פון דער חברה, האט דערגאַנגען אַלע זייערע סודות און ער האט אָבגעווענדעט מיט פאַלשע עצות איינינע אָנפאַלען אויף די יודען. ער האָט דערפאַר שיער נישט בעצאהלט מיט זיין לעבען. עפּעס איינע אַ פרוי מיט אַנ'אויסזעהן פון אַ מכשפה האט זיך אין איהם איינגעגעסען און האט געטענה'ט, אַז ער אַליין איז „אַ זשיד", אַ פערקלייטער. ז'ער צוהיצטער עולם האט פון איהם פערלאַנגט, ער זאל אָבזאגען די תפילה „פאָטער אונזער". ער האָט דאָס זיי אָוועק־געלעגט אויף אויסווענינ, ווי אַ יוד „אשרי" און זיי אַלע האָ־בען איהם געהויבען און געטרייסעלט מיט אַ „הוראַ"!

דאָס מיליטער אָבער, וועלכעס דער גובערנאַטאָר האָט אַרויסגעשיקט, האָט זיך געשטעלט אויף די זייט פון די כולי־גאַנעס, האָט פשוט אָבגעצוימט דעם וועג דער זעלבּסט־שוץ און די ערשטע האָבען געקאָנט פריי רויבען און מאָרדען. אין יענעם צוזאַמענשטויס זענען אומגעקומען פון דער בונדישער זעלבּסטשוץ די ברידער סטודענטען ווײַנשטײַן און ס'איז אויך ערמאָרדעט געוואָרען דער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער בלינאָוו, אַ קריסט. אַ סך פון דער זעלבּסטשוץ זענען פער־וואונדעט און שטאַרק צוקלאַפּט געוואָרען.

מעהר ווי אַלץ האָט אונז געטראָפען די שוידערליכע

בשורה וועגן דעם מערדערישען טויט פון אונזערע 11 בעסטע חברים אין טשודנאָוו. גלייך ווי ס'איז דערגאַנגען צו זיי די ידיעה וועגן פאגראָם אין זשיטאָמיר האָבען זיי זיך אויף באַלד געלאָזען אַהין צו הילף. זיי האָבען אונפאָרזיכטיג מיט זיך מיטגענומען אויף די רעוואָלווערען. אין די אַרומיגע דערפער זענען שוין אַרומגעגאַנגען פערדעכטיגע פערזאָנען, וועלכע האָבען דערצעהלט די פויערים, דאָס די יודען גרייטען־צו אַ שחיטה אויף זיי.

אין אַ שטעטעל אויפ'ן וועג, (איך געדענק שוין נישט דעם נאָמען) איז געוואָרען זעהר געפעהרליך ווייטער צו פאָהרען, ווייל די פויערים האָבען זיך שוין שטאַרק גערודערט און געוועזן זעהר אויפגערייצט. די טשודנאָווער חברים ווילען זיך בעהאַלטען ביי די דאָרטיגע יודען, איבערוואַרטען אַ שניקעל צייט און ווייטער פאָהרען. אָבער פון גרויס פחדנות וויל זיי קיינער צו זיך נישט אַריינלאָזען. זיי מוזען זיך לאָזען אין וועג ווייטער.

אַ באַנדע פויערים האַלט זיי אָב און וויל רעווידירען דעם וואָגען. די חברים פון זעלבסטשוץ האָבען פערבעהאַלטען זייער געוועהר אין היי. ביי איינעם אָבער האָט מען אין קעשענע יאָ געפונען אַ רעוואָלווער. דאָס האָט דעם המון צערייצט. ווי אַ ווילדע סטאַדע זענען זיי בעפאַלען מיט פלעקער, דרענגער און קאָסעס די יונגע לייט, וועלכע האָבען זיך שוין נישט געקענט דערקלייבען צו זייער געוועהר און זיי אַלע ווערען אויף אַ בעסטיאַלישען אופן פערמוטשעט, ערמאָרדעט.

די דאָזיגע שוידערליכע ידיעה האָט אַרויסגערופען אַ שטאַרקען צאָרן געגען דעם קליינעם יודישען ישוב, וואָס האָט אַרויסגעוויזען אַזאַ בהימה'שען פחד און האָט נישט געוואָלט ביי זיך בעהאַלטען די לייט, וואָס זענען געלאָפען מיט מסירת־נפש צו פערטיידיגען דאָס לעבען פון אַנדערע יודען. דאָס דערמאָנטע שטעטעל האָט זיך נאָך אַ לאַנגע צייט געפונען אונטער אַ שטרענגען באָיקאָט און קיינער פון זיינע יודישע איינוואוינער האָט נישט געטאָרט קומען קיין בערדיטשעוו און אין די

שכֿנישע שטעטלעך האַנדלען, אָדער עפּעס איינקויפן.

די באָיקאָטירטע האָבן זיך אפילו געווענדעט צו דעם „געזעלשאַפטליכן קאמיטעט" (מ. ב. ראַטנער, קוליגער און איבעריגע), וואָס האָט זיך געבילדעט נאָכן פּאָגראָם, אום אויס־צופאָרשען זייער שולד. דער קאָמיטעט האָט, דוכט זיך, געפונ־נען אין זייער האַנדלונג „מילדערענדע אומשטענדן", די פּאַר־בייטער־מאַסען אָבער האָבן זיך מיט דעם נישט געוואָלט רע־כענען און לאַנג נאָך האָט אַ ייד פון יענעם שטעטל זיך גע־שעמט און געשראָקען אָנצורופן דעם אמת'ן אָרט, וואו ער וואוינט.

דער פּאָגראָם אין זשיטאָמיר האָט שטאַרק רעוואָלוציאָני־זירט די גאַנצע יודישע באַפעלקערונג. דער בלוטיגער אויפטו פון דער פּאָליציי איז פאַר אַלעמען געוואָרן בולט קלאָר. אין בערדיטשעוו האָט זיך אויך געשאַפן אַ פּאָגראָם־שטימונג. מיר האָבן פערברייטערט אונזער זעלבסטשוץ און מאָביליזירט צו איהר אַלע פעהיגע אַרבייטער. די יודישע בורזשואַזע געזעל־שאַפט האָט אסיגנירט געוויסע סומען אויף איינקויפן געוועהר. די בירגערליכע פּאָליטיקער האָבן זיך אַפילו מיט אונז שטאַרק געדונגען פאַר דער ווירקונג אויף דער זעלבסטשוץ; מיר אָבער האָבן זיי געענטפערט קליפּ און קלאָר, דאָס די זעלבסטשוץ און די אַלגעמיינע קאַמפּס־אַבטיילונגען זענען ביי אונז איינס און דאָס זעלבע, דאָס איז דער המשך פון אונזער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער אַרבייט און יעדע צוזאַמענאַרבייט מיט די בירגערליכע ריכטונגען אויך אין דער הינזיכט איז פאַר אונז אַבסאָלוט אויסגעשלאָסען. ס'קאָן נאָר זיין די רעדע, וועגן קאָאָרדינירען די טעטיגקייט פון זעלבסטשוץ אין דער צייט פון אַ פּאָגראָם.

די מעגליכקייט פון אַן'אָרגאַניזירטען אָנפאַל אויף יודען איז נישט געווען בלויז קיין פאַנטאַזיע־איינבילדניש. מיר האָבן וועגען די דאָזיגע הכנות געהאַט גאַנץ קאָנקרעטע אינפאָר־מאַציעס. דער אָרטיגער פּאָליצמייסטער האָט פּרובירט אויסנו־צען די דאָזיגע קלאַנגען אויף צו שאַנטאַזשירען די יודען און

בײַ זײ גרױסע געלד-סומען פאָדערן. מיר זענען אַרױסגעטראָטן קאַטעגאָריש קעגן אַזאַ „שוך-מיטעל". אין שטאָדט האָט מען זיך שטאַרק מיט אונזער מײנונג גערעכנט. ס'איז דערגאַנגען אַזױ װײט, אַז דער דאָרטיגער פּאָליצמײסטער האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג דורך אַן אָנגעזעענעם כּלל-טוער, איהם צוזאַמענפיה-רען מיט „מיכאַילען" (מײן פּסעװדאָנים) צוליב אַ װיכטיגען ענין. איך האָב זיך פון דעם „כּבוד" אָבגעזאָגט.

מיר האָבען אױסגענוצט די אױפגערעגטע שטימונג און אײנגעאָרדנט אַ גאַנצע רײהע אױפקלערונגס-מיטינגען אין די שוהלען און בתּי-מדרשים. אין זשיטאָמיר האָבען מיר אײנגע-אָרדנעט אָהן אַ פּאָליצײ-ערלױבניש (נאָך דער פערברעכערישער אַרבײט האָט זיך די פּאָליצײ אױף אַ צײט אָבגערוקט אָן אַ זײט) צװײ גרױסע מאַסען-מיטינגען אין שוהל אױפ'ן הױף, אױף װעלכע איך און ח' אַבראַמאָװיטש (רײן) זענען אַרױסגעטרעטען. צו שלושים האָבען מיר אין בערדיטשעװ אָר-גאַניזירט אַן אַלגעמײנעם פּראָטעסט-שטרײק און גערעדט אין אַלע שוהלען און בתּי-מדרשים. דער אײנפלוס און װירקונג פון „בונד" אױף דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג האָט געשטי-גען מיט יעדען טאָג און ער איז געװאָרען אַ שטאַרקער כּח, אַ צװײטע אָנערקענטע מאַכט.

דער אַפּאַראַט.

דער „בונד“ איז די גאַנצע צייט געווען אַ שטרענג צענטראַליזירטע אָרגאַניזאַציע. דער צענטראַלער קאָמיטעט, אויסגעקליבען געהיים אויף צוזאַמענפֿאָהרען, האָט פערמאָגט אין זיין רשות איינינע „אַגענטען“, וואָס פֿלעגען בעזוכען די שטעדט, אינסטרואירען די אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס, זיי פערבינדען מיט'ן צ. ק. די אַגענטען פלעגען זיך בעטייליגען אויף אַלע זיינע זיצונגען מיט בעראַטונגס-רעכט; איינינע רעפערענטען, (הויפּטזעכליך מ. ליבער און אַבראַמאָוויטש-ריין), וועלכע פלעגען אַרומפֿאָהרען אַלע ראיאָנען מיט רעפֿעראַטען אויף ספּעציעל בעשטימטע טעמעס (די טעזיסען פלעגען פריהער ווערען בעהאַנדעלט אויף די זיצונגען פון צ. ק.), אַ פּאָר צעהנדליג „פּראָפּעסיאָנאַלען“, וועלכע דער צ. ק. פלעגט אַריינשיקען אין די אָרטיגע קאָמיטעטען אויף אָנצופיהרען מיט דער אַרבייט, זיי פלעגען דאָס זיין די פערטרויאונגס-לייט פון צענטראַלען קאָמיטעט אויף די ערטער.

וואָס מעהר די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג איז געשטיגען, וואָס גרעסער ס'איז געוואָרען דער שטח, וואו דער „בונד“ האָט ענטוויקעלט זיין טעטיגקייט און וואָס מעהר די אַרבייט איז געוואָרען קאָמפּליצירטער, אַלץ גרעסער איז געוואָרען די נאָכפראַגע אויף „פּראָפֿעסיאָנאַלען“, אַלץ מעהר האָט דער צ. ק. געמוזט אָבּרייסען מענשען פון זייער שטענדיגער בעשעפטיגונג און זיי פֿאַנאַנדערשיקען אויף די ערטער צו אָנפֿיהרען און השגחה-געבען אויף דער גאַנצער אַרבייט. אויסהאַלטען זיי פֿלעגען דאַרפען די אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס. פערשטעהט זיך, אַז געשיקט זענען געוואָרען „פערטרויאונגס-מענער“ בלויז אין די

גרויסע שטעט און פאַר די ראַיאָנע קאָמיטעטען, וואָס האָבען
בעאַרבייט די פּראָווינץ.

אויסער דעם דאָזיגען פּאָליטישען „אינווענטאַר", האָט
נאָך דער צ. ק. פערמאָגט ביי זיך דעם אַזוי-גערופענעם „טעכ-
נישען פּערסאָנאַל". ס'איז נויטיג געווען אַ „טעכניקער", וועלכער
זאָל איינשטעלען און אויפפּאַסען די געהיימע דרוקערייען, אויס-
אַרבייטען פערשידענע געהיימע טישלאַך, שפּייקעסטלאַך, בערשט-
לאַך און אַנדערע מכשירים, וואו מען זאָל קאָנען פערבעהאַל-
טען טריפה זאַכען, בעוואָרענט אינגאַנצען פון רעוויזיעס.

מיט דער דאָזיגער אַרבייט האָט אָנגעפיהרט ישראל מיכל
קאַפּלינסקי („לאַנגזאַם"), ער האָט געעפענט אַן אייגענעם
שלאָסער-וואַרשטאַט אין דווינסק, וואו ער פלעגט פערפער-
טיגען דרוק-פּרעסען און אַנדערע קאָנספּיראַטיווע כּלים פאַר'ן
צ. ק. אָדער אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, לויט
דער רעקאָמענדאַציע פון צ. ק. מיט יאָהרען שפּעטער ערשט
(1909) האָט מען זיך דערוואוסט, דאָס דער דאָזיגער נפש האָט
געדינט צוויי געטער מיט אַ מאָל: ער איז געווען אויך אויף
געהאַלט ביים פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט. ווענגען זיין ראָליע בכלל
און ווי אַזוי ער איז ענטדעקט געוואָרען, וועט מיר נאָך אויס-
קומען צו רעדען בפרטיות אין איינעם פון די ווייטערדיגע
בענדער.

אויסער דעם האָט דער צ. ק. געהאַט אַ ממונה אויף
טראַנספּאָרט-ענינים. מען האָט געדאַרפט בעקומען פון צייט צו
צייט ליטעראַטור פון אויסלאַנד, פאַרנאַנדערשיקען ליטעראַטור,
וואָס האָט זיך געדרוקט אין די אונטערערדישע דרוקערייען
(„אַרבייטער-שטימע", „בונד",—פלוג-בלעטלאַך און אויפרופען) און
דערצו איז נויטיג געווען אַ בעזונדער מענש. ווי איך האָב
שוין דערמאָנט, האָבען די גרענעץ-אָנגעלעגענהייטען איבערגע-
נומען אויף זיך די בערשטער. פאַר דעם פעריאָד, וועלכען מיר
בעהאַנדלען איצט, איז דער טראַנספּאָרט-משגיח געווען זלמן
מלמד—זינגער (איצט אין אַמעריקא). דאס איז געווען אַ ווע-
ניג-רעדעוודיגער, אָבער זעהר פלינקער בחור מיט גרויס

ענערגיע, וועלכער פלעגט דורכפיהרען די שווערסטע ארבייטען און פלעגט זיך גיך אבריינינגען פון די שפיאנען, וואס פלעגען זיך אפט יאגען נאך איהם.

מיט'ן טראנספארטירען ליטעראטור פון איין שטאדט אין די צווייטע זענען נישט געווען קיין גרויסע שוועריגקייטען. די צענטראל־דרוקעריי, שען און בעקוועם איינגעארדענט, איז כמעט די גאנצע צייט אויסער איינינע קליינע הפסקות, געווען אין ווארשא. זי האט פיגורירט אונטער א שילד פון אנ'איינבינדע־ריי. זי איז געווען אזוי אוועקגעשטעלט, אז צו יעדען מאמענט האט מען דעם קאמאד, אין וועלכען ס'האט זיך געפונען דער פרעס און זאץ־קאסטען געקאנט צומאכען און ס'איז שוין גאר נישט געווען צו דערקענען, אז דא איז א דרוקעריי.

מען האט בעקומען פערבינדונגען מיט'ן פערסאנאל פון דער טראנספארט־קאנטאר „נאדעזשדא", דורך וועלכער מען פלעגט ארויסשיקען אין פערשידענע שטעט גאנצע קערב לי־טעראטור, אלס געפעס אדער אנדערע היימישע געשיר. זעל־טען־ווען פלעגט די ליטעראטור „פערשאטען ווערען". אין אזעל־כע פאלען פלעגען די קאנטאר־אנגעשטעלטע ווי נישט איז פריהע' צו וויסען געבען און די אבשיקער פלעגען יעדענ־פאלס ניצול ווערען פון די זשאנדארמען.

איין צייט האט מען אין ווארשא ארגאניזירט דאס בע־קומען ליטעראטור פון אויסלאנד אויף אזא אופן. אין די פוילי־שע און אויסלענדישע צייטונגען איז געווען געדרוקט אנ'אנאנס דורך דער אנאנסען־ביורא מעטצעל אין ווארשא, אז אנ'אינ־זשיניער זוכט א שטעלע אין איינע פון די אויסלענדישע פאבריקען, אפערטען צו שיקען אין קאנטאר מעטצעל פאר א. ב. דער אויסלענדישער קאמיטעט פון „בונד" האט אנגעהוי־בען צו שיקען דורך זיינע פערשידענע קאלאניעס טאג־טעגליך פאקעטען מיט „אפערטעס". נישט איינער אין קאנטאר האט מן הסתם, שטארק מקנא געווען דעם „גליקליכען אינזשיניער", סוף כל סוף איז די מעשה דורכגעפאלען. איינמאל בעת די חבר'טע, וועלכע פלעגט אבנעמען די בריף פאר א. ב. איז

געקומען אין קאנטאר, האט איהר אנ׳אנגעשטעלטער געגעבען א וואונק, אז זי זאל זיך גלייך אבטראגען. די זשאנדארמען זענען שוין געווען בעקאנט מיט׳ן אינהאלט פון די כלומרשטע „אפערטעס". פון דעם שטאמט דער נאמען „אבע", אונטער וועלכען דער צ. ק. האט נאכדעם פיגורירט. בכלל האט די מיטהעלפענדע סביבה, מיט וועלכער מיר זענען דאן געווען ארומגערינגעלט אין דער ארבייט פערהיט פון א סך דורכפאלען. נאך איין ביישפיל. טאקע אין יאהר 1905 איז א געהיימע דרוקעריי געווען אין דווינסק. אלץ איז דארט געווען אוועקגעשטעלט לויט אלע קאנספיראטיווע כללים און איהרע אנטיילנעמער זענען געווען זיכער, אז אלץ קומט-פאר ביי זיי בסוד-סודות. איינמאל אבער, אין מיטען טאג, קלאפט-אן צו זיי א שכנה׳טע, א יודענע און זאגט זיי גאנץ אפען:

— אין די אווענדען הערט מען ווי עס קלאפט ביי אייך. איך פערשטיי, וואס דאס איז און מיר ארט׳ס נישט. אין הויף אבער רעדט מען, דאס איהר מאכט פאלשע געלד. בין איך אייך געקומען מתרה זיין.

פערשטעהט זיך, די דרוקעריי איז פון דארטען גלייך ליקווידירט געווארען.

צווישען די מיטהעלפער ביי דער טעכניק איז איין צייט געווען אויך אברהם בערנאדיק, „אברהם׳טשיק דער איינבינדער" (איצט אין אמעריקא). מיט בעזונדערע קאנספיראטיווע אייגענשאפטען האט זיך אויסגעצייכענט זיין פרוי מ ו ש ע ל. דאס איז געווען אנ׳איינפאכע, פשוטע פרוי, וועלכע האט קיינמאל אקטיוו זיך נישט בעטייליגט אין דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג. בעת זי האט חתונה געהאט מיט אברהמ׳לען, האט זי אפילו נישט געוואוסט, אז איהר מאן איז פון „דער הברה". אבער די דאזיגע פרוי האט פאר דער גאנצער צייט ארויסגעוויזען אזא איבערגעבענקייט און טריישאפט צו דער זאך, וואס ס׳איז זעלטען צו געפונען. מושלען האט מען געקאנט פערטרויען צו פערבעהאלטען ביי זיך די טרפה׳סטע זאכען, איבערפיהרען די געפעהרליכסטע חפצים, דורכפיהרען די ריזיקאלסטע

ארבייטען. זי פלעגט דאס אַלץ אָבטון שטיל, מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען, און וועגען דעם מיט קיינעם נישט גערעדט, איהר אייגענעם מאַן אפילו נישט דערצעהלט.

אין דערמאָן זיך אזא עפּיזאָד. מושעל האָט איבערגע־פיהרט פון ווילנע קיין ווארשע אַ קאָרב, וואו ס'האָט זיך גע־פונען שריפט. געפאָהרען איז זי מיט 2 קינדער, האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעטיילט פון דער מאסע יודישע ווייבער, וואס פאהרען איבער די באהנען. אין ווארשע אויפ'ן וואקזאל האָט זיך פערוואלט דעם זעלנער פון גרעניץ־וואך אריינצוקוקען צו איהר אין קארב. מושעל איז אין גרויס קלאָפּאָט און ווייסט נישט, וואָס צו טון. זי מאַכט זיך זוכען די שליסעלאך, וועלכע זי געפינט כלומרשט נישט. אומבעמערקטערהייט גיט זי אַ קניפּ דאָס מיידעלע, וועלכע זי האלט אויפ'ן האַנד, יענע צו־שרייט זיך אויפ'ן קול, דאָס צווייטע קינד ביי דער זייט העלפט איהר מיט. דעם זעלנער איז דערעסען געווארען ווארטען, ער האט אַ מאך־געטון אויף דער „נארישער זשידאָווקע" און איז פון איהר אַוועק. אַ ליכטיגע, א צופרידענע האָט מושעל געבראכט די זאכען און האָט אונז וועגען דעם דערצעהלט אויף איהר שטייגער, מיט א שטילען, בעשיידענעם שמייכעל.

אָבער שווערער ווי אַלץ איז געווען מיט'ן גרענעץ. די אלע פונקטען, דורך וועלכע ס'איז געגאנגען „קאָנטראבאנדע" זענען שוין געווען דורכגעפאלען, אָדער ס'האָט זיך געפאָדערט דערצו גרויסע סומען געלד; „דעמאָראליזירט" די קאנטרא־באנדיסטען האָבען די „רייכע" אָרגאניזאציעס, ווי די סאָצ.־רעוואלוציאנערען, „איסקרא" און עהנליכע. יענע האָבען גע־שאטען מיט געלד, האבען געצאהלט פאר יעדע קליינינקייט מיט מטמונים און ס'איז פאר אזא אָרימער אָרגאניזאציע ווי דער „בונד" שווער געווען זיי נאכצוטון.

ס'האָט זיך געפונען אָבער אַנ'אַנדער אויסוועג. ביי דער פּרייסישער גרעניץ, אונטער שאַוועל, אין טויראָגען, איז געשטאַנען אַ רייכע גאַרבאַרניע. איהר אייגענטימער איז שוין לאַנג געשטאָרבען, מיט איהר האָט פערוואַלטעט די אלמנה,

פרוי זעמעל. זעמעל האָט נאָך אַ מאָל, אין איהרע מיידעלשע יאָהרען, סימפּאַטיזירט מיט דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און ביי ביי איהר איז נאָך פערבּליבּען אַ גרויסער אינטערעס צו פּאָליטיק. מיט דער דאָזיגער פרוי טרעפט זיך איינער פון צ. ק. זי דריקט־אויס איהר פערלאַנג בּייהילפיג צו זיין דעם „בּונד" און נעהמט־איבּער אויף זיך „דעם גרענעץ". ס'ווערט אַריינגעשיקט צו איהר אַלס פערוואַלטער פון גאַרבּערריי אַ חבר, אַ בּערשטער, וועלכער האָט דאָרט געוואוינט איינציגע יאָהר און מיטגעהאָלפען דער פרוי זעמעל אין דער אַרבּייט.

מיר איז אויסגעקומען דורכצוגעהן דעם גרענעץ דורך טויראָגען. דעמאָלסט האָבּ איך זיך בּעקענט מיט דער דאָזיגער מערקווירדיגער פרוי, וועלכע האָט נישט פערלאָרען איהר געזעלשאַפטליכען חוש אפילו אין אַזאַ וויסטען און פערוואָרפען ווינקעל, וואו זי האָט פערבּראַכט צעהנדליגער יאָהרען. דאָס איז געוועזען שוין אַנ'עלטערע, בּעיאהרטע פרוי איבּער פופציג. זי איז געוועזען אַ מוטער פון דערוואַקסענע זיהן (סטודענטען, מיטגלידער פון דער בּונדישער סטודענטען־פראַקציע אין פּעטערבּורג) און אַ ווירטין פון אַ גרויסען, בּעל־הבּתישרייכען הויז. זי איז געוועזען זעהר אַנ'אינטעליגענטע פרוי און האָט אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקען אינטערעס צו דער אַרבּייטערבּעוועגונג בּכלל און צום „בּונד" בּפרט. דורך איהר קענטשאַפט מיט די גרענעץ־בּעאַמטע פלעגט זי ערלעדיגען אַלע ענינים פאַר קליינע געלד. איך, צום בּיישפּיל, בּין אַריבּער אָפּען דעם גרענעץ אויף אַ צעטעל פון אַ פּערזאָן, ווען דער גרענעץ־בּעאַמטער האָט גוט געקאָנט. ער האָט זיך אָבּער געמאַכט נישט וויסען. אין ערשטען יאָהר פון מלחמה־אויסבּרוך איז פרוי זעמעל געשטאָרבּען.

אויסער די אָנגערופענע „טעכניקער" (איך האָבּ נאָך פערפעהלט איינעם בּנימין, אַ בּלעכער פון האָמעל), האָט דער צ. ק. צו יענער צייט געמוזט איינלאַדען צו זיך אַ ספּעציעלען מענשען, וועלכער זאָל אָרגאַניזירען דאָס צושטעלען די רעוואָלווערען און אַנדער געוועהר אויף די ערטער און אינסטרו־

אִירען דִי „קאַמפּס=דרוזשִינעס“. דאָס אִיז געווען ל. בערמאַן, „לייבעטשקע“. אַליין א סטאָליער אַ ספּעציאַלִיסט, (יקא האָט שפּעטער אַרויסגעלאָזען זיינעם אַ בוך אִיבער סטאָלעריי), האָט לייבעטשקע פערמאָגט אִין זִיך גרויסע אָרגאַנִיזִיר=פעהִיגקייטען, האָט זִיך אויסגעצייכענט מִיט אַ שטאַרקער ענערגיע און אִיז געווען זעהר בעלִיבּט ביי דִי אַרבייטער=מאַסען. לייבעטשקע פלעגט בעזוכען דִי שטעט, זִיך בעקענען מיט דִי אָרטִיגע קאַמפּס=אָבטיילונגען, פלעגט בעטראַכטען זייערע רעוואָלווערען און פלעגט דאַרפען דִי געוועהר פאַרנאַנדערשִיקען אִין פערשִידענע פּונקטען. ל. בערמאַן אִיז פערבלִיבען דִי גאַנצע צייט אִין „בונד“ און אִיז נאָך עד היום טעטיג אִין רוסלאַנד.

די לעצטע שעה.

די פּאַליעס פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג האָבען זיך געהויבען ממש בעשיינפערליך. יעדער חודש האָט געבראַכט מיט זיך אַ נייעם שטורעם.

נאָך נישט פערענדיגט דעם מיטינגען-פּעריאָד נאָכ׳ן זשיטאָמירער פּאָגראָם, בעקומען מיר אַ נייע ידיעה: אַרום אָדעס האָט זיך צעבונטעוועט אַ גרויסע מיליטער-שיף „פּאָטיאָמקין“, די רעוואָלוציאָנערען פעלדמאַן און אַנדערע האָבען דאָרט בעקומען די מאַכט, איבער׳ן שוואַרצען ים שווימט אַרום אַ גרויסער פלאַקער פון דער רעוואָלוציע און דער צאַריזם איז מאַכטלאָז איהם צו לעשען. דער פּאָטיאָמקין-אויפשטאַנד האָט זיך באַלד אָבגערופען אויף אָדעס גופא. די גרויסע ארבייטער-מאַסע האָט דאָרט פערשטרייקט, די פּאָליציי איז פּלוצלונג פערשוואונדען און די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס האָבען בעקומען אַ שטאַרקען איינפלוס אויף די מאַסען.

אויך דער „בונד“ האָט זיך אויסגעצייכענט אין יענע יוני-טעג. די פאָרשטעהערין פון אָדעסער קאָמיטעט פון „בונד“, אסתר ליפשיץ, (וואוינט איצט אין קאָפּענהאַגען) טרעט אַרויס אויף מאַסען-מיטינגען אונטערן פרייען הימעל, זי בעגייסטערט און עקזאַלטירט דעם גרויסען המון און האַלט-אונטער די רעוואָלוציאָנערע שטימונג ביי די מאַסען.

אָדעס אָבער איז איזאָלירט, זי אַליין איז נישט בכח איינצוהאַלטען די רעוואָלוציאָנערע אָרדנונג און דיסציפּלין. די פּאָליציי לאָזט אַרויס אויף אַרבייט די כוליגאַנעס פון שטאָדט, ס׳ווערט אונטערגעצונדען דער האַפען, ס׳הויבען זיך אָן רויבערייען און געוואַלד-אַקטען. די בעפעלקערונג ווערט צושראָקען און

דעזאָריענטירט און דאַמאָלסט בעוויזט זיך ווידער די „דרײַסטע" אַלטע מאַכט. אַרעסטען, מיליטער־געריכטען, שרעקליכע רעפּרעסעס איבער שולדיגע און אונשולדיגע. צווישען די פּעראורטײלטע אויף אײביגע קאַטאָרגע דורך די מיליטער־געריכטען זענען געווען אויך „בונדיסטען".

„פּאָטיאָמקין" שווימט אַרום מיט דער רויטער פאָהן אַ צײַט איבער'ן ים, באָמבאַרדירט אײן פּאָרט נאָכ'ן צווײטען, געפינט נישט קײן אָבקלאַנג בײַ'ם איבעריגען פלאָט און די אויפשטענדיגע מאַטראָסען לאָזען זיך אַוועק קײן רומעניען, גיבען זיך דאָרט אונטער און ריכטען אָב גלות איבער אײראָפּאַ.

באַלד נאָך דער מעשה־פּאָטיאָמקין בעקומען מיר אַ נײַע בשורה: אין לאָדז זענען אויפגעבויט געוואָרען באַריקאַדען. דאָרט איז פאָרגעקומען אַנ'אַלגעמײנער פּאָליטישער שטרײַק. די אַרבײטער האָבען זיך אָנגעהויבען צו פערזאַמלען אין די גאַסען; די יודישע גאַסען זענען געוואָרען געפּאַקט מיט שטרײַקענדע. פּאָליציי און מיליטער־פּאַטרולען האָבען געפּרובירט פונאַנדערצוטרײַבען דעם עולם.

פון זיך אַלײן, אָהן שום רוף פון אַ רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע האָבען זיך אָנגעהויבען בויען באַריקאַדען. דער המון פערהאַלט אַ דורכפּאָהרענדע פוהר און קעהרט זי אויפ'ן אָרט איבער. מען הויבט אָן שלעפּען פון די הויפען קעסטלאַך, שטײנער, דאָס קלײנוואַרג קלעטערט אויף די לאַנטערנעס, ברעכען און רײַסען זיי. זײַטיגע דורכגעהער האָבען זיך אָבגעשטעלט און געהאָלפען דער דאָזיגער אַרבײט. די „העלדישע" פּאָליציי און פּאַטרולען האָבען זיך דערשראָקען און זיך גלײַך אָבגערוקט.

דער דאַמאָלדיגער לאָדזער מיליטער־גובערנאַטאָר קאַזנאַקאָוו האָט מאָבּיליזירט דעם גאַנצען לאָדזערגאַרניז אָן צו אַטאַקירען די באַריקאַדעס. הינטער יעדער אײנער האָבען זיך געפינען קלײנע גרופּקעס מענשען און דאָס אויך אָהן וואָפען. מיט אַ פּאָר שטײנער האָבען זיי אָבגעהאַלטען גאַנצע ראָטעס בעוואָפענטע זעלנער. יענע האָבען בלינדערהײט געשאָסען אין אַלע זײַטען, אין די פענסטער, אין הויפען, אין יעדען דורכגעהער. נאָכדעם ערשט, אַז די גאַסען זענען אין גאַנצען שוין געוואָרען פוסט האָבען זיי זיך

עלאָזען מיט אַ שטורעם אויף די באַריקאַדעס, הינטער וועלכע ס'האָט זיך נישט געפֿונען קיין מענש.

קאָזנאָקאָוו האָט זיך ברוטאַל-מערדעריש נוקם געווען אין דער לאָדזער באַפעלקערונג. די בלינדע שיסערייַ האָט געדויערט אַ טאָג מיט אַ נאַכט. די סאָלדאַטען פֿלעגען שיסען אין ציל אויף אַ וועט אין אַ פּאַפּיראָס. אויף מאָרגען האָבען זיך אין די גאַסען געוואַלגערט צעהנדליגע טויטע קערפּערס, אין די רינשטאָקען זענען געלעגען גאַנצע הויפֿענס מענשליכען מאַרך און די שטיינער זענען געווען נאָך לאַנג באַפאַרבט מיט רויטע פֿלעקען. אין שטאָדט האָט זיך אָנגעהויבען אַ מורא'דיגער, אומבאַשרייבליכער טעראָר.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָט דער לאָדזער קאָמיטעט פֿון „בונד" צוזאַמען מיט דער פּ. ס. ד. (די פּ. פּ. ס. איז אַרויסגעטרעטען מיט אַ בלעטעל געגען דעם דאָזיגען אַקט) אַרויסגעלאָזען אַן אויפֿרוף צו דער גאַנצער באַפעלקערונג צו באַטייליגען זיך, אַלס פּראָטעסט, געגען דער מיליטערישער ברוטאַליטעט, אין דער לויה פֿון די הרוגים. זי האָט זיך ווירקליך באַקומען זעהר אַן אימפּאָזאַנטע און האָט איבערגעשטיגען יעדע ערוואַרטונג. צעהנדליג טויזענדער מענשען, יודען און קריסטען, זענען געקומען אויף דער לויה, האָבען זיך פֿאַרמירט אין אַן אָרגאַניזירטען דעמאָנסטראַציע-צוג. די פּאָליציי איז געווען צו שוואַך צו שטערען די דעמאָנסטראַציע. זי האָט קלאָר באַוויזען, די גרויסע קראַפֿט, וואָס די רעוואָלוציע פֿאַרמאָגט אין לאָדז.

אַלס ענטפֿער אויף די לאָדזער געשעהענישען האָבען זיך אָנגעהויבען אַלגעמיינע, פּאָליטישע שטרייקען אין גאַנצען ראַיאָן פֿון „בונד". די אַטמאָספֿערע איז געוואָרען צוהיצט, די רעוואָלוציאָנערע ליידענשאַפֿטען אַלץ מעהר צופֿלאַקערט, ס'פֿלעגט נישט אַוועקגעהן קיין וואָך, וואו ס'זאָל דאָ אָדער דאָרט נישט קומען צו קיין סכסוך מיט דער פּאָליציי און מיליטער. טאַקע אין זעלבען חודש יולי האָט פּאָליציי געמאַכט אַן איבערפֿאַל איבער דער ביאַליסטאָקער „אַרבייטער-בערזע" (שוהל-הויף), די אַנאַרכיסטען האָבען געוואָרפֿען אַ באָמבע, פֿון

וועלכער ס'זענען געפאַלען טויט אסתר ריסקינד (טאַמאַרע) און ניטעל זאַקהיים.

איך האב בעקומען אַ בעפעהל פון צ. ק. אָבצופאהרען אין לאָדז און דארטען פערוויילען אַ קורצע צייט, ביז ס'וועלען פעריכט ווערען די שאדענס, וואס די יוני-טעג האבען דארט אָנגעמאַכט. אַריינצוקומען אַהין איז נישט געווען אַזוי לייכט. אין שטאדט האט נאך געהערשט בעלאַגערונגס-צושטאַנד. די צוגען פלעגען ווערען ביים אָנקומען אין שטאדט אָבגעהאַלטען, די וואַגאנעס געשלאסען און זשאַנדאַרמען פלעגען פרעגען ביי אַלעמען פעסער. יעדער פערדעכטיגער פלעגט תיכף ווערען פערהאַלטען און אַרעסטירט. איך האָב געהאַט מיין „אייזערנעם" סוחר'שען פאַספאָרט, האב זיך בעזאָרגט מיט אַ כשר'ן אַדרעס, וואָהין צו פערפאָהרען און אַלץ איז אַריבער בשלום.

אין לאדז האב איך דאַמאלסט געטראָפען דעם געוועזענעם זובאַטאָוועץ, סאשע טשעמערינסקי, שוין ביי אונז אין קאמיטעט. ער איז דאַמאָלסט אַריינגעפאַלען אין א צווייטען עקסטרעם און האָט ביי דער ערשטער בעגעגניש געטעה'נט: „קניידלעך, קניידלעך אין נור קניידלעך". דאָס האָט ער געמיינט, אַז דער צ. ק. דאַרף בעזאָרגען די אָרגאַניזאַציעס מיט באָמבעס און אַנדערע אויפרייס-מאַטעריאַל.

מיר האָבען שוין דאַמאָלסט אָבער געהאַט אַ שטיקעל ערפאַהרונג מיט דעם צושטעלען וואָפען, בעזונדערס מיט אויפרייס-מאַטעריאַל. אויף וויפיל מען האָט נאָך געקאָנט האַלטען ביי זיך רעוואָלווערען פאָרזיכטיג און אַהן בעזונדער ריזיקע, איז דאָס אונמעגליך געווען מיט דינאַמיט און איבעריגען אויפרייס-מאַטעריאַל. אויסנוצען עס צום טאָג-טעגליכען קאַמף האָט מען נישט געקאָנט און וואו עס האַלטען איז אויך נישט געווען. ס'זענען געווען פאַלען, ווען ביי'ם איינאיבען זיך אין זיי, פלעגען זיי אויפרייסען און פערוואונדען די אַרומיגע, ס'איז אויך געשעהען, דאָס אין איינציגע שטעדט האָט מען זיי נישט געהאַט, וואָהין אַהינצוטון און מען האָט זיי מיט

גריס פֿאַרזיכט געמוזט טראָגען אונטערן שטאַדט אַריינצוואַרפען אין טייך.

אין פערזענליך בין דאַמאָלסט געוועזען דער מיינונג, דאָס אַ מאַסען־אָרגאַניזאַציע קאָן נישט נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו בעוואָפּענען איהרע מיטגלידער. אין פאַל פון אמת־רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען דאַרף מען די מאַסען רופען צו בעוואָפּענען זיך דורכ׳ן בעפאַלען די געוועהר־סקלאַדען און אַרסענאַלען. די הויפּט־אַרבייט דאַרף אָבער ווערען געווענדעט אויף צו פערטיפען דעם רעוואָלוציאָנערען פערשטאַנד ביי די מאַסען און פערברייטערען און פערפעסטיגען דעם אָרגאַניזאַציאָנעלען געבוי פון דער פאַרטיי. טשעמעריסקי האָט אין דעם איינגעזעהן אַ פערשמעלערונג פון די „פּאָליטישע" אויפגאַבען. ער איז שוין געווען גוט בעקאַנט אין שטאָדט, איז געווען שטאַרק קאָמפּראָמיטירט, ער האָט געקאָנט דורכפאַלען און אויך אונז אַלע „פערשוואַרצען" און דערום האָבען מיר בעשלאָסען, ער זאָל פון לאָדז תיכף אָבפאָהרען.

צו יענער צייט איז אויך קיין לאָדז געקומען אַרבייטען א. דעווענישסקי (שפּעטער בעקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים א. ווייטער). ער האָט שוין דאַמאָלכט געענדיגט זיין טערמין אין סיביר און האָט זיך בעזעצט אין לאָדז אַלס „קאָרעספּאָנדענט פון אויסלענדישע צייטונגען". ער האָט איבערגענומען אויף זיך די אַרבייט צווישען דער יוגענדליכער אינטעליגענץ.

צו יענער צייט איז ער שוין געווען אָנגעשטעקט מיט מאָדערניזם און ער האָט אָנגעשריבען אַ בלעטעל צו דער אינטעליגענץ אין יענעם נוסח. דאָס איז געווען זעהר אָריגינעל געשריבען פאַר אַ רעוואָלוציאָנערען אויפרוף און טאַקע דערפאַר איז עס דורכגעפאַלען אין קאָמיטעט. די רעוואָלוציאָנערע קרייזען זענען פון תמיד־אָן „קאָנסערוואַטיוו" בנוגע עסטעטישע בעגריפען און ליטעראַרישען געשמאַק.

צוליב די זעלבע טעמים זענען דורכגעפאַלען אויך זיינע פּראָיעקטען פון יודישע בלעטלעך. בכלל איז ער נישט געווען קיין מאַסען־טועה, איהם האָט שוין אינעווייניג גענאָגט אַ וואָרעם

פון ספיקות און ער האט זיך שוין געגריבעלט און געזוכט עפעס נייעס, אונבעקאנטעס, אונבעשטימטעס. דער זעלבע־זוכער און גריבלער איז ער פערבליבען ביז דעם לעצטען טאג פון זיין לעבען. ער פלעגט אויף זיך נעמען אנ׳ארבייט, פלעגט אבער גלייך צווייפלען אין זיינע פעהיגקייטען זי אויסצופיהרען און פלעגט קיינמאל נישט זיין בעפרידיגט מיט קיין אבגעטוענער זאך. א צופרידענער פלעגט ער נור קומען נאך די געשפרעכען מיט די יוגענדליכע, וואו פאר איהם פלעגט זיך ענטפלעקען די שענקייטען פון דער מענשליכער נשמה, נאך נישט געבראכען און פערוואונדעט דורך דעם הארטען לעבען...

* *
*

דער צאריזם האט נאכ׳ן 9־טען יאנואר אין גאנצען דעם קאפ פערלארען. ער האט אליין שוין נישט פערמאגט די זיכערקייט אין זיינע פרינציפען, די איבערצייגונג אין זיין אביעקטיווער גערעכטיגקייט. ער האט אנגעהויבען געהן אויף הנחות. און דאס איז דער גרעסטער קלאפ פאר א רעזשים, ווען ער אליין הויבט־אן נאכגעבען, זיך אליין ברעקלען, מאכען לעכער אין זיין בנין. און ווי אויף צו להכעיס די צארישע פאליטיקער, פלעגט יעדע זייער הנחה, יעדע רעפארם קומען צו שפעט און פלעגט שוין קיינעם נישט בעפרידיגען.

אזוי איז עס געווען מיט׳ן „פעברואר־מאניפעסט“ וועגען צונויפרופען די שטאנדען („סאסלאוויעס“) פון דער בעפעלקערונג, כדי זיך מיט זיי צו בעראטען וועגען איינזיגע מלוכה־פראגען; דעם זעלבען שיקזאל האט אויך געטראפען בוליגינס „מאניפעסט“ וועגען צונויפרופען די „גאסודארסטווענע דומע“ לויט דעם קוריאלען און פלוראלען סיסטעם, אהן שום קאנסטיטואירענדע רעכט. דאס איז געווען מצד דעם צאריזם א געוויסער קאמפראמיס, אבער צופרידענשטעלען די רעוואלוציאניזירטע בעפעלקערונג האט ער נישט געקאנט, שוין אבגערעדט פון פראלעטאריאט, וועלכער האט קלאר און דייטליך פארמולירט די פאדערונג פון א דעמאקראטישער רעפובליק.

באַלד נאָכ׳ן פערעפענטליכען בוליגינס דומע-פּראָיעקט האָט דער צ. ק. פון „בונד" צונויפגערופען קיין דווינסק אַ ברייטערע בעראַטונג פון פלענום מיט אייניגע אָנגעזעהענע בונדישע טוער. ס׳איז ביי אונז נישט געווען קיין חלוקי-דעות וועגען דעם, אַז מען דאַרף רופען צו באָיקאָטירען דעם דאָזיגען נייעם „פּאַרלאַמענט", וואָס איז איבערגעניצעוועט פון פרייסישען שניט. מיר האָבען בלויז אַרומגערערט די אופנים און טאַקטיק פון דעם אַקטיווען באָיקאָט.

מיר האָבען פאַראויסגעזעהן, אַז ס׳וועלען זיך געפינען יודישע קאַדעטישע פּאָליטיקער, וואָס וועלען זיין צופרידען פון וואונק, וואָס די גרויסע פריצים האָבען זיי געמאַכט און וועלען באַלד לויפען צו די וואַהל-אורנעס. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אפילו די מענשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע איז אַרויסגעטראָטען פאַר בעטייליגען זיך אין די וואהלען, מיט׳ן צוועק זיי אויפ׳ן רעוואָלוציאָנערען אופן פערברייטערען און שאַפען אַ רעוואָלוציאָנער-סטיכישע אָרגאַניזאַציע. דער דאָזיגער געדאַנק האָט נישט געפונען קיין שום אָבקלאַנג ביי די אַרבייטער.

איך בין שוין פערבליבען אין דווינסק, ביים ביורא פון צ. ק. ס׳האָבען זיך אָנגעהויבען הייסע, זעהר הייסע צייטען. מען האָט געדאַרפט אַרויסלאָזען אויפרופען, אַרויסלאָזען שנעלער דעם מאַסען-אָרגאַן—„דער בונד". אין דווינסק גופא זענען מיר צוגעטרעטען צו אַגיטירען פאַר׳ן באָיקאָט.

מיר האָבען אין מיטען טאָג אין אַ שבת געעפענט די גרויסע שוהל, אין וועלכער עס האָבען זיך פערזאַמעלט ביז 8 טויזענד מאַן. איך האָב רעפערירט אונזער שטאַנדפונקט וועגען באָיקאָט און אונזער רעזאָלוציע איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אויך אין אַנדערע שטעדט. מיר פלעגען שיקען רעדנער אויך אויף די בעלי-בתיש׳ע פערזאַמלונגען, אויף וועלכע מיר פלעגען אויפווייזען, אַז בוליגינ׳ס אויפטוה איז מעהר נישט אַ שווינדעל, אום אָבצוהאַלטען דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע און אָבציהען פון איהר די איבעריגע געזעלשאַפט. די רעוואָלוציע אָבער האָט שוין דערגרייכט אין יענע

חדשים איהר העכסטען גראַד, דער תהום צווישען דעם צאַריזם און דעם פראָלעטאַריאַט איז אַלץ טיפער געוואָרען און בוליגינ׳ס פראָיעקט איז צושטויבט געוואָרען דורכ׳ן גרויסען רעוואָלוציאָנע־רען שטורעם, איידער נאָך דער פלאַן האָט בעוויזען זיך פונאַנ־דערבליהען און ברענגען פרוכטען.

נאָך אַלעמען.

דער לעצטער, דעצידירענדער שטורעם רוקט זיך צו אונז זעהר האַסטיג, שנעל. דאָס איז געוואָרען קלאָר און בעשיינפּערליך פאַר אונז אַלעמען. די דווינסקער בעראַטונג האָט דערום בעשלאָסען צונויפרופען ווי אַם שנעלסטען אַ פּאַרטיי-צוזאַמענפאָהר, וועלכער זאָל אָנצייכנען די נייע טאַקטיק, וואָס איז נויטיג אָנצווענדען אין פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע און קאָנקרעטיזירען אַ נאַציאָנאַל-פּראָגראַם פאַר די ניי-געשאַפענע פּאָליטישע אומשטענדען.

די מעשה איז, וואָס דער 4-טער צוזאַמענפאָהר פון „בונד“ אין ביאַליסטאָק, האָט אַפילו יאָ טעאָרעטיש זיך געשטעלט אויפ׳ן פּרינציפּ פון קולטורעל׳ן אויטאָנאָמיזם בנוגע די יודען. ער האָט אָבער געהאַלטען, אַז ביי יענע בעדינגונגען איז דער דאָזיגער פּרינציפּ נאָך נישט אַקטועל און אַלס לאָזונג ווערט ער נישט אַרויסגעשטעלט. באַלד שוין נאָך די געשעהענישען פון 9-טען יאַנואַר האָט דער צ. ק. אין זיין אויפרוף געמוזט בעריהרען די פאָדערונג וועגען נאַציאָנאַלער גלייכבערעכטיגונג און אָבשטעלען זיך אויף נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע, אַלס לאָזונג פון יודישען פּראָלעטאַריאַט.

דערמיט האָט אָבער דער צ. ק. איבערגעשטיגען זיין קאָמפּעטענץ און געהאַנדעלט ברייטער, ווי ער האָט געמעגט לויט די פּאַרטיי-סטאַטוטען. דערצו איז נויטיג געווען אַן׳אויטאָריטעטער בעשלוס פון דער העכסטער פּאַרטיי-אינסטאַנץ—פון צוזאַמענפאָהר. אַגב האָט מען שוין איצט געדאַרפט אָנצייכענען קאָנקרעטער די פונקציעס פון דער אויטאָנאָמיע און איהר קאָמפּעטענץ. דאָס אַלץ האָט געדאַרפט בעשליסען דער 6-טער צוזאַמענפאָהר.

אײַנאָרדנען איִהם אין רוסלאַנד האָבען אלע געהאַלטען פאַר אונמעגליך. די צײַט איז אַ געפעהרליכע. אַרעסטען, מאַסען-רעוויזיעס קומען אומעטום אונאויפהערליך פאָר און מען קאָן נישט זײַן זיכער, אַז ער וועט אַריבער בשלום. דעריבער איז פערבליבען איהם צונויפרופען אין אַ גרויסע שטאָדט פון דער שווייץ — אין ציריך. נור אַזוי ווי מען קאָן איצט אויף אַ לענגערע צײַט פון איניגע וואָכען זיך אין גאנצען נישט אָברײַסען פון די אָרגאַניזאַציעס, האָט מען איבערגעלאָזען דעם אָפיציעלען פאָרשטעהער פון צ. ק. אַלעקסאַנדער׳ן (אַרקאַדי קרעמער) אין דווינסק. ער האָט נית זיך געדאַרפט רעפרעזענטירען דעם צ. ק. פאַר די אָרגאַניזאַציעס אויף דער צײַט פון צוזאַמענפאָהר.

אויפ׳ן וועג קיין ציריך, אין די דײַטשע וואַגאָנעס, האָבען מיר זיך שוין דערוואוסט, דאָס אין רוסלאַנד הויבט זיך די טעמפעראַטור אַלץ העכער. ס׳האָט אויסגעבראָכען אַ קאָנפליקט צווישען די אייזענבאַהנער און דעם קאָמוניקאַציע-מיניסטער פירשט כילקאָוו. ס׳גרייט זיך צו אַן׳אַלגעמיינעם שטרײַק. די דײַטשע פאַסאַזשירען האָבען מיט אונז גאַנץ אָפען שוין גערעדט וועגען דער רעוואָלוציע, וואָס הויבט זיך אָן אין רוסלאַנד. אין ציריך האָבען מיר בעקומען נײַע ידיעות. די פאָליטישע אויפרעגונג האָט זעהר הויך געשטיגען. זי פערכאַפט אַלץ מעהר נײַע שטעדט און פראָפעסיעס. פון וואַרשא האָבען אונז די דעלעגאַטען צום צוזאַמענפאָהר (ליטוואַק, עזרא און אַנדערע) טעלעגראַפירט, דאָס זיי קאָנען נישט אַרויספאָהרען צוליב די ערנסטקייט פון מאָמענט.

דער צוזאַמענפאָהר האָט זיך אָנגעהויבען דעם 13-טען אָקטאָבער (אַלטען סטיל). מיר האָבען בעשלאָסען איהם אָבקלאַפּען בחפזון און וואָס שנעלער אָבפאָהרען צוריק אַהיים. מען האָט שוין אָבער רוהיג אַרבײַטען נישט געקאָנט. די אויסלענדישע צײַטונגען פלעגען ברענגען וועגען רוסלאַנד איין ידיעה-פאַנטאַסטישער פון דער צווייטער און פלעגען אונז דערמיט נור דענערווירען. פריהער פלעגען מיר זיך נאָך קאָנען אָריענטירען אין דער אויסלענדישער פרעסע, אויסטייל׳ען דעם אמת פון גאַנצע בויגענס בלאָף און סענסאַציע. איצט אָבער זענען די ידיעות

אזוי משונה׳דיג, אזעלכע אויסערגעוועגליכע, אז מיר זענען אין גאנצען דעזאריענטירט.

א גרופע חברים שלאגט־פאר איבערצורייסען דעם צוזאמענפאהר און תיכף אבפאהרען א היים. דאס קאן אבער נישט דורכגעפיהרט ווערען, ווייל די אייזענבאהנען האבען זיך אבגעשטעלט און ס׳איז אונמעגליך אריבערצופאהרען די גרענעץ. זאסלאווסקי, קאסאווסקי און אנדערע מוסר׳ן די דעלעגאטען, זיי זאלען זיך בעהערשען און רוהיג ארבייטען. „ס׳פאסט נישט פאר א בונדישען צוזאמענפאהר זיך אויפפיהרען ווי חדר־יונגלעך”. אבער דער מוסר העלפט נישט. די קאמיסיעס ארבייטען שלעפעריג. די דעבאטען ציהען זיך פויל. ס׳בעטייליגען זיך אין זיי וועניג מענשען. אלעמענס אויפמערקזאמקייט און געפיהלען זענען איינגעשלונגען בלויז מיט דעם, וואס ס׳קומט איצט פאר אין רוסלאנד.

ס׳איז שוין אנגענומען די רעזאלוציע וועגען דער קולטורעלער אויטאנאמיע. אבראמאוויטש רעפערירט די טאקטיק־פראגע. פלוצלונג קומט־אריין גאזשאנסקי (לנו) מיט א צייטונג אין האנד—דער אפיציעלער טעקסט פון מאניפעסט פון 17־טען אקטאבער. ס׳ווערט דארט פערזיכערט אלע פרייהייטען, ס׳ווערט פערשפראכען צונויפרופען די דומע אויף אלגעמיינע יסודות—א גרויסער נצחון! אין דערזעלבער צייט פיהלען מיר אבער אלע, אז דער דאזיגער גרויסער, פרינציפיעלער קאמפראמיס מצד דעם צאריזם, וועט אויף לאנג פערהאלטען דעם ווייטערדיגען גאנג פון דער רעוואלוציע. די בורזשואזע קלאסען וועלען זיך אנכאפען פאר דער קאנסטיטוציע ווי אנ׳ אבן־טוב, די רעוואלוציאנערע כחות וועלען ווערען קנאפער, דער רעוואלוציאנערער פראלעטאריאט וועט ווערען איזאלירט אפילו אין זיין קאמף פאר א דעמאקראטישע רעפובליק. מיר האבען אלע מסכים געווען מיט׳ן רעפערענט, אז די רעוואלוציע מוז דערפיהרט ווערען ביז איהר לעצטען פונקט און ס׳איז דעריבער נישטא לעת עתה קיין שום גרונד צו ענדערן אונזער רעוואלוציאנערע טאקטיק.

אונזער פריהערדיגע אונגעדולד איז אריבער אין א פערדריסליכען, געקרענקטען ביטערן געפיהל. מיר זענען געווען אין דער לאגע פון א מענשען, וועלכער האט יאהרענלאנג ליידענשאפטליך געווארט, געטרוימט צו טרעפען זיך מיט זיין געליבטער; ער איז פערצעהרט געווארען פון א טיפער בענקשאפט נאך איהר; און אז זי איז ענדליך געקומען צו איהם איז ער אין שטוב נישט געווען, ער האט די בעגעהרטע רגע פערפוישט... מיר האבען פערבייגעלאזען דעם זיסען מאמענט פון ערשטען געָנוס, דעם גרויסען גליק פון אונמיטעלבארע נצחון-געפיהלען.

ס'האט אבער דאך אלץ שטארק געצויגען א היים. אפשר וועלען מיר נאך פערנעמען די לעצטע אבקלאנגען פון גרויסען שטורעם, אפשר וועלען מיר נאך איינאטעמען אין זיך די נייע לופט פון דער גרויסער רעוואלוציע. אין פעטערבורג איז געבילדעט געווארען אנ'ארבייטער-ראט אונטערן פארזיץ פון ברוסטאליאוו-נאסאר. די טורמעס האבען זיך געעפענט, אלע פאליטישע, אהן אויסנאהם זענען אמנעסטירט. די אויסלענדישע עמיגראציע הויבט זיך-אן צו ליקווידירען, מען גרייט זיך אין וועג אריין. בעזארגט מיט כשר'ע אויסלענדישע פאספארטען אויף פרעמדע נעמען, האבען מיר זיך געלאזען אין גרויס איילעניש צו דער גרענעץ.

שוין אין ווין האבען אונז געטראפען די שרעקליכע ידיעות וועגען די פאגראמען, וואס האבען אויסגעבראכען אין דרום-רוסלאנד.—אין אדעס, קיעוו און אנדערע שטעדט פון תחום. ס'איז קלאר געווען, אז א טייוולאנישע האנד פון אויבען פיהרט-אן מיט דעם דאזיגען שחיטה-אפאראט און בעשטימט דעם ארט און צייט פאר די מאסען-מארדען. ווי ס'האט זיך טאקע שפעטער ארויסגעוויזען, איז דאס געווען דער בעאמטער פון פאליציי-דעפארטאמענט קאמיסאראוו, וועלכער האט אין פאליציי-דעפארטאמענט גופא געדרוקט פאגראם-פראקלאמאציעס און זיי פונאנדערגעשיקט זיינע אבטיילונגען. דאס אינערן-מיניסטעריום איז געווען ענג פערבונדען מיט דער פאגראם-אר-

גאַניזאַציע „פעראיין פון רוסישען פאָלק״ און האָט איהר גע־געבען דירעקטיוועןן און הילף. דאָס איז געווען אַ גרויזאַמער נקמה־אַקט מצד דער קאָנטר־רעוואָלוציע פאַר די שוואַכקייטען און נאָכגיביגקייט, וואָס זי האט געמוזט אַרויסווייזען אין די ערשטע טעג פון דעם רעוואָלוציאנערען נצחון.

די עסטרייכישע צייטונגען דערצעהלען אונגלויבליכע מעשיות. כוליגאַנישע באַנדעס אויף דרום־רוסלאַנד קוילענען־אויס הונדערטער יודען, רויבען, שלאָגען און פאָליציי שטערט זיי נישט. איצט האט מען אויף א צייט אָבגעשטעלט די צו־גען פון עסטרייך קיין רוסלאַנד. מיר זיצען אונגעדולדיג אין ווין און וואַרטען אויף אַן׳ערלויבניש ווייטער צו פאהרען. מיר געהען וויזירען אונזערע פעסער. אין קאָנסולאַט קוקט מען אויף אונז ווי אויף אונגאָרמאָלע מענשען. „וואוהין פאהרט איהר איצט אין אזא פייער?״ כרובירט מען אונז אבהאלטען. מיר ערקלערען אונזער רייזע מיט דרינגענדע פאמיליען־אנגעלעגענ־הייטען און דערשלאגען זיך וויזעס.

איך געדענק אַזאַ ריהרענדען פאקט. מיר פאהרען אויפ׳ן וועג קיין וואָלאטשיסק. מיט אונז אין וואַגאן זיצט אַ בעיאהר־טע רייכע פרוי מיט אנ׳אינטעליגענט אויסזעהן און אַ לאַנגען גאלדענעם צלם אויפ׳ן האלז. קיינער פון אונז האט נישט גע־צווייפעלט, אז דאס איז א פרומע קאטוילישע פריצטע. אין וועג אבער, האט זיך די פרוי מיט אונז צורעדט. פארזיכטיג, מיט א נידריגער שטים, דערצעהלט זי אונז, אַז זי איז א יודישע פרוי, זי פאהרט איצט צו איהר פאַמיליע אין יעקאטערינאס־לאוו. מען האט זי אַרויסגערופען טעלעגראפיש צוליב׳ן שווע־רען געזונד־צושטאנד פון איהר מאַן. נור אַזוי ווי זי דאט מורא געהאט צו פאהרען אין אזעלכע צייטען, האט איהר דער וויענער רב מתיר געווען אנצוטון א צלם, בכדי מען זאל זי אויפ׳ן וועג נישט דערקאנען...

אין וואָלאטשיסק האבען מיר געמוזט וואַרטען אַ פאר טעג, ביז די צוגען וועלען ווייטער אנהויבען געהן קיין רוס־לאנד. מיר זענען געזעסען אין ברענעדיגער אונגעדולד אויף

דער סטאציע און געוואַרט. ס׳קומט־צו דער ערשטער צוג פון גרענעץ, ס׳לאזט זיך אריין אין וואקזאל א שטראם פריש־אנגעקומענע פאסאזשירען. יודען, פרויען, קינדער און רוסישע אינטעליגענטען, ס׳איז שווער מיט זיי צו רעדען, זיי זענען נאך איצט אלע אזוי מבולבל, צומישט און שרעקליך צושרויפט. אין רוסלאנד קומט איצט פאר עפיס אונגלויבליכעס. מען שחט מענשען אין די גאַסען (אדעס, יעקאטערינאסלאוו) אין זשמערינקא נאך איז מען בעפאלען זייער צוג, מען האט געשלאָגען די פאַסאַזשירען און אויפ׳ן שטעל דערהרג׳עט אַ יודישען בחור אין אַ רויט העמדעל.

אַנ׳אינטעליגענטע פרוי פון אָדעס דערצעהלט אונז כראָביקאַליש וועגען די לעצטע געשעהענישען. די ציפערען (900 געהרג׳עטע, ביז 5,000 פערוואונדעטע) שוידערען ממש אויף. פון די פרטים שטעלען זיך אַזש די האָר קאַפויר. אָבער דעם שטאַרקסטען איינדרוק האָבען אויף מיר געמאַכט אַ פּאָר גרויסע צאַפּעלדיגע, מיט שרעק און פיין אָנגעווייקטע אויגען, מיט וועלכע ס׳האט אויף אונז געקוקט אַ יונג מיידעל, וואס האט זיך געראַטעוועט פון די כוליגאנעס און איז געלאָפען צוזאַמען מיט דער דערצעהלערין. לאַנג נאָך האָבען מיך פערפאָלגט יענע אויגען מיט דער פערגליווערטער אימה און עד היום קאן איך זיי נישט פערגעסען...

* *
*

אין די שטעדט (בערדיטשעוו, ווילנע, דווינסק) אין וועלכע איך האָב זיך אָבגעשטעלט, האָב איך נאָך געטראָפען שטאַרקע שפורען פון דער נאר וואָס איבערגעלעבטער רעוואָלוציע. אומעטום פרייע קלובען, גרויסע פערזאַמלונגען. מאַסען־מיטינגען. אָבער פון אַלעמענס אויגען קוקט־ארויס אַ בולט׳ער טרויער איבער דער געשענדעטער פרייהייט, אויף אַלעמענס פנימ׳ער ליגט אַנ׳אונזיכערקייט און ספקות בנוגע דער נאָהנטער צוקונפט. ס׳איז קלאָר, אַז די בורזשואַזע־קלאַסען קלאַמערען זיך אָן דער קאָנסטיטוציע און זיי וועלען שוין נישט וועלען

הערען פון קיין שום רעוואָלוציאָנערען אַרויסטריט. די אַלטע מאַכט ווערט אַלץ מעהר חוצפּה'דיגער און קעהרט זיך ביסלעכווייז אום צו די אַלטע פערוואַלטונגס-מעטאָדען. אין פּעטערבורג האָט מען אַפילו אַרעסטירט דעם פאָרזיצענדען פון אַרבייטער-ראַט כרוסטאַליאָוו'ן מיט'ן גאַנצען עקזעקוטיוו-קאָמיטעט. ס'זענען נויטיג נייע רעוואָלוציאָנערע מעשים. אָבער צי וועלען די מאַסען נאָך אַזאַ גרויסער אָנשטרענגונג און ענערגיע-פערשווענדונג אויף דעם געהן?

דערווייל האָט זיך בעקומען די ידיעה וועגען דעם אויפשטאַנד אין פלאָט. דער לייטענאַנט שמידט האָט זיך אָבגעזאָגט צו פאָלגען דער „געזעצליכער מאַכט" און זיין שיף האָט זיך איבערגעגעבען דער רעוואָלוציע. מיר האָבען אין דווינסק צונויפגערופען אַ גרויסען מאַסען-מיטינג אין צירק אָנצונעמען אַ מיטגעפיהל-רעזאָלוציע פאַר די אויפשטענדיגע מאַטראָסען. מיר האָבען פאָרויס ניט גענומען אויף דעם קיין ערלויבניש ביי דער פּאָליציי. ס'איז געקומען דער פּאָליצמייסטער מיט זיינע יוצר-משרתים און האָט פּרובירט פערווערען דעם מיטינג. מיר האָבען זיך אָבגעזאָגט צו אויספיהרען די פעראָ־דנונג און גערופען דעם עולם צו פערבלייבען. נאָך אַ קורצען ישוב-הדעת איז די פּאָליציי אָבגערופען געוואָרען און דער מיטינג איז ווייטער פאָרגעקומען אָהן מניעות.

בעזונדערס גרויס איז געווען אין יענע טעג דער איינפלוס פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין באַלטישען קאַנט בכלל און אין ריגא בפרט. די „פעדעראַטיווע קאָמיטעטען", וואָס האָבען זיך געבילדעט פון דער לעטישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און „בונד" האָבען בעהערשט דעם גאַנצען קאַנט. די אַלטע מאַכט האָט פערלאָרען יעדע ממש״ת. אין ריגע גופא איז געוואָרען זעהר פּאָפּולער צווישען די לעטישע מאַסען דער בונדישער פאָרשטעהער ק ל ע וו אַ נ ס ק י (מאַקסים). ער איז ממש געוואָרען אַ לעגענדאַרע פּערזאָן, וועגען וועלכער מען האָט דערצעהלט משונה'דיגע מעשיות. דאָרטען האָט זיך טאַקע די רעוואָלוציע געהאַלטען לענגער, ווי ערגעץ אַנדערשוואו.

דער צ. ק. האָט בעשלאָסען אויסצונוצען די אונבעשטימטע לאַגע און האָט געגעבען אַ דירעקטיווע צו בילדען לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, ספּעציעלע קלובען און אפילו צוטרעטען אַרויסצוגעבען אַ לעגאַלע טעגליכע צייטונג „דער וועקער“ אַלס אָרגאַן פון „בונד“. דער קאָנספּעקט פון דער נייער צייטונג מיט די אַלע אמת'ע נעמען פון די מיטאַרבייטער איז באַלד אָבגעדרוקט און פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרען די אָרגאַניזאַציעס.

דערווייל בין איך אָבגעפאָהרען אין מיין געבורט־שטאָדט, בריסק, בכדי זיך צו לעגאַליזירען און בעקומען מיינע פּאַפּירען. גראָד צו יענער צייט איז דאָרט פאָרגעקומען אַ מיטינג, צונויפגערופען פון די דאָרטיגע ראַדיקאַלע עלעמענטען, וואו ס'איז אַרומגערעדט געוואָרען די פּראָגראַמען פון פערשידענע פּאַרטייען. די חברים האָבען בעשלאָסען, אַז איך זאָל אַרויסטרעטען אויף דער דאָזיגער פערזאַמלונג (אויף רוסיש). הגם איך בין אַרויסגעטרעטען אונטער אַ פּסעוודאָנים, האָבען מיך פיעל דערקאָנט פון די פריהערדיגע יאָהרען. איינינע האָבען דעם סוד פערטרויט די צווייטע. ער איז אַזוי אַריבער פון מויל צו מויל ביז ער איז אויך דערגאַנגען צו די זשאַנדאַרמען.

ס'איז גראָד געווען אין די דעצעמבער־טעג. אין מאָסקווא האָבען די אַרבייטער אָרגאַניזירט אַן אויפשטאַנד, האָבען אויפגעשטעלט באַריקאַדען. אַלע רעוואלוציאנערע פּאַרטייען צוזאַמען מיט'ן פּעטערבורגער אַרבייטער־ראַט (ער איז שוין געווען דאַמאָלסט רעסטאַווריט; זיין פאָרזיצער איז געווען לעאָ־בראָנשטיין־טראָצקי) האָבען גערופען צו אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישען שטרייק. ס'האָבען זיך אָבגערופען נור די אַרבייטער. די איבעריגע בעפעלקערונג האָט זיך צו דעם בעצויגען אַפּאַטיש, ערטערווייז מיט אַן אָפענער שנאה. מען האָט געזעהן בעשיינפערליך, אַז די רעוואָלוציע געהט באַרג־אַראָב און איהרע כחות ווערען אַלץ קלענער.

די רעאַקציע האָט ווידער בעקומען איהר תקיפות. פון